This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

312-525

סאָוועטיש

4 1990

היימלאַנד

РУССКИЕ
НЕ ХОТЯТ
НИКАКИХ
ПОГРОМОВ

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אַפּרעל

4

1990

אינהאַלט

אַפּן גערעדט. ראַדיק סאַנדיק. איך גלייב אינעם ניצאָכן פון פאַרנונפט 3
אין דער קאָמיסיע פון דער פּאָליטביוראָ פונעם צק קפּסס 8
וועגן דעם אָזויגערופענעם „איניעץ פונעם יידישן אַנ־טיפאַשיסטישן קאָמיטעט” 9
שמועל גאָרדאָן. ייִזקער (סאָף פונעם ערשטן טייל) 15
כאַיִם ביידער. דער פינפמיליאַרדיקער (פּאָעמע) 49
כאַיִם מעלאַמוד. פאַרגעסענע זײַטלעך (ראָמאַן. פּאַרזעצונג) 59
יאָסיף גרעדינגער. זיכרוינעס פון אַן אויס־שפּירער 83
מאַקס ריִאַנט. לידער 103
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. יאַנקעוו שטערנבערג (1890—1973). שמועל פּערסאָוו (1890—1952). עליִעזער שטיינבאַרג (1880—1932). הערש רעמעניק. וועגן יאַנקעוו שטערנבערגס ליריק 105
שמועל פּערסאָוו. דערציילונגען 113
עליִעזער שטיינבאַרג. מעשאָלים 120
ווערק פון אויסלענדישע שרײַבער. אַוראָם ביק (פּשאַ). יידישע טראַדיציע אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור 125
עסטער רימער (אַרגענטינע). מיניִאַטיורן . . . 127
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. אַ. באַטיגין. 250 שאָ מיט לענינען 128
מאַטעריאַלן פונעם זשיטאָמירער אַרכיוו. יעוועגעניִא שעכטמאַן. בריוו צו לענינען 129
זיכרוינעס פון אַ מאַשיניסטקע. מאַניע לאַנדמאַן. וועגן נאָענטע פרײַנט 131
מערקווירדיקע ביִאָגראַפיעס. בער האַלפּערן. מיט דער מאַמעס מילך... 136
אונדזערע מיטיילונגען. איכוויט אַווערבוך. אומבאַוווּסטע בלעטלעך פון איסאַק באַבעלס לעבן 138
אַ נײַע ווערסיע פון „טעוויע דעם מילכיקן” אויף דער רוסישער בינע 141
אָפּשטעלן אין סאַמע אָנהייב! 147
צוויי בריוו אין זשורנאַל „אָגאָניאָק” 148
יידישע געשיכטע. שימען דובנאָוו. די רוימישע מעמשאָלע און דער אונטערגאַנג פון דער יידישער מעלוכע (פּאַרזעצונג) 153
כ.־נ. ביאַליק, י.־כ. ראַווניצקי. יידישע אַגאָדעס 164
רעזומע (רוסיש, ענגליש) 1

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי, ב. מאָגילנער,
כ. מעלאַמוד, ב. סאַנדלער,
ה. פּאָליאַנקער, ג. עסטרײַך (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר),
י. שוסטער, י. שרײַבמאַן

אָפן גערעדט

ראַדיק סאַנדיק,

צווייטער סעקרעטאַר פֿון געגנטקאָם
קפּסס פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

איך גלייב אינעם ניצאָכן פֿון פֿאַרנונפֿט

עס רופֿט אַרויס אומרו, וואָס די עקסטרעמע אַנטיסעמיטן פֿריידיקן ביז גאָר פֿרעך, אויסנצנדיק אייניקע מיטלען פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע, זייערע שווארצמייעדיקע אָנשרייונגען. אַפֿילו אין די שוואַרצע סטאַלינישע יאָרן פֿלעג דער מעלוכישער אַנטיסעמיטיזם שעמעוודיק צוגעדעקט ווערן מיט דער שירעם פֿון קאַמף קעגן „קאָסמאָפּאָליטיזם". און אין אונדזער צײַט פֿון דער איבערבויונג, ווען עס איז שוין פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן די פּלאַטפֿאָרם פֿון דער פּאַרטיי אין די נאַציאָנאַלע פֿראַגן, גיסט זיך אַבסאָליוט אומבאַשטראָפֿט דער נאַקעטער, אומשעמעוודיקער אַנטיסעמיטיזם מיט אַן אַלץ מער זיך פֿאַרברייטערנדיקן שטראָם פֿון די שפּאַלטן פֿון די זשורנאַלן „נאַש סאָוורעמעניק", „מאָלאָדאיאַ גוואַרדיִאַ", „מאָסקוואַ", „קובאַן", פֿון דער וואָכנצײַטונג „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ" און אַנדערע. די מאַסן־טיראַזשן פֿון די דאָזיקע אויסגאַבעס גיבן פֿאַר מיליאָנען לייענער אַ מעגלעכקײַט זיך צורירן צו די טיף אומזיטלעכע אידייען וועגן די קלוימערשטע „סאָנים פֿונעם רוסישן פֿאָלק", וועלכע עס פֿריידיקן אַזעלכע זייערע אווטאָרן ווי ס. קוניאַיעוו, אי. שאַפֿאַרעוויטש, אַ. איוואַנאָוו, מ. לאָבאַנאָוו, ג. מאַטוועיעץ און אַנדערע.

אין אײנדערעמעסן, קעדיי קומען צו אַזאַ אויספֿיר, אַז דאָס „קליינע פֿאָלק" (די ייִדן) רײַסן קלוימערשט אונטער די לעבנס־זײַלן פֿונעם „גרויסן פֿאָלק" (רוסישן) („נאַש סאָוורעמעניק" נומ. 6, 1989, אַרטיקל „רוסאָפֿאָביע") איז שאַפֿאַרעוויטשן ווייניק זײַן אַ מאַטעמאַטיקער, אַ מיטגלידקאָרעספּאָנדענט פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פֿססר, ער גלייבט נאָך שטאַרק אין דעם, אַז זײַן „וויסנשאַפֿטלעכער" אומזין וועט פֿאַרבלײַבן אומבאַשטראָפֿט, מאַסקירנדיק זיך מיט פּליוראַליזם פֿון מיינונגען. איבער אַנווענדן זײַן טעאָריע צו זיך, דאַרף איך, אַ פֿאָרשטייער פֿון דעם דאָזיקן „קליינעם פֿאָלק", שוין 22 יאָר שטרעבן נאָך דערצו, קעדיי אומברענגען מײַן פֿרוי — אַ רוסישע לויט דער נאַציאָנאַליטעט[*] ניין, מע דאַרף ביכלאַל נישט זײַן ניט קיין געלערנטער און נאָך מער אַ לײַטישער מענטש, קעדיי ווידער פּראָקלאַמירן אין טאָג געעמען דעם טרויעריק־באַוווּסטן לאָזונג „שלאָג די זשידן — ראַטעווע רוסלאַנד!"

עס וווּנדערט, וואָס דער צענטראַלער אָרגאַן פֿון אונדזער פּאַרטיי — די צײַטונג „פּראַוודאַ" אין אַ ברעקעלע פֿאַרלוירנקײַט פֿאַרעפֿנטלעכט אַרויסטרעטונגען פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון „מאָלאָדאיאַ גוואַרדיִאַ" און „נאַש סאָוורעמעניק" אַ. איוואַנאָוו און ס. קוניאַיעוו, וועלכע פּרוּוון זיך באַהויפּטן, אַז קלוימערשט די פּובליקאַציעס פֿון די אָנגערופֿענע אויפֿלאַגעס פּראָפּאַגאַנדירן קלאָר ניט קיין אַנטיסעמיטיזם, און איבער אין יעדן נומער פֿון די זשורנאַלן ווערן יאָ דערמאָנט די אָדער אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער נאַציע, איז דאָס בלויז פֿון דער נויטווענדיקײַט אָביעקטיוו אָפּשפּיגלען די געשיכטע. און די „אָביעקטיוויקײַט" איז אַזאַ, ווי עס איבערצײַגן די אווטאָרן פֿון די דאָזיקע

---

[*] געקירצט.

זשורנאלן, אז גראד די יידן זיינען די אורשפרינגלעכע סיבעס פון אונדזערע פילצאליקע קארבאנעס און ליידן, אנהייבנדיק פון דער אקטיאבער־רעוואליוציע און ענדיקנדיק מיטן פעריאד פונעם פערזאנען־קולט אין אונדזערע טעג.

מע קאן אכטן דעם מענטשן פאר זיינע איבערצייגונגען, אויב זיי פאלן אפילע ניט צונויף מיט די אלגעמיין־אנגענומענע. נאר וויאזוי דארף מען זיך באציען צו יענע געלערנטע און שרייבער, וועלכע פריידיקן אידייען, אנטיהומאנישע, ווייטע פון מענטשלעכע באגריפן, און אין דער זעלבער צייט שעמען זיי זיך פאר זיי אנערקענען, אז זיי זיינען פעלערהאפטיקע. ניט ס. קוניאיעוו, א. איוואנאוו, ע. סאפאנאוו, נאך מער דער סעקרעטאריאט פונעם שרייבער־פארבאנד פון רוסלאנד, וועלכער האט אפגעשיקט א טעלעגראם פון פראטעסט אף מ. ס. גארבאטשאווס נאמען מיקויעך דער באשולדיקונג פון די איבערגערעכנטע זשורנאלן אין יודאפאביע, ווילן דאך ניט, מע זאל זיי האלטן פאר אנטיסעמיטן! איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אז מע דארף פארמאגן א באזונדערן טאלאנט, קעדיי איינזען אן אנטפלעקונג פון רוסאפאביע אין דער ארויסטרעטונג אפן סענטיאבער־פלענום פון צק קפסס פון ל. ב. קארסונסקי — דעם ערשטן סעקרעטאר פון געגנטקאם פון דער פארטיי, וועלכער האט געוואגט אפן פארורטיילן דעם אנטיסעמיטיזם.

נאך גרעסערע פעיקייטן האט ארויסגעוויזן דער רעדאקטאר פון „ליטעראטורנאיא ראסיא" ע. סאפאנאוו, וועלכער האט פארעפנטלעכט אזא „שטיקעלע" פון ב. ל. קארסונסקיס טעלעגראם, וואס האט דורכגעהילכט אלס העפלעכע אנטשולדיקונג און ניט אלס אופגעבראכטער פראטעסט קעגן פארקריפלונג פון די פאקטן, פון אומפארשעמטן איבערטאשען זיי און פון צושרייבן אים פרעמדע געדאנקען. וואס זשע קאן מען דערווארטן פון מענטשן, וועלכע זיינען פעיק ארויסגעבן ווייס פאר שווארצס?

גערעכט איז געווען ל. נ. טאלסטאי, וועלכער האט געהאלטן, אז אנטיסעמיטיזם איז א קראנקהייט פון דער נעשאמע. און א שאד, די אנגערופענע אווטארן, זייערע פארטיידיקער און אידייעך סאוויירים זיינען אנגעשטעקט מיט דער קראנקהייט פון בולגאקאווס העלד שאריקאוו, וועלכער האט, ווי באוווסט, געליטן פון שיזאפרעניע.

און ווי דארף מען פארשטיין די פארעפנטלעכטע אינעם נומ. 11 פונעם זשורנאל „מאלאדאיא גווארדיא" טעלעגראם אפן אדרעס פון דער פאליטביורא פון צק קפסס און דעם אפענעם בריוו ב. ל. קארסונסקין אין נאמען פון דער רעדקאלעגיע אין פארטיי־ביורא פונעם דאזיקן זשורנאל? אפטרייסלענדיק זיך מיט אומנאטירלעכער אופגעבראכטקייט פון די באשולדיקונגען אין אנטיסעמיטיזם, האבן זיי זיך ניט געשעמט ווידער אפן דורכדעמאנסטרירן זייער טיפע פיינטלעכקייט צו די יידן. בא וועלכער פארדארבענער לאגיק דארף מען זיך האלטן, קעדיי ארויסשטעלן די יידן א באשולדיקונג אין הויכן ניווא פון געבילדעטקייט? און דאס איז דאך ניט אדאנק די גינסטיקע באדינגונגען, נאר טראץ די קאלערליי שטערונגען און באגרענעצונגען.

אדער נעמען די פראגע וועגן די ארגאניזאטארן פון די רעפרעסיעס. באגרענעצנדיק זייער געדאנקענגאנג נאר מיט קאגאנאוויטשן און מעכליסן (ווי שולד איך פארמינער ניט אין קיין שום מאס), דערמאנען ניט דעמאנסטראטיוו די אווטארן פון דעם בריוו ניט מאלאטאוון און וואראשילאוון, ניט זשדאנאוון און אנדרייעוון, ניט די אנדערע, ניט (אפילע) סטאלינען און יעזשאוון.

ניין, דער רייעך פונעם 37־טן שמעקט ניט פון ב. ל. קארסונסקיס ארויסטרעטונג, ווי זיי שרייבן אפן אדרעס פון דער פאליטביורא. עס ווייעט פון די שפאלטן פונעם זשורנאל דער שווערער גייסט פון דעם „איניען פון די דאקטוירים" און פונעם קאמף מיטן קאסמאפאליטיזם. בעעמעס, א מאדנע און שענדלעכע העמשעכדיקייט!

ווי עס זאל ניט זיין ביטער צו אנערקענען, ווערט אזא קראנקהייט אן אנשטעקנדיקע, און די מאגיע פון „טיפער שעדלעכקייט פונעם יידישן פאלק" כאפט ארום אן אלץ גרעסערע צאל מענטשן. איז צי דען קען קיינער נישט מיט גארניט אפשטעלן דעם קרענקלעכן אומזין פון די אווטארן פון די דערמאנטע זשורנאלן, דעם עקסטרעמיסטישן ברען פון די באיעזיקעס פון דער געזעלשאפט „פאמיאט", וואס נעמט אן קויעך?

צי דען ווייזן ניט ארויס די פילמאליקע ווענדונגען פון די בעסטע פארשטייער פון אונדזער געזעלשאפט — פון דער וויסנשאפט, קולטור, קונסט, פון די פאלקס־דעפוטאטן פון פססר, וועלכע רופן צו פארנונפט, מענטשלעכקייט, הומאנישקייט, צו די טראדיציעס פון פריינטשאפט צווישן די פעלקער, קיין שום אופווירקונג אף די דאזיקע מענטשן, וועלכע פאכען מיטן שרעקבילד פון דער „געפאר פון די זשידאמאסאנען"? עפשער איז שוין גענוג צו זוכן „סאנים פונעם פאלק" און „פעלקער־סאנים"? וויפל דארף מען נאך פארגיסן טרערן און בלוט, קעדיי לעסאף מאכן ביטערע אויספירן פון דער טראגישער געשיכטע פון אונדזער מעלוכע?

איך בעט אנטשולדיקונג בא די לייענער, אויב איך האב אין מיין געדאנקענגאנג דערלאזט

א שאַרפֿן טאָן און א ביסל גראַדלינִיקע פאַרגלײַכונגען. אָבער צי קען מען רויִק רעאַגירן אפֿן אָפּענעם לעסטערן און באַליידיקן א גאַנצע נאַציע אין אן אָפּיציִעלן זשורנאַל־אָרגאַן פֿונעם שרײַבער־פאַרבאַנד אָדער פון צק אללקיופֿ?

איך קלער ניט, אז עס פֿאָדערן זיך אַזעלכע ניט־אַזוי טיפֿע וויסנשאַפֿטלעכע באַגרינדונגען אָדער באַזונדערע אַרגומענטן, קעדיי דערווײַזן, וואָס פאַר א זין עס האָבן, אַזעלכע ציִלן עס פֿאַרפֿאָלגן די אויטאָרן פון די אַרטיקלען, פון וועלכע איך מוז דאָ ברענגען אויסצוגן. ב. קוזמין, צום בײַשפּיל, באַשרײַבנדיק, וויאַזוי מע האָט געבראַכט צו פֿירן עוואַקויִרטע צו זיי אין דאָרף, באַהויפּטעט: „...אָט וואָס עס האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן: ערשטנס, איז בא אונדז, צווישן די עוואַקויִרטע, ניט געווען קיין איין רוסישער מענטש, און, צווייטנס, קיין יונגע מאַנצבלען־ייִדן האָט מען עפּעס ניט גענומען אין דער אַרמיי, ניט געשיקט אפֿן פראָנט. קאַליקעס, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די שפּיטאָלן, האָבן ניט אויסבאַהאַלטן זייער אומגעבראַכטקײַט“ („מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיִאַ“, נומ. 6, 1989 י.).

וואָס פאַר א געפֿילן און געדאַנקען קאָנען אַרויסרופֿן אַזעלכע אַרויסזאָגונגען, דערצו נאָך די האַנדלונגען פון דער קריגערישער „פּאַמיאַט“, וואָס קלײַבט שוין צונויף אַדרעסן פון ייִדן, אָדער דער אינהאַלט פון פֿלוגבלעטלעך און אונטערשריפֿטן אף די טירן: „זשידן, פאַרנעמט זיך פון רוסלאַנד“? אָט פאַרוואָס דער חוזק פון די עמיגראַציע־שטימונגען צווישן די ייִדן קאָן מען אין זייער מערהײַט באַטראַכטן אַלס רעזולטאַט פון גראַבן, צום גליק דערווײַל נאָך פון מאָראַלישן, אַרויסשטויסן זיי פון זייער לאַנד, פון זייער היימלאַנד.

יאָ, צווישן די ייִדן, אַגעוו, ווי איך בא אַרמענער, דײַטשן, רוסן, פאָרשטייער פון אַנדערע נאַציִאָנאַליטעטן, וואָס האָבן אָנגעגעבן מעלדונגען אין „אָוויר“, זײַנען פאַראַן אויך אַנדערע סיבעס צוליב אַרויספֿאָרן (ווידערפאַרייניקונג מיט קרויווים, ניט־באַפֿרידיקונג מיט די באַדינגונגען צוליב רעאַליזירן זייערע שעפֿערישע מעגלעכקײַטן, ביכלאַל דאָס זוכן א בעסער לעבן).

נאָר דאָס אָנעמען אַזעלכע דראַמאַטישע באַשלוסן ווערט דיקטירט אין דער מערהײַט דורך דער אַלגעמיינער אָנגעשטרענגטער אַטמאָספֿער, אויפֿקומאַכן מיט דער האַנט, ניט באַמערקן די דאָזיקע טענדענצן, ניט אָנעמען קיין עקסטרע מיטלען צו ליקווידירן די קאַלאָסאַלע אָנשטרענגונג פון די נאַציִאָנאַלע געפֿילן, הייסט האַלטן די דאָזיקע, פאַרקריפּלטע פאַר אונדזער הומאַנישער מעלוכע, דערשײַנונגען פאַר פולשטענדיק דערלאָזבאַרע...

עס איז שווער אײַנהאַלטן די עמאָציעס, דערשטיקן אין זיך די אומגעבראַכטקײַט, ווען דו הייבסט אָן פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אַרום דיר. עס איז שווער, זייער שווער זײַן גלײַכגילטיק איך צו יענע בריוו־ביטעס, בריוו־ווענדונגען, וועלכע קומען אָן בוכשטעבלעך יעדן טאָג אין אונדזער געגנטקאָם. מענטשן בעטן באַשירעמען זיי פון אָרטיקע צעבושעוועטע נאַציִאָנאַליסטן, דריקן אויס ווייטיק און האָפֿענונג, אַז דער געגנטקאָם קאָפּ ווערט אַרויסווײַזן איניציִאַטיוו אינעם פאַרטיידיקן די ייִדן פֿונעם גאַנצן לאַנד, בעטן, מע זאָל אַרויסווײַזן די נייטיקע הילף און שטיצע יענע מענטשן, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן א פאַרלאַנג איבערפֿאָרן וווינען אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אף דער דאָזיקער פּראָבלעם ווילט זיך אָפּשטעלן גענויער. די יידישע אויטאָנאָמע געגנט, וועגן וועלכער מיר זײַנען געוווינט צו ריידן אַלס די ערשטע אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד מעלוכישע אויסבילדונג פון ייִדן, איז געשאַפֿן אין 1934. פאַר די דאָזיקע יאָרן האָט זי, צום באַדויערן, ניט אויסגעמיטן דעם גורל פון אַלע סאָוועטישע אויטאָנאָמיעס.

עס איז אויך געווען א פעריִאָד פון אופבלי — די 30־ער יאָרן, — ווען לויטן רוף פֿונעם האַרצן, אף די פֿליגל פון ראָמאַנטיק און ענטוזיִאַזם זײַנען אַהער געקומען צי פאָרן ייִדן פון אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, פון די צענטראַלע ראַיאָנען פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע און אַפילע פון אַרגענטינע, אַמעריקע, פּוילן, בראַזיליע, פּאַלעסטינע און אַנדערע מעלוכעס, קעדיי צו באַהערשן דעם נײַעם ווילדן ווײַטמיזרעכדיקן ראַיאָן.

יענע פּאַרמילכאָמע־יאָרן זײַנען געווען די סאַמע אָנגעשטרענגטע און פּרוכטבאַרע. אין דער טײַגע, אף זומפּן זײַנען אויסגעוואַקסן די פּרעכטיקע שטאָט ביראָבידזשאַן — אַצינד דער געגנטלעכער צענטער, אָבלוטשיע, אַנדערע ייִשווים און דערפער. שטורמיש האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער געגנט די אינדוסטריע און די לאַנדווירטשאַפֿט, די נאַציִאָנאַלע קולטור, געזונט־פאַרהיטונג און פאָלקסבילדונג.

נאָר כאָטש עס געפֿינט זיך ווײַט די געגנט פֿונעם צענטער פון דעם לאַנד, האָט זי אויך ניט אויסגעמיטן דער גורל פון די סטאַלינישע רעפּרעסיעס. קורץ גערעדט, די סטאַלינישע נאַציִאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס האָט געהאַט אן אָרט אויך ביז אונדזערע טעג, האָט אָנגעטאָן אן אומגעהײַערן שאָדן. די געגנט האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אָן דעם דיסקאָנט פון איר נאַציִאָנאַלער אויטאָנאָמיע,

ווי פֿאַשעט אַ טייל פֿון דער טעריטאָריע פֿונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט, פֿינקטלעכער ווי איר לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכער צוגאָב.

און דאָך האָבן אין דער וועלבער צײַט די מענטשן — פֿאַרשטייער מער פֿון 90 נאַציאָנאַליטעטן, וואָס לעבן דאָ (און דאָס איז ניט צוליב אַ שיין וואָרט) אין אַן אײנהײַטלעכער פֿרײַנטלעכער מישפּאָכע, געשאַפֿן סײַ דעם נייטיקן עקאָנאָמישן פּאָטענציאַל, סײַ אַ הײַנטצײַטיקע סאָציאַלע אינפֿראַסטרוקטור. יאָ, די אײַנוווינער פֿון אונדזער געגנט, אַרבעטער און קאָלווירטניקעס, אָנגעשטעלטע און אינטעליגענץ פֿילן זיך ניט אין עפּעס־וואָס פֿאַרמינערטע אָדער אומגליקלעכע.

די ווײַטמיזרעכדיקע וווּנדערבאַר־שיינע און רײַכע נאַטור, דער אייגנאַרטיקער קלימאַט, און דאָס סאַמע וויכטיקע — דער זיך־פֿאַרהיטער געזונטער קלימאַט פֿון די מענטשלעכע קאָנטאַקטן, באַקומען אַ גרויסע צוציִונגס־קראַפֿט פֿאַר די, וועמען עס איז לויט פֿאַרשיידענע סיבעס געוואָרן אַ ווײַטמיזרעכניק.

און דאָך, באַפֿרידיקן הײַנט די ביטעס, וועלכע קומען אָן פֿון ייִדן, מע זאָל אײַנאָרדענען זיי אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, באַזאָרגן מיט וווינונגען, באַזונדערס מענטשן מיט אַ הויכן בילדונגס־ניוואָ, באַזאָרגן די גײַסטיקע און נאַציאָנאַלע באַדערפֿענישן, איז פּראַקטיש אַצינד אוממעגלעך. אָט פֿאַרוואָס עס באַקומט אַ באַזונדערע שאַרפֿקײַט די פֿראַגע וועגן די רעאַלע פּערספּעקטיוון פֿון דער ווײַטערדיקער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון דער געגנט. איך קלער, אַז אַ מעלוכישער איניען דאַרף ווערן דאָס שאַפֿן אין אונדזער געגנט אַזאַ עקאָנאָמישן און אינטעלעקטועלן פּאָטענציאַל, אַזאַ לעבנס־ניוואָ, אַזאַ אַנטוויקלונג פֿון דער אַלגעמיינער און נאַציאָנאַלער קולטור, אַזאַ סאָציאַלע אינפֿראַסטרוקטור, אַז זי זאָל ווערן אַ רעאַלע און צוציִענדיקע אַלטערנאַטיוו פֿאַר די, וועמען עס שטייט אױף דער שוועל פֿונעם דראַמאַטישן אײַסוואַל — אָוועקפֿאָרן אָדער ניט אָוועקפֿאָרן פֿונעם לײַבלעכן היימלאַנד איבער באַציאָנאַלע סיבעס.

דער לייזונג פֿון אָט דער גרויסער פּאָליטישער אויפֿגאַבע וועט אין אַ סאַך מיטווירקן דאָס אָננעמען אַ ספּעציעלע באַשטימונג פֿון דער רעגירונג וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט ביזן 2000 יאָר. דער פּראָיעקט פֿון וועלכן עס ווערט אַצינד באַטראַכט אין פֿאַרשיידענע פּלאַניר־ און רעגירונגס־אָרגאַנען פֿונעם לאַנד. איך וועל ברענגען בלויז אַ ניט־גרויס צעטל פֿון דעם, וואָס דאַרף אויסגעבויט ווערן ווערן בײַס דער רעאַליזאַציע פֿונעם דערמאָנטן דאָקומענט אינעם קומענדיקן יאָרצענדליק. דאָס איז די גרינדונג פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אינסטיטוט פֿאַר אַ קאָמפּלעקס־אַנאַליז פֿון רעגיאָנעלע פּראָבלעמען בײַ דער ווײַטמיזרעכדיקער אָפּטיילונג פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון ססר און דעם ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וואָס האָט אינעם לויפֿנדיקן לערנייאָר אָנגעהויבן גרייטן לערער פֿאַר די מיטלשולן און פֿאַרשול־אַנשטאַלטן; דאָס שאַפֿן אַ גרופּע נײַע זאַוואָדן פֿון דער עלעקטראָטעכנישער און עלעקטראָן־אינדוסטריע; אַ נײַעם כאַזיירימציכטלערישן קאָמפּלעקס און אַ ברוילער־פֿאַבריק; עס ווערט פֿאַרפּלאַנירט אַספֿאַלטירן די מאַגיסטראַל־וועגן און רעקאָנסטרויִרן דעם ביראָבידזשאַנער אַעראָפּאָרט; פֿאַרברייטערן די אויסערן־עקאָנאָמישע פֿאַרבינדונגען און שאַפֿן אַ נײַע עקאָנאָמישע זאָנע; צוגעבן אַ פּריאָריטעטע אַנטוויקלונג דער באַזע פֿון בוי־מאַטעריאַלן און דער בוי־אינדוסטריע מיטן ציל צו פֿאַרשנעלערן די בויונג פֿון וווינונגען און אָביעקטן פֿון סאָציאַלן און קולטור־שטייגער. דאָס אַלץ דערוועקט אַ האָפֿענונג, אַז די געגנט וועט סאַפּקאָלסאָף אַרויס אױף אַ נײַעם ניוואָ פֿון איר עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. דאָס ניט פֿאַרשטיין די באַזונדערע וויכטיקײַט נעמלעך פֿון אַזאַ פּערספּעקטיוו (און דאָס אַנטפּלעקט זיך שוין בײַ דער פֿאַנאַנדעראַרבעטונג פֿון דער אָנגעוויזענער באַשטימונג אין פֿאַרשיידענע אַמטשאַפֿטן און אָפּטיילן פֿונעם מעלוכע־פּלאַן פֿון ססר און דער רוסלענדישער פֿעדעראַציע) וואָלט ניט אַנטשפּראָכן דער פּלאַטפֿאָרם פֿון דער פּאַרטיי לויט דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

איך פֿאַרשטיי, אַז די, וועגן וועמען ס'איז געגאַנגען איבן אַ רייד, וועלן זיך ניט אָפּהאַלטן פֿון באַשולדיקן מיך אין רוסאָפֿאָביע, און דאָך קאָן איך נישט ניט אַרויסזאָגן מײַנע געדאַנקען וועגן די באַציִונגען פֿונעם רוסישן און ייִדישן פֿאָלק. די דאָזיקע באַציִונגען ציילן אָן ניט איין יאָרהונדערט, און ווײַט ניט שטענדיק, לאָמיר אַזוי זאָגן, זײַנען זיי געווען אומבאַטריבטע. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, נאָר די טאַלאַנטפֿולע פֿאַרשטייער פֿון די ייִדן, אַרויסרײַסנדיק זיך פֿון דעם טכום־האַמוישעוו, האָבן אַרײַנגעטראָגן זייער באַשיידענעם צושטײַער אינעם רײַכטום פֿון דער רוסישער קולטור, און די בעסטע זין פֿונעם רוסישן פֿאָלק האָבן ניט איין מאָל אויפֿגעהויבן די צאָרנדיקע שטים פֿון פּראָטעסט קעגן דער פּלאָג פֿון אַנטיסעמיטיזם. ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס אין די סאָוועטישע יאָרן איז דער פּראָצעס פֿון דערנעענטערן ביידע אונדזערע פֿעלקער דורכגעגאַנגען באַזונדערס

שנעל, און מיר האָבן געמיינט, אז די שווערע ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט איז אָפּ שטענדיק אויסגעלעבט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס ניט אַזוי.

און פונדעסטוועגן גלייב איך, אז די געזונטע טענדענץ אין אונדזערע באַציִונגען וועט נעמען די איבערהאַנט, און עס וועלן זי ניט קענען אָרונטערייַסן די ניט־געבאַקענע „פּאַרטייִדיקער" פונעם רוסישן פאָלק. זי שטיצט זיך דאָך אויפן געזונטן פאַרנונפט און ריינקייט פון דער לופט, אויפן געמיינזאַם פאַרגאָסענעם בלוט פאַרן אַלגעמיינעם היימלאַנד, אויף דער געמיינזאַמקייט פון די שטרעבונגען צו אַ בעסערער צוקונפט און אויף דער אייניקייט פון די הויכע צילן — פרייהייט, גלייכהייט און אויפבליִונג פון אַלע פעלקער און פון יעדן מענטשן. און מייַן גלויבן האַלט אונטער — מער, איידער אַלע אַרגומענטן פון דער לאָגיק, — דער לעבעדיקער בייַשפּיל פון אונדזער געגנט, וווּ די באַציִונגען פון די צוויי אונדזערע פעלקער זייַנען שוין פון לאַנג געוואָרן ניט פּשוט כאַווערישע, נאָר פריינטלעכע און אַפילע קרויווישע. און אַ באַליביקער פרווו צו אָרונטערייַסן זיי — זאָל דאָס זייַן מיצאַד די אַנטיסעמיטן אָדער מיצאַד די יִידישע נאַציִאָנאַליסטן — קען נאָר ברענגען שאָדן די פעלקער.

(„ביראָבידזשאַנער שטערן")

ציטאַטעס פון דער סאָוועטישער פּרעסע

מיר היטן אָפּ די אייניקייט

די אוקראַיִנישע שרייַבער טרעטן אַרויס איינמוטיק פאַר זעלבשטענדיקייט פון דער רעפובליק. די זעלבשטענדיקייט פון אוקראַיִנע פאַרשטייען מיר אַזוי, אז דער קאַנט איז פאַר אַלעמען, ווער עס לעבט אויף זייַן טעריטאָריע. מיר — אוקראַיִנער, רוסן, יִידן, מאָלדאַוואַנער, פּאָליאַקן, אונגאַרן, בולגאַרן, פאַרשטייער פון אַנדערע פעלקער — בויען אייניינעם אונדזער לעבן, מיר זאָרגן צוזאַמען וועגן דער עקאָנאָמיק און עקאָלאָגיע, וועגן דעם, עס זאָל אַנטוויקלט ווערן די קולטור פון יעדער פאָלק. מיר שאַצן אָפּ הויך די ברידערלעכע שטיצע מיצאַד די מענטשן, וועלכע, אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציִאָנאַליטעט, ווירקן מיט דער אויפלעבונג פון דער אוקראַיִנישער שפּראַך, ניט פאַרגעסנדיק דערבייַ וועגן דער אַנטוויקלונג פון די קולטורן פון אַנדערע נאַציִאָנאַליטעטן, וואָס באַפעלקערן אונדזער רעפובליק.

פאַר דער מילכאָמע האָבן אין אוקראַיִנע עקזיסטירט 468 יִידישע שולן, 238 פּוילישע, 168 מאָלדאַווישע (איך רעד שוין ניט וועגן רוסישע) — און דאָס האָט ניט געשטערט צו אַנטוויקלען די קולטור פונעם אוקראַיִנישן פאָלק. אויך איצט האָבן מיר ניט איבער וואָס זיך צו קריגן. אָט פאַרוואָס מיר טאָדלען אַזוי האַרב די, וואָס ווילן צעקריגן אונדז, ווער ס׳פּאַרטאָפּטשעט אונדזער געמיינזאַם פעלד.

יורי מושקעטיק,
ערשטער סעקרעטאַר פונעם
שרייַבער־פאַריין פון אוססר
(„ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ"
פאַרן 8 פעווראַל 1990)

אין דער קאָמיסיע פון דער פּאָליטביוראָ פונעם צק קפּסס

אױף צוזאַמלען אױספאָרשן די מאַטעריאַלן, װעלכע זײַנען פאַרבונדן מיט די רעפּרעסיעס, װאָס האָבן געהאַט אָן אָרט אין דער פּעריאָד פון די 30—40־ער און אָנהייב 50־ער יאָרן

אױף דער זיבעטער זיצונג דעם 29 דעקאַבער 1988 האָט די קאָמיסיע פון דער פּאָליטביוראָ פונעם צק קפּסס באַטראַכט די מאַטעריאַלן, װעלכע זײַנען פאַרבונדן מיט רעאַביליטירן דורכן געריכט און דורך דער פּאַרטיי די פּערזאָנען, װעלכע זײַנען דורכגעגאַנגען לויט דעם אַזױגערופֿענעם „אײניקן פון דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט". אין דעם הײַנטיקן נומער װערט פאַרעפֿנטלעכט דער פּראָטאָקאָל פון דער דאָזיקער זיצונג פון דער קאָמיסיע, און אױך אינפֿאָרמאַציע פונעם קאָמיטעט פֿאַר פּאַרטיי־קאָנטראָל בײַם צק קפּסס און פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר מאַרקסיזם־לעניניזם בײַם צק קפּסס װעגן דעם אַזױגערופֿענעם „אײניקן פון דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט".

פּראָטאָקאָל נומ. 7

פון דער זיצונג פון דער קאָמיסיע פון דער פּאָליטביוראָ אױף צוזאַמלען אױספאָרשן די מאַטעריאַלן, װעלכע זײַנען פאַרבונדן מיט די רעפּרעסיעס, װאָס האָבן געהאַט אָן אָרט אינעם פּעריאָד פון די 30—40־ער און אָנהייב 50־ער יאָרן

29 דעקאַבער 1988

עס זײַנען בײַגעװען מיטגלידער פון דער קאָמיסיע: א. נ. יאַקאָװליעװ, װ. א. מעדװעדיעװ, װ. מ. טשעבריקאָװ, א. אי. לוקיאַנאָװ, ג. פּ. ראַזומאָװסקי, װ. אי. באָלדין, ב. ק. פּוגאָ, װ. א. קריוטשקאָװ.

סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע: נ. אי. סאַװינקין.

עס זײַנען אײַנגעלאַדן: דער גענעראַל־פּראָקוראָר פון פססר א. יאַ. סוכאַריעװ, דער ערשטער שטעלפֿאַרטרעטער פונעם פֿאָרזיצער פון דעם איבער־געריכט פון פסס ס. אי. גוסיעװ, דער געהילף פונעם סעקרעטאַר פון צק קפּסס װ. א. קוזניעצאָװ.

מיטגלידער פון דער אַרבעט־גרופּע: װ. אי. אַנדרייעװ, א. פּ. דאָנקאָװ, נ. פּ. קאַטקאָװ, י. מ. קאָלבעניעװ, ס. ד. מאַגילאַט, װ. פּ. פּיראָזשקאָװ, א. א. סאָלאָװיאָװ.

1. געהערט: אָן אינפֿאָרמאַציע פון דעם איבער־געריכט פון פסס װעגן דער באַהאַנדלונג פון די מאַטעריאַלן, װעלכע זײַנען פאַרבונדן מיט רעאַביליטירן דורכן געריכט די פּערזאָנען, װעלכע זײַנען דורכגעגאַנגען לויט דעם אַזױגערופֿענעם „אײניקן פון דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט".

דער ייִדישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, װעלכער איז געשאַפֿן געװאָרן אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, האָט דורכגעפֿירט, פּונקט װי אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אַן אַקטיװע פּאָזיטיװע אַרבעט אױף צו מאָביליזירן די סאָװעטישע און אַלװעלטלעכע עפֿנטלעכע מיינונג קעגן די רעציכעס פון דעם פֿאַשיזם.

סאָף 1948 איז דער קאָמיטעט פֿאַנאַנדערגעלאָזט געװאָרן און אַ גרויסע גרופּע פּערזאָנען, פאַרבונדענע מיט זײַן אַרבעט, האָט מען אַרעסטירט. אַלס אַ טערעץ אױף אָנצװװענדן רעפּרעסיװע מיטלען האָט געדינט אַ גרונטלאָזע באַשולדיקונג אין מעלוכע־פֿאַרברעכנס און שפּיאָנישער טעטיקײַט.

די מיליטערישע קאָלעגיע פֿון דעם אויבער־געריכט פֿון פּסס״ר האָט אין יול 1952 לויט דעם געגעבענעם איניען פֿאַרורטיילט צו דער העכסטער מאָס פֿון שטראָף ס. א. לאָזאָווסקין, אי. ס. פֿעפֿערן, י. ס. יוזעפֿאָוויטשן, ל. מ. קוויטקאָן, פּ. ד. מאַרקישן, ד. ר. בערגעלסאָנען, ד. נ. האָפֿשטיינען, וו. ל. זוסקינען, ל. יאַ. טאַלמי, אי. ס. וואַטענבערגן, ע. אי. טעומין, טש. ס. וואַטענבערג־אָסטראָווסקאַיאַ, און צו אָפּנעמען די פֿרײַהייט און פֿאַרשיקונג — ל. ס. שטערן.

די דורכגעפֿירטע אין 1955 דורכקאָנטראָלירונג האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די באַשולדיקונגען, וועלכע זײַנען אינקרימינירט געוואָרן די אָנטיילנעמער פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, זײַנען פֿאַבריצירטע. דער אויבער־געריכט פֿון פּסס״ר האָט דעם 22 נאָיאַבער 1955 באַהאַנדלט דעם איספּיר פֿונעם גענעראַל־פּראָקוראָר פֿון פּסס״ר לויט דעם אַזויגערופֿענעם „איניען פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט״, האָט אָפּגעשאַפֿן דעם אורטייל בענעגייע אַלע פֿאַרמישפּטע און ליקווידירט דעם איניען מאַכמעס עס איז ניטאָ אין זייערע טאַטן קיין באַשטאַנד פֿון פֿאַרברעכן.

מאַכמעס די זעלבע טײַמים איז ליקווידירט דער איניען בענעגייע ס. ל. ברעגמאַנען, וועלכער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם געריכט, נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן שווערער קרענק איז דער איניען וועגן אים אָפּגעשטעלט געוואָרן און דערנאָך, אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן טויט, ניט באַטראַכט געוואָרן.

עס זײַנען אַרויסגעטראָטן:

די כ׳כ יאַקאָווליעוו, מעדוועדיעוו, טשעבריקאָוו, לוקיאַנאָוו, ראַזומאָווסקי, קריוטשקאָוו, פּוגאַ, באָלדין, סוכאַריעוו, גוסיעוו.

באַשטימט: די אינפֿאָרמאַציע פֿון דעם אויבער־געריכט פֿון פּסס״ר וועגן די סאַכאַקלען פֿון באַהאַנדלען דעם געגעבענעם איניען און דער געריכטלעכער רעאַביליטירונג פֿון די אומגעזעצלעך רעפּרעסירטע פּערזאָנען נעמען צו קענטעניש.

צוגרייטן פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע אַ פֿאַנאַנדערגעוויקלטע אינפֿאָרמיר־נאָטיץ וועגן דעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט.

2. געהערט: אַ מיטיילונג פֿונעם קאָמיטעט פֿון פּאַרטיי־קאָנטראָל באַם צק קפּסס וועגן די רעזולטאַטן פֿון באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן דער פּאַרטיייִשקײַט פֿון ב. א. שימעליאָוויטשן און ד. נ. האָפֿשטיינען, וועלכע זײַנען געווען צוגעצויגן צו קרימינעלער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט און זײַנען דורכן געריכט רעאַביליטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע פּערזאָנען, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען לויט דעם דאָזיקן איניען.

באַשטימט: נעמען צו קענטעניש דעם באַשלוס פֿון דעם קאָמיטעט פֿון פּאַרטיי־קאָנטראָל באַם צק קפּסס וועגן אויפֿשטעלן אין דער קפּסס ב. א. שימעליאָוויטשן און ד. נ. האָפֿשטיינען (נאָכן טויט).

פֿריִער, אין 1955 — 1957, זײַנען אין דער קפּסס אויפֿגעשטעלט געוואָרן ס. א. לאָזאָווסקי, אי. ס. פֿעפֿער, י. ס. יוזעפֿאָוויטש, ל. מ. קוויטקאָ, פּ. ד. מאַרקיש, ע. אי. טעומין, ס. ל. ברעגמאַן (נאָכן טויט).

אין 1955 י. איז אויך אויפֿגעשטעלט געוואָרן אין דער קפּסס ל. ס. שטערן.

3. געהערט: דעם פּראָיעקט פֿונעם טעקסט פֿון אַ מיטיילונג פֿאַר דער פּרעסע וועגן דער אָרדנטלעכער זיצונג פֿון דער קאָמיסיע פֿון דער פּאָליטביוראָ.

עס זײַנען אַרויסגעטראָטן:

די כ׳כ מעדוועדיעוו, יאַקאָווליעוו, טשעבריקאָוו, לוקיאַנאָוו, באָלדין, ראַזומאָווסקי, קריוטשקאָוו.

באַשטימט: דעם פּראָיעקט פֿונעם טעקסט פֿון אַ מיטיילונג פֿאַר דער פּרעסע, דיסקאָנטירנדיק דערבײַ די באַמערקונגען פֿון די מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע, אָננעמען.

פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע א. יאַקאָווליעוו
סעקרעטאַר פֿון דער קאָמיסיע נ. סאַווינקין

וועגן דעם אויגערופענעם „איניען פון דעם ייִדישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט"

אין מײַ—יול 1952 האָט די מיליטערישע קאָלעגיע פונעם אויבער־גערירכט פון פססר באַהאנדלט דעם איניען פון א גרופּע פערזאָנען, פאַרבונדענע מיט דער ארבעט פונעם ייִדישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. צו דעם געגעבענעם איניען זײַנען צוגעצויגן געוואָרן 15 מענטשן:

1. לאָזאָווסקי סאָלאָמאָן אבראַמאָוויטש 1878 יאָר פון געבוירן, מיטגליד פון קפסס פון 1901, פריִער געאַרבעט אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף און אַלס שעף פון סאָווינפאָרמביוראָ. פאַר דעם אַרעסט — פאַרוואַלטער פון דער קאַפעדרע פון צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען אין דער העכסטער פאַרטיי־שול באַם צק קפסס;

2. פעפער איסאַאַק סאָלאָמאָנאָוויטש, 1900 פון געבוירן. מיטגליד פון קפסס פון 1919, פּאָעט, סעקרעטאַר פונעם ייִדישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט;

3. יוזעפאָוויטש יאָסיף סיגיזמונדאָוויטש, 1890 פון געבוירן, מיטגליד פון קפסס פון 1917, ייִנגערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פאַר געשיכטע פון דער וויסנשאַפטאַקאַדעמיע פון פססר;

4. שימעליאָוויטש באָריס אבראַמאָוויטש, 1892 פון געבוירן, מיטגליד פון קפסס פון 1920, הויפּטדאָקטער פונעם צענטראַלן קלינישן שפּיטאָל אױף באָטקינס נאָמען;

5. קוויטקאָ לייבאַ מאָיסייעוויטש, 1890 פון געבוירן, מיטגליד פון קפסס פון 1941, פּאָעט;

6. מאַרקיש פּערעץ דאַווידאָוויטש, 1895 פון געבוירן, מיטגליד פון קפסס פון 1941, פּאָעט, סעקרעטאַר פון דער רעווידיר־קאָמיסיע פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר;

7. בערגעלסאָן דאַוויד ראַפאַיִלאָוויטש, 1884 פון געבוירן, פּאָעט;[1]

8. האָפשטיין דאַוויד נאָומאָוויטש, 1889 פון געבוירן, מיטגליד פון קפסס פון 1940, פּאָעט;

9. זוסקין וועניאַמין לוואָוויטש, 1889 פון געבוירן, קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער;

10. טאַלמי לעאָן יאַקאָוולעוויטש, 1893 פון געבוירן, זשורנאַליסט — איבערזעצער פון סאָווינפאָרביוראָ;

11. וואַטענבערג איליאַ סעמיאָנאָוויטש, 1887 פון געבוירן, עלטערער קאָנטראָל־רעדאַקטאָר פונעם מעלוכישן פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור אויף אויסלענדישע שפּראַכן;

12. טעומין עמיליִא איסאַאַקאָוונאַ, 1905 פון געבוירן, מיטגליד פון קפסס פון 1927, רעדאַקטאָר פון צווישנפעלקערלעכן אָפּטייל פון סאָווינפאָרמביוראָ;

13. וואַטענבערג־אָסטראָווסקאַיאַ טשײַקאַ סעמיאָנאָוונאַ, 1901 פון געבוירן, איבערזעצערן פון ייִדישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט;

14. שטערן לינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, 1878 פון געבוירן, מיטגליד פון קפסס פון 1938, אַקאַדעמיקער פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר און פון דער אַקאַדעמיע פאַר מעדיצינישע וויסנשאַפטן פון פססר, דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט פאַר פיזיאָלאָגיע פון דער אַקאַדעמיע פאַר מעדיצינישע וויסנשאַפטן פון פססר און פאַרוואַלטערן פון דער קאַפעדרע פון פיזיאָלאָגיע פונעם 2־טן מאָסקווער מעדיצינישן אינסטיטוט;

15. ברעגמאַן סאָלאָמאָן לעאָנטיעוויטש, 1895 פון געבוירן, מיטגליד פון קפסס פון 1912, שטעלפאַרטרעטער פונעם מיניסטער פון מעלוכע־קאָנטראָל פון רספסר.

דער ייִדישער אנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, כדי צו מאָביליזירן די סאָוועטישע און אַלוועלטלעכע עפנטלעכע מיינונג קעגן די רעציכעס פונעם פאַשיזם. די טעטיקײַט פונעם ייִדישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָט זיך אָנגעהויבן אין פעברואַר—אַפּריל 1942.

פאָרזיצער פונעם ייִדישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט איז געווען דער פאָלקס־אַרטיסט פון פססר ס. מ. מיכאָעלס, פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר ש. עפּשטיין, און דערנאָך — אי. ס. פעפער. דער קאָמיטעט האָט געהאַט זײַן פּרעסע־אָרגאַן — די צײַטונג „איינִיקײַט", וועלכע פלעגט פאַרשפּרייט ווערן סײַ אין פססר, סײַ אין אויסלאַנד.

דעם 12 דעקאַבער 1946 האָט דער מיניסטעריום פון מעלוכע־זיכערהײַט פון פססר אָפּגעשיקט אין צק אלקפּ(ב) און אין מיניסטאָרן־ראַט פון פססר א צעטל „וועגן נאַציאָנאַליסטישע אנטפּלעקונגען פון אייניקע טוער פונעם ייִדישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט". דער אָפּטייל פאַר אויסערן־פּאָליטיק פונעם צק אלקפּ(ב) האָט דעמלט טאַקע אָרגאַניזירט א דורכקאָנטראָלירונג פון דער טעטיקײַט, וועלכע עס פירט דער ייִדישער אנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט. אין דעם באַריכט וועגן די סאַכאַקלען פון דער דורכקאָנטראָלירונג, אדרעסירט אין צק אלקפּ(ב), האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אז די מיטגלידער פונעם ייִדישן אנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, פאַרגעסנדיק וועגן קלאַסן־צוגאַנג, פאַרווירקלעכן צווישנפעלקערלעכע קאָנטאַקטן מיט בורזשואַזע טוער און אָרגאַניזאַציעס אויף א נאַציאָנאַליסטישן יעסאָד, און דערצײלנדיק אין בורזשואַזע

---

[1] עס וואָלט געוויס באַדאַרפט זײַן: „פּראָזאַיִקער", אָבער מיר האַלטן זיך שטרענג בײַ דעם טעקסט, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין „איזוועסטיִא פון צק קפסס", נום. 12 פאַר דעקאַבער 1989 (רעד. „ס.ה.").

אויסגאבעס וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן, זײַנען זיי מעגאזום זייער בײַטראַג אין די דערגרייכונגען פון פסטר, וואָס דאָס דאַרף מען אָפּשאַצן ווי אַן אַנטפּלעקונג פון נאַציאָנאַליזם. עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז ניט פרעגנדיק בא קיינעם, וויקלט פאַנאַנדער דער קאָמיטעט זײַן טעטיקײַט אינווייניק אין לאַנד, אײַגנט זיך צו פונקציעס פון א הויפּט־באַפולמעכטיקטן איבער די איניאַנים פון דער ייִדישער באַפעלקערונג און א פאַרמיטלער צווישן דער דאָזיקער באַפעלקערונג און די פּאַרטיי־ישׂ־סאָוועטישע אָרגאַנען. צום סאָף איז געמאַכט געוואָרן אַן אויספיר, אַז די טעטיקײַט פונעם קאָמיטעט איז אַרויס איבער די גרענעצן פון זײַן קאָמפּעטענץ, האָט באַקומען ניט־אײַנגעטימלעכע פאַר אים פונקציעס און איז דעריבער פּאָליטיש שעדלעך און ניט־דערלאָזלעך. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן א פאָרשלאָג וועגן ליקווידירן דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. א צעטל מיט אַן אַנאַלאָגישן אינהאַלט האָט דעם 26 נאָיאַבער 1946 מ. א. סוסלאָוו אָפּגעשיקט י. וו. סטאַלינען.

ווי אַן אומיטלבאַרער גורעם צו דערוועקן א קרימינעלן איניען אויף די אָנפירער פון דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָבן געדינט, ווי דאָס איז שפּעטער פעסטגעשטעלט געוואָרן, פאַלסיפיצירטע און באַקומענע אַלס רעזולטאַט פון אומגעזעצלעכע אויספאָרשונגס־מעטאָדן באַווײַזן פונעם עלטערן וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמיק פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פסטר אי. אי. גאָלדשטיין, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 19 דעקאַבער 1947, און פונעם עלטערן וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פאַר וועלט־ליטעראַטור פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פסטר ז. ג. גרינבערג, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 28 דעקאַבער 1947. אין זייערע באַווײַזן האָבן זיי באַהויפּט, אַז ס. א. לאָזאָווסקי, אי. ס. פעפער און אַנדערע מיטגלידער פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָבן קלוימערשט געפירט אַן אַנטיסאָוועטישע נאַציאָנאַליסטישע טעטיקײַט. די פּראָטאָקאָלן פון פאַרהערן אי. אי. גאָלדשטיינען און ז. ג. גרינבערגן, וועלכע דעמאַסקירן די אָנגעוויזענע פּערזאָנען, פאַר דעם 10 יאַנואַר און 1 מאַרט 1948 האָט דער מיניסטער פון מעלוכע־זיכערהייט וו. ס. אַבאַקומאָוו אָפּגעשיקט אין צק אַלקפּ(ב).

דעם 26 מאַרט 1948 האָט דער מיניסטעריום פון מעלוכע־זיכערהייט אָפּגעשיקט אין צק אַלקפּ(ב) און אין מיניסטאָרן־ראַט פון פסטר נאָך איין צעטל „וועגן ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט", אין וועלכן ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די אָנפירער פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט זײַנען אַקטיווע נאַציאָנאַליסטן און זיי פירן אַן אַנטיסאָוועטישע נאַציאָנאַליסטישע אַרבעט, וועלכע האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעוויזן נאָך ס. מ. מיכאָעלסעס און אי. ס. פעפערס רײַזע אין 1943 אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווו זיי האָבן אָנגעשלאָסן קאָנטאַקטן מיט פּערזאָנען, וועלכע זײַנען קלוימערשט פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַנער אויסשפּיר־דינסט.

דעם 20 נאָיאַבער 1948 האָט די פּאָליטביוראָ פון צק אַלקפּ(ב) אָנגענומען א באַשטימונג, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן:

„באַשטעטיקן פאָלגנדיקן באַשלוס פון דער ביוראָ פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פסטר:

די ביוראָ פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פסטר באַאויפטראָגט דעם מיניסטעריום פון מעלוכע־זיכערהייט פון פסטר אומגעזאַמט פאַנאַנדערלאָזן דעם „ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט" מאַכמעס דער דאָזיקער קאָמיטעט, ווי עס באַווײַזן פאַקטן, איז א צענטער פון אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע און ער שטעלט צו רעגולער אַנטיסאָוועטישע אינפאָרמאַציע די אָרגאַנען פון דער אויסלענדישער אויסשפּירונג.

אין העסקעם דערמיט פאַרמאַכן די פּרעסע־אָרגאַנען פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, די איניאַנים פונעם קאָמיטעט צונעמען. דערווײַל קיינעם ניט אַרעסטירן".

עס איז פעסטגעשטעלט, אַז די דירעקטע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר די אומגעזעצלעכע רעפּרעסיעס פון די פּערזאָנען, וועלכע זײַנען צוגעצויגן געוואָרן לויטן „איניען פון דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט", טראָגט ג. מ. מאַלענקאָוו, וועלכער האָט געהאַט אַן אומיטלבאַרע שײַכעס צו דער אויספאָרשונג און צו דער געריכט־באַהאַנדלונג. דעם 13 יאַנואַר 1949 האָט ער אַרויסגערופן צו זיך ס. א. לאָזאָווסקין און בעמעשעך פון א דויערנדיקן שמועס, אויף וועלכן עס איז בײַגעווען דער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט פון פּאַרטיי־קאָנטראָל באַם צק קפּסס מ. פ. שקיריאַטאָוו, האָט ער אַקשאָנעסדיק געפּרווט זיך דערשלאָגן, ס. א. לאָזאָווסקי זאָל אָנערקענען, אַז ער האָט געפירט א פאַרברעכערישע טעטיקײַט. צוליב דעם דאָזיקן ציל האָט ג. מ. מאַלענקאָוו אויסגענוצט א בריוו, וועלכער איז מיט 5 יאָר פריִער — דעם 15 פעברואַל 1944 געשיקט געוואָרן י. וו. סטאַלינען, א בריוו, געחתמעט פון ס. מ. מיכאָעלסן, ש. עפּשטיינען, אי. ס. פעפערן (מיטגלידער פון ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט) און אָפּרעדאַגירט פון ס. א. לאָזאָווסקין, מיט א פאָרשלאָג צו שאַפן אויף דער טעריטאָריע פון קרים א ייִדישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

נאָכן שמועס האָבן ג. מ. מאַלענקאָוו און מ. פ. שקיריאַטאָוו צונויפגעשטעלט א צעטל אויף י. וו. סטאַלינס נאָמען מיט א פאָרשלאָג אַרויסצופירן ס. א. לאָזאָווסקין פון די מיטגלידער פון צק אַלקפּ(ב) מיט פאָלגנדיקער פאָרמולירונג: „פאַר פּאָליטיש פאַרדעכטיקע פאַרבינדונגען און אומווירדיקער פאַר א מיטגליד פון צק אויפפירונג".

אין העסקעם מיט א באַשלוס פון צק אַלקפּ(ב) פאָרן 18 יאַנואַר 1949 (דורך אַן אויספרעג) איז ס. א. לאָזאָווסקי אַרויסגעפירט געוואָרן פונעם באַשטאַנד פון צק אַלקפּ(ב) און אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי, און דעם 26 יאַנואַר 1949 איז ער אַרעסטירט געוואָרן. אין יאַנואַר זײַנען אויך אַרעסטירט געוואָרן די מיטגלידער פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט ב. א. שימעליאָוויטש, י. ס. יוזעפאָוויטש, ל. מ. קוויטקאָ, פּ. ד. מאַרקיש, ד. ר. בערגעלסאָן, אי. ס. וואַטענ־

ВЕРХОВНЫЙ СУД СОЮЗА ССР

ОПРЕДЕЛЕНИЕ № 0065/52

ВОЕННАЯ КОЛЛЕГИЯ ВЕРХОВНОГО СУДА СССР

В составе: Председательствующего – Председателя Верховного Суда СССР Волина А.А.,

и членов: полковника юстиции Коваленко Г.Е. и полковника юстиции Дашина И.А.

рассмотрела в заседании от „22" ноября 1955 г.

ЗАКЛЮЧЕНИЕ ГЕНЕРАЛЬНОГО ПРОКУРОРА СОЮЗА ССР

на приговор Военной коллегии Верховного Суда СССР от II-I8 июля 1952 года, которым осуждены:

I. ЛОЗОВСКИЙ Соломон Абрамович, 1878 года рождения, уроженец села Даниловка, Днепропетровской области;

2. ФЕФЕР Исаак Соломонович, 1900 года рождения, уроженец мест. Шпола, Киевской области;

3. ЮЗЕФОВИЧ Иосиф Сигизмундович, 1890 года рождения, уроженец города Варшавы;

4. ШИМЕЛИОВИЧ Борис Абрамович, 1892 года рождения, уроженец гор.Риги;

5. КВИТКО Лейб Моисеевич, 1890 года рождения, уроженец села Голосково, Одесской области;

6. МАРКИШ Перец Давидович, 1895 года рождения, уроженец гор. Полонное, Житомирской области;

7. БЕРГЕЛЬСОН Давид Рафаилович, 1882 года рождения, уроженец мест. Сарны, Винницкой области;

8. ГОФШТЕЙН Давид Наумович, 1889 года рождения, уроженец мест. Коростышев, Киевской области;

9. ЗУСКИН Вениамин Львович, 1899 года рождения, уроженец города Паневежис, Литовской ССР;

10. ТАЛЬМИ Леон Яковлевич, 1893 года рождения, уроженец мест. Ляховичи, Барановичской области;

Рассмотрев материалы дела и дополнительного расследования, соглашаясь с доводами, приведенными в заключении Генерального Прокурора СССР, и находя, что дело Лозовского и др. было сфальсифицировано быв.работниками МГБ СССР врагами народа Абакумовым, Рюминым, Комаровым, Лихачевым (осуждены по приговору Военной коллегии к расстрелу) и другими, в силу чего приговор в отношении Лозовского и др. подлежит отмене, а дело о них прекращению за отсутствием в их действиях состава контрреволюционного преступления, Военная коллегия Верховного Суда СССР, руководствуясь ст. ст.373 п.3 и 378 УПК РСФСР, –

о п р е д е л и л а :

Приговор Военной коллегии Верховного Суда СССР от II-I8 июля 1952 года в отношении Лозовского Соломона Абрамовича, Фефера Исаака Соломоновича, Юзефовича Иосифа Сигизмундовича, Шимелиовича Бориса Абрамовича, Квитко Лейба Моисеевича, Маркиша Переца Давидовича, Бергельсона Давида Рафаиловича, Гофштейна Давида Наумовича, Зускина Вениамина Львовича, Штерн Лины Соломоновны, Тальми Леона Яковлевича, Ватенберга Ильи Семеновича, Теумин Эмилии Исааковны и Ватенберг-Островской Чайки Семеновны, а также определение Военной коллегии от 3 июня 1953 года в отношении Брегмана Соломона Леонтьевича – отменить, а дело о них, на основании ст.4 п.5 УПК РСФСР в уголовном порядке прекратить за отсутствием состава преступления.

Председательствующий

А.А.Волин

Члены военный коллегии

Г.Е.Коваленко

И.А.Дашин

דאָס ערשטע און דאָס לעצטע זײַטלעך פֿון דער באַשטימונג, וועלכע עס האָט דעם 22 נאָיאַבער 1955 אָנגענומען דער אויבער־געריכט פֿון פּססר. די באַשטימונג האָט אָפּגעשאַפֿן דעם איניען מיקויעך דער „קאָנטער־רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט" פֿון ס. א. לאָזאָווסקי, אי. ס. פֿעפֿער, י. ס. יוזעפֿאָוויטש, ב. א. שימעליאָוויטש. ל. מ. קוויטקאָ, פּ. ד. מאַרקיש, ד. ר. בערגעלסאָן, ד. נ. האָפֿשטיין, וו. ל. זוסקין, ל. ס. שטערן, ל. יא. טאַלמי, אי. ס. וואַטענבערג, ע. אי. טעומין. און טש. ס. וואַטענבערג־אָסטראָווסקאַיאַ.

בערג, טש. ס. וואַטענבערג־אַסטראָווסקאַיאַ, ע. אי. טעומין. פריִער, אין 1948, זײַנען שוין אַרעסטירט געוואָרן די צוגעצויגענע לויט דעם דאָזיקן איניען אי. ס. פעפער, וו. ל. זוסקין און ד. נ. האָפשטיין.

אויסנוצנדיק דעם פאַקט פון פאַנאַנדערלאָזן דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, ווי אויך די פּאָליטישע באַשולדיקונגען און פאַלסיפיצירטע מאַטעריאַלן פון די פאַרהערן, וועלכע עס אַנטהאַלטן די אויבן אָנגעוויזענע צעטלען, האָבן וו. ס. אַבאַקומאָוו און זײַן אַרומרינגלונג באַשולדיקט די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט אין מעלוכישע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרברעכנס.

עס איז פעסטגעשטעלט, אַז בייס דער אויספאָרשונג איז גראָב געבראָכן געוואָרן דער געזעץ און עס זײַנען אָנגעווענדט געוואָרן ניט־דערלויבטע מעטאָדן אַף צו באַקומען „אָנערקענונג־באַווײַזן". ניט געקוקט דערויף, האָבן ס. א. לאָזאָווסקי, אי. ס. פעפער און אַנדערע אָפּגעלייקנט אַף די ערשטע פאַרהערן זייער פײַנטלעכע טעטיקײַט. שפּעטער האָט מען אַלעמען, כוץ ב. א. שימעליאָוויטשן, געצווּנגען זיך צו „אָנערקענען" פאַר שולדיק און צו געבן באַווײַזן וועגן שפּיאָנישער און אַנטיסאָוועטישער טעטיקײַט, וועלכע עס האָבן געפירט די מיטגלידער פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

ס. ד. איגנאַטיעוו, וועלכער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס מיניסטער פון מעלוכע־זיכערהײַט פון פססר, האָט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיט די מאַטעריאַלן פון דער אויספאָרשונג, מיטגעטיילט אין אַ בריוו פון 24 אויגוסט 1951 אַף ג. מ. מאַלענקאָווס און ל. פּ. בעריאַס נאָמען, אַז „עס זײַנען קימאַט אַבסאָליוט ניטאָ קיין דאָקומענטן, וועלכע זאָלן באַשטעטיקן די באַווײַזן פון די אַרעסטירטע וועגן דעם, אַז זיי האָבן געפירט אַ שפּיאָנישע און נאַציאָנאַליסטישע טעטיקײַט אונטער דער מאַסקע פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט", ער האָט אויך אינפאָרמירט וועגן אַן אָנגעמערקטער פאַרברייטערונג פון מאַסמיטלען לויט דעם איניען.

דעם 3 אַפּרעל 1952 האָט ס. ד. איגנאַטיעוו אָפּגעשיקט י. וו. סטאַלינען דעם באַשולדיקונגס־אויספיר, קאָפּיעס פון וועלכן עס זײַנען געשיקט געוואָרן ג. מ. מאַלענקאָוון און ל. פּ. בעריאַן. אינעם באַגלייט־בריוו איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ פאָרשלאָג וועגן דער שטראָפמאָס — צעשיסונג פאַר אַלע באַשולדיקטע, אויסער ל. ס. שטערן.

דער איניען איז דעם 1 אַפּרעל 1952 אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער מיליטערישער קאָלעגיע פונעם אויבער־געריכט פון פססר, ווו ער איז באַהאַנדלט געוואָרן פונעם 8 מײַ ביזן 18 יולי 1952 אונטער דעם פאָרזיץ פונעם פאָרזיצער פון דער מיליטערישער קאָלעגיע א. א. טשעפּצאָוו, אָן דעם אָנטייל פון פאָרשטייער פון מעלוכישער באַשולדיקונג און פאַרטיידיקונג. די מיליטערישע קאָלעגיע האָט פאַרורטיילט ס. א. לאָזאָווסקין, אי. ס. פעפערן און אַנדערע — סאַכאַקל 13 מענטשן — צו צעשיסונג, און ל. ס. שטערן צום אָפּנעמען די פרײַהייט אַף 3 מיט אַ האַלבן יאָר און די שפּעטערדיקע פאַרשיקונג אַף 5 יאָר.

עס זײַנען פאַראַן א. א. טשעפּצאָווס דערקלערונגען וועגן די מיטבאַגלייטנדיקע אומשטאַנדן באַם אַרויסטראָגן דעם דאָזיקן אורטייל. זייער טאָך באַשטייט דערין, אַז דאָס באַשולדיקן אומשולדיקע מענטשן און דאָס, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן אַן אומגערעכטיקן אורטייל, איז געווען פאַרויסבאַשטימט דורך דער העכערשטייענדיקער אָנפירונג.

ווי א. א. טשעפּצאָוו באַהויפּט אין דער דערקלערונג, וועלכע איז דעם 15 אויגוסט 1957 אָפּגעשיקט געוואָרן דעם מיטגליד פונעם פּרעזידיום פו צק קפּסס ג. ק. זשוקאָוון און — אין קאָפּיעס — אַנדערע מיטגלידער פונעם פּרעזידיום פון צק נ. ס. כרושטשאָוון, נ. א. בולגאַנינען, מ. א. סוסלאָוון, ל. אי. ברעזשנעוון, ק. אי. וואָראָשילאָוון, נ. מ. שווערניקן און א. אי. מיקאָיאַנען — האָבן ס. ד. איגנאַטיעוו און זײַן שטעלפאַרטרעטער מ. ד. ריומין נאָך ביזן אָנהייב פונעם פּראָצעס אים מיטגעטיילט, אַז לויט זייער פאָרטראָג אַף דער פּאָליטביוראָ פון צק אַלקפּ(ב) איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן דערשיסן אַלע באַשולדיקטע, אויסער ל. ס. שטערן.

אין דער דאָזיקער און אין די ווײַטערדיקע דערקלערונגען אין קאָמיטעט פון פאַרטיי־קאָנטראָל באַם צק קפּסס ווײַזט אָן א. א. טשעפּצאָוו, אַז באַ דעם באַשטאַנד פונעם געריכט זײַנען אויפגעקומען ספייקעס מיקויעך דער פולקײַט און אָביעקטיווקײַט פון אויספאָרשן דעם איניען, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט ער באַדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן אַף אַ צוגאָב־אויספאָרשונג, אָבער דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן.

לויט א. א. טשעפּצאָווס דערקלערונגען, האָט ער וועגן דער נייטיקײַט דורכצופירן אַ צוגאָב־אויספאָרשונג מיטגעטיילט דעם גענעראַל־פּראָקוראָר פון פססר ג. נ. סאַפאָנאָוון, דעם פאָרזיצער פונעם אויבער־געריכט פון פססר א. א. וואָלינען, דעם פאָרזיצער פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר נ. מ. שווערניקן, דעם סעקרעטאַר פון צק אַלקפּ(ב) פּ. ק. פּאָנאָמאַרענקאָן, דעם פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פון פאַרטיי־קאָנטראָל באַם צק אַלקפּ(ב) מ. פ. שקיריאַטאָוון, אָבער קיין אונטערשטיצונג האָט ער באַ זיי ניט באַקומען. זיי אַלע האָבן אים רעקאָמענדירט זיך ווענדן מיקויעך דער דאָזיקער פראַגע צו ג. מ. מאַלענקאָוון.

ווי א. א. טשעפּצאָוו ווײַזט אָן ווײַטער, אַז אין דער אַנוועזנהײַט פון ס. ד. איגנאַטיעוון און מ. ד. ריומינען איז ער אויפגענומען געוואָרן דורך ג. מ. מאַלענקאָוון און האָט אַרויסגעזאָגט אַרגומענטן מיקויעך דער נייטיקײַט אָפּצושיקן דעם איניען אַף אַ צוגאָב־אויספאָרשונג. אָבער ג. מ. מאַלענקאָוו האָט געענטפערט: „מיט דעם דאָזיקן איניען האָט די פּאָליטביוראָ פונעם צק זיך פאַרנומען 3 מאָל. פילט אויס דעם באַשלוס פון דער פּאָליטביוראָ".

א. א. טשעפּצאָווס דערקלערונגען געפינען אַ באַשטעטיקונג. אַזוי, לעמאָשל, האָט מ. ד. ריומין, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אינעם אויספאָרשן

דעם איניען פון ס. א. לאָזאָווסקין און אַנדערע, אנערקענט דעם 24 יול 1953, ווען מע האָט אים פאַרהערט אַלס אַ באַשולדיקטן: „ווען דער געריכט האָט זיך געפרווט אומצוקערן דעם איניען אויף אַ צוגאָב־אויספאָרשונג, בין איך באַשטאַנען, עס זאָל אַרויסגעטראָגן ווערן אַן אורטייל לויט די מאַטעריאַלן, וועלכע געפינען זיך אין איניען".

מ. ד. ריומינס געוועזענער געהילף — אי. אי. גרישאַיעוו האָט אויף אַ פאַרהער אין שײַכעס מיט מ. ד. ריומינס איניען באַווזן: „פון ריומינען איז מיר באַוווּסט, אַז בייס עס איז געגאַנגען דער פראָצעס פונעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָט כ׳ טשעפּצאָוו זיך געווענדט אין אַן אינסטאַנץ, ווו ער האָט גערעדט וועגן די כעסרוינעס און וועגן אַרויוער זײַן אַפן געזעץ, וואָס איז דערלאָזט געוואָרן אין דעם איניען, אָבער, ווי ריומין האָט מיר געזאָגט, האָט כ׳ טשעפּצאָוו קריטיקירט דעם דאָזיקן איניען ניט דערפאַר, וואָס ער איז בכלל אַ סאָפּעקדיקער, נאָר דערפאַר, וואָס די אַרעסטירטע זײַנען ניט דעמאַסקירט און די וואָרצלען פון די פאַרברעכנס זײַנען ניט אויפגעדעקט".

אין די יאָרן 1948—1952 זײַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַזויגערופענעם „איניען פונעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט" אַרעסטירט געוואָרן און צוגעצויגן געוואָרן צו קרימינעלער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט לויט דער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש און אַנטיסאָוועטישער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקײַט פיל אַנדערע פּערזאָנען פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, דערונטער פּאַרטייִשע און סאָוועטישע טוער, געלערנטע, שרײַבער, פּאָעטן, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן, אָנגעשטעלטע פון מלוכישע אַנשטאַלטן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען — סאַכאַקל 110 מענטשן. פון דער צאָל רעפּרעסירטע זײַנען פאַרורטיילט געוואָרן צו דער העכסטער מאָס פון שטראָף — 10 מענטשן, צו 25 יאָר אויסבעסער־ און אַרבעט־לאַגערן — 20, צו 20 יאָר — 3, צו 15 יאָר — 11, צו 10 יאָר — 50, צו 8 יאָר — 2, צו 7 יאָר — 1, צו 5 יאָר — 2, צו 10 יאָר פאַרשיקונג — 1, עס זײַנען געשטאָרבן אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג — 5, עס זײַנען ליקווידירט געוואָרן די

איניאַנים נאָכן אַרעסט בענעגייע 5 מענטשן. אַלע זײַנען זיי איצט רעאַביליטירט.

אין 1955 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צוגאָבלעכע דורכקאָנטראָלירונג פון דעם קרימינעלן איניען פון ס. א. לאָזאָווסקין, אי. ס. פעפערן און אַנדערע. אין גאַנג פון דער דורכקאָנטראָלירונג זײַנען געפאָרשט געוואָרן די דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, וועלכע ווערן געהיט אין די פּאַרטייִשע און מלוכישע אַרכיוון, עס זײַנען אויסגעפרעגט געוואָרן פיל פּערזאָנען, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו די געשעענישן פון יענע יאָרן, עס זײַנען געפאָרשט געוואָרן די קרימינעלע איניאַנים אויף די געוועזענע אויספאָרש־טוער, וועלכע האָבן געפירט די אויספאָרשונג פון דעם געגעבענעם קרימינעלן איניען און זײַנען פאַרמישפּעט געוואָרן אין די יאָרן 1952—1954 פאַר פאַלסיפיצירן די אויספאָרש־מאַטעריאַלן.

אין רעזולטאַט פון דער צוגאָבלעכער דורכקאָנטראָלירונג איז פעסטגעשטעלט, אַז דער איניען וועגן באַשולדיקן ס. א. לאָזאָווסקין, אי. ס. פעפערן און אַנדערע איז אַ פאַבריצירטער, און די אָנערקענונגען פון די באַשולדיקטע בייס דער אויספאָרשונג זײַנען באַקומען געוואָרן אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן.

אין העסקעם מיט דער באַשטימונג פון דער מיליטערישער קאָלעגיע פונעם אויבער־געריכט פון פּססר פאַרן 22 נאָיאַבער 1955 איז דער אורטייל בענעגייע ס. א. לאָזאָווסקין, אי. ס. פעפערן און אַנדערע פאַרמישפּעטע דעם 18 יול 1952 לויטן אַזויגערופענעם „איניען פון דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט" אָפּגעשאַפט געוואָרן אויפן סמאַך פון די אַפּסנײַ־אויפגעדעקטע אומשטאַנדן און דער איניען איז אין קרימינעלער הינזיכט ליקווידירט מאַכמעס עס איז ניטאָ קיין באַשטאַנד פון פאַרברעכן.

אין העסקעם מיט די באַשלוסן פונעם קאָמיטעט פון פּאַרטיי־קאָנטראָל באַם צק קפּסס זײַנען אין 1955 אויפגעשטעלט געוואָרן אין פּאַרטיי ס. א. לאָזאָווסקי, אי. ס. פעפער, י. ס. יוזעפאָוויטש, ל. מ. קוויטקאָ, פּ. ד. מאַרקיש, ע. אי. טערמין, ס. ל. ברעגמאַן, ל. ס. שטערן, און אין 1988 — ב. א. שימעליאָוויטש און ד. נ. האָפשטיין.

קאָמיטעט פון פּאַרטיי־קאָנטראָל
באַם צק קפּסס

אינסטיטוט פון מאַרקסיזם־לעניניזם
באַם צק קפּסס

אין דער צוגרייטונג פון די מאַטעריאַלן לויט דעם אַזויגערופענעם „איניען פונעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט" האָבן זיך באַטייליקט נ. קאָטקאָוו, ח. נאָומאָוו.

שמועל גאָרדאָן

ייִזקער

33

פֿון דער אומגעריכט אײַנגעשלאָסענער שײַן אין צימער האָט נאָסן זיך אָפּגעקערט צו דער וואַנט און באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אין קישן. גלײַך אָבער נאָכדעם האָט ער דערהערט לעבן זיך אַ טומל און שוין אײַנגאַנצן זיך אויפֿגעכאַפּט. אין צימער האָט ער דערזען דרײַ אומבאַקאַנטע לײַט. אײנער פֿון זיי, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן לעדערנעם מאַנטל מיט פּונקט אַזאַ שוואַרצן פּאַרטפֿעל אין דער האַנט, איז געשטאַנען לעבן דעם בעט. בײַם טיש, אויסגעפּוצט אין אַ ליכטיק־ווײַסן פֿאַרטעך, איז באַלעבאַטיש געזעסן דער הויף־וועכטער — אַ גוואַר מיט אַ שמאָלן אויסגעצויגע־נעם קאָפּ. דער יונגערמאַן אינעם שוואַרצן, ווי אַנטשולדיקנדיק זיך פֿאַרן אויפֿוועקן דאָ אַלעמען אינמיטן דער נאַכט פֿון שלאָף, האָט מיט אַ רויִק־געלאַסענער שטים דערקלערט:

— אַ קאָנטראָל פֿון די דאָקומענטן.

— האָדל, — האָט נאָסן, ניט אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ פֿון קישן, געזאָגט צו דער פֿרוי, זי איז געלעגן בײַ דער פֿרײַער זײַט בעט. — מײַן פּאַספּאָרט ליגט אינעם נײַעם גאַרניטער, אין דער בוזעם־קעשענע פֿונעם רעקל.

— קערט זיך ביטע, אָפּ, — אַרופֿציִענדיק אויף זיך העכער די קאָלדרע האָט האָדל האַלב זיצנדיק פֿאַרשעמט זיך געווענדעט צו די מאַנצבלען, — איך וועל גיין אַרופֿוואַרפֿן אויף זיך דאָס כאַלאַט.

מיט דער זעלבער רויִקער געלאַסנקײַט האָט דער יונגערמאַן אינעם לעדערנעם מאַנטל זי געבעטן ניט מאַכן קיין וועזן דערפֿון:

— אײַך וועט גאָרניט שאַטן. איר קענט זיך פֿרײַ אָנטאָן אין אונדזער אָנוועזנהײַט.

— זי איז דאָך אַ פֿרוי! — נאָסענען האָט אויסגעזען ביז גאָר ווילד, וואָס ער דאַרף דערפֿון דערמאָנען די יונגעלײַט, — זי איז דאָך אַ פֿרוי, — האָט ער איבער־געכאַזערט, ניט קענענדיק נאָך אַלץ באַנעמען, וואָס קומט דאָ פֿאָר, צוליב וואָס איז נייטיק געווען, קעדיי דורכצוּפֿירן די דאָקומענטן אויפֿהייבן אינמיטן דער נאַכט אַלעמען פֿון שלאָף.

— נו און אַז אַ פֿרוי, איז דעריבער? — האָבן זיך אַרײַנגעמישט די אַנדערע צוויי לײַט. — אונדז גייט עס ניט אָן. גיט אַהער אײַער דאָקומענטן!

— באַלד, באַלד, — האַלב אַ נאַקעטע, די הענט איבערגעקרייצט אויפֿן טיפֿן אויסשניט פֿון דעם קורצן נאַכט־העמד, איז האָדל אַראָפּ פֿון בעט, אַרופֿגעוואָרפֿן אויף זיך דאָס כאַלאַט, וואָס איז געהאַנגען אויפֿן וועגטל פֿונעם שטול בײַם פֿענצטער, און אין דער באַגלייטונג פֿון אײנעם פֿון די אומגעריכטע באַנאַכטיקע געסט איז זי אַרײַן אינעם אַנדערן צימער, וווּ ס'איז געשטאַנען די קליידער־שאַפֿע. דאָ האָט איך, ווי אינעם פֿאָדערשטן צימער, העל געברענט די שײַן. לייזערקע מיט פֿייגעלען זײַנען געוועזן אויף. זיי האָבן דערשראָקן געקוקט אויפֿן אומבאַקאַנטן מאַנצביל לעבן זייער מאַמע, וועלכע האָט זיך געזעסקט בײַ דער אָפֿענער שאַפֿע.

— שלאָפֿט, מײַנע שוועלבעלעך, ס'איז נאָך פֿרי. — האָדל האָט פֿאַריכט אויף זיי די אַראָפּגע־גליטשטע קאָלדרעלעך און געוואָלט אויסדרייען די שײַן. דער באַגלייטער האָט האַרב אָפּגעפֿירט איר האַנט פֿונעם אויסשליסער.

ס אָ ף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9—11, 1989, נומ. 1—2, 1990.

קיין גרונט, אַז נאָסן זאָל באַוווּנדערס זיך באַמרויִקן, קלערן, אַז די לײַט זײַנען געקומען ניט צוליב רעווידירן די דאָקומענטן, האָט דער, וואָס ס'איז געשטאַנען בײַ דער בעט און געווען צווישן די געקומענע, זעט אויס, דער עלטסטער, אים דערווײַל ניט געגעבן. נאָסן האָט זיך אַפֿילע ניט אויפֿגעזעצט, געלעגן ווי ביז דעם, בלויז אַרויפֿגערוקט זיך העכער אויפֿן קישן.

פֿון דער מינוט אָן, ווען האָדלס באַגלייטער האָט זיך אומגעקערט פֿונעם שכנישעסדיקן צימער און איבערגעגעבן דעם יונגנמאַן אינעם לעדערנעם מאַנטל נאָסנס מיט האָדלס פּאַספּאָרטן אין די האַרטע רויטע טאָוועלעך, האָבן שוין ביידע, אי ער, אי דער אַנדערער, זיך מער ניט געווענדט צו זייער עלטסטן באַם נאָמען און פֿאָטערנאָמען, וויטאַלי קוזמיטש, נאָר כאַווער מאַיאָר.

דער מאַיאָר איז זיך אַפּגיך דורכגעלאָפֿן מיטן בליק איבער האָדלס פּאַספּאָרט און אים אָפּגעלייגט אָן אַ זײַט. נאָסנס האָט ער פֿאַרהאַלטן לענגער, אַריסגעלייענט פֿון דאָרט אויף אַ קאָל שורע נאָך שורע: לעוויטין, נאַטאַן זאַכאַריעוויטש. סיזונט ביין הונדערט אַכט, אַ ייִד. פֿאַטשינאַק, סמאָלענסקער געגנט.

אַרײַנגעלייגט דעם פּאַס צו זיך אין פּאַרטפֿעל און אַלץ נאָך מיט דער זעלבער רויִקער שטים, גלײַך ער זאָל בעטן אים אַנטשולדיקן, געלאָסן געזאָגט:

— אײַך וועט אויסקומען פֿאָרן מיט אונדז.

— וווּהין? — דערזען אין דער אייגענער רעגע דורך דעם האַלב אָפֿן געבליבענעם אַרײַנגאַנג אַהער פֿון קאָרידאָרל אַ סאָלדאַט מיט אַן אָנגעטאָנענעם באַגנעט אויף דער ביקס, האָט נאָסן זיך אַפֿילע רעכט ניט אײַנגעקוקט אינעם פּאַפּירל, וואָס דער מאַיאָר האָט אַרויסגענומען פֿונעם פּאַרטפֿעל און עס אים באַוויזן. די דײַטלעך אָפּגעדרוקטע אויסיעס פֿון אויבן „עמגעבע" זײַנען פֿאַר נאָסענען געווען איבעריגע אויף צו דערקלערן, אַז דאָס אַרײַנרײַסן זיך אײַנמיטן נאַכט פֿון די דרײַ לײַט צוזאַמען מיטן געשטופּלטן הויף־וועכטער האָט קיין שום שײַכעס מיט רעווידירן די דאָקומענטן. וויאַזוי האָט ער עס אָן דעם ניט באַנומען? ער האָט ווי ווײַט מעגלעך זיך באַמיט ניט אַרויסווײַזן פֿאַר זיי זײַן צערודערטקײַט.

— האָדעלע, גיב מיר דאָס אָנטאָן.

פֿון שרעק האָט האָדל זיך אינגאַנצן פֿאַרלוירן, ניט געוווּסט, וואָס געבן אים אָנטאָן און צעטומלט געפֿרעגט:

— וועלכן אָנצוג דיר געבן?

— גיט אים, זײַט אַזוי גוט, דעם נײַעם קאָסטיום, — האָט העפֿלעך איר אונטערגעזאָגט דער מאַיאָר, — ער פֿאָרט דאָך ניט אַבי־ווּ, ער פֿאָרט אין מיניסטעריום. — און אַנבײַגנדיק זיך צו נאָסענען, וועלכער האָט שוין געהאַט זיך אויפֿגעזעצט און אַראָפּגעלאָזט די פֿיס פֿון בעט, בײַ אים געפֿרעגט:

— געווער האָט איר?

דאָס דערהערטע פֿונעם מאַיאָר איז געווען פֿאַר נאָסענען אויף אַזוי־פֿיל נאַריש, אומגעלומפּערט, אַז ער האָט ניט־ווילנדיק אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן.

דער מאַיאָר האָט עס ווי ניט באַמערקט און עטוואָס העכער שוין איבערגעפֿרעגט:

— געווער האָט איר?

נאָסן האָט אים דערוף בלויז געענטפֿערט מיט אַ שאָקל געבן שווײַגנדיק הין און הער מיטן קאָפּ און אויסגעשטרעקט די האַנט צו די הויזן פֿונעם אַרויסגאַנג־קאָסטיום, וועלכן האָדל האָט געבראַכט אים צו טראָגן. דער רויִק־געלאַסענער יונגערמאַן אינעם לעדערנעם מאַנטל האָט אַרויסגעריסן די הויזן פֿון נאָסנס הענט, אויסגעקערט אין זיי די קעשענעס, איבערגעטאַפּט יעדער נאָט אינעם אונטערשלאַק. דאָס זעלבע דורכגעמאַכט אויך מיטן רעקל, אַריסגעטרייסלט פֿון די קעשענעס אַלץ, וואָס האָט זיך דאָרט פֿאַרוואַלגערט. איטלעכס אַרויסגעטרייסלט פּאַפּירל אַרײַנגעלייגט צו זיך אין פּאַרטפֿעל. נאָסן האָט שווײַגנדיק צוגעקוקט, ווי דער מאַיאָר האָט אָפּגעשרויפֿט און אָפּגעשפּיליעט פֿונעם רעקל די שלאַכט־אָרדענס און מעדאַלן.

דער דריטער פֿון די לײַט, דער, וואָס ס'איז געשטאַנען בײַ די ביכער־פּאָליצעס, האָט, דערזעענדיק נאָסענען שוין אָן אָנגעטאָנענעם, זיך אָנגערופֿן צו האָדלען:

— אײַלט זיך צו. איר ווילט דאָך אים מיסטאַמע עפּעס מיטגעבן מיט זיך.

— און וואָס מעג איך אים מיטגעבן? — האָט זי, ניט קענענדיק בײַקומען אין זיך אויף אַ רעגע די צעטומלטקײַט, געפֿרעגט. — אויף לאַנג נעמט איר אים צו?

— פֿאַראַן אַ רוסיש ווערטל. אײַך איז עס זיכער באַוווּסט: גרייט דעם שליטן זומער און דעם וואָגן ווינטער. גיט אים מיט מיט זיך זייף, אַ ציין־בערשטל, אַ פּאָרל גרעט, אַ העמדל, שקאַרפּעטקעס. קיין פּראָדוקטן דאַרף מען ניט. קיינער שטאַרבט ניט פֿון הונגער בײַ אונדז.

— און געלט? געלט מעג איך מיטגעבן?

— אָבער ניט קיין סאַך.

— פונוואַנען קומט צו אונדז א סאַך געלט? איז וויפל מעג איך מיטגעבן?

— גיט אים עטלעכע רובל, ער זאָל האָבן אף דער ערשטער צײַט מיט וואָס צו גיין אין קלייטל. פאַראַן דאָרט בא אונדז א קלייטל.

— מיט די קינדער קען איך גיין זיך געזעגענען? — האָט נאָסן, בלײַבנדיק שטיין באַם אַרײַנגאַנג אין אַנדערן צימער, געפרעגט באַם עלטסטן.

— גייט. נאָר ניט אף לאַנג. ניטאָ קיין צײַט. אָך, יאָ, — דער מאַיאָר האָט מיטאַמאָל פאַרצאַמט נאָסענען דעם וועג באַם סאַמע אַרײַנגאַנג אין צימער צו די קינדער. — דאָ איז געהאַנגען א טיר. אַווו איז זי?

— דאָ איז ניט געווען קיין טיר.

— דאָ איז געווען א טיר!

נאָסן מיט האָדלען האָבן אומבאַמערקט זיך איבערגעקוקט. זייערע בליקן האָבן געפרעגט איינער באַם צווייטן: ווער איז נאָך געווען אין שטוב בא אונדז אויסער יעשיען, בײַס כ׳האָב פאַרברענט די טיר? מיר האָבן דאָך דערפון קיינעם ניט דערציילט, אפילע זאַלמענען.

— עפשער וועט איר אונדז זאָגן, ווו איז פונדאַנען די טיר? — האָט דער מאַיאָר זיך געווענדט שוין צו האָדלען.

אין נאָסענען האָט אויפגעוואַכט דער סאָלדאַט, דער פראָנטאָוויק, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין דער מילכאָמע דורך אַלע זיבן טריטן.

— איך האָב אײַך דאָך שוין געזאָגט, אַז דאָ איז ניט געווען קיין שום טיר. כ׳האָב געהאַט אויפגעהאַנגען דאָ א טיר בײַסן רעמאָנט. דעמלט איז זי אונדז געווען נייטיק. איצט דאַרפן מיר עס מער ניט, האָב איך זי אַראָפּגענומען.

— און פאַרברענט?

— יאָ. פאַרברענט.

— צו וואָס?

— ווײַל מיר האָבן ניט ווו זי צו האַלטן, מיר לעבן אין א קאָמונאַלער דירע. די טיר איז אומעק בא אונדז אף האַלז, — און כאָטש דער מאַיאָר האָט זיך ניט געניינטיקט, מע זאָל עס אים דערקלערן, האָט האָדל דאָך געפונען פאַר נייטיק צוגעבן: — די דירע איז אָן צענטראַלער באַהייצונג. בא אונדז איז א הרובע.

— גענוג אײַך צו כיטרעווען. — דאָס קאָל באַם מאַיאָר איז שוין געווען ניט אַזוי שטילס און געלאַסנס, אָבער נאָך אַלץ, ווי האָדלען האָט זיך אויסגעוויזן, מער מענטשלעך, ווי בא דעם, ווער כ׳האָט זי באַגלייט צו דער קליידער־שאַפע, ניט געלאָזט אויסלעשן אינעם קינדער־צימער די שײַן. — איר מיינט מיר ווייסן ניט, פאַרוואָס האָט איר אַראָפּגענומען די טיר? איר האָט זיך גערעכנט, אַז מירן קומען און מירע געהאַט, אַז מע וועט אָפּנעמען בא אײַך איין צימער. אײַער דירע איז ניט אַזוי, אַז מע זאָל זיך נאָך איר יאָגן, באַזונדערס נאָכן קלענערן צימער.

— קלײַבט אײַך צו וועלכן איר ווילט, אונדז איז עס שוין אַלציינס. זאָגט מיר נאָר, — האָט האָדל זיך געבעטן בא דעם באָכער אין ברילן, וועלכער איז געשטאַנען לעבן די ביכער־פּאָלקעס, — פאַרוואָס נעמט איר צו מײַן מאַן, לאָזט מיך איבער מיט צוויי קליינע קינדער אף די הענט? מיט וואָס האָט ער זיך פאַרשולדיקט? ער איז דאָך די גאַנצע מילכאָמע געווען אפן פראָנט, איז צוויי מאָל פאַרווונדעט. פאַרוואָס נעמט איר אים צו?

— קיין אומשולדיקע נעמען מיר ניט.

— און וואָס באַשולדיקט איר אים?

— מע וועט אים דאָרטן זאָגן.

פון אַנדערן צימער האָבן זיך דערהערט צוויי וויינענדיקע קינדערשע קעלכלעך:

— מאַ־מע.

דאָס מאָל איז פוסטריט נאָכגעגאַנגען האָדלען א צווייטער באַגלייטער, דער באָכער אין די ברילן.

ביידע קינדער, לייזערקע און פייגעלע, זײַנען געזעסן אף די בעטלעך, די אייגעלעך בא ביידן פול מיט שרעק, אַזש דאָס האַרץ האָט פאַרקלעמט. האָדל האָט זיך באַמיט עס ניט אַרויסוויַזן פאַר זיי, בלויז שטיל געפרעגט:

— פאַרוואָס שלאָפט איר ניט?

— איך וויל פּי־פּי, — האָט פייגעלע נאָך העכער זיך צעוויינט.

— צוליב דעם דאַרף מען וויינען? — און צו לייזערקען: — ביסט דאָך א גרויס ייִנגל, האָסט ניט געקענט געבן איר דאָס נאַכט־טעפּל? עס שטייט דאָך בא איר אונטערן בעטל.

— איך האָב געזוכט. סאיז ניטאָ.

— צי דען האָב איך פאַרגעסן עס אוועקשטעלן אף באַנאַכט? — האָדל האָט גענומען פייגע־

לען אױף די הענט. בײַ דער אַרױסגאַנג־טיר אין קאָרידאָר, װוּ דער טואַלעט איז, האָט דער סאָלדאַט מיטן אָנגעטאָנענעם באַגנעט אױף דער ביקס פֿאַרצאַמט איר דעם װעג.

— לאָז זי דורך, — האָט דער מאַיאָר באַפֿױלן דעם סאָלדאַט, — נאָר די טיר פֿון טואַלעט זאָל בלײַבן אָפֿן.

— און אױב איך װעל דאַרפֿן...

— אַלצײנס, — און האַרב איבערגעכאַפּט פֿאַרן סאָלדאַט דעם באַפֿעל. — די טיר פֿון טואַלעט זאָל בלײַבן אָפֿן!

אין נאָסענען האָט זיך נאָך מער צעשטורעמט דער פֿראַנטאַזיק. אָט־אָט װעט זיך פֿון אים אַרױסרײַסן אױף דער פֿרײַ דער געדאַנק, צו װעלכן ער איז געקומען, אַרױסהערנדיק דעם מאַיאָרס אָפּגעגעבענעם באַפֿעל װעגן טואַלעט. קײן שום אונטערשײד צװישן די, מיט װעמען ער האָט געהאַט צו טאָן אָפֿן פֿראָנט, און די, װעמען ער זעט איצט דאָ פֿאַר זיך. אין זײ איז אױך, װי אין יענע, ניט פֿאַרבליבן קײן סימען פֿון מענטשן. דאָס װעט אים פֿון דער מינוט אָן אַרױסקומען געדענקען די גאַנצע צײַט. אים האָט איבערגעשלאָגן טיפֿער און לענגער זיך פֿאַרטראַכטן דערהערט דעם מאַיאָרס געהעכערט קאָל:

— װוּ איז אײַער מאַנטל? גיט אים אַהער.

אױסער דער נעכטיקער „קאָמסאָמאָלקע", װעלכע פֿאַרנעמט זיך מער פֿון אַלע אַנדערע צײַטונגען מיט אױספּלעקן די עמעסע פֿאַמיליע־נעמען פֿון די פּסעװדאָנימען בײַ די ייִדן — נאָסן האָט, גײיענדיק נעכטן צו דער אַרבעט, זי צופֿעליק געקױפֿט — האָט אין די קעשענעס פֿון זײַן מאַנטל דער מאַיאָר מער גאָרניט געפֿונען. אַלצײנס אָבער האָט ער אױך די צײַטונג אַרײַנגעלײגט צו זיך אין פּאָרטפֿעל.

— װוּהין? — האָט אים בײַם אַרײַנגאַנג אין אַנדערן צימער אָפּגעשטעלט דער באָכער אין די ברילן, װער ס'האָט אַקאָרשט דורכגעלאָזט אַהין האָדלען מיט פֿײגעלען אױף די הענט.

— איר קאָנט מיר ניט פֿאַרװערן זיך געזעגענען מיט די קינדער.

— מיר קאָנען! מיר קאָנען אַלץ פֿאַרװערן! — בײַם מאַיאָר איז דאָס קאָל װידער געװאָרן אַ רױקס און געלאַסנס, — נאָר איך דערלױב אײַך. — און אין אַלײן מיטגעגאַנגען פֿאַר אַ באַגלײטער, אַפֿאַנעם, אַז אױסער, װי זיך, האָט ער נאָסענען מער קײנעם ניט אָנגעטרױט.

— ניט װײנען. דו הערסט, האָדעלע, ניט װײנען. — נאָסן האָט אַרופֿגענומען אױף די הענט אײנס נאָכן אַנדערן פֿײגעלען און לײזערקען, צוגעדריקט צו זיך, אָן אױפֿהער זײ געקושט און צולעצט אָנגעזאָגט: — איר זאָלט הערן די מאַמע. זײַן װוילע, ניט באַלײדיקן אײנס דאָס אַנדערע, זיך גוט לערנען. איר זאָלט מיך ניט פֿאַרגעסן, געדענקען. אַ גוטע נאַכט אײַך. אױ, װי איך װעל בענקען נאָך אײַך.

נאָר דאָס האָט געהערט שױן בלױז האָדל. נאָסן האָט עס געזאָגט בײַם געזעגענען זיך, שטײענדיק אױף דער שװעל פֿון דער אַרױסגאַנג־טיר צװישן דעם סאָלדאַט מיט דער ביקס און דעם פֿאַרשװין אינעם שװאַרצן לעדערנעם מאַנטל מיטן שװאַרצן פּאָרטפֿעל אין דער האַנט.

— הײבט אָן די אונטערזוכונג דערװײַל אָן מיר. איך װעל זיך באַלד צוריקקערן.

— פֿאַראַן, כאָטש מאַיאָר, — האָבן בײדע לײַט זיך גלײַך אָפּגערופֿן.

— די פּאַפּיראָסן! די פּאַפּיראָסן! — האָדלס געשרײ האָט אָנגעיאָגט נאָסענען אױף די אונטערשטע טרעפּ.

נאָסן איז שטײן געבליבן:

— דערלױבט איר איבערגעבן מיר די פּאַפּיראָסן. איך האָב פֿאַרגעסן זײ נעמען.

— גיט זײ מיר אַהער, — האָט דער מאַיאָר אַרופֿגעשריִען צו דעם באָברילטן אין דער טיר. אַרײַנגעלײגט די עטלעכע פּעקלעך פּאַפּיראָסן אין פּאָרטפֿעל, האָט דער מאַיאָר אַ זאָג געטאָן נאָסענען:

— מע װעט זײ אײַך אומקערן דאָרטן.

אינעם נאַקעטן אָפֿענעם הױף, אַנטקעגן דעם אַרײַנגאַנג פֿונעם צװײגאָרנדיקן הילצערנעם הױז, האָט געװאַרט אַ לײַכטע מאַשין פֿון דעם זעלבן שװאַרצן קאָליר, װי דער לעדער־מאַנטל אָפֿן מאַיאָר. דער מאַיאָר האָט געעפֿנט דאָס הינטערשטע טירל, דורכגעלאָזט צום ערשטן אַהין נאָסענען. לעבן אים האָט פֿאַרנומען דאָס אָרט דער סאָלדאַט, האַלטנדיק פֿאַרקװעטשט די ביקס צװישן די פֿיס, נאָר אָן דעם שטאַרצנדיקן באַגנעט. אַ פּרוּװ געטאָן אַ פּאָר מאָל דאָס טירל, צי ס'איז גוט פֿאַרהאַקט, האָט דער מאַיאָר זיך אַװעקגעזעצט לעבן שאָפֿער און די מאַשין מיט די אָנגעזונדענע פֿאַרעס האָט פֿאַרלאָזט דעם הױף.

צוגעפֿאָרן צום ראָג פֿון טרובניקאָװער געסל, האָט די מאַשין פֿאַרקערעװעט אױף לינקס און אַ יאָג געטאָן איבער דער באָנאַכטיקער, פּריש־פֿאַרשנײטער אַרבאַט־גאַס. דורכן שײַבל אין דעם טירל האָט נאָסן נאָכגעפֿאָלגט נאָך די דערשראָקן־אָפּליפֿנדיקע אױף הינטער הױכע און נידעריקע

הײַזער מיט אויסגעלאָשענע פענצטער. אפֿן גאַנצן װעג האָט זיך ניט באַגעגנט קײן אײן מענטש, װי זײ זאָלן געװען פֿאַרן דורך אַן אױסגעשטאָרבענער גאַס. אין אײנעם א פענצטער פֿון די פֿאַרבײַלױפֿנדיקע הײַזער איז ענדע גאַס האָט היגטער אַן אָראָפּגעלאָזט פֿאַרהענגל א פּינקל געטאָן א פּיַערל. נאָסן האָט בעשום־אופֿן ניט געקענט זיך דערמאָנען, װער פֿון די יִידישע שרײַבער װױנט אױף אָרבאַט. נאָר פֿאַרװאָס קלערט ער, האָט נאָסן אין דער אײגענער רעגע זיך געפֿרעגט, אַז בלױז נאָך די יִידישע שרײַבער גײט אָן א געיעג, אַז בלױז זײ און די, װעלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער יִידישער ליטעראַטור און קולטור, הײבט מען אױף אינמיטן דער נאַכט פֿון די געלעגערס? ביז דעם נײַעם געיעג, דער נײַער מאַגײפֿע, האָט די װעלבע מאַשין, אין װעלכער מע פֿירט אים איצט, געװיס דאָך ניט געדרוס, און װיפֿל אַזעלכע מאַשינען האָבן זיך דורכגעטראָגן אין די נעכט איבער די אָנגעשראָקענע האַלבװאַכיקע גאַסן פֿון שטאָט. װען ס'זאָל גײן בלױז װעגן די יִידישע שרײַבער און יִידישע קולטור־טוער, װאָלט מען פֿאַר אײן נאַכט געקענט זײ אַלעמען פֿאַרנעמען, און א סאָף.

אַזױ איז שױן, אַפּאָנעם, דער מענטש. ביז װאַנען דער אומגליק קלאַפּט ניט אָן אין דער אײגענער טיר פֿאַרגעסט מען זיך אין אים. אָבער ניט אַלע. אָט ער, אַשטײגער, פּונקט װי ער האָט ניט פֿאַרגעסן קײנעם פֿון די צוגענומענע ביז הײַנט פֿונעם שרײַבערישן שיװעס, צו װעלכן ער געהערט, אַזױ האָט ער אױך ניט פֿאַרגעסן די בײדע רוסן און דעם אַרמענער פֿון דער טיפּאָגראַפֿיע, װעמען מע האָט צוגענומען גלײַך פֿון דער אַרבעט מיט א פּאָר װאָכן צוריק.

די מאַשין לױפֿט אַרױף אױפֿן פּלאַץ אַרבאַט. די װײַזערס פֿונעם גרױסן עלעקטרישן זײגער אױפֿן סלופּ אַנטקעגן דעם ברױט־מאַגאַזין גיבן אָן, אַז ס'איז איצט פּונקט א פֿערטל אױף פֿיר. פֿון דער מינוט, װי מע האָט אים אױפֿגעהױבן פֿון שלאָף, איז דורך אַמהעכסטנס א האַלבע שעה. קומט אױס, אַז ס'איז קײן דרײַ אַזײגער ניט געװען נאָך, װען די לײַט האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב, ניט אָנקלאַפּנדיק אַפֿילו אין דער טיר. אױף באַנאַכט איז בלױז די דרױסן־טיר פֿון קאָרידאָר געװען פֿאַרשלאָסן. די שטוביקע טיר האָבן די שכנים אױף באַנאַכט קימאַט קײנמאָל ניט פֿאַרקײַטלט. נאָר װיאַזױ האָבן די לײַט אין דער פֿינצטער זיך גלײַך אָנגעשטױסן, װוּ איז דער אײַנשליסער פֿון דער ליכט? דאָס האָט געדאַרפֿט עמעצער זײ אַפֿריִער אונטערזאָגן, פּונקט װי מע האָט זײ פֿאַרפֿריִער אונטערגעזאָגט, אַז צװישן די בײדע צימערן איז געװען א טיר און אַז ער האָט זי פֿאַרבױנט. איסער שיִען איז מער קײנער ניט געװען, בעשאַס ער האָט זי פֿאַרבױנט, אַפֿילו זאַלמענען דערפֿון ניט דערצײלט, ס'איז פּאַשעט ניט אױסגעקומען. װער נאָך, איסער שיִען, האָט געקענט זײ עס אױסגעבן?

רױפֿל מאָל האָט זאַלמען אים געװאָרנט, געגעבן אַפֿילו איבערלײענען אױזערס העפֿטל, און ער, נאָסן, האָט אַלץ ניט געגלײבט. שיִע איז דאָך ניט קײן פֿרעמדער, ניט קײן זײַטיקער מענטש אין דער שרײַבערישער מישפּאָכע, נאָר אַן אײגענער, און דאָס איז אין דעם דאָס סאַמע שרעקלעכסטע, װאָס לאָזט זיך ניט אײַנגאַנצן באַנעמען אױך איצט. פֿאַר נאָסענען איז איצט אָבער זײער נײטיק עס באַגרײַפֿן, עס װיסן. נאָר װאָס קומט אַרױס דערפֿון, װאָס אַצינד גלײבט ער שױן יאָ אין דעם? איסער װי זיך, קען ער דאָך מער קײנעם ניט װאָרענען. האָדל? זי װעט מײרע האָבן. זי איז א מאַמע פֿון צװײ קינדער.

װער איז ער אָבער פֿאַרט, שיִע? גלאַט א מאָסער, א געקױפֿטער פֿאַר געלט, צי ער איז אױך א קאָרבן פֿון דער צײַט? נאָר געװעכט איז, דאַכט זיך, זאַלמען. יעדעס מאָל, װען ס'פֿלעגט קומען דערפֿון צו רײד, האָט ער דערמאָנט הײנעס א זאָג װעגן צאַדיקים און רעשאָים. װעגן יִידן מיט זיבעריע נעשאָמעס, מיט װעמען עס גרױסט זיך דאָס פֿאָלק, און װעגן יִידן מיט פֿאַרדאָרבענע נעשאָמעס, פּסױלעס, װעלכע דאָס פֿאָלק טרײסלט פֿון זיך אָפּ.

די הײַזער לױפֿן פֿאַרבײַ אַלץ גיכער און גיכער. די מאַשין לאָזט ניט פֿאַרהאַלטן דאָ אױף עפּעס דעם בליק קײן איבעריקע מינוט. אָט אײַלט זי שױן דורך די קאָמינטערן־גאַס און װעט באַלד פֿאַרקערעװען אױף מאָכאָװאַיאַ, פּונװאַנען דער װעג צום גרױען מױער, װוּהין מע פֿירט אים, איז א גלײַכער, בלױז א ביסל אַן אַרופּבאַרגיקער. װיפֿל מאָל איז ער פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָ יעדעס הױז... אָט איז דורכגעלאָפֿן פֿאַרבײַ דער ליכטיקער מױער פֿונעם „װאָיענטאָרג". מיט יאָרן צוריק האָט ער אױף אַן אָרדער פֿונעם שרײַבער־פֿאַרײן, צי פֿונעם ליטפֿאָנד, געקױפֿט דאָרט א פּאָר געלע שיך אױף ספּירטאָװע פּאָדעשװעס. א װעלט מיט פֿרילינגס און זומערס האָבן זײ אים אָפּגעדינט. און אָט איז רעכטס פֿון אים פֿאַרבײַגעלאָפֿן דאָס הױז פֿונעם אַמאָליקן קאָמינטערן. ער איז אױך געװען צװישן די, װער ס'איז געקומען באַגריסן דעם באַפֿרײַטן פֿון דער בירזשאַזער טורמע אָנפֿירער פֿון דער אונגאַרישער רעװאָליוציע בעלאַ קונען. פֿון דעם באַלקאָן, װעלכן נאָסן זעט איצט פֿאַר זיך אינעם שאָפֿערס שפּיגל, האָט בעלאַ קון געפּאַכט מיטן היטל צו די פֿאַרזאַמלטע.

דער מאַיאָר מיטן שאָפֿער זײַנען שױן אַזױ געװױנט צו דער באַנאַכטיקער אַרבעט, אַז זײ איז אַלצײנס, צי איצט איז טאָג, צי נאַכט, פּונקט װי זײ איז לאַכלוטן אַלצײנס, װעמען האָבן

זיי אויפֿגעהויבן פֿון בעט און אוועקגעפֿירט. קאָן זײַן, אַז זיי ווייסן אַליין ניט פֿאַרוואָס. זיי ווייסן בלויז, אַז דעם, וועמען זיי פֿירן אַהין, קערט זיך וועלטן פֿון דאָרט צוריק אום. נאָר דער סאָלדאַט לעבן אים, דוכט זיך נאַסענען, האָט זיך יאָ פֿאַרקלערט. דעם סאָלדאַט וואָלט זיכער פֿאַרוווּנדערט דערהערן פֿון אים, אַז ניט וועגן דער איבערגעבליבענער פֿרוי און די קינדער האָט ער זיך נאָסן פֿאַרטראַכט, ער קען איצט דערפֿון ניט טראַכטן. ס'איז שרעקלעך דערפֿון צו טראַכטן. ניט דערמיט איז ער דעם גאַנצן וועג פֿאַרנומען און אין דעם איז איצט די איינציקע רעטונג זײַנע.

אויף וויפֿל ער ווייסט, האָט זעלטן־ווען געטראָפֿן, אַז מע זאָל קומען פֿון דאָרטן נאָך איינעם. קומען פֿלעגט איינע און די זעלבע מאַשין נאָך צווייען, נאָך דרײַען, צו וועמען מיט אַ שאָ פֿריִער, צו וועמען מיט אַ שאָ צי צוויי שפּעטער. אויב ער איז הײַנט בײַ זיי דער ערשטער, איז ווער וועט זײַן בײַ זיי דער צווייטער פֿון די, וועלכע זײַנען ביז הײַנט, באַגלײַך מיט אים געווען אויף דער פֿרײַ און וועמען ער האָט צום לעצטן מאָל געזען בײַ דער באַגעגעניש אינעם שרײַבער־קלוב מיטן מעגושעמדיקן בוינע־יונג מיט די פֿאַרבאַנדאַזשירטע הענט? ווער? דאָס פֿאַרליבטע פּאָרל, דער מאַרקסיסטישער פּרומאַק נויעך מיט דער טומלענדיקער דיכטערין מערי זיכער ניט. כאַימקע יונגבאַטש? כאַטש... נאָר ניין. מייער אַרענס? לויטן אַרט, וועלכן ער פֿאַרנעמט אין דער מיזרעך־וואָגנט פֿון דער ליטעראַטור, גייט ער באַשטימט אונטער. זאַלמען גייט אָבער אויך אונטער, ביפֿראַט, אַז זאַלמען האָט זיך נאָענט געכאַווערט מיט אים, נאַסענען, וועמען מע פֿירט שוין אַהין. קוים האָט יעשיִע א שײַכעס דערצו, וואָס עס קומט פֿאַר מיטן שיוועט פֿון די ייִדישע שרײַבער, דאַרף מען אים ניט אונטערזאָגן, אַז זאַלמען איז געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער צו אים, נאַסענען, אין שטוב און איז נאָענט באַפֿרײַנדעט מיט דער טאָכטער פֿון אַ סינע פֿון פֿאָלק. שיִע האָט צוליב עלישען ביכלאַל אַן אויג אויף זאַלמענען.

סאָפּקאָלסאָף האָט דער מוירעדיקער געדאַנק, וועלכן נאַסן האָט ביז איצט צו זיך ניט צוגעלאָזט, פֿאַרט זיך דורכגעריסן און פֿאַרטראָגן אים אַהיים... פֿייגעלע מיט לייזערקען שלאָפֿן ניט, פֿאַרשטייט זיך. זיי זיצן אין די בעטלעך און קוקן צו, ווי די צוויי פֿאַרבליבענע לײַט, דער הויכער סטודענטער יונגערמאַן און דער אַנדערער אין די ברילן זוכן און נישטערן אין אַלע ווינקעלעך, קלאַפּן אויס די ווענט, בלעטערן איבער די ביכער, וואַרפֿן אַרויס פֿון לייזערקעס שילערישן ראַנעצל זײַנע העפֿטן און לערנביכער, טרייסלען זיי אויס. צו וואָס בלעטערן זיי איבער די ייִדישע ביכער? זיי וועלן דאָך סײַווי אוועקלאָזן זיי מיטן פֿײַער. דעם יאַפּאַנישן בוך וועלן זיי אין פֿײַער ניט וואַרפֿן. ער קען זיי צוניץ קומען ניט נאָר קעגן אים. געדאַרפֿט געווען דעמאָלט עפּשער פֿאַרברענען? ניין, נאַסענען פֿאַרדריסט ניט, וואָס ער האָט אים אויסגעהיט פֿון פֿײַער. ניט צוליב דעם האָט ער זיך געשלאָגן אויף דער מילכאָמע, אַז ער זאָל נאָך דער מילכאָמע ווי די דײַטשן ברענען ביכער.

דאָס איינציקע, פֿאַר וואָס ער האָט מוירע, אַז האָדל זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט. ווי געהיט און פֿאָרזיכטיק זי איז ביז אַהער ניט געווען, איז קאָן מען אַזעלכס פֿון איר גראַדע דערוואַרטן. איר וועט דאָך עס סײַווי גאָרניט געבן. זי קען דערמיט אי זיך, אי אים בלויז מאַכן ערגער. וועגן זיך טראַכט ער ניט, אָבער זי... אויף אירע הענט זײַנען דאָך פֿאַרבליבן צוויי קליינע קינדער. „לאָז זיך ניט פֿאַרפֿירן, האָדעלע, דו ביסט דאָך בײַ מיר אַ כאַכאָמע". נאַסענען האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט עס אַפֿילע אַרויסגעבראַכט אויף אַ קאָל.

„איז ווער פֿון אײַך ביידן איז הײַנט צוזאַמען מיט מיר אַוועק, צי וועט אַוועק אַהינצו? דו, זאַלמען, צי איר, מייער?"

פֿאַר מייערן איז ער רויִק. מייער אַרענס איז געווען אַפֿן פֿראָנט און ווי ער, נאַסן, ניט קיין מיטאַרבעטער אין אַן אַרמייִשער צײַטונג, נאָר אַפֿן שלאַכטפֿעלד. מייערן איז ניט אַזוי פּאָשעט אָנשרעקן, ניט אַזוי פּאָשעט אײַנברעכן. מיט זאַלמענען איז ער ניט אַזוי זיכער. אים קענען זיי אײַנברעכן. זיי האָבן דאָרט מיט וואָס אײַנצוברעכן, אַז מע זאָל זאָגן אויף זיך אַלץ, וואָס זיי וועלן פֿון אים פֿאָדערן. ער וויל אָבער ניט דערלאָזן, קאָן ניט דערלאָזן, אַז זאַלמען זאָל, אויסער זיך, נאָך עמעצן אָנרופֿן. און פֿאַר די, וווּהין מע פֿירט אים איצט, נאַסענען, איז דאָס סאַמע ווichטיקסטע אָנרופֿן נעמען, וואָס מער נעמען. וועגן דעם האָט אויף דער פּוירים־סודע, ווען אַלע זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, בעסאָד־סוידעס אים דערציילט דער געוועזענער יעווסעק, שאַמײַ בינקין, דערציילט, וויאַזוי דאָרט גייט צו די אויספֿאָרשונג. שאַמײַ האָט מיט זײַן דערציילן דערפֿון בײַ צײַטנס ווי צוגעגרייט אים דערצו. קענטיק, בינקין איז זיכער, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט קיינעם ניט אויסמײַדן דאָס וועלט־באַרימטע הויז אַפֿן לוביאַנקער פּלאַץ, אין פֿאַרגלײַך מיט וועלכן, ווי שאַמײַ האָט געזאָגט, איז דער גענעם אַ גאַניידן. שאַמײַ האָט אָבער באַלד צוגעגעבן, אַז ער ווייסט ניט, וויאַזוי גייט דאָרטן איצטער צו. דאָס, וואָס ער דערציילט, איז וועגן דער ערשטער מאַגייפֿע פֿאַר דער מילכאָמע, בײַס יעטווידער, פֿאַר דעם, ווי ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון אָט דעם הויז, האָט איבערגעכאַזערט פֿאַר זיך: „פֿאַרלאָז, בען־אָדאָם, אַלע דײַנע האָפֿענונגען איידער דו גייסט

אַהער אַרײַן". און פֿאַרענדיקט דערציילן האָט שאַמײַ דערמיט, אַז באַהיט גאָט אַרײַנפֿאַלן צו אַן אויספֿאָרשער אַ ייִדן.

ווען זאַלמען זאָל געווען בײַזײַן, וואָלט ער שאַמײַען געבראַכט הײנעס אַ זאָג וועגן ייִדן צאַדיקים און ייִדן רעשאָים. אָבער ער, נאָסן, האָט געענטפֿערט דערויף שאַמײַען: אין טאַכאַם אין, שײַן טאַכאַם שיין. דער, וועד ס'וועט אופֿהײבן אַף אים דאַרטן אַ האַנט, וועט בלײַבן אָן אַ האַנט. אים איז אײנמאָל אויסגעקומען גיין אין אַ האַנט־געפֿעכט. קײנער ווייסט ניט אַף אַזויפֿיל, וואָס איז אַזוינס מילכאָמע ווי דער, וועד ס'האָט זיך געשלאָגן מיטן סוינע אין אַ האַנט־געפֿעכט. איבּ אומקומען, איז צוזאַמען מיטן מערדער און ניט ווי קײן קנעכט.

אים ווונדערט ניט, וויִאַזוי קען ער פֿון דעם אַלעם קלערן, ווען אין שטוב בא אים זיצן דער־שראַקענע לײזערקע מיט פֿײגעלען. דאָס ניט טראַכטן דערפֿון איז פֿאַר אים איצט פֿאָרט די אײנ־ציקע רעטונג ניט אַראָפּצופֿאַלן בא זיך.

די מאַשין איז שוין אַרופֿגעלאָפֿן אַפֿן סווערדלאָוו־פּלאַץ און אַ יאָג געטאָן באַרג־אַרויף צו דעם גרויען מויער מיט די געלבלעכע פֿײַערלעך אין די פֿענצטער.

אין אַ מינוט אַרום האָט די מאַשין זיך אָפּגעשטעלט האַרט באַם טראָטואַר.

אין דער זעלבער אָרדענונג ווי נאָסן איז אַרויס פֿון שטוב איז ער אויך אַרויס פֿון דער מאַ־שין. צווישן דעם מאַיאָר מיטן שוואַרצן לעדערנעם פֿאַרטפֿעל און דעם סאָלדאַט מיט דער ביקס אין דער האַנט.

די הויכע האַלבע טיר מיט די פֿאַרהאַנגענע פֿענצטערלעך האָט ווי פֿון זיך אַלײן זיך לײַכט געעפֿנט. אײדער נאָסן האָט געמאַכט אַ טראָט צו איר, האָט ער ניט־ווילנדיק אַ קוק געטאָן אַפֿן געזימס, ווי ער זאָל זיך ריכטן דערזען דאָרט דאָס שילדל מיטן אויפֿשריפֿט: „פֿאַרלאָז, בען־אָדאָם, אַלע דײַנע האָפֿענונגען, אײדער דו טרעטסט אַריבער דאָ די שוועל".

34

— גאָט מײַנער, ווי גיט מען עס אַ גאַנצן טאָג ניט צו הערן פֿון זיך! כ'האָב דאָך ניט גע־חוּסט שוין, וואָס איבערצוקלערן.

נאַדיעס צערודערטקײט האָט זאַלמענען ניט פֿאַרוווּנדערט. ער האָט געקענט זיך ריכטן דערויף, כאָטש פֿאַר די יאָרן, פֿון זינט זײ זײַנען באַפֿרײַנדעט, האָט ער ביז ניט לאַנג נאָך צוריק, ווי שפּעט ער זאָל ניט געווען זיך ערגעץ פֿאַרהאַלטן, זעלטן־ווען געגעבן איר פֿאַרפֿריִער דערפֿון צו וויסן. ער זאָל אַפֿילע ניט געווען אײנגאַנצן קומען נעכטיקן צי ביכלאַל פֿאַרפֿאַלן ווערן אַף עטלעכע טעג, וואָלט נאַדיע אים אויך ניט אויסגערעדט. סאָפּקאָלסאָף זײַנען זײ ניט קײן געזעצלעכע מאַן און ווײַב, יעדערער איז פֿרײַ זיך אויפֿירן אַזוי, ווי ער האַלט פֿאַר נײטיק. זײ זײַנען אָבער געווען איבערגעגעבן אײנער דעם צווײטן מער עפּשער ווי מאַן און ווײַב, ניט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז שוין דאָס ווּפֿלטע יאָר, אַז זײ לעבן ניט אונטער אײן דאַך, באַגעגענען זיך בלויז פֿון מאָל צו מאָל. נאָר אויך לעבנדיק באַזונדער, יעדערער בא זיך אין דער דירע, האָט זאַלמען געפֿילט איר ליבע צו אים, וועלכע האָט לעצטנס אַלץ מער דערמאָנט מיט זיך די ליבע פֿון אַ מוטער צו אַ קינד. בלויז אַזוי האָט זאַלמען עס געקאָנט אופֿנעמען נאָך דעם, ווי נאַדיע האָט אים ניט לאַנג צוריק געפֿרעגט, פֿאַרוואָס זאָל ער ניט כאַסענע האָבן פֿאַר עלישען. זאַלמען האָט געוווּסט, אַז, פֿרעגנדיק עס, האָט נאַדיע ניט דערוואַרט פֿון אים הערן, אַז ווען ער זאָל זיך קלײַבן כאַסענע האָבן, וואָלט זי געווען זײַן אויסדערוויילטע. כוץ דעם, וואָס זי איז אַף היפּשע עטלעכע יאָר על־טער, איז זי ניט פֿון יענע שײנהײַטן, אין וועמען מע פֿאַרליבט זיך פֿונעם ערשטן בליק ווי אין פֿעפֿען, צי אין דער טאָכטער אירער, אין עלישען, אַשטײגער. נאַדיע איז געווען גליקלעך דער־מיט, וואָס דער גוירל האָט זי בײס דער מילכאָמע צונויפֿגעפֿירט מיט זאַלמענען, וועד ס'איז גע־ווען פֿאַר איר דער שענסטער און בעסטער פֿון אַלע מענטשן אַף דער וועלט, וויסנדיק דערבײַ פֿאַרפֿריִער, אַז ס'איז בלויז אַף אַ צײַט, אַז יעטווידן טאָג קאָן זי אים אָנווערן.

פֿון יענער נאַכט אָבער, ווען ער איז צום ערשטן מאָל פֿאַרבליבן בא איר נעכטיקן, איז שוין אַריבער ניט אײן יאָר און דערווײַל איז ניט געווען נאָך דער פֿאַל, אַז זאַלמען זאָל זי פֿאַר איר גוטסקײַט און איבערגעגעבנקײַט ניט צאָלן מיטן זעלבן. פֿאַרשטײט ער טאַקע ניט, וויִאַזוי האָט גע־קענט זיך פֿאַרלויפֿן, אַז ער זאָל איר אײן מעשעך פֿון טאָג קײן אײן מאָל ניט געווען אָנקלינגען? ער ווייסט דאָך ווי זי לעבט איבער פֿאַר אים, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שרעקלעכער אומ־גליק, דער ווילדער געיעג אַף די ייִדישע שרײַבער און ביכלאַל אַף ייִדן. זי האָט זיך דערפֿון אַזויפֿיל אָנגעהערט אַף דער אַרבעט און אין גאַס, אַז ס'זײַנען געווען טעג, ווען זי האָט מוירע

געהאט אים ארויסלאָזן פון שטוב, און איב זאַלמענען איז ביז גאָר געווען נייטיק ערגעץ צוגיין, האָט זי אים באַגלייט. איז וויאַזוי טאַקע האָט ער אין אזא צײַט געקאָנט דעם גאַנצן טאָג ניט געבן איר וועגן זיך צו הערן? מיסטאָמע האָט ער ניט געהאַט אונטער דער האַנט פונוואַנעט אַנצוקליגען. ער איז דעם גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן אין דער לענין־ביבליאָטעק. צי וואָס איז אים נייטיק געווען פונסנײַ לייענען דאַנטען, אויב ער ווייסט אים, ווי ער האָט געהאַט פאַרטראַכט, ניט איבערזעצן אין ייִדיש, האָט זאַלמען אליין ניט באַנומען. ער האָט עס איצט פּאָשעט געדאַרפט אַף צו פאַרקלאַפּן זיך דעם קאָפּ, אָפּשטופּן מיט עפּעס נאָך איין טאָג אין לעבן. הײַנט איז עס פאַר אים געווען דאַנטע, מאָרגן וועט זײַן שעקספּיר, איבערמאָרגן פּושקין, דידראָ, לערמאָנטאָוו...

— א גאַנצן טאָג, אַז ער האָלט דיר אין איין קלינגען, — באַ נאַדיען האָט געציטערט דאָס קאָל. — א מינוט צען פאַר דײַן קומען האָט ער ווידעראַמאָל אָנגעקלונגען.

— ווער? — באַ זאַלמענען האָט זיך שיר ניט אַרויסגעכאַפּט: „מאַרטין קאָנסטאַנטינאָוויטש?”

— כ׳האָב אים געפרעגט, ער האָט זיך אָבער ניט אָנגערופן. ווער קען עס זײַן און וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?

— ווי קען איך וויסן? — זאַלמען האָט געזען ניט אַרויסווײַזן פאַר נאַדיען די אָנגעלאָפענע שרעק. — כ׳פאַרשטיי פּאָשעט ניט, ווער האָט געקאָנט קלינגען מיר אַהער. אויסער נאָסענען, ווייסט קיינער ניט פון מײַנע באַקאַנטע דעם נומער פון דײַן טעלעפאָן.

— ווי קלערסטו, ווען דאָס זאָל געווען זײַן נאָסן, וואָלט איך ניט דערקענט זײַן שטים, צי ער וואָלט זיך ניט אָנגערופן?

— און נאָך וואָס האָט ער מיך אזוי נייטיק באַדאַרפט, וויבאַלד ער האָט מיר עטלעכע מאָל געקלונגען, האָט ער דיר ניט געזאָגט?

— ער האָט געבעטן דיר איבערגעבן, אַז דו זאָלסט אומבאַדינגט צוגיין הײַנט צו די לעוויטינס.

— דאָס, זעסטו, פאַרשטיי איך שוין אינגאַנצן ניט. — און א ביז גאָר פאַרכידעשטער געפרעגט ניט אזוי באַדיען, ווי זיך: — אויב נאָסן דאַרף מיך אזוי נייטיק, פאַרוואָס זשע האָט ער אליין ניט אָנגעקלונגען, נאָר געבעטן וועגן דעם א צווייטן? סײַדן ער איז ניט געזונט. האָט דאָך האָדל געקענט אָנקלינגען. מאָדנע, זייער מאָדנע.

— מיר האָט עס אויך אויסגעזען שטאַרק מאָדנע! איך האָב זיי עטלעכע מאָל אָנגעקלונגען, קיינער רופט זיך ניט אָפּ.

— זאָגסטו, אַז דער זעלבער מענטש האָט ניט לאַנג צוריק זיך ווידעראַמאָל אָנגעפרעגט אַף מיר? — זאַלמען האָט אַראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, און ווי אים האָט זיך ניט געגלוסט קלינגען נאָסענען פונדאַנען, האָט ער פאָרט א דריי געטאָן דעם דיסק מיט די אויסיִעס און ציפערן זעקס מאָל.

אויך אַף זײַן קלונג האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן.

— ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אַז קיינער פון זיי זאָל דעם גאַנצן טאָג ניט זײַן אין שטוב, וויבאַלד מע האָט געבעטן מיר קומען. מיסטאָמע איז דער טעלעפאָן קאַליע געוואָרן. מע דאַרף אַפּאַנעם צופאָרן.

— איך וועל פאָרן מיט דיר. — נאַדיע האָט זיך געלאָזט צום הענגער אַראָפּנעמען איר מאַנטל.

— מע דאַרף ניט, — האָט זאַלמען זי אָפּגעשטעלט, — עס האַלט נאָך ניט דערווײַל באַ קיין פּאַגראָם. כ׳זאָג דיר צו, אַז כ׳וועל דיר גלײַך געבן צו וויסן.

אַף יעדן פאַל, פאַר דעם ווי זאַלמען האָט זיך געלאָזט פאָרן, האָט ער פון גאַס אָנגעקלונגען צו נאָסענען פון א טעלעפאָן־אויטאָמאַט. ווידער האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן. אויסגעוואַרט עטלעכע מינוט און פונסנײַ אָנגעקלונגען. אויך דאָס מאָל האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן. אויסוואַרטן און ווידער אָנקלינגען האָט ניט קיין זין, און זאַלמען האָט זיך אַרופגעכאַפּט אַפן טרעפּל פון טראַמווײַ, ווען ער האָט זיך שוין גערירט פון אָרט.

אין א האַלבער שעה אַרום האָט זאַלמען פאַרסאָפּעט זיך אופגעהויבן מיט די הויכע הילצערנע טרעפּ צו נאָסענען.

די טיר אין קאָרידאָר פון דער קאָמונאַלער דירע איז, ווי שטענדיק, ביז שפּעט אין אָוונט געווען נאָך אָפן. ניט פאַרשפּאַרט, ווי שטענדיק, איז געווען אויך די טיר פון נאָסנס וווינונג. און כאָטש זאַלמען האָט עס געוווּסט, האָט ער אָבער אויך נאָך דעם, ווי קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן אַף זײַן אָנקלאַפּן, אליין די טיר ניט געעפנט, נאָר אָנגעקלאַפּט א צווייט מאָל, בלויז מער שטאַרקער.

פון אינווייניק האָט זיך דערהערט א שטים. זאַלמען האָט ניט גלײַך דערקענט, אַז דאָס איז האָדלס קאָל.

אופגעעפנט די טיר, איז זאַלמען שטיין געבליבן, ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל. דאָס דער־

זעענע אין אָט דער רעגע פֿאַר זיך האָט אים ווידער דערמאָנט, ווי בײַ זײַן אַרײַנקומען צו רעפֿאָעל אַכרימאָוון אָפּנעמען דאָס בריוול פֿאַר פּינכעס מאַשבערגן, אינעם שאַבעס ראָשכוידעש עלול בענטשן, בײַס אין שטעטל צו זיי איז אַרײַן אַ הוליע טאָן אַ פּאָר שאָ זעליאָגיס באַנדע. פֿון די הארוגים בײַ די הײַזער און אין די גרובנס האָט זיך אים ביז איצט פֿאַרגעדענקט דער זייגערמאַכער, וואָס איז געקומען זיך אויסבאַהאַלטן צו זיי אין אָרעמען שטיבל הינטערן אַלטן בעסמעדרעש און דאָ בײַ זיי אין שטיבל האָט אים געטראָפֿן די קויל. דער זייגערמאַכער איז געלעגן אין פּירהויז אויף דער שוועל מיט אַ פֿאַרבלוטיקט מויל און אָפֿענע פֿאַרגלאָצטע אויגן, פֿול מיט טײַנעס צו דעם, ווער ס'האָט זיך פֿאַרקליבן אַנטקעגנבער הינטער דער וואַנט אינעם אָרן־קוידעש צווישן די סייפֿערטוירעס, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט דער שוועדד געשענקט דעם אויסדערווילטן פֿאָלק זײַנעם יִיסראָעל. פֿאַר וועמען און קעגן וועמען איז צוזאַמען מיט דער טוירע געווען אַראָפּגעשיקט די שווערד?

צי ניט די זעלבע שווערד פֿון דער טוירע, וואָס איז זיך דעמלט דורכגעגאַנגען איבער די שוצלאָזע ייִדישע שטעט און שטעטלעך און וויפֿל מאָל ביז דעם איבער די ייִדישע קעהילעס און געמיינדעס, גייט זיך איצט פֿראַנק און פֿרײַ דורך איבער אַלעמען, ווער ס'האָט אַ שײַכעס צו ייִדיש און זיך פֿאַרמאָסטן אויסראָטן אַלץ, וואָס איז ייִדיש?!

בײַ נאָסענען, פּונקט ווי בײַ רעפֿאָעל אַכרימאָוון אין יענעם אינדערפֿרי, איז אַלץ געווען צעוואָרפֿן, צעשלײַדערט, די ביכער־פּאָלקעס אויסגעלײדיקט. אויף דיל האָבן זיך געוואַלגערט שיימעס פֿון ספֿאָרים. בײַ זאַלמענען האָבן, ווי בײַ זײַן טאַטן, די ייִדישע ביכער געהייסן ספֿאָרים, און די אַרויסגעפֿאַלענע בלעטלעך — שיימעס. איבער איינער אַ שיימע האָט זײַן טאַטע, אַלעווהאַשאָלעם, אין פֿינפֿטן יאָר געכאַפּט פֿון אַ קאַזאַק אַ שמיץ פֿון אַ נאַהײַקע. דאָס בלעטל, וועלכס דער טאַטע האָט אויפֿגעהויבן אין גאַס פֿון דער ערד, איז געווען ניט פֿון קיין סייפֿער, ניט קיין שיימע, נאָר אַ פּראָקלאַמאַציע. דעם טאַטן איז ניט אָנגעגאַנגען, וואָס זאָגט זיך אינעם בלעטל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפֿן ברוק אונטער די פֿיס. כּ׳אָר אים איז געווען גענוג דערזען, אַז דאָס בלעטל איז מיט ייִדישע אויסיִעס, און די ייִדישע אויסיִעס זײַנען פֿאַר אים געווען הייליק.

זאַלמען האָט אויך ניט געקאָנט צוזען שיימעס זיך וואַלגערן אונטער די פֿיס. ער האָט צונויפֿגעקליבן פֿון דיל ביז איין בלעטל.

אין דרויסן, ווען זאַלמען איז אַהער געקומען, איז נאָך געווען ליכטיק, נאָר דאָ, ווי אַ יאָרצײַט־ליכט, האָט געברענט דער טיש־לאָמפּ, געבליבן מיסטאָמע ברענען פֿון בײַנאַכט. אין שטוב איז געווען וואַרעם, ווי ס'וואָלט זיך נאָך ניט אויסגעקילט די הרובע פֿון די פּעקלעך ייִדישע צײַטונגען, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט מײַערן דאָ דעמלט פֿאַרברענט, נאָר האָדל איז געזעסן בײַ דער הרובע אײַנגעקוטעט אין אַ וואָלענער געקעסטלטער שאַל. ביידע אירע קינדער — לייזערקע און פֿייגעלע — זײַנען געזעסן דערשראָקענע אין ווינקל־צימער און געשוויגן, קיין זאַך ניט געפֿרעגט, גאָרניט געבעטן.

דערזען דאָס אַלץ, האָט זאַלמען שוין ניט געהאַט וואָס אויסצוקלאָרן בײַ האָדלען. ער האָט בלויז געפֿרעגט, ווײַל ניט הײַנט־מאָרגן קען דאָס זיך פֿאַרלויפֿן אויך מיט אים, ווען זײַנען זיי געקומען נאָך נאָסענען.

— אַרום דרײַ בײַנאַכט... נאָסענען האָבן זיי אַוועקגעפֿירט אין אַ מין פֿערטל שאָ אַרום... אַליין זײַנען זיי אַוועק פֿונדאַנען אָנהייב צען.

— גאַנצע זיבן שאָ, — האָט זאַלמען, אײַנהאַלטנדיק אין זיך דעם געשריי, צאָרנדיק אַרויסגעבראַכט, — וואָס האָבן זיי געזוכט דאָ גאַנצע זיבן שאָ? באָמבעס, קרילנוואַרפֿערס, טאַנקען, דאָך לאָרן, די באַהאַלטענע שווערד פֿון דער טוירע? זי איז דאָך בײַ זיי.

— אוי זײַט איר בענעגייע אים געווען דאָן גערעכט.

— בענעגייע וועמען? — האָט זאַלמען געפֿרעגט.

— בענעגייע דעם מענוּוול שיִע רויזען, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן. סאַראַ שרעקלעכער פֿאַרדאַרבענער נעפֿעש דאָס איז, סאַראַ פֿאַרקייפֿטע נעשאָמע. זיי האָבן אים אַליין אויסגעגעבן. זיי זײַנען נאָר אַרײַן, האָבן זיי גלײַך געפֿרעגט: „וווּ איז די טיר? פֿאַרוואָס האָט איר זי פֿאַרברענט?" שיִע איז געווען דער איינציקער, ווער ס'האָט דערפֿון געוווּסט. ער איז צופֿעליק אָנגעקומען בײַס נאָסן האָט צעהאַקט און פֿאַרברענט די טיר. איצטער צווייפֿל איך שוין ניט, אַז איר האָט אים דעמלט געטראָפֿן שטיין בײַ אונדז הינטער דער טיר און אַז ער איז שולדיק אין אַריזערס טויט.

פֿאַר זאַלמענען וואָלט ניט געווען איבעראַשנד, ווען האָדל זאָל, אַשטייגער, זאָגן, אַז איינער פֿון די, ווער ס'האָט דאָ הײַנט בײַנאַכט באַלעבאַטעוועט, איז געווען שיִע. און כאָטש זאַלמען איז געווען זיכער, אַז ער איז זיך ניט טויע געווען, אַז איינער פֿון די דרײַ, וועמען ער האָט, אַרויסגייענדיק שפּעט בײַנאַכט פֿון דער טעאַטער־געבײַדע, ווו ס'איז נאָך געשטאַנען שלוימע בענמיכאָעלס אָרן, דערזען לעבן טימיריאַזעווס פֿאַרשנייטן דענקמאָל, איז געווען שיִע, דאָך איז ער ניט זיכער, אַז אָן

שיִען, אָן זײַן דערמאָנען און אונטערזאָגן, וואָלט מען אויסגעמיטן נאָסענען. ס׳איז ניט צו גלייבן, אַז שיִע זאָל גיכער נאָך עפּשער ווי וועגן נאָסענען ניט געוווּסט פֿאַרוואָרפֿן אַ וואָרט, ווו מע דאַרף, וועגן אים, זאַלמענען. שיִע האָט פֿון לאַנג שוין אױף אים אַן אויג, און פֿונדעסטוועגן איז מען אים ביז איצט נאָך פֿאַרבײַגעגאַנגען, איבערגעלאָזט אױף דער פֿרײַ. אפֿאַנעם, אַז אים היט אָפּ פֿון דער צעפּאַכטער שוועוּרד מאַרטין קאָנסטאַנטינאָוויטש. מיט וואָס האָט ער עס בײַ אים פֿאַרדינט, קאָן זאָל מען ניט פֿאַרשטיין. צי פֿירט ער ניט מיט אים קיין באַהאַלטענע שפּיל? וואָס קען ער פֿאַרלאַנגען פֿון אים אָבער איצטער, נאָך דעם ווי פֿון די ייִדישע שרײַבער און פֿון די, וועלכע האָבן געהאַט אַ שײַכעס צום ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, איז דאָך, אייגנטלעך, באַלד קיינער ניט פֿאַרבליבן, קימאַט אַלע זײַנען שוין דאָרט, בײַ זיי? זעט אויס, אַז סע גייט וועגן מער וויכטיקערס פֿון דעם, וואָס עס קאָן זיי אונטערטראָגן שיִע.

— וואָס איז מיטן טעלעפֿאָן? איך און נאַדיע האָבן עטלעכע מאָל געקלונגען און קיינער גייט ניט צו. — זאַלמען האָט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל און אונטערגעטראָגן צום אויער. טויב און שטום ווי די וואַנט, — זיי האָבן אים, קענטיק, אויסגעשלאָסן. איך האָב צוגעזאָגט נאַדיען גלײַך אָנקלינגען. אַ שטיקל ריין פּאַפּיר וועט זיך געפֿינען?

— לייזערקע...

לייזערקע האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן שילערישן פּאָרטפּעל אַ בלעטל פּאַפּיר פֿונעם צעריסע־נעם העפֿט. זאַלמען האָט אױף דעם אויפֿגעשריבן נאַדיעס נומער פֿון טעלעפֿאָן און צוזאַמען מיט אַ גילדן עס אָפּגעגעבן לייזערקען.

— קלינג אָן פֿון אַ טעלעפֿאָן־אויטאָמאַט נאַדעזשדע פּיאָדאָראָוונען, זאָג איר, אַז איך בין בײַ אײַך און וועל זיך נאָך פֿאַרהאַלטן. נאַ דיר אױף יעדן פֿאַל נאָך אַ גילדן. די טעלעפֿאָן־אויטאָמאַטן שלינגען אָפּט אַראָפּ די מאַטבייע נאָך איידער דו קלינגסט אָן.

אַרופֿגענומען די שטילע, דערשראָקענע פֿייגעטשקען אױף די הענט, האָט זאַלמען, בלויז ווי צום מיידעלע, אַ זאָג געטאָן:

— אַ גאַנצן טאָג האָט מיר איינער געהאַלטן אין איין קלינגען, געבעטן מײַן נאַדיען מיר איבערגעבן, אַז כ׳זאָל לעמאַנגהאַשעם זײַן הײַנט בײַ אײַך. ווער האָט עס געקאָנט קלינגען?

— מיסטאָמע כײַקל, — האָט האָדל אונטערגעזאָגט.

— ווײַנקאָל? אויב אַזוי, פֿאַרשטיי איך שוין, פֿונוואַנען דערוויסט ער זיך דער ערשטער, ווע־מען האָט מען צוגענומען. פֿון אים האָב איך זיך דערוווּסט די שײַנע נײַס וועגן ביניאָמין בענאַ־ריען, וועגן אײַזיק דאָברינען, פּינכעס מאַשבערגן.

— מיר דוכט, אַז איר זײַט אים אומזיסט כוישעד. כײַקל האָט די אַלע נײַס זיך געקאָנט דער־וויסן בײַ שיִען. זיי וווינען ניט ווײַט איינער פֿונעם צווייטן.

— און פֿונוואַנען האָט שיִע זיך דערוווּסט, אַז מע האָט הײַנט בײַנאַכט צוגענומען נאָסענען, ווײַבאַלד דער טעלעפֿאָן אַרבעט ניט בײַ אײַך? צי ער איז אַליין דאָ הײַנט געווען?

פֿון דער העלער הויט האָבן אַלע ציינער אין מויל געגומען עגבערן אים דעם מײַעך. זאַלמען האָט אַראָפּגעלאָזט פֿייגעלען פֿון די הענט און מיט ברייטע האַסטיקע טריט אָנגעהויבן אַרומשפּרײַזן איבערן צימער, ווי ער זאָל דורך דעם וועלן באַפֿרײַען זיך פֿונעם אומדערטרעגלעכן ווייטיק. ס׳איז ניט צו צורירן זיך צו קיין איין צאָן. אַלע ביז איינעם טוען מוירעדיק וויי.

— בײַ אונדז האָט געדאַרפֿט ערגעץ זײַן פּיראַמידאָן. נאָר נאָך אַזאַ כורבן ווייס איך ניט ווו אים צו זוכן. כ׳וועל אַ פֿרעג טאָן בײַ די שכיינים, עפּשער האָבן זיי.

אין אַ מינוט אַרום האָט האָדל זיך אומגעקערט מיט אַ טאַבלעטקע פּיראַמידאָן.

דער ווייטיק האָט זיך אַ ביסל געשטילט, נאָר ניט אױף לאַנג. ער איז אים באַפֿאַלן נאָך שטאַר־קער, אָפּגעריסן מאַמעש דעם מויעך. זאַלמען האָט זיך צוגעזעצט צו דער אַרױסגעקילטער הרובע און שטײַף צוגעדריקט צו איר די באַק.

— עפּשער מאַכן אײַך אַ הייסע גרעלקע? — האָדל האָט אָפּהעגנטיק זיך אומגעדרייט איבערן צימער און גערעדט מיט זיך: — די גרעלקע איז געלעגן אױף דער שאַפֿע. וווהין האָבן זיי געקענט זי פֿאַרוואַרפֿן? זיי האָבן דאָך ניט געקענט זי מיטנעמען מיט זיך. כ׳וועל בעטן בײַ די שכיינים. בײַ מאַריִע אַלעקסייעוונע דאַרף געוויס זײַן.

נאָר איידער די פֿולע גרעלקע מיט הייסער וואַסער, ווי שטײַף זאַלמען האָט זיך ניט צוגעדריקט צו איר דאָס מיט איין באַק, דאָס מיט דער אַנדערער, האָט ניט געשטילט די ווייטיקן. זיי זײַנען געוואָרן בלויז עטוואָס טעמפּער, ניט געשטאָכן ווי מיט שאַרפֿע נאָדלען, ניט געעגבערט אַזוי אומ־ראַכמאָנעסדיק דעם מויעך.

— האָדל מאַיסייעוונע, — האָט, עפּענענדיק ניט זיכער די טיר, זיך שטיל אָנגערופֿן די שכיי־נע, — איך גיי אין גאַסטראָנאָם, וועל איך פֿאַריינוועגס שוין אײַנקויפֿן אויך פֿאַר אײַך.

— אַ גרויסן דאַנק, מאַריִע אַלעקסייעוונע. איך דאַרף גאָרניט.

— ס'הייסט, איר דארפט גארניט? א מענטש, ביז וואנען ער לעבט, איז דארף ער אלץ. איר וועט מיט טרערן אייער נאטאן זאכאראוויטשן מיט גארניט העלפן. גאט וועט געבן, ס'וועט זיך ארויסווייזן, אז ער איז ניט שולדיק און מע וועט אים ארויסלאזן. איך ווייס פון אזא פאל מיט איינער א באקאנטער.

— איך ווייס אויך פון אזא פאל מיט איינעם מיינעם א באקאנטן, — האדל האט זיך אנגעשטויסן, אז זאלמען האט געהאט דערמיט אין זינען דעם אמאליקן יעזוסעק שאמיי בינקינען. — דאס האט אבער געטראפן אין אן אנדער צייט. אוי, סארא ווייטיקן. ניט אויסצוהאלטן. דער קאפ מאמעש שפאלט זיך.

— ווי פארלאזט מען עס אזוי די ציין? — האט די אריינגעקומענע שכיינע אי געפרעגט, אי אויסגערעדט זאלמענען, נאר גלייך געפונען דערויף דעם איינציקן עצהפער, — דאס נעמט זיך פון די נערוון. ס'האבן זיך בא אייך צעשפילט די נערוון. גיט אים, האדל מאיסייעוונע, א פאר קעלישעקלעך בראנפן וועט בא אים גלייך דורכגיין.

— פונוואנען קומט צו אונדז בראנפן? נאטאן זאכאריעוויטש, ווי איר ווייסט, איז ניט געווען פון די טרינקער.

— עס שטעכט ווי מיט נאדלען. ניט איבערצוטראגן.

— ליידט צו א ביסל, כ'וועל ברענגען פון קראם א האלב פלעשל וועט בא אייך אלץ דורכגיין. ס'איז פון די נערוון. די נערוון האבן זיך בא אייך צעשפילט.

די שכיינע האט ווי געטראפן. פון די צוויי נאכאנאנד אויסגעטרונקענע קעלישעקלעך בראנפן איז זאלמען געקומען ביסלעכווייז צו־זיך, אליין שוין פארשטאנען, פונוואנען האט זיך אף אים אנגעוואָרפן דער אומגעהייערער ציינדווייטיק. ער האט זיך אים איבערגעגעבן פון די פייניקונגען, וועלכע עס שטייט דארט איצטער איס נאסן, און לויט דעם, ווי ס'האט דערציילט דערפון שאמיי בינקין, זיינען די פייניקונגען, וואס מע שטייט דארט איס, ניט צו פארגלייכן מיט די, וואס א מענטש קען זיך פארשטעלן.

— ווי איר ווייסט, איז נאסן געווען א גרויסער פארערער פון אייער פאעזיע. א סאך אייערע לידער האט ער אפילע געקאנט אף אויסווייניק. ניט לאנג צוריק האט ער מיר דורכגעלייענט פון אייער לעצט ביכל די ליד „די וועלט באשטייט ניט נאר פון צאדיקים...״

— נאר אייך פון רעשאים, — האט זאלמען איר אונטערגעזאגט דאס ווייטערדיקע, ניט באנעמענדיק נאך אינגאנצן, וואס איז האדל אויסן געווען מיטן דערמאנען אים איצט פלוצעם אין אט דער דאזיקער ליד זיינער.

האדל האט ניט געמאכט דערפון קיין סאד.

— די צייט האט באוויזן, אז דאס, וואס איז געווען גילטיק נעכטן, גילט ניט היינט. אנשטאט זאגן ווי ביז אהער, אז די וועלט באשטייט ניט נאר פון צאדיקים, נאר אייך פון רעשאים, דארף מען איצט זאגן פונקט פארקערט. די וועלט באשטייט ניט נאר פון רעשאים, נאר אייך פון צאדיקים. מאריע אלעקסייעוונע, די שכיינע מיינע, ווי איר זעט, האט אין אזא צייט זיך ניט אפגעקערט פון מיר, זיך ניט דערשראקן. ווי נאר יענע זיינען אוועק, איז זי באלד אריין מיך טרייסטן, ניט מוירע געהאט מיר זאגן, אז זי גלייבט אף אזויפיל־א ניט, אז נאסן איז אין עפעס שולדיק. די צייט איז אבער אזא שוין. מע פרעגט דיך ניט צי ביסטו שולדיק, צי ניין.

— אבי איר זאגט, אז די וועלט באשטייט נאר פון רעשאים.

— גאט באהיט, ווי האב איך געקענט אזוינס זאגן, אויב ס'זיינען דא אזעלכע, ווי מאריע אלעקסייעוונע? זי ווייסט, אז איך קען א ביסל נייען, וועט זי מיר אף דער ערשטער צייט לייען איר ניימאשין. קונדן וועלן דיך געפינען. זי פארשטייט, אז בלויז פון קלעפן קאנווערטן קען מען מיט צוויי קינדער זיך ניט דורכלעבן.

— און א ביסל וועט אייך צוהעלפן דער ברודער.

— ווער? נאכעם? אט דער פאנאטיש פרומער קאמוניסט? ס'איז מיר א חידוש, וויאזוי איז ער איינגעגאנגען אריינלאזן צו זיך עלישען. איר קענט זיין זיכער, אז ווי נאר ער וועט זיך דערוויסן פון אונדזער אומגליק, וועט ער עלישען קיין איבעריקע מינוט בא זיך ניט האלטן. מע קען אים אבער ניט מאכן אינגאנצן שולדיק. די צייט איז אזא.

— מע דארף אים, האדל, ניט בארעכטיקן. אין אלע צייטן דארף פונדעסטוועגן דער מענטש פארבלייבן א מענטש.

— איך בארעכטיק אים דען? אוודאי דארף מען בלייבן א מענטש. נאר וואס וועט מיר ארויסקומען דערפון, אויב צוליבן זעקל קארטאפל, צי קרויט, וואס נאכעם וועט ברענגען די קינדער פון זיין געליטענער שוועסטער, וועט מען אים אויסשליסן פון דער פארטיי, אראפנעמען פון דער ארבעט...

פון דרויסן איז מיט פאַרפּלאָמטע בעקלעך פונעם פאַרשפּעטיקטן פרילינגדיקן פראָסטל אַרײַנגעקומען לייזערקע און אומגעקערט האַלמענען דעם פאַרבליבענעם גילדן.

— וואָס האָט דיר באַטאַליע פּיאַדאַראָווגע געענטפערט, ווען האָסטו איר געזאָגט, אַז כ'וועל זיך הײַנט בײַ אײַך פאַרהאַלטן?

— גאָרניט. זי האָט מיך נאָר געפרעגט, וואָס האָט בײַ אונדז געטראָפן? האָב איך איר געזאָגט, אַז מע האָט הײַנט באַנאַכט אַרעסטירט דעם טאַטן.

— כ'האָב דיר, דאַכט זיך, געבעטן איר גאָרניט דערציילן. מיילע, זאָל זי וויסן. כ'וואָלט איר אַלצייגס דאָך געזאָגט. זי איז ניט פון די מענטשן, וועמען דאָס קען אָנשרעקן, אַז זי זאָל מוירע האָבן גיין אַהער.

— וואָס האָט אײַער נאַדיע מוירע צו האָבן, — האָט זיך אָנגערופן האָדל, — זי איז דאָך אַ רוסישע.

— און רוסישע מענטשן האָט מען ווייניק אַרײַנגעזעצט? אין פאַרגלײַך מיט זיי זײַנען מיר אַ טראָפּן אין ים. די זאַך איז אָבער אין דעם, וואָס בײַ זיי האָט מען דאָס גאַנצע פעלד ניט פאַראַקערט, ניט אַרויסגעריסן ביז איין זאַנג, פאַראַן נאָך, וווּ צו זייען און פלאַנצן. אונדז האָט מען בלויז איבערגעלאָזט די סטערניע, אויף וועלכער ס'וועט שוין גאָרניט וואַקסן. אַזוי ווײַט האָט אַפילע אײַער נאָמען ניט פאַרויסגעזען. דערפון, וואָס מע זאָל אים געווען, אַשטייגער, פאָלגן און אין אײנער אַ נאַכט, ווי בײַם יעציאַס־מיצראַיִם, אופהייבן די ייִדן פון די בעטן און אוועקפירן זיי צום אַמור, וואָלט זיך פאַרן פאָלק סײַ־ווי גאָרניט געביטן. אַלצייגס וועלן מיר מיט דער צײַט דאָרטן אַלע זײַן. בלויז בלינדע, אַזעלכע ווי אײַער ברודער, זעען ניט צו וואָס עס גייט. איך שטעל מיך ביכלאַל ניט פאָר, וויאַזוי קאָן אײַער נאָכעם נאָך אַט דעם אַלעם בלײַבן אַ קאָמוניסט און אַ פאַנאַטיש פרומער נאָך דערצו.

ס'האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ טרעשטשע און גלײַך נאָך דעם איז אין שטוב געוואָרן פינצטער. ביידן, האָדלען און זאַלמענען, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין צימער האָט דורכגעשוועבט נאָסנס געשפּענסט און אויסגעלאָשן דאָס יאָרצײַט־לעמפּל אויפן קאָמאָד. אינעם טרעשטשען פונעם געפּלאַצטן לעמפּל האָט זאַלמענען זיך געהערט: אין טאַכאַס אין, אַן אויג פאַר אַן אויג, שוין טאַכאַס שוין, אַ צאָן פאַר אַ צאָן, איך וועל מיט קלעפּ ענטפערן אויף קלעפּ, וואָלט וועל איך זיי, ווי כ'האָב דיר געזאָגט, זאַלמען, דאָס לעבן מײַנס ניט שענקען. קענסט אין דעם זײַן זיכער, זאַלמען.

און ווײַל זאַלמען איז געווען אין דעם זיכער, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס קען פּאַרקערמען אין אַט די זעלבע מינוטן, און קעדיי ניט אַרויסווײַזן עס פאַר האָדלען, האָט ער איר צוגעזאָגט אַ גוטע נאַכט און שטיל אַרויסגעשלײַכט זיך פון שטוב.

35

אָפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן פון הויף, איז זאַלמען שטיין געבליבן, ניט געוווּסט וווּהין זיך לאָזן, צו זיך צי צו נאַדיען. ס'קאָן ניט זײַן, אַז נאָכעם, אויב ס'איז צו אים שוין דערגאַנגען, אַז מע האָט אַרײַנגעזעצט נאָסנען, זאָל, ניט געקוקט וואָס ס'איז נאַכט, הייסן עלישען די מינוט זיך פאַרנעמען פון שטוב, ניט איבערלאָזן בײַ זיך ביז אינדערפרי.

ניט פאַרקלערנדיק זיך מער דערויף, האָט זאַלמען זיך אָפּגעזעצט אויפן זעלבן נומער טראַמוויי, מיט וועלכן ער איז הײַנט געקומען אַהער צו פאָרן.

אויף נאַדיעס פאַנאַנדערפרעגן זיך האָט זאַלמען ניט געהאַט צוצוגעבן נאָך עפּעס צו דעם, וואָס לייזערקע האָט איר געזאָגט אין טעלעפאָן, אויסער נאָר דאָס, אַז געשען איז עס אַרום דרײַ באַנאַכט, און אַז אין שטוב איז אַלץ געווען איבערגעקערט און צעוואָרפן, ווי געווײנלעך בײַ אַ פּאָגראָם. איר האָט ער געהאַט צו פאַרגעבן בלויז איין־און־איינציקע פראַגע, צי אים האָט מער קיינער ניט געקלונגען.

— ניין, קיינער ניט, — איז געווען איר ענטפער.

צו זיך אויף דער דירע איז זאַלמען פאַרפאָרן אויפן אַנדערן טאָג, ווי נאָר ער איז אויפגעשטאַנען. אים האָט ניט פאַרוווּנדערט, וואָס, עפענענדיק די טיר, האָט ער געטראָפן אין צימער בײַ זיך עלישען.

— שוין לאַנג, אַז דו ביסט געקומען?

— ווי נאָר כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז מע האָט אַרײַנגעזעצט נאָסנען.

— פון וועמען האָסטו זיך עס דערוווּסט? פון נאָכעמען? און ער האָט דיר, פאַרשטייט זיך, גלײַך געהייסן זיך פאַרנעמען פון זײַן שטוב?

— ניין, נאכעם האט מיר וועגן דעם קיין ווארט ניט געזאגט. כ׳האב אליין פארשטאנען, אז איך דארף זיך ארויסקלײַבן. און דא, בא אײַך, קען איך זיך אויך ניט פארהאלטן. אײַער הויף־וועכטער, אז ער האט מיך דערזען, האט ער אנגעשטעלט אף מיר א פאר גאזלאנישע אויגן.

— איך וועל מיט אים ווי־ניט־איז דורכקומען. א דרײַ־פיר טעג וועסטו אלנפאלס קענען איבער־זײַן בא מיר, און ווײַטער וועלן מיר זען. כ׳וועל עפעס צוטראכטן. ווייסטו גאר וואס? כ׳וועל זיך דורכריידן מיט כאנען, מיט אויזערס אלמאנע, ביסט דאך די ערשטע צײַט אײַנגעשטאנען בא זיי. עפשער וועסטו אויך איצטער קענען דארט איבערזײַן?

— און וואס קענען מיר שוין געבן די עטלעכע טעג, ביפראט אז נאך דעם, ווי איך בין זיך אזוי באגאנגען מיט אויזערן, וועל איך אפילע קיין איין טאג ניט קענען דארטן זײַן, כ׳וועל קיינעם פון זיי ניט קענען קוקן אין די אויגן.

— דו אײנע ביסט דען כוישעד געווען אויזערן? און איך בין אים דען ניט כוישעד געווען? ניט דו און ניט איך זײַנען שולדיק אין אויזערס טויט. אין זײַן טויט איז שולדיק די צײַט, די שרעקלעך פארדארבענע צײַט און אלע די, וואס האבן ארויסגעקוקט אפן אנקום פון אט דער מוירע־דיקער צײַט.

זייערע בליקן האבן אומגעריכט זיך באגעגנט. אט אזוי האט געקוקט אף אים איר מוטער, די פארליבטע אין אים הונדער־שיינע פעפע, ווען זיי האבן זיך צום לעצטן מאל געזען. אירע גרויסע בלויע אויגן האבן ניט געלאזט אים דאן קיין ווארט ארויסברענגען, ווי איצטער, עלישע, מיט איר סוידעספולן בליק.

אויסבאהאלטנדיק אונטער די אראפגעלאזטע וויעס איר סוידעספולן בליק, האט עלישע מיידלש פארשעמט שטיל געזאגט:

— כ׳ווייס אליין ניט, וויאזוי אײַך באדאנקען פארן זארגן זיך וועגן מיר די גאנצע צײַט. איצט איז עס שוין ניט נייטיק. סײַווי וועט ער מיר ניט לאזן צורו.

— ווער? — האט זאלמען געפרעגט.

— דער זעלבער. איך בין נאר ארײַן אהער, האט אנגעקלונגען יעשיע און איבערגעגעבן, אז הײַנט אין אוונט זאל איך זײַן באם פאלקאווניק. דער פאלקאווניק האט צוגעזאגט שיען, אז הײַנט וועט ער מיר געבן א דערלויבעניש זיך אף שטענדיק צושרײַבן אין מאסקווע. — זי איז א ווײַלע אנשוויגן געווארן און דערנאך פארגעזעצט מער שטילער, — ווען דאס זאל אפילע זײַן עמעס, וואלט איך אויך ניט געגאנגען אהין. און ווייסט איר, וואס כ׳וועל אײַך זאגן, ליבהארציקער זאלמען... — עלישע האט זיך ווידער פארקלערט איידער זי האט געפויעלט בא זיך עס ארויסברענגען. — ביידע זײַנען זיי מיר דערווידער. פונקט ווי איך וויל ניט זען יעשיעס פאלקאווניק, אזוי וויל איך אויך ניט זען יעשיען. ער איז מיר געווארן אף אזויפיל דערווידער... — ס׳האט זי א הייב געטאן פון ארט. — מיר דוכט, אז ווען כ׳זאל געווען זײַן יעשיעס פרוי, וואלט ער לויטן פארלאנג פון זײַן באקאנטן פאל־קאווניק אליין אפגעפירט מיך צו אים. — און א דערצארנטע, גלײַך זאלמען זאל געווען זײַן דערינען שולדיק, געפרעגט מיט א טײַנע: — ווי קומט צו אזא איינעם א פאעטישער טאלאנט און, ווי איר האט מיר געזאגט און ניט נאר איר איינער, אן עכטער פאעטישער טאלאנט?

— גאטס דראכים, עלישע, זײַנען ניט צו באנעמען. שטיי, דו ווייסט, וואס מיר איז דא אקארשט אײַנגעפאלן? זיך דורכשמועסן מיקויעך דיר מיט האדלען. וויבאלד נאסן איז שוין בא זיי, איז איצט איר שטוב, דארף מען פארשטיין, אויסער געפאר, און פאר די עטלעכע טעג, וועלכע דו וועסט איבערזײַן בא איר, וועל איך זען עפעס צוטראכטן.

— דאס איז אינגאנצן שוין ניט נייטיק. אין צוויי טעג ארום פאר איך אוועק. כ׳האב שוין א בילעט.

— וווּהין? וווּהין קלײַבסטו זיך עס פארן? — און כאטש דאס האט אויסגעזען אי לעפיש, אי נאריש, האט עס אבער ניט אפגעשטעלט זאלמענען צוקיטלען האסטיק די טיר.

— וווּהין האב איך צו פארן און וווּהין קען איך פארן, אויב ניט צוריק הינטער די האריי כוישעך, ווי שלוימע בענמיכאעל פלעגט רופן אט דעם פארוואָרפענעם יישעווּ, ווו כ׳האב איבער־געלאזט די מאמע?

זאלמען האט ווי אן אייגן קינד אנגענומען עלישען פאר דער האנט און פאטערלעך זארגזאם געגעבן צו פארשטיין, אז זי טאר אין קיין שום פאל זיך ניט אומקערן צוריק אין דער טונדרע, אין דעם קיניגרײַך פון די פארשיקטע, זי מוז בלײַבן נאר דא, אויב זי וויל פארווירקלעכן איר טרוים. די וועלט באשטייט ניט נאר פון איינע רעשאים, ווי דאס קען זיך איצטער אויסווײַזן. ער האט געבראכט איר דרײַ בײַשפילן, וועלכע זי האט געוווּסט אן זײַן דערמאנען איר דערפון: דרײַ בארימטע רוסישע טעאטערס, ווו די רעזשיסערן זײַנען רוסישע מענטשן, האבן ארײַנגענומען צו זיך דרײַ יידישע אקטיארן פונעם צוגעמאכטן יידישן טעאטער.

פון די צוויי צײַטווײַליקע ווינונגען פאר עלישען אף די ערשטע עטלעכע טעג, ביז ער וועט

צוקלײַבן פאר איר א פּאסיק אָרט אױף א מער לענגערער צײַט, האָט זאלמען אויסגעקליבן האָדלס דירע. ניט נאָר דערפאר, ווײַל האָדל ווינט נעענטער און איר דירע, נאָך דעם ווי מע האָט צוגענומען נאָסענען, איז אױך, ווי בא אויזערס אלמאָנע, אצינד אויסער געפאר. איבערגעוויגן האָט דאָס, וואָס בא האָדלען זײַנען די שכיינים, כוץ איינעם, אלע רוסישע. מאכנדיק דעם דאָזיקן אויסוואל, האָט זאלמען בעשאסמײַסע ניט פארגעסן, ניט געקאָנט פארגעסן, אז צווישן רוסישע פעלן אויך ניט אויס קיין באשעפענישן, מיט וועמען ס׳איז גלײַכער זיך צו היטן פאר זיי, ווי פאר פײַער. אין אן אייסצאָרע אָבער, האָט זאלמען ניט איין מאָל געהערט פון נאָסענען, וועלן זײַנע רוסישע שכיינים קומען אים גיכער צו הילף פונעם יִדישן שאָכן, כאָטש די יִדן דינען דער וועלט פאר א מוסטער פֿין אכדעס, פון אײַנשטעלן זיך איינער פארן צווייטן.

די וועלט איז אָבער זיך גאנץ אָפּט טויע. זאלמען האָט די טעג עס אליין ארויסגעזען. פארן גאנצן אָוונט, וואָס ער איז מיט א פּאָר טעג צוריק אָפּגעזעסן בא האָדלען, איז דער יִדישער שאָכן צו איר קיין איין מאָל ניט ארײַן, בײַס פון די רוסישע שכיינים איז מען געקומען זי געוווער ווערן, זיך נאָכגעפרעגט, צי דארף זי ניט אין קלייט, וועט מען איר פארשפּאָרן א גאנג. נאָר לויטן אופירן זיך פונעם יִדישן שאָכן מאכן אַן אויספיר, אז אזוי טאקע איז עס, ווי נאָסן האָט געזאָגט, וועט ער ניט, זאלמען. דאָ גייט ניט אונטער היינעס פּאָסעק וועגן יִדן, מיט וועלכן נאָסן האָט, ריידנדיק מיט אים דערפון, ניט אויסגעמיטן עס באניצן. וואָס וואָלט געזאָגט דער זעלבער נאָסן, ווען ער זאָל געווען זיך פאַרשטעלן, אז האָדלס אייגענער ברודער, נאָכעם, וועט ניט וועלן זיך קענען, ווי האָדל דערציילט, מיט לייזערקען און פייגעלען, מיט די קינדער פון זײַן איינציקער לײַבלעכער שוועסטער? נאָסן וואָלט מיסטאמע א ביסל אנדערש שוין אויסגעטײַטשט היינעס פּאסקענען. דאָס אופירן זיך פון זייער יִדישן שאָכן און פונעם אייגענעם ברודער אין איצטיקער צײַט נעמט זיך ניט פון אײַנטיילן דאָס פאָלק אױף צאדיקים און רעשאָים. ניט יעדער צאדיק אפילע קען בײַשטיין דעם פּאכעד, די שרעקלעכע מוירע פאר דער פארמאָסטענער האק.

אין עטלעכע טעג ארום, נאָך עלישעס זיך ארײַנקלײַבן אױף דעם ערשטן שטיקל צײַט צו אים אין צימער, איז זאלמען, פארכאפּנדיק מיט זיך פאר לייזערקען און פייגעלען צו שאכטלעך שאָקאָלאד, אוועקגעפאָרן זיך דורכריידן מיט האָדלען וועגן אריבערנעמען צײַטווײַליק צו זיך אױף דער דירע עלישען.

אינעם טונקעלן קאָרידאָר האָט ער באם ארײַנגיין דערזען די שכיינע, בא וועמען האָדל האָט גענומען בעשאס ס׳האָבן זיך געהאט בא אים צעווייטיקט די ציין א כאַבלעטקע פּיראמידאָן און א גרעלקע.

— א גוטער־העלף אײַך.

די שכיינע האָט אים ניט גלײַך דערקענט.

— צו וועמען דארפט איר? — האָט זי שטיל געפרעגט, דערבײַ זיך מאָדנע ארומגעקוקט.

— צו האָדל לעוויטינע. איך זע, איר דערקענט מיך ניט. דאָס בין איך דאָך, וועמען איר האָט דעמלט געראטעוועט פון ציין־ווייטיק.

— איצטער זי איך שוין, אז דאָס זײַט איר. — און ניט ארויסברענגענדיק מער קיין וואָרט, אים באגלייט צו האָדלס טיר מיטן טריוואקס פארכאסמעטן אופגעהאנגענעם שלאָס.

אין ווי אין יענעם אָוונט, בעשאס ער איז אהער געקומען, האָט ער, אויסער דעם, ווען איז עס געשען, ניט געהאט אייגנטלעך מער וואָס צו פרעגן בא האָדלען, דאָס איבעריקע איז אים אזוי אויך געווען שוין קלאָר, האָט ער איצט דאָס זעלבע אויך געפרעגט בא דער שכיינע.

— נעכטן אינדערפרי, ווען לייזערקע איז געווען אין שול און פייגעלע אין קינדער־גאָרטן. קיין אינטערזוכונג, ווי בײַס מע האָט ארעסטירט נאטאן זאכאריעוויטשן, איז בא זיי מער ניט געווען. מע האָט בלויז פארכאסמעט די דירע. ס׳איז עפּשער בעסער, וואָס מע האָט אוועקגעפירט האָדל מיכײַלאָוונע, ווען די קינדער זײַנען ניט געווען אין שטוב. זי וואָלט עס ניט איסגעהאלטן, — די שכיינע האָט א ווישׁ אָפּ געטאָן מיטן ארבל די פארלאָפענע אויגן, זיי זײַנען אָבער באלד צוריק פול געוואָרן.

— און ווו זײַנען די קינדער? פייגעלע איז דאָך נאָך קיין גאנצע דרײַ יאָר ניט אלט. — בא זאלמענען האָט געציטערט די שטים. ס׳איז אָפּגעגאנגען א רעגע, אז ער זאָל זיך אונטערגעבן און זיך צעקלאָגן אױף א קאָל.

— די קינדער האָבן זיי אוועקגעפירט. פריִער פאניעטשקען, דערנאָכדעם לייזערקען.

— ווי? באזונדער? ניט צוזאמען? מעשוגע צו ווערן. און וווּהין האָט מען זיי אוועקגעפירט?

— איר ווייסט ניט וווּהין פירט מען אוועק די קינדער פון סאָנים?

— גאָט מײַנער, וויִאזוי איז אזעלכס מעגלעך?

בא דעם יִדישן שאָכן, וועלכער האָט ביז האלב ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין קאָרידאָר, זײַנען די אויגן, ווי בא אן איבערגעקומענער סאקאָנע, נאָך אלץ פול געווען מיט פּאכעד. ער האָט

אַ מאָך געטאָן צו זאַלמענען מיט דער האַנט, ס׳האָט געדאַרפט אַפּאַנעם באַטײַטן: גייט גיכער פֿונדאַנען אַוועק און פֿרעגט ניט קיין קאַשעס. אַלע צווײַגן בײַ אַ בוים האָבן איינע און די זעלבע וואָרצלען. זײַנען טומע די עלטערן, זײַנען אויך טומע די קינדער.

ניט אינגאַנצן אומגעריכט איז געווען פֿאַר זאַלמענען, ווען דער זעלבער געדאַנק, וואָס ער האָט האַלב אין שפּאַס שוין אַ פּאָר מאָל געהאַט אַרויסגעזאָגט עלישען, האָט אים ווידער דערמאָנט וועגן זיך און אַף קיין רעגע שוין ניט אָפּגעטראָטן, געהאַלטן אין איין דערווײַזן, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. ניטאָ!

— נו און אויב... — זאַלמען האָט זיך אָבער גלײַך איבערגעשלאָגן: דערווײַל האָט מען דאָך קיינעם פֿון די פּרויען און קינדער פֿון אָרט ניט גערירט. אַלע זײַנען פֿאַרבליבן אין זייערע דירעס. די ייִדישע שרײַבער האָט אָפּגעגליקט, זיי זײַנען קיינמאָל ניט געווען קיין גווירים. בײַ זיי איז ניט געווען וואָס אָפּצונעמען. אַפֿילע בײַ רעפֿאָעל אַכרימאָווען און בײַ מאַרק פֿאָלאָנערן — שרײַבער מיט וועלט־נעמען — זײַנען ניט געווען קיין דאַטשעס. זיי זײַנען בלויז געווען קימאַט די איינציקע, ווער ס׳האָט געהאַט באַזונדערע דירעס, אָבער אויך ניט פֿון די דירעס, נאָך וועלכע מע זאָל באַזונדערס זיך יאָגן. זעט אויס, אַז האָדל האָט זיך ניט אופֿגעפֿירט בײַס דער אונטערזוכונג ווי מע דאַרף, זיך מיסטאָמע אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט און באַצאָלט דערפֿאַר מיט צעשיידן זי מיט די קינדער ווער ווייסט אַף וויפֿל. מע קען דען צוטראַכטן פֿאַר אַ מוטער און פֿאַר קליינע קינדער אַ מער שרעקלעכערע און גרויזאַמערע שטראָף?

דערמאָנענען עלישען, וויִאַזוי זיך האַלטן, ווען מע וועט קומען נאָך אים, זאַלמענען, דאַרף ער ניט. זי איז עס שוין דורכגעגאַנגען, בײַגעווען בײַ אָט דער שפּיל.

וואָס וועט אים דערוף ענטפֿערן עלישע, האָט זאַלמען זיך שוין ניט פֿאַרטראַכט, ווען ער איז אַרײַן אין דער יורידישער קאָנסולטאַציע אויסקלאָרן, צי קען זײַן קינפֿטיקע פֿרוי, נאָך דעם ווי זיי האָבן אָנגעגעבן אין זאַגס די פּאַפּירן, ווינען בײַ אים ביז דער רעגיסטראַציע ניט קיין צוגעשריבענע.

אַף צוריקוועגס איז זאַלמען אַרײַן אין אַ מעבל־קראָם און געקויפֿט אַ שירמע.

איידער עלישע האָט נאָך באַוויזן אים פֿרעגן, צו וואָס האָט ער זי געקויפֿט, האָט זאַלמען אויסגעשטרעקט איר די האַנט:

— גיב מיר אַהער דײַן בילעט, ועסט אין ערגעץ ניט פֿאָרן. פֿאַר דעם, ווי כ׳האָב געקויפֿט אָט די שירמע, בין איך געווען בײַ אַ יוריסט און אַלץ אויסגעקלאָרט: אויב מיר וועלן מאָרגן — איבערמאָרגן דערלאַנגען די פּאַפּירן אין זאַגס אַף כאַסענע האָבן, דאַרפֿסטו מער נישט ציטערן ניט פֿאַרן הויף־וועכטער, ניט פֿאַר די שכיינים, ניט פֿאַר דער מיליציע. האָב געדולד. כ׳ווייס, וואָס דו ווילסט זאָגן. הער מיך אָבער אָפּריִער אויס. דו מיינסט, איך בין פֿון זינען, פֿאַרשטיי ניט, אַז מיר זײַנען מיט דיר ניט קיין פּאָר.

— ניט דאָס האָב איך געוואָלט אײַך זאָגן. כ׳האָב געוואָלט אײַך...

— וואַרט צו, — האָט זאַלמען זי אָפּגעשטעלט, — הער אָפּריִער אויס. אויב דו געדענקסט, האָב איך דיר אַ פּאָר מאָל אַ זאָג געטאָן אין שפּאַס מיקויעך אַף צוקלוימערשט כאַסענע האָבן פֿאַר מיר. איצט זאָג איך דיר עס שוין ניט אין שפּאַס. מיר זײַנען מיט דיר ניט די ערשטע, וועלכע האָבן כאַסענע אַף אַזאַ אויפֿן, און ניט איך מיט דיר זײַנען דערינען שולדיק. די צײַט טוט אונדז דערצו, די פֿאַרדאָרבענע נידערטרעכטיקע צײַט, ווי ס׳האָט זי אָנגערופֿן אונדזער וועלט־באַרימטער מאַרק פֿאָלאָנער. הער ווײַטער: אַף מאָרגן נאָך דער כאַסענע, זײַענדיק שוין מײַנע אַ געזעצלעכע פֿרוי, שרײַב איך דיך געזעצלעך אַף שטענדיק צו. כ׳וועל צו דיר ניט האָבן קיין טײַנעס, אויב וועסט אין אַ יאָר, צי אין אַ האַלב יאָר אַרום, מיך אָפּגעטן. פֿון צימער, ווי דו פֿאַרשטייסט, וועל איך דיך ניט אויסשרײַבן און ניט אַרויסזעצן. צו יענער צײַט וועלן מיר האָבן אָפֿן צימער איינע און די זעלבע רעכט. און אויב מיט מיר... שלאָג מיך ניט איבער. איך ווייס, וואָס איך זאָג, דעמלט וועט דער צימער אַריבערגיין געזעצלעך אינגאַנצן צו דיר. וואַרט צו. כ׳האָב דיר ניט אַלץ געזאָגט. נאָך דער כאַסענע, ס׳זאָל ניט אַרויסרופֿן קיין כשאַד בײַ די שכיינים, וועל איך אַ שטיקל צײַט מוזן נעכטיקן דאָ. צוליב דעם האָב איך געקויפֿט די שירמע. דאָס איז דערווײַל אַלץ, וואָס כ׳האָב געהאַט דיר צו זאָגן. — אין אָנבייגנדיק זיך צו איר, האָט ער לײַכט זיך צוגערירט מיט די ליפּן צו איר שטערן.

אין זײַן אַ קוש טאָן זי אין שטערן האָט עלישע דערפֿילט די צערטלעכקייט פֿון אַן איבערגעגעבענעם פֿאָטער.

— גרייט צו, עלישענקע, די נייטיקע דערצו פּאַפּירן, דעם פּאַס, די מעטריקע און אַלדאָס איבעריקע. מאָרגן טראָגן מיר זיי אָפּ אין זאַגס.

עלישע האָט פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל אַרויסגעבראַכט:

— איך ווייס ניט, וואָס אײַך צו ענטפֿערן.

— מע דאַרף מיר גאָרניט ענטפֿערן. אַלץ איז שוין דורכגעטראַכט און באַשטימט. מאָרגן געבן מיר אָן אין זאַגס די פּאַפּירן. — ער האָט אַראָפּגענומען פֿונעם שטול־װענטל איר אָפּגעהאַנגענעם רידיקיול און דערלאַנגט עלישען. — גיב מיר דעם בילעט, כ׳װעל צופֿאָרן אויפֿן װאָקזאַל אים אומקערן אין קאַסע.

און כאָטש דער בילעט אירער איז שוין געלעגן בײַ זאַלמענען אין קעשענע, דאָך האָט עלישע עס נאָך אַלץ אויפֿגענומען, װי אַ שפּאַס, װי אַ צוגעטראַכט בילד אין זײַנער אַ נײַער נאָך ניט אָנגעשריבענער פּיעסע. לאַנג אָבער אונטערהאַלטן אָט די שפּיל, נאָך דעם, װי זי האָט אומגעקערט זאַלמענען איר בילעט, האָט עלישע ניט געקאָנט און זי האָט דײַטלעך קלאָר דאָס אַרויסגעזאָגט:

— שיין װאָלט זײַן, װען אײַער נאַדעזשדע פּיאָדאָראָװנע זאָל געװען עס הערן.

זאַלמען האָט זיך צעלאַכט, נאָר זיך גלײַך פֿאַרכאַפּט, פּונקט ער זאָל געװען באַגיין דערמיט אַן אַװײַרע. ער געדענקט ניט, אַז פֿון זינט ס׳האָט געטראָפֿן דער אומגליק מיט זײַנע נאָענטסטע פֿרײַנט נאָסענען און האָדלען, זאָל ער זיך האָבן װען־ניט־איז צעלאַכט אויף אַ קול.

— מײַן נאַדעזשדע פּיאָדאָראָװנע? — האָט זאַלמען איבערגעפֿרעגט. — שטעל זיך פֿאָר, אַז זי אַליין האָט מיר אונטערגעזאָגט דעם דאָזיקן געדאַנק. איך בין זיכער, אַז װען ס׳זאָל אַפֿילו גיין ניט אין קיין קלוימערשטן כאַסענע האָבן מיט דיר, װאָלט זי אויסער װי גליק מיר מער גאָרניט געװוּנטשן. זי װייסט ניט, מײַנסטו, פֿאַרשטייט ניט, אַז סאַפּקאַלסאָף װעלן מיר זיך מיט איר צעשיידן. מיר װעלן אָבער אויף שטענדיק פֿאַרבלײַבן פֿרײַנט. יאָ, זאָלסט ניט פֿאַרגעסן, אַז לויטן דין דאַרפֿן כאָסן־קאַלע אין טאָג פֿון כאַסענע קומען אין זאַגס יעדערער מיט צװיי איידעס. איין איידעס האָב איך שוין, מײַער אַרענסן. איך דאַרף אים נאָר אָנרופֿן דעם טאָג. דער צװייטער איידעס... װעגן אים דאַרף איך נאָך אַ טראַכט טאָן. ניט יעדערער װעט אין אַזאַ צײַט װעלן גיין פֿאַר אַן איידעס און ניט יעדערן װעל איך װעלן נעמען פֿאַר אַן איידעס. דו װעסט מיסטאָמע נעמען פֿאַר איידעס דײַנע כאַװערטעס פֿון דער טעאַטראַלער שול. קיין כופּע־װעטשערע, װי דו פֿאַרשטייסט, װעט בײַ אונדז נאַטירלעך ניט זײַן. װעגן דעם דאַרף מען באַצײַטנס זאָגן די איידעס. דערקלערן זיי פֿאַרװאָס און פֿאַרװען, װעט ניט אויסקומען, אויב אַפֿילו מיר זאָלן ניט אויסגעבן, אַז ס׳איז אַ כאַסענע אויף צוקלוימערשט. און עפּשער איז טאַקע גלײַכער זיי עס ניט זאָגן. שױַע אַלנפֿאַלס דאַרף עס זיכער ניט װיסן.

— איר קלײַבט זיך אים נעמען פֿאַרן צװייטן איידעס?

— װי קאָן דיר גאָר קומען אַזעלכס אויפֿן זינען? איך האָב דיר, דאַכט מיר, געזאָגט שוין, אַז כ׳האָב זיך געװענדט אין שרײַבער־פֿאַריין װעגן אַ שפּעפּרישער שליכעס אויף צװיי כאָדאָשים. פֿריִער װאָלט מען מיר אויף אַזאַ לאַנגער צײַט ניט געגעבן, איצט אָבער, בין איך זיכער, װעט מען מיר ניט אָפּזאָגן. זיי װעלן אײַנגיין דערויף ניט צוליב מיר, נאָר צוליב זיך, באַזונדערס דער קאַצעט־יונג, דער װירקלעכער באַלעבאָס איצט אין פֿאַריין סאַפּראָלאָװ. אים קען דאָס צומאָל דערגאָך צוניץ קומען. צײַטן בײַטן זיך. כ׳האָב אָבער איבערגעטראַכט. אָנשטאָט פֿאָרן, װען ס׳װעט װערן װאַרעמער, װעל איך בעטן, מע זאָל מיך שיקן אין דער שפּעפּרישער שליכעס איצטער, גלײַך נאָך דער כאַסענע. פֿרעגסט מיך גאָרניט, פֿאַרװאָס האָב איך איבערגעקלערט?

עלישע האָט געשװיגן, בלויז אויפֿגעהויבן אויף אים די פֿאַרטרוימטע אויגן און צוריק זיי פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן.

— איך װאָלט אײגנטלעך געדאַרפֿט אָװעקפֿאָרן אינעם טאָג פֿון דער כאַסענע, כ׳זאָל דיר ניט שטערן מיט מײַן בײַזײַן אין צימער. דאָס װאָלט אָבער אַרויסגערופֿן אַ כשאַד בײַ די שכיינים. װער פֿאָרט עס אַװעק, דערצו נאָך פֿון אַזאַ יונג שיין װײַבל װי דו ביסט, אין טאָג פֿון דער כאַסענע? אַ פּאָר װאָכן װעט דיר אויסקומען צולײַדן פֿון מײַן בײַזײַן הינטער דער שירמע.

— און װוּהין קלײַבט איר זיך פֿאָרן?

— װוּהין? — זאַלמענען האָט געכידעשט, װיִאַזוי שטויסט זי זיך אַליין ניט אָן, אַז דאָס איינציקע אָרט, װאָס ער האָט געקענט פֿאַר דעם אויסקלײַבן, איז די טונדרע הינטער די האָרײַ כּוישעך. — איך האָב זייער ליב געהאַט דײַן מוטער.

— איר פֿאָרט קיין אָבעז?

קיין רעגע ניט פֿאַרקלערנדיק זיך, װיִאַזוי װעט זאַלמען עס אויפֿנעמען, האָט עלישע אים אַרומגעכאַפּט און אַ קוש געטאָן אים אין די ליפּן, װי אַ קאַלע דעם כאָסן בײַסן אויסשרײַען פֿון די געסט בײַם כאַסענע־טיש: גאָרקאָ...

באַם אַרײַנגאַנג אינעם גרױסן װױנהױז פֿון די שרײַבער אין לאַװרושינסקי־געסל, װוּ ס׳האָט געלעבט מײַער אַרענס, האָט זאַלמען זיך אָנגעשטױסן אין דער טיר אױף אַנשל ראַבינאָװיטשן. זאָל מען האָט ניט באַװיזן נאָך אָפּטרעטן, װי אַנשל האָט אונטערשפּרינגענדיק זיך אַרופֿגעװאָרפֿן אױף אים מיט אַ גװאַלד:

— װעמען האָבן מיר אױסגעכאַפּט, פֿרעג איך דיר?! ס׳איז דאָך אין דער װעלט ניט געהערט געװאָרן אַזעלכס! אַז װי איז צו אונדז...

— רעב אַנשל, גאָט איז מיט אײַך... — זאַלמען איז אָפּגעגאַנגען מיט אים אָן אַ זײַט פֿון דער דרױסן־טיר. מיט זײַן געבן פֿון דער העלער הױט מיטאַמאָל אַ זאָג „רעב אַנשל" האָט ער אים עטװאָס אָפּגעקילט. אַנשל האָט פּאַשעט ניט דערװאַרט, אַז זאַלמען, מיט װעמען ער איז יאָרנלאַנג באַקאַנט און געװען די אַלע יאָרן אױף „דו", זאָל אים פּלוצעם נעמען אירצן און רופֿן „רעב אַנשל". — ערשטנס, רעב אַנשל, שאָלעם־אַלײכעם, אַ גוטער־מאָרגן. צװײטנס, װאָס עס זאָל בײַ אונדז איצט ניט פּאַסירן, דאַרף מען װעגן דעם ניט טומלען, ניט מאַכן קײן גװאַלדן. מיט געשרײען װעט איר גאָרניט העלפֿן און גאָרניט אױפֿטאָן. װי איך פֿאַרשטײ, האָט מען שױן װידער עמעצן צוגענומען, צי אַרױסגעשיקט.

— אים װעט מען ניט נעמען. קענסט זײַן זיכער. — און אַנשל האָט װידער זיך צעשרײַען, אונטערשפּרינגענדיק, — װעמען, פֿרעג איך דיך, האָבן מיר צוגעלאָזט צו זיך, געמאַכט אָן אָרט בײַ אונדזער טיש, אָפּגעגעבן קאָװעד, בײס מע האָט אים געדאַרפֿט טרײַבן פֿון זיך מיט שטעקנס, ניט געטאָרט שטײן אין זײַנע דאַלעדאַמעס...

און כאָטש זאַלמען האָט זיך שױן אָנגעשטױסן װעגן װעמען דאָ גײט, פֿונדעסטװעגן האָט ער, װענדנדיק זיך צו אַנשלען, װי געװײנלעך, אָן דעם „רעב" און אױך שױן אױף „דו", פֿאָרט געפֿרעגט:

— װעמען? נו גענוג דיר צו קאָכן זיך. אָנטפּלעק מיר שױן דעם סאָד, װעמען האָסטו עס אין זינען און מיט װאָס האָט ער דיך אַזױ דערצאָרנט?

— סקילע, זאָג איך דיר, איז פֿאַר דעם װײניק. סקילע...

— װעסט סאַפּקאַלסאָף זאָגן, — האָט זאַלמען אים איבערגעריסן, — װער, װאָס, װעמען?

— אַז איך װיל זײַן טרײפֿענעם נאָמען ניט אָנרופֿן. װעגן יעשיִען רײד איך. װעגן יעשיִע רױזען. לאָזט זיך אױס, אַז ס׳איז גאָר אַ ליגן, שעקער װעקעזאָװ אָט דאָס, װאָס ער האָט דערצײלט װעגן זיך, אַז מע איז אים פֿון דאָרט מעשאַלײַעך געװען, אַז ער דינט שױן דאָרט מער ניט.

— פֿונװאַנען נעמסטו עס?

— ער איז זיך אין דעם אַלײן מודיע געװען.

— װאָס רעדסטו, אַנשל? װיִאַזױ האָט ער געקענט זיך מודיע זײַן דעריִן, אױב אַפֿילו סע זאָל געװען זײַן עמעס? אַזױנע סודיעס, אַנשל, גיט מען ניט אַרױס.

— בײַ אַ שיקער איז װאָס אױף דער לונג, דאָס אױף דער צונג. און אַז מע האָט אים אױסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטײ, איז מאַשמאָעס אױך שעקער װעקעזאָװ? אַזעלכע שליסט מען פֿון דער פּאַרטײ ניט אױס.

— שטילער אַ ביסל, אַנשל. מע קען דערהערן.

— ס׳איז מיר שױן אַלצײנס, — האָט אַנשל אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, — אַזױ צי אַנדערש װעלן מיר אַלע זײַן דאָרטן. דאָס האָסטו אים, װי מיר דוכט, געגעבן סמיכעס, צעפּױקט, אַז ער איז אַ טאַלאַנט, אַן עכטער פּאָעט.

— איך זאָג דאָס איצטער אױך.

— נײן, זאַלמען טײַערער, דער, װער סע קען אַזעלכס אָפּטאָן, קען ניט זײַן קײן עכטער פּאָעט. דאָס האָט פּושקין נאָך געזאָגט. דו װײסט, צו װאָס אָט דער נעפֿעש איז דערגאַנגען? כ׳װײס אַפֿילו ניט, װיִאַזױ דאָס אָנרופֿן. עס לײגט זיך פּאַשעט ניט אױפֿן זינען.

דערױף האָט זאַלמען געװאָלט ענטפֿערן אַנשלען, אַז מיר לעבן אין אַ צײַט, װען קײן זאַך דאַרף שױן ניט װוּנדערן, און דערבײַ אַ טראַכט געטאָן, צי ניט די געשיכטע מיט דער פֿאַרברענטער טיר, װעלכע האָדל האָט מעגלעך פֿאַרן אַרױסשיקן זי געקאָנט אים דערצײלן, האָט אַזױ דערצאָרנט אַנשלען? אָדער עפּשער װײסט ער עפּעס פֿונעם העפֿטל, װעלכעס אױזער האָט פֿאַרן װאַרפֿן זיך אין מעטראָ אױף די רעלסן איבערגעלאָזט עס אים, זאַלמענען?

— איך בין נעכטן געװען בײַ אונדז אין פּאָליקליניק. די עלטער לאָזט זיך צוביסלעכװײַז פֿילן.

— מיר זײַנען, דאַכט זיך, מיט דיר, אנשל, אין איין עלטער.

— יאָ, אין איין עלטער טאַקע, און פּאָרט ניט אין איין עלטער. א טאָג אין טפּיסע צי אין לאַגער איז געגליכן צו א יאָר. דאָס וועט דיר זאָגן יעדערער, וועד ס'איז דאָרט געווען. איך האָב געהאַט דאָס גליק דאָרט אָפּזיצן פֿון גלעקל ביז גלעקל, גאַנצע אַכט יאָר. איצט באַרעכן, וויפֿל בין איך אַלט. איז באַגעגן איך אין דער פּאַליקליניק פּינכעס מאַשבערגס און יִיצכאָק ניסנבוימס לעבעדיקע אַלמאָנעס.

— ווי? יִיצכאָק ניסנבוים איז שוין אויך אױף לוביאַנקע? ווען האָט מען אים גענומען?

— האָסט געמיינט, אַז ער וועט זײַן א יויצע מין האַקלאַל, מע וועט קוקן אױף דעם, וואָס ער איז א גרויסער פּראָפֿעסאָר און איז כאָשעוו בא די רוסישע שרײַבער מער ווי בא די יִידישע?

— ניין, כ'האָב עס ניט געקלערט, פּונקט ווי איך קלער ניט, אַז איך וועל זײַן א יויצע מין האַקלאַל. ס'איז פּאַשעט ניט דערגאַנגגען נאָך מײַן ריי.

— פֿריִער וועט זי דערגיין צו מיר.

— א מאָשל. דו ביסט דאָך שוין דאָרט איין מאָל געווען.

— דאָס מאַכט זיי ניט אויס. דאָרט גייט אָן די שפּיל לויט אַן אַנדער לאָטערייע.

— איז וואָס, זאָגסטו, האָבן דיר דערציילט די צווײ לעבעדיקע אַלמאָנעס?

— ווייסט זיך באַלד כאַפּן פֿאַרן קאָפּ. בא זיי איז די טעג געווען יעשיִע רויזן און געזאָגט, אַז ער האָט אין יענעם הויז א סאַך באַקאַנטע און קען דורך זיי איבערגעבן געלט פֿאַר די אַרעסטירטע יִידישע שרײַבער. ער איז געווען נאָך בא עטלעכע פֿרויען. נו, וואָס ווייסטו זאָגן דערויף?

די דערציילטע נײַס האָט שיִר ניט אומגעוואַלגערט זאַלמענען פֿון די פֿיס. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און, צומאַכנדיק די אויגן, שטיל געפֿרעגט:

— זיי האָבן אים געטרויט? געגעבן געלט?

— דאָס זאָגן זיי ניט! נאָר אױף א פֿלעשל בראַנפֿן האָט ער בא זיי מיסטאָמע צונויפֿגעקליבן. גוואַלד געשריִען, וויִאַזוי טראָגט די ערד אױף זיך אַזעלכע? בא וועמען איז ער געגאַנגען אויסנאַרן געלט? בא אָרעמע אומגליקלעכע פֿרויען פֿון די אַרעסטירטע יִידישע שרײַבער? סקילע, זאָג איך דיר, סקילע, הערעג, ווערכענעק איז פֿאַר דעם ווייניק. און דו זאָגסט א טאַלאַנט, אַן עכטער דיכטער. ער איז דאָך... — אנשל האָט פֿון דערצאָרנטקײַט א קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקל זײַנעם אינעם פֿאַרפֿרוירענעם אַספֿאַלט, אַז ס'האָט זיך שיִר ניט צעשפּאָלטן.

בא זאַלמענען האָט עס ניט־ווילנדיק אַרויסגערופֿן א שמייכל. אים האָט זיך דערמאָנט, ווי אָט דער דאַרער קליינוווקסיקער אנשל האָט אַנומלט זיך פֿאַרמאָסטן מיט אָט דעם שטעקל אױפֿן „שלאָגלער“ פֿאַר טרײַבן רעכילעס. ער זאָל ניט געווען, זאַלמען, אַרויסרײַסן בא אנשלען פֿון די הענט דעמלט דאָס שטעקל, וואָלט דער „שלאָגלער“ מיִעס אָפּגעשניטן. שיִע זאָל געווען איצטער אונטערקומען... ניין, הײַנטיקס מאָל וואָלט ער, זאַלמען, ניט אַרויסגעריסן בא אנשלען פֿון די הענט דאָס שטעקל. און אַז אנשל וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן מיט אים אױף שיִען, אין דעם האָט זאַלמען ניט געצווייפֿלט.

— דאָס גייסטו אַצינד, ווי איך פֿאַרשטיי, פֿון ציוויִע אַכרימאָוועו... בא איר איז ער אויך געווען?

— מיסטאָמע. איך בין אָבער בא איר ניט געווען. ניט צו אַלעמען בין איך געגאַנגען זיך נאָכפֿרעגן. דאָס בין איך געגאַנגען צו מייער אַרענסן.

— אָפּטראָגן אים די פֿײַנע נײַס?

— ווער־ווער, נאָר מייער דאַרף דערפֿון וויסן. ער איז דאָך איצט, ווי דו אַליין האָסט אים געקרוינט, אונדזער פּאַטריִאַרך. לאָזט מען אָבער צו אים ניט צו.

זאַלמען האָט אָנגעשטעלט אױף אים די אויגן, ווי ער זאָל ניט געווען דערהערן, וואָס האָט אנשל דאָ געזאָגט.

— בליומע, דאָס ווײַבל זײַנס, לאָזט צו אים ניט צו. ער איז געפֿערלעך קראַנק.

— מייער? — האָט זאַלמען דערשראָקן געפֿרעגט. — כ'האָב דאָך אים ערשט ניט לאַנג צוריק געזען.

— בא אים איז, דאַכט זיך, ווי כ'האָב פֿאַרשטאַנען פֿון בליומעס רייד, יענע קרענק. ניט קיין וווּנדער. א קליינִיקײַט עפּעס, ליגן און זיך צוהערן דורך די נעכט צום ליפּט, צי ניט צו דיר גייט ער. ניט נאָר א ראַק מיט אַן אינפֿאַרקט קען מען דערפֿון קריגן. פֿון זינען קען מען דערפֿון אַראָפּ. דיך וועט בליומע עפּשער צולאָזן, ביסט פּאָרט געווען מער נעענטער מיט אים, ווי איך. איך בין דאָך ניט פֿון אײַער פּאָעטישער קיטע, נאָר פֿון דער קיטע פּראָזע־שרײַבער. עפּעס זע איך ניט, זאַלמען, אַז דאָס דערציילטע וועגן שיִען זאָל דיך געווען איבעריקס אױפֿברענגען.

— וואָס האָסטו, אַשטייגער, דערוואַרט? כ'זאָל רײַסן אױף זיך די האָר? מאַכן א גוואַלד? אַרויסכאַפּן בא דיר דאָס שטעקל און זיך לאָזן לויפֿן צו אים? דיר וואָלט איך פֿונדעסטוועגן גע־

ראטן זײַן א ביסל פֿאַרזיכטיקער. דערצײל דערווײַל מער קײנעם נ׳ט דערפֿון. עס קען דערגײן צו אים. דיר זײַנען קארג די אָפּגעקומענע אכט יאָר טורמע און לאגער? דארפֿסט נאָך?

זאלמען האָט זיך שוין געהאט אָנגענומען פֿארן הענטל פֿון דער טיר. אנשל האָט אים אָפּגעשטעלט.

— אויב וועסט זיך זען מיט מײערן, איז זאָג אים, אז ער זאָל אופֿהערן זיך ערגערן, הא־לעמײַ מע איז אים ביז איצט פֿארבײַגעגאנגען. ער איז דאָך ניט אײנער פֿארבליבן. מיך מיט דיר איז מען דאָך דערווײַל אויך פֿארבײַגעגאנגען. כ׳ווייס ניט, צי ס׳איז אזוי, כ׳האָב געהערט זאָגן, אז מײער האָט זיך געקליבן גײן אהינצו פֿרײַוויליק, ווי ער איז געגאנגען אין דער אָפּאָלטשעניע.

אים, זאלמענען, האָט מײער אפֿילע קײן אָנדײַט וועגן דעם ניט געגעבן. ס׳איז אָבער צו גלײבן, אז עס איז אזוי, ווי אנשל דערצײלט. אָף מײערן איז עס צו גלײבן. מיט זײַן פֿרײַוויליקן גײן אהינצו, אויב מײער האָט ווירקלעך עס געהאט פֿארטראכט, איז ער, אפֿאָנעם, אויסן געווען זײ דאָרט דערווײַזן, אז די ארײַנגעזעצטע שרײַבער זײַנען פּונקט אזוי שולדיק, ווי ער, און ער איז פּונקט אזוי שולדיק, ווי זײ. מײער קלערט, אז די לײַט וועט דאָס זײַן ניט שווער צו דערווײַזן. דאָרט איז קײן זאַך ניט שווער צו דערווײַזן. דאָרט איז אלץ מעגלעך. ער, אלנפֿאלס, זאלמען, האָט עס שוין פֿון לאנג פֿארשטאנען, נאָך מיט א צײַט פֿריִער, ווי דער אומגליק האָט זיך אָנגע־הויבן, פֿארשטאנען עס פֿון די באגעגענישן מיט מארטין קאָנסטאַנטינאָוויטשן.

אונטערזאָגן זאלמענען, בעשאס בליומע האָט אים ארײַנגעפֿירט צו איר קראנקן מאַן אין שכײנעסדיקן צימער, אז ער זאָל גאָרניט דערצײלן וועגן די לעצטע ארעסטן, איז געווען ניט גײטיק. זאלמען איז נאָר אהין ארײַן האָט ער באלד דערזען, אז מיט מײערן האלט שמאָל. שווער געווען צו גלײבן, אז פֿון זינט זײ האָבן דאָס לעצטע מאָל זיך געזען, זײַנען אפֿילע קײן צווײ וואָכן נאָך ניט אריבער. הײַנט איז דינסטיק און געזען האָבן זײ זיך פֿארצווײוואָכן פֿרײַטיק. עמעס, מײער האָט זיך נאָך דעמלט באקלאָגט אפֿן געזונט, א זאָג געטאָן ג׳יט זײַן ליבלעכן שמײכל, אז אין אים שקראבעט א מײַזעלע, נאָר ניט מיטן טאטנס און זײדנס ניגן. ווער האָט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, אז דאָס שקראבענדיקע מײַזעלע זאָל פֿאר אָט דער קורצער צײַט אים אזוי ענדערן. דאָס אויסגעצערט פּאָנעם, ווי צוגעברוינט, דער שטערן אין אײנע קנײטשן. קײן סימען ניט צו געפֿינען פֿון דער מאנצבלשער שײנקײַט זײַנער, אָף וועלכער ס׳האָבן ניט געהאט קימאט קײן שליטע די דורכגעמאכטע יאָרן אפֿן פֿראָנט, ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע דער זעלבער שלאנקער און מילדער, ווי ביז דעם. בלויז די טונקל־בלאָנדע האָר זײַנען ערטערווײַז גע־ווען ווי געכאפּט פֿון פֿראָסט. איצט זײַנען זײ אינגאנצן שוין ווײַס. די ליפּן בלאָוו און צעביסן פֿון די אומדערטרעגלעכע ווײטיקן, וואָס עס ברענגט מיט זיך די דאָזיקע קרענק. געלעגן איז ארענס מיט צוגעשלאָסענע אויגן. ס׳איז אָבער געווען צו זען, אז ער שלאָפֿט ניט.

— מײערל, — בליומע האָט זיך נידעריק אָנגעבויגן איבער אים, — זאלמען איז געקומען דיר מעוואקער־כוילע זײַן. — זי האָט אָפּגעשארט אים פֿון שטערן די אראָפּגעפֿאלענע גרויע פּאסמע האָר און איז ארויס פֿון צימער, איבערלאָזנדיק זײ בײדן אלײן.

— וויִאזוי פֿילסטו זיך, מײער? — האָט זאלמען, צוזעצנדיק זיך אפֿן פּאָזע שטײענדיקן בענקל, שטיל געפֿרעגט, פֿארשטײענדיק, אז ס׳איז געווען איבעריק און ניט נײטיק דערפֿון צו פֿרעגן. ער זעט דאָך עס אלײן. אָבער וויבאלד ער איז געקומען אים געוווּיר ווע־ן, דארף ער לעכאָלהאָפּאָכעס דאָך עפּעס זאָגן.

מײער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. די אויגן ניט געעפֿנט.

נאָכפֿאָלגנדיק נאָכן כוילע, האָט זאלמען בעשײַטע א טראכט געטאָן בא זיך: א סוואָרע, אז מײער האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פֿון דער כוידעספּולער ווײַט, וווּהין ס׳האָבן אים פֿארטראָגן די שווערע פֿארפּלאָנטערטע מאכשאָוועס, זיך נאָך ניט אינגאנצן צעשײדט מיטן דערזעענעם אין דער פֿינקלענדיקער פֿינצטערקײַט הינטער די צוגעשלאָסענע אויגן. ארויסגעגעבן, אז ער שלאָפֿט ניט, האָבן אים די בלאָוו צעביסענע מורמלענדיקע ליפּן. דאָס האָט ער, ווײַזט אויס, זיך דורכ־גערעדט מיט די, וואָס ס׳איז שוין דאָרט, זיך פֿארענטפֿערט פֿאר זײ, פֿארוואָס איז ער ביז איצט נאָך דאָ, ניט זוּיכע געווען אויך זײַן שוין צוזאמען מיט זײ.

און גלײַך מײער זאָל געווען זײַן זיכער, אז זאלמען האָט דאָס זעלבע באם ארײַנקומען אהער אזוי א קלער געטאָן וועגן אים, האָט ער, אופֿעפֿענענדיק ביז האלב די אויגן, פֿארטראכט געטאָן א זאָג:

— דו וועסט זיך עפּשער נאָך מיט זײ זען, איך — שוין ניט. איז גיב זײ איבער...

— רײד ניט קײן נארישקײַטן. פֿון דעם, וואָס דו ביסט נאָך דאָ אָף דער פֿרײַ, אזוי צו זאָגן, דרינגט לאכלוטן ניט ארויס, אז דו ביסט ניט פֿון דער מיזרעך־וואַנט. בלויז דײַן אײן קאדיש וואָס איז ווערט! ס׳איז דאָך א טפֿילע ארײַנצונעמען אין סידער, ווי יעהודע האלײוויס געזאנגען.

— ווילסט מיך טרײסטן...

— איך דאַרף דיך ניט טרייסטן. אַלע ווייסן עס. די שופטים פון אונדזערע ווערק איז דאָס פאָלק און ניט די לײַט פון דאָרטן.

מייער האָט ווידער צוגעשלאָסן די אויגן, געשוויגן און דערנאָך אַרויסגעבראַכט בלויז ווי פאַר זיך אײנעם:

— שטאַרב, שטאַרב מײַן געשריי, וועסט בעמיילע אין הימלען ניט ווערן דערהערט...

דערפון, וואָס מייער האָט זיך אױף דעם אָפּגעשטעלט, ניט פאַרגעזעצט לייענען דאָס ווײַטער־דיקע אין אָט דער טפילע, האָט זאַלמען עס אױפגענומען, ווי מייער זאָל דערמיט מאַכן א סאַכאַקל פונעם דורכגעגאַנגענעם וועג, שטייענדיק באַם סאַמע ברעג זײַנעם, באַם ראַנד פון טהאָם. אין דעם, ווי מייער האָט עס אַרויסגעבראַכט, האָט זאַלמענען זיך געהערט דער האַקויל העוועל האַ־וואָלים אין קויהעלעס.

ווידער געעפנט ביז האַלב די אויגן, האָט מייער לײַכט א מאַך געטאָן צו זאַלמענען מיט דער אָפּגעשוואַכטער האַנט, באַוויזן, אַז ער זאָל זיך צוזעצן נעענטער, אים איז שווער צו ריידן, און זאָגן אים האָט ער נאָך זייער א סאַך. מוירע האָבן דאָס אַלץ אַרויסזאָגן, שטייענדיק באַם ראַנד פון טהאָם, האָט ער שוין ניט וואָס.

— דער טויט איז קײנעם ניט ליב. — שיר ניט נאָך יעדן וואָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט כאַפּן דעם אָטעם, — יעדן ווילט זיך לעבן לענגער, און כאָטש דו האָסט מיך געקרוינט פאַרן פאַר־טריאַרך, איז דאָך, ווי דו ווייסט, מיר גאַנץ ווײַטלעך נאָך צו זעכציק. כ׳האָב זיך אָבער אױף דער מילכאָמע אַזויפיל מאָל געזען מיטן טויט, אַז כ׳האָב אױפגעהערט מוירע האָבן פאַר אים. שוין עטלעכע טעג ווי ער שטייט בא מײַן צוקאָפּנס, איך פיל עס מיט אַלע מײַנע כושים.

— מע דאַרף ניט, מייער, דערפון איצט ריידן.

— אויב ניט איצט, איז ווען? ניט וועגן טויט גייט די רייד. שלאָג מיר ניט איבער. הער מיך אפּרױער אויס.

— איך הער דיך. — זאַלמען האָט זיך אָנגעבויגן נעענטער.

— איידער דער שאַלױעך פון אויבן וועט מיך אוועקפירן אַהין, פונוואַנען קיינער, זינט די וועלט שטייט, האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקערט, וואָלט איך וועלן וויסן, פאַרוואָס האָט אַזוי גרויזאַם זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אױף אונדז די האַק? פאַר וועלכע כאַטאָים? בלויז דערפאַר, ווײַל מיר זײַנען ייִדן? ייִדישע שרײַבער?

— אָפּאָנעם. נאָר מיר וועלן זיך נאָך עס דערוויסן. ניטאָ קיין אייביקע סודעס.

מייער האָט געקוקט אױף אים מיט ברייט צעעפנטע אויגן.

— יאָ, מײַן טײַערער מייער. מיר וועלן זיך נאָך דאָס אַלץ דערוויסן. אַזוי זאָגט דאָס פאָלק אונדזערס, און דאָס פאָלק איז א נאָווי. דערווײַל איז נאָך ניט געקומען פאַר דעם די צײַט. זי וועט אָבער קומען.

— פאַר דיר נאָך עפּשער יאָ, פאַר מיר שוין אָבער ניט. און אוועקגיין אין דער אייביקײַט, ניט וויסנדיק, פאַר וואָס און פאַר ווען איז זיך מיט אונדז דאָס אַלצדינג פאַרלאָפן און צו וואָס קען עס דערפירן. מיך פּײַניקט עס מער, ווי די ווייטיקן, וועלכע איך לײַד פון מײַן שווערער קרענק.

— כ׳האָב א באַקאַנטן פּראָפעסאָר. כ׳וועל זיך דורכריידן מיט אים וועגן דיר. איך גלייב, אַז ער וועט דיך שטעלן אױף די פיס.

— דו ביסט, ווי מײַן בליומע. זי קלערט אויך, אָט ווי דו, אַז איך זע ניט ווּ איך האַלט. מע דאַרף מיך ניט אײַנריידן. דו טראַכט בעסער צו פאַר מיר כאָטש א שטיקל ענטפער, צו וואָס האָבן זיי דאָרטן דאָס אַלץ באַדאַרפט? פאַרוואָס האָט ער דערצו דערלאָזט? מיר איז עס ניט צו באַנעמען. היטלער האָט ניט אויסבאַהאַלטן פון דער וועלט זײַן קאַוואָנע, פאַרוואָס באַגייט ער זיך אַזוי מערדעריש מיט אונדזער פאָלק. ער האָט מיט א צײַט נאָך פאַר דעם אָפן עס אַרויסגעזאָגט. און וואָס פאַר א קאַוואָנע איז בא אונדזערן, אין וועמען מיר האָבן געגלייבט מער, ווי א פרומער ייִד אין מוישע ראַביינו? ווער פאַרשטייט עס ניט, אַז אָן אים טוט זיך גאָרניט, אַז אױף אַלץ מוז מען האָבן זײַן האַסקאָמע, זײַן העכשער. עס דאַרף דאָך זײַן אין דעם עפּעס א זין. סײַדן... — מייער האָט זיך א ווײַלע פאַרקלערט און, ווי א מענטש, וועלכער שטייט באַם ראַנד פון טהאָם און האָט שוין ניט פאַר וועמען מוירע צו האָבן, זיכערער אַרויסגעבראַכט: — סײַדן דאָס גייט אַלץ פון א כאַסערדייע. בלויז נאָר אַזאַ, ווער ס׳איז ניט בא די געדאַנקען, קען אַזוי גאַזלאָניש זיך באַ־גיין מיט א פאָלק, וואָס איז געווען אַזוי איבערגעגעבן דעם לאַנד, אַזוי טרײַ דעם שטאָלענעם. דאָס אָפּנעמען באַם פאָלק זײַנע שרײַבער איז דער גרעסטער אָנזאָג, אַז דעם פאָלק דערוואַרט שרעק־לעכס, שרעקלעכער פון שרעקלעכערס. ווי באַנאַרישט מיר זײַנען געווען, זאַלמען. שמאַ ייִסראָעל, האָבן מיר א לעבן, קען מען זאָגן, געגוואַלדעוועט אין אונדזערע ספאָרים, אַדוישעם עלױ הײנו, דער שטאָלענער איז אונדזער פאָטער, אונדזער גאָט, אַדוישעם עכאָד, דאָס לאַנד אונטער זײַן מעמשאָלע

איז דאָס איינציקע און גליקלעכסטע אין דער וועלט פאַר אונדזער פאָלק און אויסגעלאָזט האָט זיך... אײַ, ווי פאַרבלענדט און פאַרנאַרישט מיר זײַנע געווען.

אין צימער איז אַרײַנגעקומען בליומע. און כאָטש זי האָט זיך געווענדט בלויז צום מאַן, געפרעגט, צי דאַרף ער ניט עפּעס, אָבער פאַרשטאַנען האָט זאַלמען, אַז אַרײַנגעקומען איז זי צוליב אים, אַרײַנגעגאַנגען געבן אָנצוהערן, אַז ער איז זיך צו לאַנג פאַרזעסן. זאַלמען האָט זיך אויפגעהויבן, נאָר מייער האָט אים אָפּגעשטעלט.

— זיץ נאָך אַ ביסל. ווער ווייסט, ווען וועלן מיר זיך מיט דיר זען, — און עטוואָס שטילער, ווי וועלנדיק עס אויסבאַהאַלטן פון דער פרוי, צוגעגעבן, — און ווער ווייסט, צי וועלן מיר זיך מיט דיר בכלל נאָך ווען־ניט־איז זען. לאָז אונדז, בליומינקע, איבער אַליין. מיר האָבן נאָך ניט פאַרענדיקט אונדזער שמועס.

— אָבער ניט אויף לאַנג. — אַ בליק געגעבן אויף זאַלמענען מיט אירע שוואַרצע אומעטיקע אויגן, איז זי אַרויס פון צימער.

די צײַטווײַליק אײַנגעשטילטע ווייטיקן האָבן פון מאָל צו מאָל דערמאָנט וועגן זיך מייערן, ער האָט זיך באַמיט עס ניט אַרויסווײַזן, ניט געוואָלט, אַז זאַלמען זאָל זען זײַן אומבאַהאָלפנקײַט, זײַן אונטערגעבן זיך אין שלאַכט, וואָס ער פירט מיט זיי. קענטיק, אַז ער איז זיי אויף אַ שטיקל צײַט פאָרט בײַגעקומען, ניט אינגאַנצן, אָבער אויף אַזויפיל, אַז צומאַכן די אויגן און אײַנבײַסן זיך מיט די ציין אין די ליפּן האָט ער ניט באַדאַרפט. אויך דאָס קאָל זײַנס האָט ניט אַרויסגעגעבן וועגן דער שלאַכט, וועלכע ער האָט אין אָט די מינוטן געפירט מיט די אַגרעסיווע ווייטיקן, געפירט מיט זיי אין זיך שטילערהייט. דאָס קאָל האָט בלויז פאַרלאַנגט פון אים ניט אונטערטרײַבן עס, לאָזן זיך אָפּטער אָפּשטעלן, אָנעמען זיך מער מיט לופט.

— ער איז מאַמעש אַ רעטעניש פאַר מיר, ווי קען ער אַזעלכס דערלאָזן?

— ווער? — האָט זאַלמען געפרעגט, נאָר אַזוי שטיל, אַז מייער האָט געקאָנט ניט דערהערן, און בעשאַסמײַסע אַ קלער געטאָן, צי ניט מיקויעך שיִען האָט מייער עס געזאָגט. אָבער וואָס פאַר אַ רעטעניש קען פאַר אים זײַן שיִע נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגעלייענט וועגן אים אין אייזערס העפטל און ווייסט די געשיכטע מיט נאָסנס פאַרברענטער טיר?

— וואַרט אויף, — האָט מייער געזאָגט צו זיך, — ווען איז אַלטערקע העלבערג געווען בא מיר? הײַנט איז וואָס פאַר אַ טאָג בא אונדז?

— דינסטיק.

— דינסטיק? — מייער האָט פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט, גלײַך ער זאָל געווען פאַרלירן דעם כעושבן פון דער צײַט, — איז אַלטערקע געווען בא מיר, קומט אויס, שאַבעס, פאַריקן שאַבעס. — אָפּגערוט אַ ווײַלע, האָט ער, איבערכאַפּנדיק אָפּטער דעם אָטעם, פאַרגעזעצט. — און נאָך וואָס, מיינסטו, איז ער געקומען? זיך מיסוואַדע זײַן פאַר מיר, אַז ער גלייבט ניט, דו הער זיך נאָר אײַן, ער גלייבט ניט, אַז זיי זײַנען אומשולדיק. גאָר קיין אומשולדיקע, זאָגט ער, נעמט מען ניט. מיסטאַמע האָבן זיי זיך מיט עפּעס פאָרט פאַרזינדיקט. נו? וואָס וועסטו זאָגן דערצו?

דערויף האָט זאַלמען געענטפערט ניט ווי מייער האָט דערוואַרט, געענטפערט קימאַט לאַכלוטן רויִק:

— פאַר מיר איז עס ניט קיין נײַס. כ'האָב דאָס פון אים געהערט בײַס אונדזער לעצטער פאַרזאַמלונג.

— מיר געדענקט זיך ניט, אַז ער זאָל געווען דאָרט אַזעלכס זאָגן.

— דו קענסט דאָס ניט געדענקען. ער האָט דאָס געזאָגט ניט בעקאָל ראָם אויף דער פאַרזאַמלונג בלויז מיר איינעם, נאָך פאַר דעם ווי דער קאַצעוו־יונג סאַפּראָלאָוו איז געקומען.

— ביסט זיכער, אַז ער האָט דאָס זעלבע ניט געקאָנט זאָגן אויך סאַפּראָלאָוון?

— שווערן זיך פאַר אים וועל איך ניט. איך דערלאָז אָבער ניט, אַז ער זאָל דערצו דערגיין. אַלטער איז פאָרט ניט שיִע. וועסט פרעגן, צו וואָס איז אים נייטיק געווען מיסוואַדע זײַן זיך פאַר אונדז? כ'האָב וועגן דעם געקלערט. עפּשער ווייסט ער עפּעס באַזונדערס און קען עס אונדז ניט אַנטפּלעקן. הײַנטיקע צײַט קאָן אַלצדינג טרעפן.

אַרויסזאָגנדיק מייערן די דאָזיקע האַשאָרע, וואָלט זאַלמען געקענט ברענגען גופע זיך פאַר אַ בײַשפּיל: ער האָט דאָך אויסבאַהאַלטן, אַפילע פון זײַן נאָענטסטן פרײַנט נאָסענען, אויסבאַהאַלטן אַזעלכס, וואָס ער האָט ניט געטאָרט מאַכן דערפון קיין סאָד, איז מעכויעוו געווען, וואָס עס זאָל אים דערפון ניט געווען דערוואַרטן, אויוועד זײַן אויף מאַרטינס פאַרבאָט. ער קאָן ביז איצט ניט אינגאַנצן נאָך באַנעמען, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן. בלויז דער פּאַכעד? אַלנפאַלס, אויב זײַן אינגאַנצן ערלעך, איז ווי קען ער באַשולדיקן אַלטערן, טאָמער ווייסט ער עפּעס וויכטיקס וועגן דעם פאַרגעקומענעם ביז איצט און קען עס ניט זאָגן?

דאָס אָפּגעשוואַכטע קאָל בײַ מײַערן האָט געפּונען אין זיך גענוג קויעך אָפּענטפּערן זאַלמענען האַרב און שטײַף: — וואָס קען ער וויסן מער פון אונדז? ער איז, קומט אויס, אַ זעענדיקער, און מיר אַלע אַרום זײַנען בלינדע, האָבן גאָרניט באַמערקט. איך מיט דיר זײַנען, דאַכט זיך, געווען מיט די, וואָס זיצן עטוואָס נעענטער ווי אַלטערקע העלבערג. איז ווי קלערסטו, ווען עמעצער פון זיי זאָל געווען געבן אַפילו דעם מינדסטן סמאַך כוישעד צו זײַן, וואָלט איך עס ניט באַמערקט? איך פאַרגלײַך אים ניט, פּונקט ווי דו, צו שיִען. שיִע רוויזען איז פאַר מיר אַן אָפענע קאָרט. וועגן אַזעלכע, ווי שיִע, אַז עס קומט צו רייד, זאָגט מען ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן. אָבער ער, אַלטער העלבערג?!

נאָך דעם ווי זאַלמען האָט באַם אַרײַנגאַנג דערהערט פון אָנשלען די געשיכטע מיט שיִעס אַרומגייִן איבער די הײַזער אויסנאַרן געלט בײַ די אומגליקלעכע פרויען פון די אַרעסטירטע ייִדישע שרײַבער, האָט ער פאַר אים ניט קיין אַנדער קלאָלע אויסער ווי לוי אַזאַכער וועלוי ייִפּאָקייד. און דאָס האָט זיך אים געוואָלט אונטערזאָגן מײַערן. נאָר איבערגעשלאָגן האָט ער אים ניט, געלאָזט מײַערן זיך אויסריידן. ניט יעדן טאָג, ווי דאָס איז ניט שווער זיך פאָרשטעלן, וויבאַלד בלומע זײַנע לאָזט צו אים קימאַט קיינעם ניט צו, האָט ער פאַר וועמען זיך אויסטײַנען, אַרויסלאָזן כאָטש אויף עטלעכע מינוט אויף דער פרײַ די פאַרשפּאַרטע געדאַנקען, וואָס פּײַניקן אים.

אָפּגערוט אַ ווײַלע, האָט מײַער פונסנײַ זיך אָנגערופן:

— איך קען פאָרט ניט באַנעמען, וואָס איז אַלטער אויסן געווען אין זײַן מיסוואָדע זײַן זיך פאַר אונדז? קעדיי האָבן אײדעס, אַז ער איז באַצײַטנס אָפּגעגאַנגען פון דעם, וואָס האָט אַ שײַכעס צו ייִדיש, אַז ער האָט אַנדערש, ניט ווי מיר, געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיט אונדז קומט פאָר און וועגן די, וועמען מע האָט אַרײַנגעזעצט? צי דען קלערט ער, אויב דאָס זאָל אַפילו דערגיין אַהינצו, קען עס אים ראַטעווען?

— מיסטאַמע. ניטאָ דען צווישן אונדז קיין ייִדן, וואָס זוכן פאַר זיך אַ רעטונג און ענדערן די פאַמיליעס און די נעמען און אָפּזאָגן זיך פון די אייגענע טאַטע־מאַמע און פרויען, וועלכע אײַלן זיך אָפּגעטן מיט זייערע אַרעסטירטע מענער? מיר איז עס, פּונקט ווי דיר, מוירעדיק דערווידער. נאָר וועמען קען מען דאָ מאַכן שולדיק, אויב די צײַט איז אַזאַ? אַ פאַרדאָרבענע, נידערטרעכטיקע צײַט, ווי ס'האָט געזאָגט וועגן איר, זײַענדיק נאָך אויף דער פרײַ, מאַרק פאַלאַנער. אונדזער לאַנד האָט געוווּסט פון מער גרויזאַמערע צײַטן, האָט מאַרק פאַלאַנער געזאָגט, זי האָט אָבער קיינמאָל ניט געוווּסט פון אַזאַ פאַרדאָרבענער נידערטרעכטיקער צײַט.

— נו, און דער מענטש, פון אים איז שוין גאָרניט אָפּהענגיק? די טעג האָב איך דערהאַלטן פון מײַנעם אַ ביראָבידזשאַנער לײַענער אַ בריוול מיט אַן אויסשניט פון דער דאָרטיקער צײַטונג.

— דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" דערשײַנט נאָך, מע האָט אים ניט צוגעמאַכט?

— דער אויסצוג איז פון דער רוסישער „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ". דער אַרטיקל הייסט: „איך בין אַ רוסישער אינטעליגענט, בלויז לויטן אָפּשטאַם אַ ייִד". דער אַווטאָר פונעם אַרטיקל איז ווייסטו ווער? כאַצקל פעלמאַן, דער זעלבער כאַצקל פעלמאַן, וועמ ס'האָט אַלע יאָרן ביזן אומגליק געשריבן אויף ייִדיש, געדרוקט זיך אויף ייִדיש. — בײַ מײַערן האָט פון אופרעגונג פאַרכאַפּט דעם אָטעם. — אין דעם, וואָס אַזאַ איינער מאַכט דערפון אַלץ צו נישט, איז אויך שולדיק בלויז די צײַט, ווי פאַרדאָרבן און נידערטרעכטיק זי זאָל ניט זײַן. ניין, מיט אַזעלכע לײַט וויל איך ניט האָבן צו טאָן. כ'האָב אָנגעזאָגט מײַן בלומען, זי זאָל זיי אויף דער שוועל ניט אַרופלאָזן.

— מיר דוכט, אַז דײַן בלומע לאָזט ביכלאַל קיינעם צו דיר ניט צו.

— דאָס היט זי מיך אָפּ, האָט מוירע, אַז עמעצער קען זיך אַרויסכאַפּן פאַר מיר מיט אַ נײַס, פון וועלכער קיין געזונט קומט ניט צו. דו קלײַבסט זיך שוין אַוועקגיין?

— איך בין זיך בײַ דיר אַזוי אויך שוין פאַרזעסן. דײַן בלומע וועט דאָך מיך מער קיינמאָל ניט אַרײַנלאָזן.

— נישקאָשע. כ'וועל זי ווי־ניט־איז אײַנבעטן. פאַרהאַלט זיך נאָך אַ ביסל. אין זכוס פון דײַן קומען האָבן מיך אָפּגעלאָזט די ווייטיקן. דערצייל מיר כאָטש אינקורצן, איך וועל דיך פאַר בלומען ניט אַרויסגעבן, איך שווער דיר. וואָס הערט זיך בײַ אונדז פאַר די פאַר וואָכן, זינט איך בין צו בעט, האָט מען מער קיינעם ניט צוגענומען? דעם עמעס אָבער.

נאָר דעם עמעס האָט זאַלמען ניט געקאָנט אים זאָגן, ווײַל ער אַליין האָט ניט אַלץ געוווּסט. פון זינט מע האָט צוגענומען נאָסענען און אַרויסגעשיקט האַדלען איז גייט ער ניט צו קיינעם און קלינגט זיך מיט קיינעם ניט איבער. דערפון, אַז ייִצכאָק ניסנבוים איז אויך שוין דאָרט, האָט ער זיך צופעליק דערוווּסט ערשט הײַנט פון אַנשל ראַבּיטשעוון.

— שווײַגסט? באַהאַלטסט פון מיר אויס?

— איך האָב ניט וואָס אויסצובאַהאַלטן פון דיר. איך ווייס דאָך טאַקע אייגנטלעך גאָרניט. און פונוואַנען קען איך וויסן, אויב איך זע זיך מיט קיינעם ניט. שטעל זיך פאָר, אַז צו מיר איז

אפֿילע ניט דערגאַנגען, אַז דו ביסט ניט געזונט. כ׳האָב זיך צופֿעליק ערשט הײַנט דערוווּסט עס פֿון אַנשלען. ער איז געגאַנגען דיר מעוואַקער־כּוילע זײַן. בלומע האָט אים אָבער ניט אַרײַנגע־לאָזט.

— מיסטאָמע בין איך געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זי האָט אים ניט געקאָנט אַרײַנלאָזן. מיט מיר טרעפֿט עס איצט גאַנץ אָפֿט. ווען זען אַנשלען, איז גיב אים, זײַ אַזוי גוט, איבער, אַז ער זאָל מיר מויכל זײַן. דערקלער אים... ווי, דו גייסט שוין טאַקע אַוועק? דו האָסט דאָך מיר נאָך גאָרניט דערציילט וועגן זיך. טוסט עפּעס? אין פּאַריין בײַ סאָפּראָלאָזן ביסטו שוין געווען מיקויעך דעם, אַז ער זאָל דיר העלפֿן אָנקומען ערגעץ פֿאַר אַ לערער פֿון מאָלן?

— מיר האָבן דאָך געהאַט מיט דיר אָפּגערעדט גיין צו אים צוזאַמען. נעמסטו און פֿירסט מיך אונטער. האָסט מיך בכלל אונטערגעפֿירט. זייער שטאַרק אונטערגעפֿירט.

— דעהײַנע? מיט וואָס, אַשטייגער, האָב איך עס דיך אַזוי שטאַרק אונטערגעפֿירט?

— געדענקסט ניט?

— אַנו, דערמאָן מיר.

ער ווייסט ניט, זאַלמען, צי וואָלט ער געזאָגט מייערן, וואָס האָט אים הײַנט אַהער גע־בראַכט, ווען בלומע זאָל אַפֿילע ניט געווען איצט אַרײַנקומען. אַזוי צי אַנדערש, נאָר אין איר אָנוועזנהײַט אַלנפֿאַלס... זי וואָלט דאָך אים זיכער אָנגענומען פֿאַר אַ דולן. וויִאַזוי האָט מען עס אין אַזאַ צײַט כאַסענע? זאַלמען וואָלט איר, פֿאַרשטייט זיך, געקענט דערויף ענטפֿערן, אַז עס גייט וועגן אַ כאַסענע אויף צוקלוימערשט, אַז עס איז ניט מער, ווי אַ שפּיל פֿאַר דער מיליציע אויף אײַנמעלדן צו זיך עלישען. קיין אַנדער אויסוועג, וויִאַזוי ניט דערלאָזן, אַז עלישע זאָל זיך אומ־קערן קיין אָבעז, זעט ער ניט. וואָס אָבער וואָלט ער געענטפֿערט בלומען, ווען זי מוסערט אים אויס? וויִאַזוי האָט אים גאָר געקאָנט קומען אויפֿן זינען בכלל פֿאַרפֿירן מיט איר מאַן, מיט אַ מענטשן, וואָס ליגט אויפֿן טויטן בעט, אַ רייד וועגן דער איבערמאָרגנדיקער כאַסענע, אויף וועלכער מייער האָט געדאַרפֿט גיין אין זאָגס פֿאַר אַן אײדעס פֿון כאַסנס צאַד?

— איז מיט וואָס, זאָגסטו, האָב איך דיך אַזוי אונטערגעפֿירט? נו, דערמאָן מיר.

— אַ צווייט מאָל מייער, אַ צווייט מאָל.

בײַם אַרײַנעמען מייערס בלייכע אָפּגעשוואַכטע האַנט אין זײַנער האָט זאַלמען געוווּסט, אַז ער זעט אים צום לעצטן מאָל, און כאָטש מייער אַרענס וועט זיך שיידן מיט דער וועלט בײַ זיך אויפֿן געלעגער, איז ער אַלציינס אַ קאָרבן, דער זעלבער קאָרבן, ווי אַלע, וועלכע זײַנען שוין דאָרטן. און פֿונוואַנען איז ער, זאַלמען, זיכער, אַז מיט מייערן קען ניט פֿאָרקומען דאָס זעלבע ווי מיט בינאָמין בענאַריען, מע זאָל אים אויך אַ טויט־קראַנקן אַוועקפֿירן אַהין אָפּגעבן די נעשאָמע? מייערן וואָלט אַזאַ אַוועקגיין פֿון דער וועלט, איז זאַלמען זיכער, געווען לײַכטער איבערטראָגן.

אין דעם מער גרעסערן צימער האָט זאַלמען געטראָפֿן זיצן אַ פּאַרוויינטע רעפֿאָעל אַכרימאָווס שטילן מאַלעך, ציוויען, וועלכע האָט געוווינט אין דער זעלבער פּאַראַדנע.

— ווען ניט דער אומגליק... — די טרערן זײַנען איר גערונען איבער די באַקן. ציוויע האָט זיי ניט אָפּגעווישט. — ער איז דאָך נאָך קיין זעכציק יאָר ניט אַלט. געווען אַזאַ קרעפֿטיקער און אויסגעזען יונג. די מיִעסע קרענק, מע זאָל פֿון איר ניט וויסן, האָט זיך בײַ אים גענומען בלויז פֿון די איבערלעבענישן. אַזעלכע איבערלעבענישן...

— וואָס זאָגן די דאָקטוירים? — האָט זאַלמען, צוזעצנדיק זיך אַ ווײַלע צו איר בײַם טיש, אינדערשטיל געפֿרעגט.

— ס׳איז קלאָר אַן זיי, אַז מיט מייערן האַלט שמאָל. אַ ראַכמאָנעס נעבעך אויף בלומען. זי שטייט קוים אײַן אויף די פֿיס. דאָס בין איך געקומען זי פֿאַרבײַטן. זײַנע ווייטיקן איז ניט צו באַשרײַבן. מע מוז קימאַט די גאַנצע צײַט זײַן לעבן אים. און וואָס הערט זיך בײַ אײַך, כ׳האָב אײַך שוין אַ צײַט ניט געזען?

— בײַ מיר? — האָט זאַלמען איבערגעפֿרעגט, אַליין ניט פֿאַרשטייענדיק צוליב וואָס. אין דער מינוט איז אויסער אים דאָך אין צימער מער קיינער ניטאָ, אַז ציוויע זאָל דערמיט זיך געווען צו עמעצן אַנדערש ווענדן. — דערווײַל, ווי איר זעט, גיי איך נאָך אַרום אויף דער פֿרײַ. ס׳איז אָך און אַז ווי צו אַזאַ אַרומגיין. עס דוכט זיך נאָכאַנאַנד, אַז מע גייט דיר די גאַנצע צײַט נאָך. זאָגט מיר נאָר, ציוויע, שיִע רויזען איז די טעג געווען בײַ אײַך?

— אַנטקעגן וואָס פֿרעגט איר עס?

— כ׳האָב געהערט זאָגן, אַז ער גייט אַרום אויסנאַרן געלט בײַ די מישפּאָכעס פֿון די אַרעסטירטע שרײַבער. ס׳איז עמעס?

— עמעס. איך ווייס ניט ווי אַנדערע, נאָר איך האָב אים קיין קאָפּיקע ניט געגעבן. כ׳האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַן אונטערגעשטעלטע זאַך, און אַ געפֿערלעכע זאַך. אָט דער שיִע רויזען, ווײַזט מיר בכלל אויס צו זײַן אַ פֿאַרדעכטיקער פּאַרשוין. ווי זאָגט איר?

— כ'קלער, אַז ס'איז גלײַכער ניט האָבן מיט אים צו טאָן.

ציוויע האָט פאַרבראָכן די הענט און פון ערגעץ טיף אין זיך אַרויסגעזיפּצט די ווערטער:

— ס'איז ניט גוט מיט אונדז, זאַלמען. אוי, איז ניט גוט. כ'האָב מוירע, אַז ס'זאָל זיך ניט ענדיקן דערמיט, אַז מע זאָל אונדז אַרויסשיקן. בענשאַלעמס געזינד האָט מען שוין אַרויסגעשיקט.

פון דער אָנגעזאָגטער נײַס האָט בא זאַלמענען זיך פאַרהאַקט דער אָטעם, אַז ער האָט קוים אַרויסגעבראַכט:

— ווען?

— נאָך אייַנעכטן. איר האָט דען ניט געהערט? ווי קומט עס?

דערויף איז זאַלמענען אויסגעקומען ענטפערן דער פאַרכידעשטער ציוויען מיטן זעלבן, ווי ער האָט געענטפערט מייערן און אַנשלען:

— פונוואַנען האָב איך געזאָלט הערן, אַז איך זע, קאָן מען זאָגן, קיינעם ניט. און וווּהין האָט מען זיי אַרויסגעשיקט?

— ליבער זאַלמען, ווער קען וויסן? מע זאָגט דען? נאָר פאַרשטעלן דאַרף מע זיך, אַז ניט קיין קאַווקאַז און ניט קיין קרים. פאַראַן אַ סיביר. אוי, זאַלמען, זאַלמען. פאַר וועלכע זינד קומט דאָס אונדז אַלץ?

אָן ענטפער דערויף האָט זאַלמען געהאַט. דער ענטפער איז געווען גופא אין דער פראַגע, וועלכע ער האָט ניט באַוויזן פאַרגעבן רעפאַעלן אין יענעם פרימאָרגן בעשאַס ער האָט אים געבראַכט צו פירן פינכּסעס בריוול. איצט האָט ער זי פאַרגעבן ציוויען:

— פאַרוואָס האָט איר זיך אומגעקערט אהער? עמעצער האָט אײַך געטריבן דערצו? אַזאַ כאַכעם, ווי רעפאַעל, זאָל זיך לאָזן אַזוי אַרײַנאַרן. ער איז דאָך פאַרן באַזעצן זיך דאָ אויף שטענדיק אַ פּאָר מאָל געהאַט געקומען אַהער צוגאַסט. צי דען האָט ער גאָרניט באַמערקט, וואָס דאָ טוט זיך? איך רייד ניט בלויז מיקויעך די ייִדן.

— מע האָט אים פאַרבלענדט מיטן פּײַערלעכן מעקאַבל־פּאָנעם זײַן יעדעס מאָל. זאָגט מיר, ליבער זאַלמען, אײַך איז אויסגעקומען לעבן אין דער פרעמד, אין אויסלאַנד, הייסט עס?

— צום באַדויערן.

— זאָגט עס ניט. איר זאָלט געווען אַרומרײַזן איבער דער וועלט אַזויפיל וויפל מיר. כ'וועל ניט זאָגן, אַז אונדז האָט זיך דאָרט שלעכט געלעבט. מע דאַרף אָבער קענען רעפאַעלן. ס'איז ניט איבערצוגעבן, ווי ער האָט די אַלע יאָרן, זײַענדיק דאָרט, געבענקט אַהיים. קימאַט אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעשריבן, איז וועגן דער היים, פונוואַנען מיר שטאַמען, און אָנגעשריבן מיט אַזאַ ליבע. איז פאַר וועלכע זינד קומט ער אָפּ, פאַרוואָס און פאַרוואָס האָט מען אים אַרײַנגעזעצט? און די איבעריקע, נעבעך. דאַנקען גאָט, מע נעמט נאָך בא מיר די פּאָר רובל פאַר אים. ווי וועט זײַן, טאָמער שיקט מען אונדז כאַלילע אַרויס. ס'וועט דאָך ניט זײַן, ווער עס זאָל אים אפילע אַ קאָפּיקע איבערגעבן. רעפאַעל וועט דאָך ניט וויסן וואָס איבערצוקלערן.

נאָך די אַלע רייד וועגן דעם, אַז די לײַט פון דאָרטן זײַנען שוין עטלעכע מאָל געווען בא בענשאַלעמען אינדערהיים, געקומען נעמען פאַר אים וועש, פּאַפּיראָסן, טאַבעק, וואַרעם אָנטאָן, אפילע געהערט פון איינעם אַן אַרטיסט, אַז ער האָט אַליין, מיט די אייגענע אויגן, געזען בענשאַלעמען אין הויף פון דעם נאָך צו יענער צײַט ניט צוגעמאַכטן טעאַטער, עמעס, ניט אַליין, נאָר אין דער באַגלייטונג פון אַ צווייטן, מיסטאַמע פון אַן איבערגעטאָנענעם מיליטערמאַן פון דאָרטן... אויב דאָס אַלץ איז ניט צוגעטראַכט, ניט אויסגעטראַכט, דאַן איז לאַכלוטן ניט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס האָט מען פּלוצעם אַרויסגעשיקט גראַדע בענשאַלעמס געזינד, די פרוי מיט דער טאָכטער. עפּעס איז דאָרט מיט בענשאַלעמען זיכער פאַרגעקומען. נאָר ווער קען וויסן, וואָס דאָרט קאָן פאַרקומען. טרעפן איז דאָך ניט שײַעך.

— און דעם איידעמס?

ציוויע האָט ניט גלײַך פאַרשטאַנען, אויף וועמען פרעגט זיך עס זאַלמען נאָך.

— בענשאַלעמס איידעם האָט מען אויך אַרויסגעשיקט?

— ער האָט אַליין זיך אַרויסגעשיקט, זיך פון אַלץ אָפּגעזאָגט און לויטן אייגענעם ווילן מיטגעפאָרן מיט דער אַרויסגעשיקטער פרוי און שוויגער אין אויסרײַסעניש. אויף קאַטאָרגע.

אויב אים, זאַלמענען, וועט זײַן באַשערט זיצן נאָך וועןניט־איז באַם שרײַבטיש, וועט דאָס ערשטע ווערק זײַנס זײַן וועגן בענשאַלעמס איידעם, וועגן דעם יונגן שיינעם לעאָנען. ער ווייסט בלויז ניט, צי וועט ער דערציילן וועגן אים אין אַ פּאָעמע, צי אין אַ דראַמע. אַ טראַכט געבנדיק דערפון, האָט זאַלמען געדאַנקלעך דערזען פאַר זיך לעאָנען, דערזען אים אַ שײַנענדיק גליקלעכן ווי שטענדיק, ווו ער זאָל אים ניט געווען באַגעגענען.

באַקאַנט האָט ער זיך מיט אים בײַס דער מילכאָמע אין אַ ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, צו יענער צײַט האָט דער קאָמיטעט זיך נאָך געפונען אין קויבישעוו. בענשאַלעמס קינפטיקער איי־

דעם, דער יונגינקער לייטענאנט לעאָן, האָט מיט עטלעכע טעג פאַר דעם זיך געהאַט אויסגעשריבן פון האָספּיטאַל, וווּהין מע האָט אים מיט א כאַדאָשים צוויי צוריק געבראַכט א פאַרוווּנדעטן פונעם פראָנט.

מיט א טאָג פאַר לעאָנס אומקערן זיך צוריק אפן פראָנט האָט בענשאַלעם צווישן אנדערע פאַרבעטן צו זיך אהיים אויך אים, זאַלמענען. ס'איז געווען א מין קנאַסמאָל.

ווען זאַלמען האָט באַגעגנט לעאָנען אין מאָסקווע, איז ער שוין געווען בענשאַלעמס איידעם און באַגעגנט האָט ער אים בא בענשאַלעמען אין קאַבינעט. לעאָן פלעגט פון צײַט צו צײַט אַרײַנקומען אין קאָמיטעט. אלע מיידלעך, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט, זײַנען געווען מעקאַנע בענשאַלעמס באַסיעכידע, זיך געווונטשן האָבן אויך אזא יונגן, שיינעם, געראָטענעם מאַן. זײַן שיינקײַט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. דאָס פּאָנעם — א לענגלעך טונקלס מיט איידעלע שטריכן, די פיגור — א שטאַלטנע, עטוואָס העכער פון מיטעלן וווּקס. די מיליטערישע אוניפאָרם האָט אים געמאַכט נאָך מער שטאַלטנער. בייס ס'האָט אויסגעבראָכן דער אומגליק און בעַ האָט אינגיכן, נאָכן צומאַכן דעם קאָמיטעט, אַרײַנגעזעצט בענשאַלעמען, איז לעאָן שוין געווען אפן אנדערן קורס פון דער טאַנקען־אַקאַדעמיע און א מיטגליד פון דעם פאַרטיי־קאָמיטעט. ער זאָל קאָנען פאָרזעצן דאָס לערנען און בלײַבן אין דער פאַרטיי, האָט זיך פון אים געפאָדערט בלויז איינס: אײַנרײַסן מיט דער מישפּאָכע. דערקלערן אָפן, אז דער שווער זײַנער איז א סוינע פון פאָלק.

— נאָר לעאָן איז דערויף ניט אײַנגעגאַנגען.

— איך האָב אנדערש ניט דערוואַרט. — און ווי א טפילע האָט זאַלמען אַרויסגעבראַכט: — געבענטשט זאָלן זײַן די עלטערן, וואָס האָבן געבוירן און דערצויגן אזא זון.

די טיר פון צימער, ווו ס'איז געלעגן מײַער, האָט שטיל און פאַמעלעך זיך געעפנט און ס'איז אַרײַנגעקומען בליומע.

— ער האָט אײַנגעדרעמלט, — א מידע פון ניט דערשלאָפן, פון לעבן אין איינע שרעק, האָט זי זיך קוים דערשלעפּט צום בענקל באַם טיש. — ציוויענקע טײַערע, גייט רוט זיך אָפּ. איר האָט דאָך באַגלײַך מיט מיר ניט צוגעמאַכט די נאַכט קיין אויג. — און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו זאַלמענען, געפרעגט: — מיקויעך וואָס האָט איר געדאַרפט דערמאָנען מײַערן? ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל זיך בא אײַך דערוויסן.

— אייסעך, ניטאָ דערפון וואָס צו ריידן.

— אָבער פונדעסטוועגן?

— איך זאָג דאָך אײַך, אז ס'איז ניטאָ דערפון וואָס צו ריידן. אײַער מײַער האָט צוגעזאָגט איינעם אונדזערן א באַקאַנטן גיין אין זאַגס פאַר אן איידעס. אונדזער באַקאַנטער האָט אין צוויי טעג אַרום כאַסענע. דאָס בין איך געקומען דערמאָנען וועגן דעם מײַערן. כ'האָב דאָך ניט געוווּסט, אז מײַער איז קראַנק. בא אזא צושטאַנד, ווי בא אים, דערמאָנט מען ניט וועגן אזעלכע צוזאָגעכצן און אזעלכע געניג.

בליומע מיט ציוויען האָבן זיך מאָדנע איבערגעקוקט. קענטיק, זיי האָבן עפּעס געוווּסט וועגן דער פאַרשטייענדיקער כאַסענע זײַנער מיט עלישען. מײַער האָט מיט א צײַט פריִער געקאָנט דערציילן דערפון דעם ווײַב. און עפשער האָט אים פאַרמאַסערט זײַן פאַרהוירענער אויסזען און רויטלען זיך בעשאַס ער האָט אויסגעגעבן, וועגן וואָס האָט ער געדאַרפט דערמאָנען מײַערן?

— כ'וועל גיין זוכן אָנשטאָט מײַערן אן אנדער איידעס. — און ניט פאַרהאַלטנדיק זיך קיין איבעריקע רעגע מער, איז זאַלמען אַרויס אין דרויסן.

פון אלע באַקאַנטע, וועמען ער וואָלט געקאָנט בעטן גיין אין זאַגס פאַר אן איידעס, איז דער סאַמע פּאַסיקסטער, בעלי־סאָפּעק, אנשל ראַביטשעוו. מיט אנשלען איז ער געזיכערט, אז קיינער וועט זיך פון אים ניט דערוויסן, וואָס איז עס פאַר א כאַסענע, און אז די כאַסענע איז אפי צוקלוימערשט קען ער פון אנשלען ניט אויסבאַהאַלטן, וויבאַלד ער נעמט אים פאַר אן איידעס פון כאַסנס צאַד.

37

אינעם דאָרן קליינוווּקסיקן מענטשן מיטן אַרומגעבונדענעם ווײַבערשן פאַרטעך און פאַרקאַשערטע אַרבל, וואָס האָט אין איין האַנט געהאַלטן א ניט־דערשיילטע קאַרטאָפל, אין דער אנדערער א שאָב־מעסערל, האָט זאַלמען ניט גלײַך דערקענט אנשלען. אויסער דעם מאָדנעם הוילעך זײַנעם, האָט דערצו נאָך מאַשמאָעס געשטערט אים צו דערקענען די טונקלקײַט אין קאָרידאָר. ער אָבער,

אנשל, האָט באַם עפֿענען די אַרײַנגאַנג־טיר גלײַך דערקענט זאַלמענען, נאָר איז באַלד דערשראָקן אָפּגעטראָטן פֿון אים און א דערשלאָגענער געפֿרעגט מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם:

— האַ? וואָס? נאָך אַלעמען?

— וואָס נאָך אַלעמען? ווען נאָך אַלעמען? איך פֿאַרשטיי ניט, אנשל, וועגן וואָס דו פֿרעגסט?

— וועגן מײַערן פֿרעג איך. ווי האַלט ער אין דער וועלט? דו גייסט דאָך איצט מיסטאמע פֿון דאָרטן?

— פֿון דאָרטן. איז דעריבער?

— פֿרעג ניט. האָסט דאָך מיך איבערגעשראָקן אויף טויט. כ׳האָב געמיינט, כאָלילע, אַז דו האָסט געבראַכט מיר צו טראָגן פֿון דאָרטן יענע ידיעה. דאָס האַרץ האָט זיך מיר מאַמעש אָפּגעריסן. אַיין קלייניקײַט! אַזאַ דיכטער, ווי מײַער אַרענס. ווי האַלט מיט אים?

— שלעכט, אנשל, זייער שלעכט. אָבער מע דאַרף האָפֿן.

— הער, וואָס שטייען מיר אין קאָרידאָר? — אנשל האָט א שטויס געטאָן מיט דער קני די טיר פֿון צימער און פֿאַרבעטן זאַלמענען אַרײַנגיין. — זעץ זיך צו, כ׳קום באַלד אַרײַן. איך וועל גיין דערשיילן די עטלעכע קאַרטאָפֿל און צושטעלן קאָכן. קאָלזמאַן ניט אַלע קאָמפּאָרקעס אויף דער פּליטע זײַנען פֿאַרנומען. מיר זײַנען דאָ זיבן שכיינים, זיבן באַלעבאָסטעס אויף דער קיך. קוק דערווײַל דורך די הײַנטיקע צײַטונג. איך האָב זי נאָך ניט געלייענט. דאָרט קער געוויס זײַן וועגן אכיינו. ניטאָ דער טאָג, מע זאָל אונדז ניט פֿאַרגעסן, ניט דערמאָנען. א ביסל זײַנען זיי עפּשער גערעכט. וואָס איז עס פֿאַר אַן אויסבאַהאַלטן זיך אונטער פֿרעמדע פֿאַמיליע־נעמען. איך מיט דיר האָבן דאָך ניט אויסבאַהאַלטן, וויאַזוי מע רופֿט אונדז אײַנדערעמעסן.

קיין טאָעס האָט אנשל ניט געהאַט, שוין אויף דער אַנדערער זײַט פֿון דער צײַטונג איז געגאַנגען א רייד וועגן צוויי ייִדן מיט ניט קיין ייִדישע פֿאַמיליעס: שעוועלענקאָ און קוזניעצאָוו. אין אַן אַנדער צײַט וואָלט ער, זאַלמען, אָנגעקלונגען אין דער צײַטונג אין אָנגעוויזן דעם אַדרעס פֿון זײַנעם א באַקאַנטן ייִדן, וועמענס פֿאַמיליע איז אויך שעוועלענקאָ, מע רופֿט אים כאַיִם אַראַנאָוויטש. דערצו איז ער נאָך א פֿרומער ייִד. וואָס וואָלט מען אים פֿון דער צײַטונג דערויף געענטפֿערט? פֿאַריינס וואָלט ער שוין אויך געפֿרעגט, צי קלײַבט מען זיך דאָרט ניט אונטערזאָגן די דײַטשן, זיי זאָלן צושטעלן די ייִדן א כעזשבן פֿאַר באַניצן זיך אַזויפֿיל יאָר מיט דײַטשישע פֿאַמיליעס? קיין סאַקאָנע פֿאַרן פֿאָלק וועט פֿון אַזאַ גזאַר ניט זײַן. מע וועט זיך רופֿן ווי מע רופֿט אויף צו דער טוירע. מיט וואָס, אַשטייגער, איז קוזניעצאָוו און שעוועלענקאָ בעסער און שענער ווי בענאַרן און בענאַבעז?

— נו, פֿאַראַן? — האָט אנשל, אַרײַנקומענדיק פֿון דער קיך, געפֿרעגט זאַלמענען וועגן די געעפֿנטע קלאַמערן פֿון די אַנטדעקטע ייִדישע פֿאַמיליעס, פּונקט ער זאָל אים געוועזן געבן דורכקוקן א טאַבעלע פֿון טיראַזש, צי האָט צופֿעליק ניט אויסגעשפּילט זײַן אָבליגאַציע.

— פֿאַראַן, פֿאַראַן, זאָרג ניט. און נאָך א מין פֿאַראַן.

— קוקסט, זע איך, אויף מיר און טראַכסט בעשאַסמײַסע בא זיך: סענדערל די ייִדענע. און וואָס מיינסטו, זאַלמען? איך בין איצט טאַקע סענדערל די ייִדענע, האָב צי טאָן מיט גיין אַפּן מאַרק, איבער די קראָמען, שטיין אין קיך בא דער פּליטע. נאָר מע טאָר ניט זינדיקן, נאָך דאַנקען גאָט, וואָס מײַן דאַליע האָט באַוויזן אָנקומען אויף אַרבעט. פֿריִער איז ניט געוועזן אין דעם קיין נויט. קיין קאַפּיטאַלן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן די שרײַבער ניט געמאַכט, אָבער אויף ברויט און צו ברויט איז געוועזן. איצט איז אויף מיר ניטאָ וואָס אויסצורעכענען, די גאַנצע פֿאַרדינערן איז איצט די פּלוינעסטע.

— ווו אַרבעט זי?

— ווער, דאַליע? פֿאַר קיין לערערן פֿין געשיכטע, ווי דו פֿאַרשטייסט אַליין, וועט מען זי איצט דאָך ניט נעמען, זי מעג אפֿילע זײַן א קאַנדידאַט. און לעבן דאַרף מען דאָך. איז זי אָנגעקומען פֿאַר אַן אופּראַמערן, אַרבעט אין צוויי ערטער. אײַ ווי דאָס רעדעלע האָט זיך א דריי געטאָן! דאַרף זי ווערן אויף דער עלטער די ברויטגעבערן, און איך די שטוב־באַלעבאָסטע. מײַן קאַבינעט איז איצט די קיך. נאָר מע טאָר ניט זינדיקן. ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס קאָן זיך נאָך אַלצדינג ענדיקן. טאָמער גיט מען מיך ווידער א נעם אַהין... קיין גוואַר בין איך קיינמאָל ניט געוועזן, אָבער ווען מע האָט מיך דאָס ערשטע מאָל פֿאַרבעטן אַהין אויף גאַנצע אַכט יאָר, בין איך פֿונדעסטוועגן פֿאַרט געוועזן ייִנגער. איצט וועל איך שוין קיין וואַלדהעקער און קיין טרעגער ניט קאָנען זײַן. די קויכעס זײַנען שוין ניט די. נאָר דאָרטן פֿרעגט מען ניט, צי דו קענסט, צי ניין. זאָל דיך, ליבער זאַלמען, גאָט אויסהיטן אַרײַנפֿאַלן אַהין. אוי! — איז ער מיט א געשריי אופגעשפּרונגען פֿון בענקל. — כ׳האָב, דאַכט זיך, פֿאַרגעסן זאַלצן דאָס געקעכטס. איז מיט דער רעכטער פּוס, סענדערל.

מיט דער רעכטער פּוס, סענדערל, — האָט זאַלמען, אַרויסבאַגלייטנדיק מיטן פֿאַרנעפּלטן בליק

אַנשלען פון צימער, איבערגעכאַוערט פאַר זיך, און ס'האָט אים ביז טרערן פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

פאַרוואָס, פאַרוועז — האָט אין זאַלמענען געשריִען דאָס אַנגעווייטיקטע האַרץ — קומט אַנשל אַזוי אָפּ, מיט וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט דער קאָמוניסט פון נײַנצנטן יאָר אַנשל ראַביטשעוו, אַז מע זאָל אים אַזוי דערנידעריקן, זיך מיט אים אַזוי באַגיין, דערפירן צו אַזאַ נעבעכדיקן צושטאַנד? מיט וואָס? עפּשער דערמיט, וואָס, זײַענדיק דער אונטערערדישער אַנפירער פונעם ווילנער קאָמיוג, איז ער ניט אַרײַנגעפאַלן צו די פּוילישע לעגיאָנערן אין די הענט בײַס זיי האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט און איז ניט אומגעקומען צוזאַמען מיטן ווילנער ראַט? צי עפּשער דערפאַר, ווײַל ער איז ניט אומגעקומען אין לאַגער, ווו פאַר די אַכט יאָר, וואָס ער איז דאָרט אָפּגעווען, האָט מען פאַר אים צוגעזוכט די שווערסטע אַרבעט — אַ הונגעריקן, האַלב אַ נאַקעטן געשיקט אין די גרעסטע פרעסט האַקן וואַלד, גראָבן די האַרטע, ווי שטאָל, דורכגעפרוירענע ערד? אָדער דערפאַר עפּשער, ווײַל, אַרויסגייענדיק פון לאַגער מיט אַ ווײַסן בילעט, איז ער אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע פרײַוויליק אַוועק אָפן פראָנט און איז ווידער געבליבן לעבן, פאַרבליבן אַן איבעריקער לעבעדיקער מענטש אין לאַנד, דערצו נאָך אַ ייִד? צי ניט פאַר דעם אַלעם איז ער באַשטראָפט מיט אָפּנעמען בײַ אים די פעדער, און אָנשטאָט שרײַבן ביכער גיין מיט אַ קוישל אָפן מאַרק און אין די קראָמען, שײלן קאַרטאָפל, אָפּשטיין טאָג נאָך טאָג אין קיך בײַ דער פּליטע?

נאָר גיי פרעג וועגן דעם אַלעמען, אויב ס'איז ניטאָ, ווער עס זאָל אויסהערן און ווער סע זאָל דערויף ענטפערן. די וועלט איז מיטאַמאָל געוואָרן טויב און שטום, ניט זי וויל הערן, ניט זי וויל ענטפערן.

פון דער דרײַשטאָקיקער עטאַזשערקע בײַ דער וואַנט האָבן אַרויסגעקוקט צו זאַלמענען אַנשלס קאָל קיסוויי — בײַ אַ צוויי צענדליק ביכער.

ווען האָט אַנשל באַוויזן אַזויפיל אָנשרײַבן, האָט זאַלמענען ניט געוווּנדערט. ווו אָבער האָט ער געקאָנט אַזויפיל אָנשרײַבן, וווינענדיק מיט דער מישפּאָכע אין איין צימער? דרײַ דערוואַקסענע מענטשן אין איין קליינעם צימער. דער קאַבינעט זײַנער איז געווען דאָס טישל אין סאַמע ווינקל, וווּהין עס גרייכט קוים די שײַן פון פענצטער.

גלאַט אַזוי, פּאַשעט פון נײַגעריקײַט, האָט זאַלמען אויסגעמאָסטן דעם צימער. אױף קיין סאַך איז ער זיך ניט טויע געווען. דער צימער ציילט פיר שפּאַן אין דער לענג, דרײַ מיט אַ האַלבן אין דער ברייט.

— מיט דער רעכטער פוס, סענדערל, — האָט זיך דערהערט פון קאָרידאָר אַנשלס האַפּערדיק געזאַנג, פאַרגעבן דערמיט זאַלמענען אַ רעטעניש: פונוואַנען פאָרט נעמט זיך צו אָט דעם שוואַכינקן, קליינוווּקסיקן אַנשלען, נאָך די אַלע פּלאָגן און אויסשטייענישן, אַזאַ האַפּערדיקײַט? צי ניט צוליב אים, זאַלמענען, ווײַזט ער אַרויס זײַן האַפּערדיקייט, כּדי אים צו ניט אַראָפּפאַלן בײַ זיך, ניט לאָזן זיך אײַנברעכן, אויב אויך אױף אים וועט אויספאַלן איעווס גוירל, כאָטש וואָס זײַנען אַלע איעווס ליידן און פּלאָגן אין פאַרגלײַך מיט די, וועלכע אים, אַנשלען, איז אויסגעקומען בײַשטיין...

— איצט, קאָן מען זאָגן, קען איך שוין זיצן רויִק. כ'האָב געבעטן די שכיינע בײַ דער פּליטע, זי זאָל אַכטונג געבן און אויב מע דאַרף, מיך אַ רוף טאָן. מיר זײַנען זיבן שכיינים, און אויב אַפילע האַלב פון זיי זײַנען לײַטישע, ביפּראַט נאָך אין איצטיקער צײַט, איז שוין אַ גליק. פון אָנפאַנג, אַז זיי האָבן דערזען מיך אין אָט דעם ווײַבערשן הוילעך, האָט מען מיך אויסגעלאַכט. ניט אַלע, פאַרשטייט זיך. צוביסלעכווײַז האָט מען זיך צוגעוווינט, מע האָט אופגעהערט זען אין מיר אי דעם מאַנצבל, אי דעם שרײַבער, עלעהיי עס זאָל שטיין בײַ דער פּליטע מײַן דאַליע.

אויסגעטאָן פון זיך דעם פאַרטעך, אַראָפּגעקאַשערט די אַרבל פון העמדל, איז אַנשל אַריבער צו זיך אין קאַבינעט, צוגעזעצט זיך בײַ זײַן שרײַבטישל אין ווינקל צימער.

— וואָס נאָך, אַכוץ דאָס אַרויסגעבן די ייִדישע פאַמיליעס, האָסטו אויסגעלייענט פון צײַטונג? איך האָב דאָך געהאַט דיר צו דערציילן נאָך איינע אַ נײַס. די געשיכטע מיט שיִעס גיין אויסנאַרן געלט בײַ די געליטענע פרויען פון די אַרעסטירטע שרײַבער האָט מיך אַזוי אופגעבראַכט, אַז כ'האָב פאַרגעסן דיר דערציילן די קיִעווער נײַס. איינער פון די ייִדישע שכיינים קען פראַנצויזיש, ער איז ביז דער פענסיע געווען אַ לערער פון פראַנצויזיש אין אַ שול. דערציילט ער מיר, אַז מע האָט נעכטן אין אָוונט איבערגעגעבן פון פּאַריזש, די פראַנצויזישע ראַדיאָ־טראַנסליאַציעס פאַרשלאָגט מען ניט אַזוי ווי די אַנדערע, אַז מע האָט די טעג אַרעסטירט אין קיִעוו דעם ייִדישן שרײַבער יויעל באָיאַרן.

ווײַזט אויס, אַז מיט דער צײַט ווערט מען צו אַלץ צוגעוווינט. זאַלמענען האָט די דערציילטע נײַס שוין ניט אַזוי איבעראַשט ווי די פריִערדיקע אַרעסטן. ער האָט עס ניט אויסבאַהאַלטן פון אַנשלען.

— מיך כידעשט עס ניט. מע טאָר דאָס עפּשער ניט זאָגן, נאָר כ'האָב עס דערוואַרט. מע

האָט געדאַרפֿט זיך דערוף ריכטן. עס וווּנדערט, וויאַזוי האָבן זיי נעקאָנט לאָזן אַזוי לאַנג אַרומ־גיין אױף דער פֿרײַ אַזאַ גרויסן שרײַבער, ווי יויעל באַיאַר? זײַן פּראָזע איז דאָך עכטע פּאָעזיע. מײער זאָגט, אַז יויעלס לעצטער ראָמאַן „פּאַלעסיע", וועלכן מײער האָט זיך געקליבן דרוקן אין אַלמאַנאַך, איז אַ קלאַסיש ווערק. און מײער, ווי דו ווייסט, וואַרפֿט זיך ניט מיט ווערטער. קיין מער שטרענגערער ריכטער, ווי ער, איז אין אונדזער ליטעראַטור ניט געווען. — נאָר גלײַך צוגע־געבן, ווי באַם אויסקויפֿן אַן אוויירע, — פֿאַר די לעצטע צען יאָר, מײַן איך.

ווען האָט זאַלמען געהאַט דערמיט אין זינען, איז געווען איבעריק צו פֿרעגן. נאָר ניט ער און ניט אַנשל האָבן ניט אָנגערופֿן עליע וואַקאַוון באַם נאָמען, זיך באַנוגנט מיט די צוויי אויסיעס: אײַען וואַו.

— אוי! — אַנשל איז ווי באַם דערמאָנען זיך, אַז ער האָט פֿאַרגעסן זאָלצן דאָס געקעכטס, אופֿגעשפּרונגען פֿון אָרט. ער האָט אַרויסגענומען פֿון טישקעסטל אַ לאַנג בלעטל פּאַפּיר מיט אַ העגטלפֿן און טינטער. — מיר איז אופֿגעקומען אין קיך אַ טרעפֿלעכער פֿאַרגלײַך, דאַרף מען אים פֿאַרשרײַבן. טראַכסט מיסטאַמע באַ זיך, אַז איך בין ניט אײַנגאַנצן באַ די געדאַנקען. שטעל זיך אָבער פֿאָר, אַז ניט געקוקט אױף אַלץ פֿינטל איך צוביסלעכווײַז אונטער מיט דער פֿען. מאַכט זיך מיר אַ פֿרײַע שאָ, — די פֿרוי איז אױף דער אַרבעט, די טאָכטער אין אינסטיטוט און כ'האָב באַצײַטנס זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן מאַרק און מיט דער קיך, — איז נעם איך זיך צום שרײַבן. ועסט מיך פֿרעגן צוליב וואָס, צוליב ווען, ווייס איך אַליין ניט. כ'קען אָבער אָן דעם שוין ניט אויסקומען. און ווײַטער ווער ווייסט, וואָס די צײַט קען ווײַזן. איך מיין ניט, אַז דו זאָלסט האָבן אינגאַנצן שוין פֿאַרוואָרפֿן די פֿען?

— איך פֿאַרשרײַב אָבער ניט אױף פּאַפּיר, האַלט אַלץ אין קאָפּ.

— אינגאַנצן זיך אָנטרויען דעם זיקאָרן קען מען דאָך ניט, באַזונדערס בײַס עס רעדט זיך װעגן פּראָזע.

— נו, פֿאַרשטייט זיך.

פֿאַר די יאָרן פֿון זייער פֿרײַנטשאַפֿט איז מען ניט איינמאָל געווען איינער באַם צווייטן און מע האָט קיינמאָל ניט געפֿרעגט איינער דעם אַנדערן, נאָך וואָס איז ער געקומען, וואָס האָט אים געבראַכט צו טראָגן און קיינעם פֿון זיי האָט עס ניט געוווּנדערט. הײַנט אָבער האָט זאַל־מענען ניט געקאָנט ניט פֿאַרכידעשן, וויאַזוי פֿרעגט עס ניט, אַנשל, וואָס האָט אים אַהער פֿאַר־טראָגן. ווער גייט עס הײַנטיקע צײַטן איינער צום אַנדערן, דערצו נאָך, אַז זיי האָבן זיך שוין הײַנט געזען. זאַלמען האָט נישט געקאָנט ניט אַרויסווײַזן עס אָנשלען.

— דו פֿרעגסט מיך גאָרניט, וואָס האָט מיך צו דיר אַראָפּגעבראַכט?

— פֿאַרוואָס קלערסטו דאַרף איך דיר עס פֿרעגן? ביסט באַ מיר צום ערשטן מאָל?

— פֿונדעסטוועגן. — און מער אומדערוואַרט פֿאַר זיך, ווי פֿאַר אַנשלען, האָט זיך באַ אים אַרויסגעכאַפּט. — איך האָב כאַסענע.

— האַ? — אַנשל האָט אַרײַנגעלייגט דאָס אַרויסגענומענע האַלב פֿאַרשריבן בלעטל פּאַפּיר צוריק אין טישקעסטל און אױף יעדן פֿאַל, צי האָט ער ניט פֿאַרהערט, איבערגעפֿרעגט: — ווער האָט כאַסענע?

— איך.

זאַלמען האָט זיך אופֿגעהויבן, צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, געשטאַנען דאָרט אַזוי אַ ווײַלע, אַרײַנגעקוקט אין הויף, זיך אומגעקערט צוריק צום טיש מיט דער אײַנגעריכטער אין טינט צעראַטע און איבערגעכאַזערט, אי פֿאַר זיך, אי פֿאַר אַנשלען העכער און זיכערער:

— איך האָב כאַסענע.

אָפּטרעטן, ווען ער זאָל אַפֿילע וועלן, איז שוין געווען ניט שײַער, און וויבאַלד אַנשל איז גלײַך אײַנגעגאַנגען זײַן זײַנער אַן איידעס, האָט זאַלמען אים אויסדערציילט אַלץ ווי ס'איז, אָנ־געהויבן פֿונעם ווײַטן אַמאָל, פֿון דער געוועזענער כאַלוציאַנישער קאָמונע „מישמאַר", וווהין ער איז צוזאַמען מיטן „געזוקולט"־קוואַרטעט געקומען אין שליכעס פֿון „אָזעט" דורכפֿירן פֿאַר די פֿאַר־כווישעכטע אויסגעמאַטערטע קאָלווירטניקעס אַ קינסטלערישן אָוונט און זיך פֿאַרליבט פֿונעם ערשטן בליק אין דער באַלעבאָסטע פֿון קלוב, באַ וועמען ער איז אײַנגעשטאַנען אױף קוואַרטיר, אינעם ווײַבל פֿון דעם דאָרטיקן מעכאַניקער פֿונעם אַרטעזיאַנער ברונעם, אין דער יעפּאַסטויאַר פּעפּע קרישטאָל. ווען און וויאַזוי האָט ער זיך באַקאַנט מיט פּעפּעס טאָכטער, מיט עלישען, האָט ער דערציילט שוין מיט פֿיל ווייניקער פּראָטים, ניט דערציילט גאָרניט אַזעלכס, אַז אַנשל זאָל עס קאָנען אַנדערש אויסטײַטשן. נאָר אויסבאַהאַלטן, אַז עלישע איז נאָך גאָר אַ יונגע און איז, ווי די מוטער אירע, אויך זייער אַ שיינע, דאָס האָט ער ניט געקאָנט.

— מיר שײַנט, — האָט אַנשל זיך אָנגערופֿן, — אַז כ'האָב דיך איינמאָל געזען מיט איר אין טעאַטער.

— קאַן זײַן.

אויסגעהערט אַלץ, וואָס זאַלמען האָט געהאַט צו דערציילן וועגן דער כאַסענע, האָט אַנשל אים אַ דריק געטאָן די האַנט און ווי אויסגעזונגען:

— זאָל זײַן מיט מאַזל.

— וועגן וואָס רעדסטו, אַנשל. ס׳איז דאָך באַ אונדז אַ כאַסענע אױף צוקלוימערשט, כ׳זאָל זי קענען צושרײַבן צו זיך, ווײַל אַנדערש וועט זי מוזן זיך אומקערן צוריק אין דער טונדרע, אין דעם פאַרוואָרפענעם דערפל אַבעז הינטער די האָריי־כּוישעך, ווי בענמיכאַעל פלעגט עס רופן. דאָ וועט זי מיט דער צײַט, גלייב איך, אָנקומען אין אַ טעאַטראַלער שול און ווער ווייסט, עפשער איז איר באַשערט זײַן אַ באַוווּסטע אַקטריסע. מיט שוישפּילערישן טאַלאַנט האָט גאָט זי ניט באַוולט. דאָס האָט געזאָגט וועגן איר אַליין בענמיכאַעל, זיכרוינע ליווראָכע.

שווער אָפּגעעטעמט, פונקט ער זאָל די גאַנצע צײַט געווען האַלטן אין קלעטערן אַרויף אַ באַרג, האָט ער, פירנדיק מיט דער האַנט איבער דער צעראַטע, דערמאָנט אַן איבעריקס מאָל אַנשלען, אַז וועגן דעם, אַז די כאַסענע איז אױף צוקלוימערשט, דאַרף קיינער ניט וויסן. אויסער אים און מײערן האָט ער דערפון מער קיינעם ניט דערציילט. מײערן האָט ער עס געהאַט אָנגעטרויט, ווײַל מײער האָט געדאַרפט גיין פאַר זײַנעם אַן איידעס.

— מע דאַרף ביכלאַל קיינעם גאָרניט זאָגן. עס זעט נאָך באַפּיירעש אויס מעשונע ווילד. ווּעמען קען ליגן אין קאָפּ אין אַזאַ צײַט כאַסענע האָבן? מער פון אַלץ האָב איך מוירע, עס זאָל ניט דערגיין צו כײַקלען. ער קען קומען צו לויפן אין דער יאַרמעלקע גלײַך אין זאַגס און פּראַווען דאָרט באַדכאָנעס...

— נו און זי, נאַדיע דײַנע?

אַ פּיר געטאָן ווידער מיט דער האַנט איבער דער צעראַטע ווי ער זאָל לעכאַטכילע אָפּ־שרײַבן דאָס, וואָס ער האָט צו זאָגן, האָט ער געענטפערט:

— שטעל זיך פאָר, אַז דאָס האָט זי טאַקע, נאַדיע, מיר אופגעגעבן אָט דעם געדאַנק.

— און זי האָט ניט מוירע, אַז...

— אַז וואָס? אַז איך זאָל זיך מיט איר ניט פאַנאַנדערגיין? מיר זײַנען דאָך ניט קיין מאַן און ווײַב, אַז זי זאָל דאַרפן דערפאַר מוירע האָבן. — און ווידער אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער צעראַטע. — איך דאַרף דיר זאָגן, אַנשל, אַז קיין מער טרײַערע און איבערגעגעבע־נערע, ווי די רוסישע פרויען, זײַנען, דאַכט מיר, ביכלאַל ניטאָ. איז האָבן מיר זיך מיט דיר דערעדט. פּרײַטיק עלף אַזייגער אינדערפרי. הײַנט האָבן מיר דינסטיק. הייסט עס, אין צוויי טעג אַרום. דער זאַגס איז דאָס דריטע הויז פון מיר.

זאַלמען האָט זיך שוין געהאַט אופגעהויבן אַוועקגיין. ער איז זיך אַזוי אויך שוין פאַרזעסן. אַנשל האָט אים פאַרהאַלטן:

— זאָג מיר, זאַלמען, און ווי איז, טאָמער כאַלילע, די שאָ זאָל ניט זײַן... דער גרויסער אומגליק אונדזערער האָט זיך דאָך ניט אָפּגעשטעלט. איז ווי וועט דעמלט זײַן מיט איר? מיט דײַן עלישען?

— טאָמער נעמט מען מיך, ווילסטו זאָגן? זי וועט מען דאָך פון צימער ניט אַרויסזעצן. דער צימער וועט לויטן געזעץ אַריבערגיין צו איר, זי וועט זײַן די באַלעבאָסטע. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם שטעמפּל פון זאַגס אינעם פּאַספּאָרט... מיט אַ פּאַסלען מענטשן געט מען אָפּ אָן קיין שום רייד.

— ווּהין אײַלסטו דאָס אַזוי? — אַנשל האָט ווידער אָפּגעשטעלט זאַלמענען, דאָס מאָל שוין סאַמע באַ דער טיר. — באַלד וועט קומען מײַן דאַליע פון דער אַרבעט און מירן צוזאַמען זעצן זיך צום טיש. קיין נעגידים אַדירים זײַנען די ייִדישע שרײַבער קיינמאָל ניט געווען, ביפּראַט איצטער, אַז מע איז געבליבן באַ אַ צעבראָכענעם טאָפּ. אָבער אױף אַ פלעשל ווײַן וועט זיך נאָך באַ מיר געפינען. ווי דו ווילסט זיך, נאָר כ׳וועל דיך אַזוי ניט אָפּלאָזן. קיין כופּע־וועטשערע, ווי דו זאָגסט, קלײַבסטו זיך ניט מאַכן, איז וועלן מיר כאַטש דאָ נעמען צו קעלישעקלעך און דיר צווינטשן, ס׳זאָל זײַן מיט מאַזל און בראָכע. שרעק זיך ניט, כ׳האָב ניט פאַרגעסן, אַז ס׳איז אַ שפּיל. נאָר פון דער שפּיל קען זיך צומאָל אויסלאָזן...

— וואָס רעדסטו, אַנשל? פאַרגעסט, אַז איך בין אין צוויי מאָל עלטער פון איר...

— דאָס זאָגט נאָך גאָרניט. אין לעבן קען זיך אַלץ פאַרלויפן. אין אַזאַ, ווי דו, איז ניט שווער זיך פאַרליבן. שיין, שלאַנק, און צו דעם נאָך אַ דראַמאַטורג און אַ דיכטער מיט אַזאַ גאָטס געבענטשטן טאַלאַנט. מיט איין וואָרט, כ׳וועל דיך ניט אָפּלאָזן. דאַליע דאַרף שוין אָט־אָט קומען.

— מאָדנער מענטש דו אײנער, — האָט זאַלמען געפּרוווט זיך ווערן, — עלישע קאָן אוואַדע שוין וואַרטן אױף מיר, זיך געווים באַומרויִקן.

— איז קלינג איר אָן. אָדער ווייסטו גאָר וואָס? קלינג אָן, זי זאָל אויך קומען. דער טעלע־פאָן איז אין קאָרידאָר.

— דאָס געדענק איך.

צוריק אין צימער האָט זאַלמען זיך אומגעקערט א פאַרלוירענער.

— ס'איז עפּעס געשען? — האָט אַנשל דערשראָקן געפרעגט.

— באַזונדערס אייגנטלעך גאָרניט. עלישע האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז געווען דער הויף־וועכטער און איבערגעגעבן, אַז צו זיבן אזייגער זאָל איך קומען אין מיליציע, אין עלפטן צימער. נאָך וואָס, אשטייגער, קען מען מיך אהין ארויסרופן? קיין שיקער בין איך ניט, אין קיין געשלעגן ניט פאַרמישט, אין קעשענע צו עמעצן ניט פאַרבלאָנדזשעט, אָן א בילעט אין טראַמוויי צי אין טראָלייבוס קיינמאָל ניט געפאָרן. מע זאָל מיך געווען פאַרבעטן אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, וואָלט איך נאָך געקאָנט א קלער טאָן, צי קלייַבט מען זיך ניט אָפּשפּילן מיט מיר די וועלבע שפּיל ווי מיט הענעך ערדינען אין אָדעס. נאָר דאָ רופט דאָך מיך אָבער ארויס די מיליציע.

אַנשלען איז פּלוצעם איינגעפאַלן א געדאַנק, וואָס האָט גלייַך אַפּן אָרט אַלץ קלאָר געמאַכט:

— זאָג מיר, דו ביסט דאָרט לויט דער שליכעס פון אונדזער שרייַבער־פאַריין ווען־ניט־איז ארויסגעטראָטן, פאַרגעלייענט פאַר זיי דייַנע לידער? איך, צום בייַשפּיל, בין שוין אייניקע מאָל ארויסגעטראָטן אין אונדזער ראַיאָנער מיליציע. לעצטנס אפילו אָן א פּוטיאָווקע פון פאַריין. אין דער מיליציע ווייסט מען, אַז איך בין א שרייַבער און ווו איך וווין, האָבן זיי מיך אליין פאַרבעטן.

— איך בין אויך א פּאָר מאָל ארויסגעטראָטן בא אונדז אין דער מיליציע. זאָל זייַן, אַז צוליב דעם, כ'זאָל בא זיי ווידער ארויסטרעטן רופט מען מיך ארויס?

— קלאָר ווי דער טאָג. אָט וועסטו זען. זאָלסט, לעמאַנהאַשעם, ווי נאָר דו וועסט פון דאָרט קומען, מיר גלייַך אָנקלינגען.

38

דער זייגער איז געווען אָן א פערטל זיבן, ווען זאַלמען איז אראָפּ פון טראַמוויי און דורך דער אַרקע אריין אין הויף, ווו אין א צווייסטאָקיק רויט מויערל האָט זיך געפונען די אָפּטיילונג פון דער ראַיאָנער מיליציע. קוים האָט מען אים פאַרבעטן אַף זיבן אזייגער, וועט ער אהין פאַר דער צייַט ניט אריין. ער וועט די פאַרבליבענע פּופצן מינוט איבערזייַן דאָ, אין הויף, אַף דער פרישער מעכייַעדיקער לופט. דער אָנגעקומענער זומער האָט זיך שוין אָנגענומען מיט פולע קויכעס — געדיכט באַזעצט די ביימער מיט בלעטער, ארויסגעצויגן פון דער ערד הויך דאָס גראָז און צוגעגרייט פאַרן אָוונטיקן אויספאַל פון די שטערן א צאַרטן בלויען הימל.

הייַנט איז דינסטיק. אין צוויי טעג אַרום, פרייַטיק, איז די כאַסענע. זאַלמען האָט, אומדרייענ־דיק זיך איבערן הויף, עס איינגעכאַזערט מיט זיך, ווי מוירע האָבנדיק, אַז ער קען עס פאַרגעסן. קיין האַרייַ אַט מעקודעשעס לי, באַם אָנטאָן עלישען דאָס קדושן־פינגערל וועט ער דאָך ניט זאָגן אפילו פאַר זיך אין דער שטיל, אָבער א שיר פון זייַנע ליבע לידער וואָלט ער אין אָט דער טרויעריק פייַערלעכער מינוט פון דער כאַסענע געדאַרפט פונדעסטוועגן פאַרלייענען. נאָר א וועלכע? אָפּקלייַבן ענדגילטיק די פּאַסיקסטע ליד פאַר דעם האָט זאַלמען ניט באַוויזן. דער זייגער איז שוין געווען אָן צוויי מינוט זיבן.

גאָר זיכער איז זאַלמען ניט געווען, אַז אים האָט זיך בלויז אויסגעוויזן, אַז דער מיליציאָנער, בא וועמען ער האָט, אריינקומענדיק, זיך אָנגעפרעגט, ווו איז דער עלפטער צימער, האָט מאָדנע אים באַטראַכט. נאָר באַפרייַען זיך פונעם דאָזיקן געפיל בעשאַס ער האָט אַפּן צווייטן שטאָק אָנ־געקלאַפּט אין דער טיר פונעם אָנגעוויזענעם צימער האָט זאַלמען פאָרט ניט געקאָנט.

פון יענער זייַט טיר איז דערגאַנגען צו אים א פאַרדומפּענע שטים:

— גייט אריין.

אינעם שוואַך־באַלייכטענעם צימער, וווהין זאַלמען איז אריין, האָט ער דערזען פאַר זיך צוויי ציוויל געקליידעטע יונגעלייַט. דער מער עלטערער איז געזעסן אויבנאָן באַם לאַנגן נאַקעטן טיש, דער אַנדערער, גאָר נאָך א יונגער, קימאַט א ייִנגל, איז געזעסן האַלב אויסגעדרייט צום פענצטער און פון דער ערשטער רגע געמאַכט אַף זאַלמענען דעם אייַנדרוק, ווי ער זאָל דאָ דורכגיין די לער זען אייַנצייַטיק אי פאַר זיך, אי הינטער זיך.

— איר האָט מיך ארויסגערופן? — האָט זאַלמען געפרעגט.

— אייַער פאַמיליע?

— מאנדעל.

— נאָמען און פאַטערנאָמען?

— זאַלמען נאומאָוויטש.

דער יונגערמאַן האָט זיך איבערגעבליקט מיטן באָכער באַם פענצטער און מער שטרענגער שוין געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר פאַרשפעטיקט, ניט געקומען צו דער צײַט?

— אַנטשולדיקט. — זאַלמען האָט צוגעלייגט דאָס האַנטזייגערל צום אויער, צי האָט זיך עס צופעליק ניט אָפּגעשטעלט. — איך האָב אָפּ קיין איין רעגע ניט פאַרשפעטיקט, געקומען צו דער מינוט, פונקט זיבן.

— און מיר האָבן אײַך אַרויסגערופן אױף האַלב זיבן.

— אַנטשולדיקט, דער הויף-וועכטער האָט איבערגעגעבן, אז כ׳זאָל קומען זיבן.

— ער האָט ניט געקאָנט אײַך אַזוי איבערגעבן. איר האָט זיכער פאַרהערט. גיט מיר אײַער פּאַספּאָרט.

— ער איז אין שטוב, איך טראָג אים קיינמאָל ניט מיט זיך.

— און א וועלכן דאָקומענט האָט איר בא זיך?

— דעם שרײַבערישן בילעט.

— גיט מיר אים אַהער.

דעם בילעט מיט מאַקסים גאָרקיס כּסימע איז געלעגן אין דער אייבערשטער קעשענקע פון רעקל. זאַלמען האָט ניט געײַלט אים אַרויסנעמען.

— איר וועט מיר עפּשער זאָגן, נאָך וואָס האָט איר מיך אַרויסגערופן?

— האָט געדולד. מע וועט אײַך זאָגן, — האָט, ניט אָפּוועגנדיק דאָס פּאָנעם פון פענצטער, זיך אָפּגערופן דער יונגערער.

אומגעקערט זאַלמענען דעם שרײַבערישן בילעט און אַרויסגענומען פון טישקעסטל א דינע בלויע פּאַפּקע, האָט דער עלטערער א ווינק געטאָן זאַלמענען מיט דער האַנט, ער זאָל זיך צווישן און איז אַרויס פון צימער.

קלאָר ווי דער טאָג, אז אַנשל איז זיך טויע געווען, אז ניט צוליב פאַרלייענען לידער האָט מען אים, זאַלמענען, הײַנט אַהער פאַרבעטן. ניט אַזוי פאַרבעטן מען א שרײַבער, כאָטש אין איצטי־קער צײַט, ווען מע האָט צו טאָן מיט א יִדישן שרײַבער, איז אַלץ מעגלעך, אפילו ניט פאַרלייגן זיצן, לאָזן אים פרײַער זיך אָנשטיין אױף די פיס.

העכער א שאָ שוין, ווי דער יונגערמאַן האָט אים איבערגעלאָזט אינצווייען מיטן אַנגעכמו־רעטן באָכער באַם פענצטער. גופא דאָס אַליין, וואָס יענער זאַמט זיך אַזוי לאַנג, זאָגט אונטער, אז ס׳איז זיך פאַרלאָפן עפּעס וויכטיקס. וואָס פאַר א שײַכעס אָבער קען עס האָבן צו אים? דעם באָכער איז ניטאָ וואָס צו פרעגן, ער וועט סײַווי ניט זאָגן. אָבער אױסקלאָרן בא אים קען ער דאָך, וויפל וועט מען אים דאָ נאָך אָפּהאַלטן.

— דער כאַווער... אַנטשולדיקט, איך ווייס ניט ווי רופט מען אים.

— וועמען? דעם קאַפּיטאַן?

— יאָ. דער כאַווער קאַפּיטאַן קען זיך נאָך לאַנג זאַמען? איך וועל עפּשער באַווײַזן אָנקלינ־גען אַהיים?

— איר וועט דערנאָכדעם אָנקלינגען.

זאַלמען האָט קימאַט ניט אָפּגעפירט די אויגן פונעם האַנטזייגערל, געכאַפּט איטלעכווײַל א קוק אױף די ווײַזערס. זיי האָבן, האָט זיך אים געדוכט, מעסוקענערווײַז געײַלט. באַלד אָנדערהאַלבן שאָ, אז ער זיצט דאָ און וואַרט.

ענדלעך, האָט ער זיך אָבער דערוואַרט. דער קאַפּיטאַן האָט זיך אומגעקערט מיט דער בלויער דינער פּאַפּקע אונטערן אָרעם.

— זיך דערקלונגען? — האָט געפרעגט דער באָכער.

— מאַרטין קאָנסטאַנטינאָוויטש איז נאָך אָפּאָנעם ניט געקומען צו דער אַרבעט. קיינער נעמט ניט אַראָפּ דאָס טרײַבל. איך וועל אים אָנקלינגען א ביסל שפּעטער.

האַלב נײַן אַזייגער אין אָוונט קומט מען צו דער אַרבעט? — האָט זאַלמענען זיך געגלוסט פרעגן און פאַריינס שוין אויך אױסקלאָרן, ווער איז דאָס אָט דער מאַרטין קאָנסטאַנטינאָוויטש, צו וועמען דער קאַפּיטאַן האָט ניט געקאָנט זיך דערקלינגען? צי איז עס ניט דער זעלבער מאַרטין קאָנסטאַנטינאָוויטש, ווער ס׳האָט אים געהאַט אָפּגעשטעלט אױף אַכאָטני ריאַד באַם האָטעל „מאָסקווא“?

אז דאָס איז ניט דער, האָט זאַלמען פאַרשטאַנען פון דעם קאַפּיטאַנס ערשטער פאַרגעבענער פראַגע:

— עמעצער נאָך, אויסער אײַך, פאַרשטייט זיך, וווינט אין אײַער צימער?


СССР

Форма «Б»

МИНИСТЕРСТВО
ВНУТРЕННИХ ДЕЛ

ВИДОМ НА ЖИТЕЛЬСТВО НЕ СЛУЖИТ.
ПРИ УТЕРЕ НЕ ВОЗОБНОВЛЯЕТСЯ.

И.Т.Л

„ЖК"

2-ДЦ

„30 августа 1955 г.

СПРАВКА № 252

Выдана гражданину (ке) Гордон Самуилу Вульфовичу 1909 г. года рождения, уроженцу (ке) гор. Каунас Литовской ССР.

гражданство (подданство) СССР национальность еврей

в том, что он (она) с 26 декабря 1950 г. содержался (лась) в тюрьме и 30 августа 1955 г.

освобожден (на) за прекращением дела в порядке ст.ст. 204 п „б" УПК (УК) РСФСР и следует к месту жительства гор. Москва

(город, село, дер. район, область)

до ст. Москва железной дороги.

Начальник лагеря ________ (Бирюков)

Печать

Начальник части ________ (Мишкин)

דער אָפיציעלער דאָקומענט, אונטערגעשריבן דעם 30 אויגוסט 1955 מיצאַד דעם לאַגער־נאַטשאַלניק בירוקאָוו וועגן דעם, אַז גאָרדאָן סאַמויל וואָלפאָוויטש ווערט באַפרייט און קאָן זיך אומקערן קיין מאָסקווע.

— יאָ, — האָט זאַלמען רויִק געענטפערט. פאַרשטייענדיק, אַז דאָס האָט אים פאַרמאָסערט דער הויף־וועכטער. ער האָט אָבער פאַרשפּעטיקט מיט דער מעסירע. אין צווי טעג אַרום וועט עלישע האָבן די זעלבע רעכט דאָרט צו וווינען באַגלײַך מיט אים.

— ווער? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט און דערמיט נאָך מער פאַרווּנדערט זאַלמענען. קוים ער ווייסט, אַז עמעצער וווינט בײַ אים, איז ווייסט ער דאָך אויך, ווער איז אָט דער עמעצער. הײַנט צו וואָס פרעגט ער וועגן דעם? דער קאַפּיטאַן קען דאָך אָבער ניט וויסן, און גיכער פון אַלץ ווייסט ער עס נאָך מיסטאָמע ניט, אַז די קוואַרטיראַנטקע עלישע קרישטאַל איז דעם באַלעבאָס׳ פונעם צימער, זאַלמען מאַנדעלס, פרוי.

דער קאַפּיטאַן האָט ווירקלעך ניט געוווּסט, אַנדערש וואָלט ער דאָך ניט געפרעגט, פאַרוואָס שרײַבט זי זיך ניט צו.

— אין צווי טעג אַרום וועל איך זי קאָנען שוין צושרײַבן. פרײַטיק, דעם זעקס־און־צוואַנציקסטן האָבן מיר כאַסענע. אונדזערע פּאַפּירן ליגן די דריטע וואָך שוין אין זאַגס.

— הייסט עס, דערווײַל וווינט זי בײַ אײַך די דריטע וואָך שוין ניט קיין צוגעשריבענע? איר ווער געווען אַפן געזעץ. איר ווייסט ניט, אַז מער ווי פיר און צוואַנציק שאָ איז פאַרווערט לאָזן עמעצן וווינען בײַ זיך ניט צוגעשריבן. און נאָך אין מאָסקווע, ווו עס לעבט אונדזער גרויסער פירער!

דער יונגערמאַן זאָל עס ניט געווען אַרויסברענגען אַזוי שטרענג און דראָענדיק, וואָלט זאַלמען אים דערויף געענטפערט: איר ווייסט אָבער, אַז איך האָב דעם פירער געזען נעענטער נאָך ווי איך זע אײַך, בין קימאַט האַנט בײַ האַנט דורכגעגאַנגען מיט אים פונעם קאַלאַנען־זאַל ביזן מאַווזאָליי אַפן רויטן פּלאַץ.

— אין בעסטן פאַל וועט אײַך אויסקומען צאָלן שטראָף און אַ גאַנץ גרויסן. דאָס איז אין בעסטן פאַל, — האָט דער קאַפּיטאַן איבערגעכאַזערט, — ווײַל לויטן געזעץ קען מען אײַך איבערגעבן צום געריכט. וואָס אַנצווענדן צו אײַך איז אָפּהענגיק שוין ניט פון מיר. דאָס דאַרף באַשטימען אַ מער העכערע פאַרזאָן, ווי דער שעף פון דער מיליציע־אָפּטיילונג, ווו מיר געפינען זיך. אויב כ׳וועל זיך צו אים דערקלינגען, וועלן מיר צופאָרן אַהין. ס׳איז ניט ווײַט. עפּשער וועט ער גיין אײַך אַנטקעגן און זיך באַנוגענען בלויז מיט שטראָף.

— איך האָב אָבער מיט זיך קיין געלט ניט.

— וועט איר מאָרגן אַרײַנטראָגן. מיר טרויען אײַך. ווי קען מען אַ שרײַבער ניט אַנטרויען? ווען, זאָגט איר, איז בײַ אײַך די כאַסענע?

— אין צווי טעג אַרום.

— איך מיין, אַז דער פּאַלקאָווניק, צו וועמען מיר צופאָרן, וועט עס נעמען אין אַכט, ניט וועלן פאַרשטערן אײַך די כאַסענע. וואַרט דאָ צו, כ׳וועל גיין נאָכאַמאָל אָנקלינגען. עפּשער איז ער שוין געקומען.

— איך וואָלט אויך געדאַרפט אָנקלינגען אַהיים.

— דער קאַלע? — האָט זיך געלאָזט הערן דער אָנגעכמורעטער יונג בײַם פענצטער.

זאַלמען האָט זיך ניט אָפּגערופן.

— איר וועט איר פון דאָרטן אָנקלינגען. — דער קאַפּיטאַן האָט ווידער גענומען די פּאַפּקע אונטערן אָרעם, אַ זאָג געטאָן צום באַכער, אַז ער גייט קלינגען מאַרטין קאָנסטאַנטינאָוויטשן און איז אַרויס פון צימער.

דאָס מאָל האָט ער ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך. ווייניקער ווי אין אַ פערטל שאָ אַרום האָט ער זיך אומגעקערט און געמאָלדן:

— מיר פאָרן. דער שעף איז גרייט אונדז אויפנעמען. — דער קאַפּיטאַן האָט ניט פאַרגעסן באַרויקן זאַלמענען. — איר וועט פון דאָרטן אָנקלינגען אײַער קאַלע.

זיי האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אינדרײַען אין דער צוגעפאָרענער צום סאַמע אַרײַנגאַנג לײַכטער מאַשין, — דער אָנגעכמורעטער שווײַגעוודיקער באַכער לעבן דעם שאָפער, דער קאַפּיטאַן מיט זאַלמענען אויף די הינטערשטע ערטער, — און דורך דער הויכער אַרקע זיך אַרויסגעקליבן פון הויף אויף דער ברוקירטער גאַס. פאַרבײַגעפאָרן דעם נאָענט ליגנדיקן גרויסן קאָלווירטישן מאַרק, האָט די מאַשין פאַרקערעוועט אויף דער שכיינעסדיקער אַספאַלטירטער גאַס, וואָס האָט געפירט צום צענטער שטאָט.

ס׳איז געווען ווײַט נאָך צו האַלבער נאַכט, נאָר די טראָטואַרן און די גאַסן זײַנען געווען פרײַ פון דורכגייער. בלויז דער שאָסיי איז געווען פאַרנומען, היין און הער האָבן זיך געטראָגן איבער אים מאַשינען, באַלײַכטנדיק מיט זייערע אָנגעצונדענע פאַרעס די אויסגעלאָשענע פענצטער אין די הײַזער.

— ווּ וועט איר פּראָווען די כּאַסענע? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט בײַ זאַלמענען און אַליין זיך דערוף געענטפערט. — פאַרשטענדלעך, אַז אין רעסטאָראַן. גיכער פון אַלץ אין „פּראַגאַ״. געטראָפן?

— פאַרוואָס קלערט איר אַזוי? פּראָווען אַ כּאַסענע אין רעסטאָראַן דאַרף מען דערצו האָבן געלט, און אין דעם בין איך איצטער זייער געענגט.

— דאָס, זעט איר, גלייב איך שוין ניט. בײַ אײַך, ייִדן, איז שטענדיק דאָ געלט. עפּשער ניט אַזוי?

זאַלמען האָט דערויף בלויז אַ קנייטש געטאָן די אַקסלען און פאַרגעזעצט נאָכפאָלגן נאָך די פאַרבײַלויפנדיקע הײַזער, ניט קאָנענדיק נאָך אַלץ פעסטשטעלן, איבער וועלכע גאַסן לויפט זייער מאַשין.

ס׳איז ניט דורך קיין מינוט און דער קאַפּיטאַן האָט זיך ווידער געווענדט צו אים:

— וויפל ייִדן, רעכנט איר, לעבן אין מאָסקווע?

דער כמורנער יונג לעבן דעם שאָפער האָט אויך אויסגעקערעוועט צו זאַלמענען דעם קאָפּ, געוואַרט מיט נײַגער, וואָס וועט ער זיי ענטפערן. נאָר זאַלמען האָט אויך דאָס מאָל פאַרשוויגן.

— איר ווייסט ניט? איז קען איך אײַך אונטערזאָגן. אַ האַלבער מיליאָן, פינף הונדערט טויזנט.

— און האָבן אַלץ פאַרכאַפּט. — איז ווי געקומען צו הילף דעם קאַפּיטאַן דער שווײַגנדיקער יונג, — אַלץ פאַרנומען און מיינען, אַז זיי זײַנען דאָס אייבערשטע פון שטייסל.

צי ניט צוליב דעם עס אים אַרויסזאָגן, האָט זאַלמען זיך געפרעגט, האָבן די צוויי לײַט אים אַרויסגערופן אין מיליציע און איצט פירן זיי אים עס אויסהערן פון זייער עלטסטן, וועמען מע רופט אויך מאַרטין קאָנסטאַנטינאָוויטש?

— וויפל קען באַטרעפן דער שטראָף? — האָט זאַלמען געפרעגט. — עפּשער וועט זיך בײַ מיר אָנקלײַבן דערויף געלט און איר וועט ניט דאַרפן מיך פירן צו אײַער שעף?

— געדאַרפט געווען זאָגן פריִער. איצט איז שוין שפּעט. ער וואַרט דאָרט שוין אויף אונדז. איר זאָגט דאָך אַליין, אַז איר זײַט זייער געענגט אין געלט. עפּשער וועט דער שעף גיין אײַך צו הילף און אײַנגאַנצן באַפרײַען פון שטראָף. מיר זײַנען שוין באַלד פאַרפאָרן.

דער סוועטאָפאָר אויפן ראָג פון אָכאָטני ריאַד האָט מיט זײַן רויטער שײַן פאַרהאַלטן די מאַשין פונקט אַנטקעגן דעם אַרויסגאַנג פונעם קאָלאָנען־זאַל, ווּ זאַלמען האָט צום ערשטן און איינציקן מאָל געזען אַזוי נאָענט דעם באַלעבאָס פונעם לאַנד. איצט האָט ער זיך אים פאָרגעשטעלט אינעם געשטאַלט פון אַן אָכאָטנאָריאַדער — אין אַ פאַרבלוטיקטן פאַרטעך און מיט אַ פאַרמאָסטעטער האַק אין דער האַנט.

די גרינע שײַן אין סוועטאָפאָר האָט געמאַכט פרײַ דעם וועג צום אַרופבאַרגיקן גרויען מויער מיט די פון אויבן ביז אַראָפּ לויכטנדיקע פענצטער, פונוואַנען ער וועט קיינמאָל שוין ניט אַנטלויפן. פאַרשטאַנען האָט עס זאַלמען נאָך איידער די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער האַלב־גלעזערנער טיר מיטן אַראָפּגעלאָזטן ווײַסן פאַרהענגל.

(סאָף פונעם ערשטן טייל)

כאַים ביידער

דער פינפמיליאַרדיקער

(פּאָעמע)

1

— װער ביסטו? — איך פרעג אים.
— װאָס, האָסט ניט דערקענט?
ער כריפּעט:
— צו קורץ איז, װײַזט אויס, דײַן זיקאָרן!
אַ, גאָט מײַנער! — טו איך אַ פּאַטש מיט די הענט,
און אויספרעגן װײַטער איך דאַרף שוין פאַרשפּאָרן.

אָט איבער מײַן קאָפּ,
אָט פון לינקס, אָט פון רעכטס,
אָט שטרעקט ער זיך אויס,
אָט צונויפגעשרומפּט װערט ער.
ער ברומט —
און איך װייס ניט, צי איז עס אַ קרעכץ,
צי גאָר אַ טײַװלאָנישער עפּשער געלעכטער.

איך טו זיך אַ יאָג —
אָט אַהין, אָט אַהער,
אַ שװעב אין דער הייך, און אַ פּאַל אין דער נידער.
כ'שטרענג אָן דעם געהער — נאָר אים כאַפּן איז שװער:
אָט װערט ער אַנטשטומט,
און אָט דונערט ער װידער.

פוסטריט און פוסטריט —
װוּ איך גיי, װוּ איך שטיי,
ער לאָזט מיך ניט אָפּ, װי געהאַלטן אין קייטן.
— װאָס װילסטו?
— פאַרשטייסט ניט? איך בין דאָך דײַן װיי,
געשיקט פונעם גורל — דיך שטענדיק באַגלייטן.

— װאָס דאַרפסטו?
איך האָב דיר דען װייניק געצאָלט?
אַזויפיל קאָרבאָנעס איך פלעג דאָך דיר ברענגען...
— כ'דאַרף גאָרניט...
בלויז איינס איצט פון דיר כ'װאָלט געװאָלט:
דו זאָלסט ניט פאַרגעסן —
זאָלסט אייביק געדענקען!..

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן
האַרציק דעם דיכטער און ליטע־
ראַטור־פאָרשער כאַים ביידער מיט
זיין 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן
אים געזונט, אַריכאַס־יאָמים און נײַע
שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

2

אַף אייביק פאַרקאַרבט אין געדענק־בוך גרויסאַרטיקסטן —
דער לױעך פון צײַט ווייסט די זאַך זײַנע גוט:
עלפטער יול
פון דעם זיבן־און־אַכציקסטן,
אַכט אזייגער מיט פינף און דרײַסיק מינוט...

פון מיזרעך ביז מײַרעװ,
פון דאַרעם ביז צאָפן —
די גאַנצע פּלאַנעטע באַהאַנדלט מיט ברען:
— א גליק אזא, זעט איר, עס האָט אונדז געטראָפן,
בלויז איין מאָל אין לעבן אַזוינס קאָן געשען!

א בלײַ־עסטאַפעטע פון אײנעם צום צווייטן —
עס פינקלען קאָמפּיוטערס,
עס שאַלן טרומייטן,
פון פרייד און געדולע די וועלט ווערט צעשפּאַרט:
— די מענטשהײַט געבירט הײַנט דעם פינפטן מיליאַרד!

3

דער פינפטער מיליאַרד!
אַוואַדע כ׳וואָלט פרייען מיט אים זיך געדאַרפט,
אַוואַדע זיך גרויסן כ׳וואָלט מעגן
מיט יענעם־אָ טאָג
צי מיט יענער־אָ נאַכט,
צי מיט יענער־אָ שאָ,
צי אפילע מיט יענער־אָ רעגע,
שויז אָפּגערעדט פונעם יאָרהונדערט,
ווען ס׳האָט אונדז זײַן קומען באַוווּנדערט,
באַשאָנקען מיט גליק...

פאַרוואָס זשע איך טו זיך א וואַרף אַף צוריק,
אין דער טיף פון מײַן צײַט, אין דער ווײַט פון מײַן דאָר —
אין צוואַנציקסטן יאָר,
ווען געדאַרפט זיך באַווײַזן איך האָב אַף דער וועלט?
ס׳האָט די וועלט ניט געקוועלט,
ניט געשאַלט האָבן דעמלט טרומייטן,

און ניט אונטערגעטראגן מ'האט קווייטן
דער מאמען, ווען ס'האט זיך דערהערט
מיין ערשטער געשריי...
ניט אין געבורט־ווייען האט זיך געקארטשעט די ערד,
און דער ווײ —
ס'איז געווען גאר אן אנדער מין ווײ!

אקארשט האט פעטליורע
אויסגעקוילעט א האלב פראסקוראוו,
א האלב זשיטאמיר, א האלב פעלשטין —
פאדאליע האט זיך געבאדן אין בלוט און וואלין,
און נאך פעטליורען זיינען געגאנגען
מאכנא און זעליאני, גריגאריעוו און סטרוק —
געשטאכן, געהארגעט, געקוילעט, געהאנגען...
אבער ס'איז אויך ניט געווען נאך גענוג —
זיינען געקומען דעניקינס באנדיטן
און ווידער געשלאגן, געשאסן, געשניטן...
אזוי — אן א שיר, אן א סאף, אן אן עק —
און קיינער עס האט ניט געפרעגט,
אף וויפל עס האט זיך די מענטשהייט געמינערט,
אין האנט ניט געהאלטן קיין רעכענונגס־צעטל,
און מ'איז ניט געגאנגען פון שטעטל צו שטעטל,
און קיינער עס האט ניט געזוכט,
וווּ איז עס און וווּ קאן עס זיין, דאס געפין־ארט
פון עמעצנס צופעליקן, ניט היסטאריש באשטימטן געבורט...

4

...ניט יעדער קאן זיך בארימען דערמיט, וואס פון די וויקעלעך אן איז ער באקאנט מיטן גענעראל־סעקרעטאר פון אונא. אזא מין גליק האט געטראפן דעם יונגן בירגער פון יוגאסלאוויע מאטיי גאשפארן. די פאטאגראפיע, אף וועלכער דער ניי־געבוירענער מאטיי, דער פינפמיליארדיקער מענטש אף דער וועלט, איז אראפגענומען, ווי ער זיצט אף די הענט פון פערעס דע קועליארן, האבן פארעפנטלעכט שיר ניט אלע צייטונגען פון דער פלאנעטע...

(פון צייטונגען)

— גיט דער וועלט צו וויסן! —
דווישט זיך אין אונא. —
לאמיר זיך באגריסן —
אין א גוטער שא!

שנעלער, שנעלער, שנעלער,
ניט פארזאמ, גענסעק!
פערעס דע קועליאר,
לאז זיך גלייך אין וועג!

דייגעס? — אייסעך־ווייסעך!
וואס מיר צאר און זארג!
אין דיין וועג באגלייט דיך,
דאכט זיך, גאנץ ניו־יארק.

ס'רעווען די מאטארן,
גלאט איז דער אספאלט —
פליען! לויפן! פארן! —
גיכער! טייקעף! באלד!

פליער, אין דער נאכט־שיין
וואכזאמער באם פולט!
דארט אייראפעווארט שוין,
פול מיט אומגעדולד.

שטערן פונקען שיטן —
און דעם אקעאן
האט שוין דורכגעשניטן
דער אעראפלאן.

שנעלער, שנעלער, שנעלער!
שטילער, מענטשן, שאט:
פערעס דע קועליאר
איז שוין אין בעלגראד!

טעלעטייפן זשומען,
פאטא און קינא:
— אט, ער איז געקומען!
— אט, ער איז שוין דא!

אויסגעפּעלט בלויז איינער
האָט צו פינף מיליאַרד —
צווייפלט שוין ניט קיינער —
ענדלעך זיך דערוואַרט!

וועלט באַם טעלעוויזאָר,
מיט דערפאָלג אים בענטש!
מאַזלטאָוו — אָט איז ער,
דער געגאַרטער מענטש!

שנעלער, שנעלער, שנעלער —
זעט, איר האָט דערקענט?
פּערעס דע קועליאַר
האַלט אים אויף די הענט!

מאַטיי גאַשפּאַר שמייכלט,
מאַטיי גאַשפּאַר קוועלט —
זײַן געבורט פאַרצייכנט
האָט די גאַנצע וועלט!

5

געבורט און טויט —
צוויי פּאָליוסן, צוויי ברידער,
ווי אָנהייב און ווי סוף, ווי הייך און נידער.

ווי נײַ און אַלט, ווי וואַסער און ווי פײַער,
און יעדער מיט זײַן גאָב, מיט זײַן צושטײַער.

ווער מער דער וועלט געדינט האָט פון לאַנגאַנגען,
זי זאָל פאַרניכטן און זאָל שאַפן קאָנען?

פון בייז ביז מאָרד,
פון ערגסטן ביז דעם בעסטן —
מיט וועלכער מאָס מע קאָן זייביידן מעסטן?

פון מי באַייש באַנאַנד מיט מי באַמאַים,
פון מי בעמיסע און ביז מי לעכאַים.

אין פײַער וועמען אומקומען באַשערט איז,
אין וואַסער — וועמען...
גרויס און רײַך די ערד איז!

געבורט און טויט —
און אייביק זײַ געדולדיק,
און קיינעם אין דײַן גורל ניט באַשולדיק!

6

פון וואָרצלען געמיינזאַמע אַלע זיי שטאַמען,
און יעדער פון זיי האָט זײַן אַרט,
געקניפּט און געבונדן זיי גייען צוזאַמען —
קינע, און סינע, און מאָרד.

ס'האָט יעדער זײַן אורשפּרונג, זײַן מעטאַד און וואָפן
פון זינט ס'איז אַנטשטאַנען די ערד,
ס'טוט איינע פאַרטײַעט, די צווייטע — גייט אָפן,
דער דריטער האַלט גרייט שוין די שווערד.

קיין יושער, קיין מיטלײַד, קיין האַרץ, קיין נעשאָמע,
קיין גרענעץ, קיין צוים און קיין שאַנד —
דער טײַוול פון אייפער, דער גאָט פון נעקאָמע
זיך האַלטן פון אייביק באַנאַנד.

די זכיִע פּאָרויס ניט געגעבן איז קיינעם,
ווען אויספֿאַלן וועט אים די קאָרט...
אָן אייביקער בונד האָט באַהעפֿט זיי איינעם —
קינע, און סינע, און מאָרד.

7

...און געשען איז עס אין סאָף טאָג. און קאַיִן האָט געבראַכט פֿון די פּיירעס פֿונעם פֿעלד א קאָרבן מינכע צו דעם האר גאָט.

און העוועל האָט אויך געבראַכט פֿון די ערשטלינגען פֿון זײַנע שאָף און זייער פֿעטס א געשאַנק.

און גאָט האָט זיך געקערט צו העוועלן און צו זײַן געשאַנק, און צו קאַיִנען און צו זײַן געשאַנק האָט ער זיך ניט געקערט.

און דאָס האָט קאַיִנען שטאַרק פֿאַרדראָסן, און ער איז אַראָפּ פֿון פּאָנעם...

ס'איז די לעגענדע פֿאַרצייכנט אױף יאָרן
פּראָטימדיק וואָרט צו וואָרט:
אָט וויאַזוי ס'איז באַגאַנגען געוואָרן
דער סאַמע ערשטער מאָרד.

...ס'ליאַרעמט אין הימל א רויש, א געריודער,
ס'הילכט א באַסקאָל, ווי א גלאָק:
— קאַיִן, וווּ איז העוועל, דײַן ברודער?
וווּ איז דײַן ברודער, זאָג!

ס'שמײַען אַרום די מאַלאָכים מיט ציטער:
בלוט־פּלעקן פֿירן אין פֿעלד.
— וואָס זשע, — פֿאַרענטפֿערט זיך קאַיִן, — אַלס היטער
כ'בין דען צום ברודער געשטעלט?

יאָרן און טקופֿעס עס זײַנען געפֿלאָסן,
ס'האָט זיך די מענטשהײַט פֿאַרמערט,
און שוין ניט בלוט־פּלעקן — ס'האָבן פֿאַרגאָסן
בלוטיקע טײַכן די ערד.

אָבער ביז הײַנט אָן אומגליקלעכע מוטער
אײַנשטילן קאָן ניט איר פּלאָג:
— קאַיִן, וווּ איז העוועל, דײַן ברודער?
וווּ איז דײַן ברודער, זאָג!

קוואָרים און גריבער.
גריבער און קוואָרים
שווײַגן מיט ייִעש שטום.
מיזרעך און מײַרעוו, צאָפֿן און דאָרעם —
טויב איז און שטיל אַרום.

ניט קיין מאַלאָכים, און ניט קיין געריודער,
אָבער עס הילכט נאָך די קלאָג:
— קאַיִן, וווּ איז העוועל, דײַן ברודער?
וווּ איז דײַן ברודער, זאָג!

קוואָרים און גריבער...
— און ס'ענטפֿערט ניט קיינער
גלײַכגילט, און גזיילע, און רויב...
אויף ראַכוועסן ברייטע — א וואַלגער פֿון ביינער,
פֿאַרשאָטן מיט אַש און שטויב.

דער מאַלעכהאַמאָוועס — ווען שלאָפט ער? ווען רוט ער?
ער ווייסט ניט פון נאַכט און פון טאָג.
— קאַבאַ, ווו איז אַוועל, דײַן ברודער?
ווו איז דײַן ברודער, זאָג!

קאַבאַ פאַרייכערט זײַן ציבעק — אַט ווידער
האָט מען צערודערט די וועלט!
— וואָס, יענוקידזוע? וואָס רעדט איר — אַלס היטער
ווער האָט צו אים מיך געשטעלט?

8

שאַ, מענטש!
וואָס איז מיט דיר, הער, די געדולע?
דו מײנסט,
געכאַפּט האָסט בײַ דער באָרד שוין די פּײגלע?
פאַרלוירן האָסט דעם קאָפּ פון דײַן ניצאָכן:
אַוואַדע, ביסט דערגאַנגען, ביסט דערקראָכן
צום אַפּאָגײ — צום סאַמע שפּיץ פון זיג!
נאָר קער זיך אום
און ווענד אַצינד דעם בליק
צו יענער בריק, וואָס דורכגעגאַנגען ביסט —
ס'איז עפּשער דײַן געדולע גאָר אומזיסט?
און עפּשער ס'איז גאָר אַ מיראַזש, אַ מיסטיק —
אַ שפּיצל פונעם גאָט פון דער סטאַטיסטיק,
וואָס שפּילט מיט דיך ניט זעלטן... אוי, אַ שווינדלער!
און דו?
דו גייסט אים נאָך, פונקט ווי אַ בלינדער,
און קלערסט ניט, אַז ער נאַרט דיך פּאַשעט אָפּ:
דו ווילסט אַזוי —
איז נאַ דיר, נעם דײַן גאָבו!
דו דאַרפסט אַזוי?
איז ביטע, ס'קאָסט אים טײַער?
אוי, אָפּבריִען דו קאָנסט זיך בײַ זײַן פײַער!

שאַ, מענטש!
געהאַט אַ טאָעס האָסט אין כעזשבן —
אַ ביטערן געהאַט אַ טאָעס, כלעבן!
יאָ, יאָ — אַ טאָעס!
שווערן כ'קאָן אַפילע
בײַ וואָס דו ווילסט...
איך לײקן ניט, כאַלילע,
אַז זיך באַוואָפנט האָסט מיט עלעקטראָניק
און רעכענונגס־מאַכשירים האָסט די בעסטע,
און אָפּוואַרפן אַוואַדע דאָ מע קאָן ניט
קאָמפּיוטערס קלוגע — פון די סאַמע גרעסטע,
און קיבערנעטיק אויך אין קאָן גענומען,
קעדײ צום כעזשבן דעם געגאַרטן קומען...
נאָר ווייס:
דײַן כעזשבן פאַלש איז!
האָסט אַ טאָעס —
קיין ערגערע פאַרבלענדעניש

9

אין די יאָרן 1948—1952 זײַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַזוי־גערופֿענעם „איניען פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט״ אַרעסטירט געוואָרן און צוגעצויגן געוואָרן צו קרימינעלער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט לויט דער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש און אַנטיסאָוועטישער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט פֿיל פּערזאָנען פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט, דערונטער פֿאַרשיידענע פּאַרטיייִשע און סאָוועטישע טוער, געלערנטע, שרײַבער, פּאָעטן, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן, אָנגעשטעלטע פֿון מעלוכישע אַנשטאַלטן און אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען — סאַכאַקל 110 מענטשן...

(מיטיילונג פֿון דער קאָמיסיע פֿון דער פּאָליטביוראָ
פֿון צק קפּסס פֿאַרן 29 דעקאַבער 1988)

מיט אַ פֿאַרהויבענער קאָסע,
די פֿליגל די שוואַרצע צעשפּרייט,
איבער באַנאַכטיקער מאָסקווע
דער מאַלעך האַמאָוועס גייט.

ניט האָבן ער דאַרף קיין באַגלייטער —
דעם וועג זײַנעם ווייסט ער גוט,
איבער די גאַסן גייט ער
פּינקטלעך לויט זײַן מאַרשרוט.

אויף אויסוווייניק — אַלע אַדרעסן:
צום צענטער — אַרויף און אַראָפּ...
קיינעם, כאָלילע, פֿאַרגעסן,
יעדערן האַלטן אין קאָפּ!

בענימעסדיק, שטיל און געלאַסן,
דעם שטעקן פֿאַרקרעמפּט אין דער האַנט —
איבער די מאָסקווער גאַסן
דער מאַלעך האַמאָוועס שפּאַנט.

אַ דורכגייער — עפּעס פֿאַרדעכטיק:
נו, גייט אײַך און מאַכט ניט קיין ראַש!
גאָרקי־גאַס, זיבן און זעכציק,
דער זיבעטער — פּינקטלעך! — עטאַזש.

אַ קלאַפּ מיטן שטעקן — און פֿאַרטיק!
אין שפּעלטל — אַ ברעקעלע שײַן:
— פּערעץ דאַווידאָוויטש מאַרקיש?
אַוודע, ווער נאָך זאָל עס זײַן!

אײַנצווייען זיי גייען שוין ביידע,
און גאַסן באַגלייטן זיי שטום:
איינעם, וואָס גרייט די אַקיידע,
דעם צווייטן — צו אייביקן רום...

אָט גאָרקי־גאַס, נומער פֿופֿצן,
ס'איז ברייט דער אַרײַנגאַנג און פֿרײַ,
זיך הייבן מע דאַרף ניט אַרויף־צו —
קיין ליפֿט איז ניטאָ סײַ־ווי־סײַ.

נו, פּינקטלעך — די דירע די דריטע...
אַ קלאַפּ אין דער טיר און אַ שטופּ:
— פּראָפֿעסאָר דאָברושין? איז ביטע,
דעם שטעקן פֿאַרכאַפּט פֿון דער שטוב.

— דעם שטעקן? א דאנק פאר דער אייצע —
אַן אים כ'בין א קאַליקע דאָך...
(דער אויספאַרשער וועט אַף דער פלייצע
דאַברושינס צעברעכן דערנאָך...).

אינדרויסן מע גייט שוין אצינדער,
ס'איז מאַסקווע פאַרזונקען אין שלאָף,
אַט שוין דער פערטער, דער פינפטער,
דער צענטער — נאָר ס'האָט ניט קיין סאָף...

און ווייטער, און ווייטער געלאָסן,
די פליגל די שווארצע צעשפּרייט,
איבער די מאַסקווער גאַסן
דער מאַלעך המאָוועס גייט...

10

אין די יאָרן 1953—1918 זיינען בא אונדז אין לאנד געשטאָרבן ניט מיט זייער טויט פון 38 ביז 54 מיליאָן מענטשן. 3,8 מיליאָן זיינען געשטאָרבן פון הונגער, 1,5 מיליאָן זיינען אומגעקומען אין די לאגערן...

(פון סטאַטיסטישע אָנגאַבן)

דער פינפמיליאַרדיקער...
אזויפיל דאָך געוואָרט:
א קלייניקייט — מיר זיינען פינף מיליארד!
אנטשולדיקט, אָבער גלייבן דען איך קאָן?
א שפּיל עס איז — א ווּיסטע שפּיל פון סאָטן...
וויפל וו זיינען אַט יענע זעקס מיליאָן
פון פאָלק מיינעם, וואָס מ'האָט זיי אויסגעראָטן?

די צייט אליין איך נעם איצט פאר אן איידעס
און שטעל מיין כעזשבן צו דעם הייליקסטן געריכט:
וווּ זיינען יענע, וועלכע מ'האָט געפירט
צו שייטערס און צו גריבער, צו אקיידעס?
דער קאַלטער כעזשבן — וויאַזוי פאַרגעסט ער,
ווי קאָן ער, אַט דער שווינדלער, ניט פאַרשטיין:
מיין מאמע, מיינע ברידער, מיינע שוועסטער
מישפּאָכעסווייז צוזאמען — גרויס און קליין...
זיי שרייען דאָך פון אונטער אש און שטיין —
ווי קאָן דער כעזשבן זיך אָן זיי באגיין?

ניט קיין באַקאָשע — אונטער אלע שיכטן
גראָבט אויס,
כאָטש ווייסן ווייס איך — ס'איז ניט פּראָסט...
איך פאָדער — אומבאדינגט מע זאָל פאַריכטן
דעם מיִעסן טאָעס, וואָס מע האָט דערלאָזט!
איז גייט פון גרוב צו גרוב, פון טאָל צו טאָל —
א ביין צו ביין, א שאַרבן צו א שאַרבן —
און רעכנט זיי אריין אין אלגעמיינער צאָל,
און קיינעם דורכלאָזן אין אַט דעם כעזשבן הארבן,
געדענקען זאָל אין יענעם צעטל יעדער מענטש אים:
די פיר מיליאָן, פאַרברענטע אין אָשוועַנטשים,
און שלעפּט ארויס פון דאָרטן און פונדאַנעט
אַט דעם מיליאָן דריי הונדערט טויזנט פון מיידאַנעק,

— און גייט פון שטאָט צו שטאָט, פון הויז צו הויז
אכט הונדערט טויזנט פון טרעבלינקע פירט ארויס,
פאַרגעסט ניט ווײַטער, ווי דער כעזשבן האלט —
די זעקס און פופציק טויזנט, פאַרפײַניקטע אין בוכענוואלד,
און מאַהוטהאַוזען און זאַקסענהאַוזען און ראַווענסבריוק,
און מיינט ניט, אַז עס איז שוין אויס, גענוג,
ווײַל ווו איר וועט ניט זײַן, וווּהין זיך קערן,
דעם ווייגעשריי פון יענע קדושים וועט איר הערן,
און האָבן וועט ניט אײַער וועג קיין סאָף —
און ס'וועט ניט קאָנען נעמען אײַך דער שלאָף!..

11

פון 1929 ביזן 1953 זײַנען אין פסטר געווען רעפּרעסירט באַ 50 מיליאָן מענטשן, אין די יאָרן פון דער יעזשאָווטשטשינע זײַנען ארעסטירט געוואָרן 10 מיליאָן אומשולדיקע...

איצט נעם דאָס צעטל אין דער האַנט
און גיי פון קאַנט צו קאַנט
דורך בערג און טײַכן, וועלדער, סטעפּעס, יאַמען
און טראָג אַרײַן אין צעטל יעדן איינעם,
און דורכלאָזן, כאָלילע, זאָלסט ניט קיינעם —
צונויפנעמען דו דאַרפסט זיי אלעמען צוזאַמען,
אַ קאָרבן נאָך אַ קאָרבן, וועלכע ס'האָבן
די העכער לעבעדיקערהייט באַגראָבן...

ניט קוקן זאָלסטו אָפן ייכעס, ראַנג, צי גראַד,
ניט אָפן אַמט, ניט אָפן טשין, צי ערד־פּאָסטן —
איך יענע, וועלכע האָבן ניט געהאַט
קיין הויכן טיטל און זיך קיינמאָל ניט פאַרמאָסטן
אָף וועלטרום, אין די הויכע פענצטער ניט געשטרעבט,
נאָר אָנשטענדיק, באַשיידן, שטיל געלעבט,
ביז וואַנען ס'האָט אַ שאָכן זײַנעם פּלוצעם זיך ניט אויסגעדאַכט,
אַז עפּעס באַ דעם שאָכן, וואָס אַנטקעגן —
שווערן וואָלט ער מעגן —
באַ פאַרהענגלעך פאַרמאַכטע לויכט דער לאָמפּ ביז שפּעט באַנאַכט...
און אָט באַ יענעם שאָכן, וואָס ער ווינט אָף רעכטס,
עס כאַפּט ארויס ניט זעלטן זיך אַ קרעכץ —
קוק וואַכזאַמער זיך אײַן:
אַוואַדע דאַרף עס דאָך אַ סוינע זײַן!
און יענער שאָכן, וואָס פון לינקס — טו נאָר אַ בליק:
וואָס שמייכלט ער? צעזעצט ער ווערט פון טײַנעג און פון גליק?
אַ קליין מעסירעלע אָף אים — עס איז דען שווער?
מע דאַרף ניט מער,
און ס'איז דער טאַליען גרייט שוין מיט זײַן האַק,
און טיר־און־טויער אָפן אין גולאַג...

דאָס צעטל!
ניט לאָז פון די הענט עס ארויס,
און ווי ס'איז ניט גרויס,
אָן אָרט אַ געהעריקס געפין —
אַרײַנטראָגן זאָלסטו אַהין
יעדן! אומבאַדינגט יעדן!
ניט איבערהיפּערן קיין איינעם —
קיינעם! קיינעם! קיינעם!

װוּ זאָל דער קאָרבן ניט זײַן —
רעכן אַרײַן!

דעם בלעכער פֿון װאָלאָטשיסק איציק לינדענבוים
מיט זײַנע פֿינף טעכטער און דער שײנער װײַב —
פֿאַרשרײַב!

דעם פּראָװיזאָר פֿון קאָראָסטען װעקסלער אַבראַם,
דעם ערשטן באַלאײַצע און כאַבעם אין שטעטל —
טראָג אַרײַן אינעם צעטל!

דעם קופּעלער ראָװוּס זון מעכל גלײזער
מיטן בוך אין דער האַנט, מיטן שמײכל דעם װײכן —
פֿאַרצײכן!

איזי כאַריקס צװײ ייִנגעלעך — יוליק און דאָװיד,
װאָס פֿרי מ׳האָט פֿון אײגעלעך זײערע פֿאַרלאָשן די שײַן —
טראָג אַרײַן!

די מיליאָנען מײדלעך, װעלכע האָבן געטרוימט
מוטערס צו װערן, נאָר פֿאַרדאָרבן אין צער און אין פּײַן, —
אין צעטל אַרײַן!

די מיליאָנען קינדער, װעלכע מע האָט ניט געלאָזט
געבוירן צו װערן, אַ טרײסט פֿאַר די עלטערן זײַן, —
אין צעטל אַרײַן!

די מיליאָנען באָבעס און זײדעס, װעלכע האָבן ניט דערלעבט
צו װיגן די אײניקלעך אין דאָרף, צי אין שטאָט, צי אין שטעטל, —
אין צעטל! אין צעטל!

12

און איצטער נעם אַ ליכט אין האַנט
און צינד זי אָן באַם פֿלאַם פֿון פֿינקלענדיקע שטערן,
און גײ מיט איר פֿון לאַנד צו לאַנד,
פֿון קאַנט צו קאַנט,
און שרײַ,
אַז דײַן געשרײ די גאַנצע װעלט זאָל הערן:
„װי זאַמד אין יאַם — אַזױפֿיל זײַנען מיר געװען —
אַזױ עס איז אין אָנדענק־בוך פֿאַרשריבן, —
נאָר ס׳איז אױף אונדז געגאַן אַ פּלאָג, אַ בראָך, אַ ברען —
און בלױז אַ קלײנינק הײַפֿעלע עס איז פֿון אונדז געבליבן...״
און זאָל באַ אָט דער שײַן פֿון לעצטער ליכט
פֿאַר דײַנע אױגן אָפּשטײן שיכט נאָך שיכט
דער אָקעאַן פֿון אַש, פֿון שטױב, פֿון בײנער,
און אַלע קדושים — אײנער נאָכן אַנדערן,
װאָס איבער װעלטס מערכאָקים איצטער װאַנדערן,
און שװער —
אַז ס׳זאָל דײַן שװוּע האָרכן יעדער אײנער
צאָרנדיק און בײלעט:
„געװוּסט פֿון מאָרד, פֿון לײד, פֿון פּײַן מײַן שטאַם האָט,
נאָר זעט — פּעטליורע האָט אונדז ניט דערקױלעט,
און היטלער האָט אונדז ניט דערקױלעט,
און סטאַלין האָט אונדז ניט דערקױלעט —
װעט אױך אונדז ניט דערקױלען קײן שום „פּאַמיאַט״!..



כאַים מעלאַמוד

פאַרגעסענע זײַטלעך

ראָמאַן

• דריטער טייל •

אפֿן שיידוועג

די גאַנצע צײַט, וואָס מיילעך איז געלעגן אין האָספּיטאַל, האָט מאַלקע יעדן טאָג אַ ביסל פֿרי־ער זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט איר טישל אפֿן „פּריוואָז”, אַפּגיך אַוועק אַהיים, זיך איבערגעטאָן, זיך צוגע־פּוצט אַ ביסל, און פֿיל לענגער, ווי שטענדיק, געשטאַנען באַם ניט־גרויסן שפּיגעלע אפֿן דרײַעקיקן טישעלע. ס'האָט געהייסן, אַז זי גייט צו מיילעכן, נאָר זי איז געווען זיכער, אַז בינ־יאָמין וואַרט אויף איר, און זי האָט געוואָלט אויסזען ניט ערגער, ווי נעכטן, ניט ערגער, ווי אייערנעכטן. ניט ערגער ווי אין יענעם פֿאַרנאַכט, ווען ער האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל און זי האָט אים אַזוי פֿאַרקישעפֿט.

זי האָט אַליין ניט געוווּסט, צוליב וואָס זי טוט עס, זי האָט ניט געוווּסט, וואָס דערפֿון וועט אַרויסקומען. יעדן גאַנצפֿרי האָט זי פֿעסט באַשלאָסן בײַ זיך, אַז שוין הײַנט וועט זי ענדלעך איבערײַסן די שפּיל. נאָר אַלעמאָל, צו פֿאַרנאַכט־צו, האָט זי ווידער געיאָגט אַהיים און געגרייט

פֿאַרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נום. 3, 1990.

זיך צו דער באַגעגעניש. זי האָט געפּרוּווט אײַנרעדן זיך, אַז דאָס איז טאַקע ניט מערער, ווי אַ שפּיל, דער פאַרלאַנג פון יעדער פרוי עמעצן געפעלן ווערן. און געפילט, אַז דאָס איז ניט אַזוי.

ביסלעכווײַז איז דער טאָגטעגלעכער באַזוך זיך צעפּאַלן אויף צוויי באַזונדערע טיילן. האַלב צו מיילעכן און האַלב צו בינימינען. און זי האָט מוירע געהאַט באַשטימען, וועלכע האַלב ציט איבער. אַזוי צי אַזוי, נאָר די דאָזיקע באַזוכן זײַנען געוואָרן איר טאָגטעגלעכער שטייגער, אירע טאָגטעגלעכע באַדערפענישן, דאָס שטיקעלע טרוים, מיט וועלכן זי האָט געלעבט פונעם פריִען באַגינען, ווען זי האָט אַרויסגעטראָגן פון דער קלייט דאָס טישל מיט איר ביסל סכוירע און אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען ווי אײַנגעווייקט אין ראָפּע. געקומען פאַרנאַכט אַהיים, האָט זי פלײַסיק געזייפט די הענט, דאָס פּאָנעם, אויסגעזייפט פון זיי די מינדסטע שפּורן פון געזאָלצענעם.

אָפּטמאָל איז איר דורך אַ גרויל פונעם געדאַנק: „וואָס וועט זײַן, אַז מיילעך וועט אינגאַנצן געזונט ווערן, וועט אַוועק אַהיים, און אירע באַזוכן אין האָספּיטאַל וועלן זיך ענדיקן?״ זי האָט גלײַך אויסגעזידלט זיך פאַר אַזעלכע נאַרישע, אומדערלאָזבאַרע געדאַנקען. פאַרשאַלטן זיי און זיך אַליין אויך. און דאָך. אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט אין פולער איינזאַמקייט, און וועלכע־ניט־איז דערוואַרטונגען, אָן אַזעלכע באַגעגענישן, און ניט איין מאָל פאַרשאָלטן איר שיינקייט, וואָס קיינער באַמערקט דאָס ניט. איז איר געווען שרעקלעך אַ טראַכט טאָן, אַז זיי קאָנען זיך אינגיכן ענדיקן.

אייגנטלעך, האָט זי ניט געטראַכט וועגן דעם, אַז פון אירע באַגעגענישן מיט בינימינען קאָן זיך עפּעס באַקומען. זי וואָלט אַפילע ניט געקאָנט זאָגן, צי זי וויל, אַז עס זאָל זיך באַקומען. נאָר איר איז נייטיק געווען צו וויסן, פילן, אַז עמעצער וואַרט אויף איר. אַז דאָס האַרץ, וואָס לעבט אַזוי פיל יאָרן, ווי אין אַ טיפן שלאָף, זאָל אָנהייבן צאַפּלען...

דער סיידער פון זייערע באַגעגענישן איז געווען פאַרויסבאַשטימט און האָט זיך יעדן טאָג איבערגעחזרט מיט דער זעלבער פּינקטלעכקײַט. בינימין ווייסט שוין די מינוט, ווען זי קומט צו מיילעכן. ער לאָזט זיי אַ ביסל זיך דורכשמועסן אויג אויף אויג, דערנאָך קומט ער אַרײַן, און זיי שמועסן שוין אינדרײַען. אַמאָל איז דאָס אַ שטיקל פאַרזעצונג פון זייערע שמועסן וועגן וועלטזאַכן, אַמאָל זײַנען דאָס ווערטער, וואָס יעדערער פון זיי האָט באַצײַטנס צוגעגרייט, באַזונדערס מאַלקע, וואָס האָט זיך שטאַרק געהיט, זי זאָל אין דער אָנוועזנהײַט פון בינימינען ניט זאָגן עפּעס אַ נאַרישקײַט. דערנאָך, ווען זי קלײַבט זיך שוין אַוועקגיין, רופט זיך בינימין אָן:

— וואַרט צו אַ ווײַלע. איך וועל אויסטאָן דעם כאַלאַט, וועל איך אײַך באַגלייטן.

זיי לאָזן שווײַגנדיק זיך אַראָפּ פון די עטלעכע טרעפּלעך און גייען ווײַטער שווײַגנדיק אַקסל בײַ אַקסל, גייען זייער פּאַמעלעך, זייערע אַקסלען זאָלן זיך ניט פאַרטשעפּען, דערנאָך זיצן זיי אויך אַזוי שווײַגנדיק אויף זייער באַנק אינעם נאָענטן סקווער.

— ווי איז בײַ אײַך דורך דער הײַנטיקער טאָג? — פרעגט ער, ווען די שווײַגעניש ווערט צו לאַנג.

— ווי אַלע אַנדערע.

— און ווי זעען אויס די אַנדערע?

— גאַנצפרי אַרויסגעטראָגן פון קלייט דאָס קעסטל מיט די טיולקעס, די וואָג. אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען און אָפּגעוויגן, וועמען אַ קילאָ, וועמען הונדערט גראַם. פאַרנאַכט אַרײַנגעטראָגן אַלץ צוריק אין קלייט און אָפּגעגעבן דעם פּידיען אין קאַסע...

בײַ מאַלקען איז דאָס געווען אַ צולאָכעס־שפּיל מיט זיך אַליין — דאָס אומיסטנדיקע אַרויסשטעלן פאַר אים די הוילע וואָכעדיקײַט און די נישטיקײַט פון איר לעבן, כּדי דערוועקן אין אים עפּעס אָפּשטויסנדיקס, אַ שפּיל, איבער וועלכער זי האָט דערנאָך זיך גוט אויסגעוויינט. באַזונדערס בײַנאַכט, ווען דער שלאָף האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט קומען, און זי איז אַלעמאָל אַ נאַקעטע אַראָפּ פונעם בעט און צוגעקומען צום שפּיגעלע. אַמאָל אָנגעצונדן דערבײַ דאָס נאַכט־לעמפּעלע, און אַמאָל באַקוקט זיך בײַ דער שײַן פון דער לעוואָנע, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט אין איר צימער דורכן אָפענעם פענצטער. זי איז געשטאַנען אין איין העמד, באַקוקט זיך פון קאָפּ ביז די פיס, געזוכט כאָטש וועלכע־ניט־איז שפּורן פון דער אַמאָליקער מאַלקען, אויף וועלכער עס האָבן זיך פאַרקוקט אַלע שטאָטישע יינגלעך, זי האָט געוואָלט באַשטימען, צי נאַרט זי ניט אָפּ זיך אַליין, צי איז דאָס ביכלאַל מעגלעך בײַ אירע שוין ניט יונגע יאָרן. ליבע? צי קאָן אַזאַ געהויבענער מענטש ווי בינימין, אַ פּאָלקאָווניק, זיך פאַרליבן אין אַ פרוי, וואָס פאַרקויפט טיולקעס אויפן מאַרק? און דאָך... עפּעס האָט געטליִעט אין איר, געטליִעט מיט אַ ווייטיקלעכער יוירעניש, און זי האָט די גאַנצע צײַט זיך געשפּאַרט מיט זיך אַליין, זיך געשלאָגן מיט דער דייע, אַלעמאָל דערוויזן זיך איינס און איבערצײַגט זיך אין גאָר עפּעס אַנדערש. און אַלעמאָל דאָס האַרץ! ס'האָט ווייטיקלעך זיך גערעגט, געפּרוּווט אַפילע אַ שטאָך טאָן. זי האָט דערבײַ געפּרוּווט אַ שפּאַס טאָן איבער זיך אַליין.

— אַ פאַרשטיינערטע ליבע, מישטיינס־געזאָגט.

נאָר צי קאָנען שטיינער זיך צעוואַקסן?

און אױפֿגעװעקטע פֿון איר פֿיליאַריקן שלאָף, האָט זי אָפּטמאָל אַלײן ניט געװוּסט, װאָס װיל זי מער׃ צי זאָל זי אײַנשלאָפֿן װערן, צי זאָל זיך װײַטער ציִען אָט דאָס אומגעװײנלעכע, װאָס זעט איר אױס, װי אַ שײנער חלום. דערבײַ איז בײַ איר אױפֿגעקומען דאָס רײן װײַבערשע, װאָס איז אײך ניט אָפּצוװאַרפֿן. אַ טײַנע צו גאָט און צו זיך אַלײן׃ מיט װאָס האָט זי אַזױ פֿאַרזינדיקט? פֿאַרװאָס האָט ער זי באַשאָנקען מיט אַזאַ שײנקײַט און ניט אָפּגעטײלט פֿאַר איר קײן ביסעלע מזל, קײן פּיצעלע פֿרײד? װאָס איז זי איצט? אַן אַלטע ייִדענע! אַזױ האָט זי טאַקע אײנמאָל געזאָגט ביניאָמינען, װען ער האָט מיט װײַטע רעמאַזימלעך איר געגעבן אָנצוהערן װעגן זײַנע געפֿילן.

— װאָס בין איך איצט? אַן אַלטע ייִדענע!

— מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט אָנרעדן אױף זיך, — האָט ער איר פֿירגעװאָרפֿן.

דער האַרבסט, װאָס האָט צו פֿרי זיך אַ יאָגע געטאָן מיט קאַלטע װינטן און נודנע רעגנדלעך, האָט געצװוּנגען אַלעמען אָנטאָן די רעגנמאַנטלען. מאַלקע האָט געהאַלטן, אַז גאָט אַלײן האָט צוגעטראַכט אָט די קעלט, זי זאָל קאָנען באַנײַען איר מאַנטל פֿון בעזשקאָליר. און דעריקער — זי זאָל קאָנען אינעם צוגעפּאַסטן אַספּאַלט זען זיך װי אין אַ שפּיגל, זען זיך אינגאַנצן׃ װי זי גײט, װי זי האַלט דעם קאָפּ, װי עס ליגט דאָס היטעלע אױף אירע נאָך געדיכטע האָר און װי שטאַלטנע זי זעט אױס מיט איר גרינגן, געמאָסטענעם שפּאַן. און — אין אַ רעגן צי מיט אַ רעגן, האָט זי יעדן פֿאַרנאַכט אָנגעטאָן דאָס זעלבע. דער כילעק איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס בײַס אַ רעגנדל זײַנען זײ ניט געזעסן אױף זײער באַנק אינעם סקװער, נאָר אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטאָט. פֿאַר אַ נױט אַרײַנגעגאַנגען אין אַ קאַפֿע, כאָטש מאַלקע האָט זײער ניט געהאַלטן פֿון אַזעלכע פֿאַרװײַלונגען. איז שױן געװען בעסער אַרײַנקומען אין אַ קינאָ־טעאַטער. דער פֿילם אַלײן האָט זײ װײניק־װאָס אינטערעסירט, דעריקער איז געװען פֿילן, אַז עס דזיערן װײַטער זײערע אױנטן. און איר אײנציקער טרױם איז געװען, זײ זאָלן דױערן װאָס לענגער. איר איז געװען גוט, גוט, װי קײנמאָל ניט. און... אײך אַזױ ביטערלעך... אַ געפֿיל — געװיס, װי בײַ אַ בױם, װאָס צעצװיטעט זיך אין שפּעטן האַרבסט, צעצװיטעט זיך בונט און האָפֿענונגסלאָז... אױ, װי זי האָט געװאָלט, עס זאָל געשען דאָס אומעגלעכע!

יענעם טאָג האָט זי דערפֿילט, אַז עס מוז עפּעס געשען. זי האָט דאָס דערפֿילט לױט דעם, װי דער הימל האָט זיך אױסגעלײַטערט, די זון איז אױפֿגעגאַנגען זומערדיק פֿרי און געבראַכט מיט זיך די לאַנג געװאַרטע װאַרעמקײַט. הײסט עס, ס׳איז נאָך ניט אַזױ שפּעט, נאָך ניט דער עמעסדיקער האַרבסט, ס׳איז נאָך געבליבן ניט װײניק זומערדיקס. און דאָס, װאָס גאַנצע צװײ װאָכן האָט געמאַראַקעט, װאָס דער בײזער װינט האָט געצופּט די בלעטער פֿון די בײמער, איז ניט מערער, װי אַ מיספֿאַרשטײעניש. אָט שטײען נאָך פֿיל בײמער, די לינדן, די אַקאַציע און די דעמבן — אין זײער פֿולער גרינקײַט. און דאָס גראָז אין די סקװערן איז געװאָרן נאָך גרינער װי פֿריִער, גרינער און זאַפֿטיקער. און ס׳האָבן זיך צעבליט, אָפּסנײַ זיך צעבליט די רױזן. און עס יאָגן שױן װידער צום יאָם יונגעלײַט און עלטערע מענטשן. אַלץ אַרום האָט אױסגעזען, גלײַך די שטאָט כײַנדלט זיך, גלײַך זי אַנטשולדיקט זיך׃ איך, אַדעס, בין ניט שולדיק ניט אין די קעלטן, ניט אין די רעגנס. דאָס איז ער, דער שװאַרצער יאָם, אױף װעלכן עס האָבן, װער װײסט פֿון װאַנען, אָנגעיאָגט קאַלטע שטראָמען און פֿאַרצױגן דעם אַרום מיט טונקעלע װאָלקנס. נאָר אַלץ איז שױן דורך. איר זעט דאָך, אָט שײַנט שױן װידער די זון, די ליבע און װאַרעמע זון.

דאָס לידל, פֿול מיט אומעט און האַרצקלעמעניש, האָט מאַלקע געהערט מיט אַ צײַט צוריק. דאַן האָט דאָס לידל איר גאָרנישט ניט געזאָגט. איצט איז דאָס פּלוצלינג אױפֿגעקומען און אַ קלונג געטאָן אין די אױערן, װי אַ װאָרענונג, װי אַ קלאָרע דערמאָנונג װעגן איר עלטער, װעגן אירע שױן ניט יונגע יאָרן און װעגן דעם... נאָר װאָס װעגן דעם, װאָס װעגן דעם? אַ גאַנצן טאָג איז זי געװען פֿול מיט פּלאָנטערניש. מיטן מאַרק זיך אָפּגעפּאַרטיקט, װען די זון איז נאָך געװען גאַנץ הױך, אװעק אַהײם און אַרױסבאַקומען פֿון איר אַ ביסל שױן אָפּגעריבענער שאַפֿע אַלץ דאָס זומערדיקע, אָפּגעקליבן דאָס, װאָס זי האָט שױן לאַנג ניט געטראָגן, נאָר געהאַלטן פֿאַר דעם סאַמע פּאַסיקסטן פֿאַר דעם איצטיקן פֿאַרנאַכט, און אַװעק אין האָספּיטאַל אַפֿילע אָן אַ שאַלעכל אױפֿן קאָפּ, קעדײ ניט פֿאַרטערן די פֿלײַסיק אױסגעלײגטע האָר.

און עס איז געשען! ביניאָמין האָט זי באַגעגנט אַ פֿאַרגאַפּטער. ער איז געװען אַזױ איבעראַשט, אַז ער האָט צוערשט ניט געװוּסט װאָס צו זאָגן. און װען ער איז אָפּגיך אַרױס אין דעם חלאָט, בלױז אינעם זומערדיקן רעקל, האָט ער אַ ביסל אַפֿילע װיליונגעריש זיך אָנגערופֿן׃

— עפּשער װעלן מיר זיך אַװעקלאָזן צום יאָם? אַזאַ זעלטענער װעטער!

און צום ערשטן מאָל, אָן אַ דערלױבעניש, בלױז באַמערקט איר אומגעװײנלעכע אױפֿרעגונג, זי אָנגענומען פֿאַרן עלנבױגן.

פֿאַר דער צײַט האָט דער יאָם, אַפּאָנעם, גענוג זיך אָנגעמאָרדעװעט, איצט איז ער געלעגן אַ

מידער, און איבערגעמאַטערטער, געלעגן, ווי עפּעס אַ נעבעכל, שטיל געעטעמט, קוים געוויגט די דריבנע כוואַליעכלעך. דאָס זײַנען ביכלאַל ניט געווען קיין כוואַליעכלעך, נאָר אַזעלכע שפּריצעלעך, וואָס האָבן גינגאַלדיק געגלאַנצט קעגן דער פאַרגייענדיקער זון. בינײאָמין האָט אָפּגעקליבן אַ רויִק ערטעלע, זיי זאָלן אַ ביסל פונדערווײַטנס נאָכקוקן נאָך די, וואָס שפּרינגען אַלעמאָל אַרײַן אין יאַם און לויפן אַרויס פון דאָרטן, מיט געדיכטע טראָפּנס אויף זייער פאַרברוינטן לײַב. זיי אַליין, בינײאָמין און מאַלקע, האָבן ניט געקליבן זיך אויסבאָדן, ערשטנס, איז די וואַסער געווען נאָך קילבלעך, צווייטנס, האָבן זיי ניט מיטגענומען מיט זיך קיין באָד־קליידונג. זײַנען זיי געזעסן, זיך אײַנגעקוקט אינעם יאַם, אין די יונגעלײַט, וואָס האָבן זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך אים, און אין דער שיף, וואָס האָט זיך געזען פונווײַטנס און אויסגעזען ווי פאַרגליווערט אויפן מײַרעוו־ראַנד. יענע ווײַטע שיף האָט דערמאָנט בינײאָמינען זײַן לאַנגאַניקס און ער האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— אָט אויף אַזאַ שיף בין איך שיר ניט אַוועק אויף יענער זײַט.

מאַלקע האָט אַ דערשראָקענע אַ ציטער געטאָן:

— ווען, ווען איז דאָס געווען?

— ס'איז געווען אין יענער צײַט, ווען אַ ריי אָדעסיטן האָט אַרומגעכאַפּט דער עמיגראַציע־פיבער. מע האָט פאַרלאָזט שיינע, וווילאײַנגעאָרדנטע דירעס, גוטע שטעלעס און ניט קיין שלעכטע פאַרדינסטן, ביכלאַל אַ לעבן, וואָס האָט שוין פאַרמאָגט זײַנע פעסטע קלאָלים און זיכערע אויסזיכטן, און אַוועקגעלאָזט זיך אין פאַרשיידענע אייווער־האַיאַמען, ווער קיין יִיסראָעל, און ווער קיין אַמעריקע, ווער אויך — קיין אַמעריקע דורך יִיסראָעל, געזוכט אויסגעטראַכטע גליקן, געזוכט און ניט געפונען.

מאַלקען האָט דערשראָקן אַ לעפּישער געדאַנק, אַז אַזוינס האָט געקאָנט טרעפן מיט בינײאָמינען אויך. און זיי וואָלטן שוין קיינמאָל זיך ניט באַגעגנט.

— וויִאַזוי און ווען? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— שוין לאַנג, זייער לאַנג, — האָט בינײאָמין אַ זיפץ געטאָן, דערמאָנט זיך יענע טראַגישע געשעענישן, וואָס האָבן אים געבראַכט אַהער צום אָדעסער האַפן. — מיט אַריבער פערציק יאָר צוריק.

— וויִאַזוי און פאַרוואָס? — האָט מאַלקע אויסגעשריִען.

איז געקומען אַ לאַנגע און אַ טרויעריקע דערציילונג, פון וועלכער מאַלקען האָט דורכגענומען אַ גרויל, אַ צווייענדיקער און עפּשער אַ דרײַענדיקער. צום ערשטן מאָל איז פאַר איר אויפגעשווומען דאָס געשטאַלט פון יענער עסטער־האַמאַלקע, וואָס איז געווען אַזוי ענלעך אויף איר. און זי האָט ניט געוווסט, וויִאַזוי אויפנעמען די דאָזיקע ענלעכקײַט.

— פאַרוואָס זשע זײַט איר טאַקע ניט אַוועק? — האָט זי געפרעגט.

בינײאָמין האָט ניט באַוויזן אַ טראַכט טאָן, אַז דאָס, וואָס ער וועט איר זאָגן, וועט זי נאָך מער אָנשרעקן, און עפּשער אײַנגאַנצן דערווײַטערן פון אים.

— פאַרשטייסט, — איז ער אומגעריכט אַריבער אויף „דו". — איך בין שוין געשטאַנען אויף דער שיף, צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן צום ברעג און דערזען עסטערן. זי איז געשטאַנען, אויסגעשטרעקט די הענט צו דער שיף, די לאַנגע צעפּ פאַנאַנדערגעפלאָכטן, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי שרײַט צו מיר: „בינײאָמין, אויף וועמען לאָזט מיך איבער?" האָב איך אַ יאָג געטאָן מיט די טרעפּלעך אַראָפּ, אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער, אַרויסגעלאָפן אויפן ברעג אינגאַנצן אַ נאַסער און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך. נאָר עסטער איז אין ערגעץ ניט געווען.

מאַלקע האָט דערפילט, ווי אַ שאַרפע קעלט נעמט זי דורך ביז די ביינער. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אויך דערפאַר, וואָס פונעם יאַם האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלטער ווינט. זי האָט זיך צוגע־רוקט אַ ביסל נענטער צו בינײאָמינען, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אָנגעטרערטע אויגן. און מערער האָבן די טרערן ניט געוואָלט אויסטריקענען זיך. אַפילע דאַן, ווען בינײאָמין האָט געענדיקט דערציילן וועגן פיל אַנדערע פּאַסירונגען. זי האָט אַלץ געקוקט אויף אים און געוויינט. ס'איז פאַר איר אַליין געווען אַן אומפאַרשטענדלעכער געוויין. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען פון פרייד, וואָס זי זעט פאַר זיך איצט גאָר אַן אַנדער בינײאָמינען, אַן איינזאַמען און לײַדנדיקן, דאָס, וואָס ס'איז זייער שווער באַמערקן און אָפּשאַצן לויט זײַנע פּאָגאָנעס און טיטלען. צום ערשטן מאָל האָבן אירע צווייפלען אָנגעהויבן צעווייעט ווערן, ווי אַראָפּגעשווענקט געוואָרן פונעם האַרצן.

געענדיקט דערציילן, האָט בינײאָמין אַ בעט געטאָן:

— איצט ווייסט איר וועגן מיר אַלץ. דערציילט אַ ביסל וועגן זיך. דאָס, וואָס איר ווילט.

און גראָד דאָס, וואָס בינײאָמין האָט איר געגעבן אַ ברייטע דערציילן בלויז וועגן דעם, וואָס זי וויל, צי עפּשער בלויז וועגן דעם, וואָס איר לוינט, האָט זי שוין אויסדערציילט וועגן זיך אַלץ: דאָס, וואָס ס'האָט געלוינט און דאָס, וואָס ס'דאַט, לויט איר מיינונג, ניט געלוינט. ס'איז געווען ניט אויסדערציילט, נאָר אויסגעוויינט איר ביטער מאַזל, וויִאַזוי זי איז געווען פאַרליבט אין מיילעכן, און ער איז געווען אַזוי פאַריאָגט מיט זײַנע קאָמיוגישע איניאָנים, אַז ער האָט ניט באַמערקט איר

שיינקייט. און וויאַזוי דער טאַטע האָט געוואָלט פֿאַרקנאַסן זי פֿאַר א רייכן קאַרעוו פֿון ראָסטאָוו, און וויאַזוי זי האָט אים, דעם קאַרעוו, א וואַרף געטאָן צוריק אַלע זיינע מאַטאַנעס, וואָס ער האָט איר געשיקט געהיים, ווי פֿון עפּעס א מומען — די שיכעלעך, דאָס פֿינגערל און אַפֿילע דאָס כאַלאַטעלע. און שוין גאָר זיך צעכליפּעט, דערציילנדיק, אז ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אז מיילעך האָט שוין כאַסענע געהאַט, האָט זי אויך כאַסענע געהאַט פֿאַר דעם, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט ליב געהאַט, און אין א יאָר אַרום אַנטלאָפֿן פֿון אים. טאַקע פּאַשעט אַנטלאָפֿן.

— און פֿאַר די אַלע יאָרן האָט איר ניט באַגעגנט קיינעם, וועמען איר וואָלט געקאָנט ליב האָבן? — האָט בינאָמין געפֿרעגט גאַנץ איידל. נאָר מאַלקע האָט פֿון אָט דער פֿראַגע שוין גאָר זיך צעיאָמערט:

— איך האָב אַלע יאָרן ליב געהאַט און האָב אויך איצט ליב נאָר מיילעכן!

— און מערער קיינעם ניט?

— אדו.. — זי האָט נאָך אַלץ פֿאַרכלינעט זיך, און איר איז שווער געווען אַרויסרעדן א וואָרט. דערפֿאַר האָבן אירע ווערטער אַרויסגעזען, ווי א שווע, ווי א געצוווּנגענע אַנערקענונג. — איך... איך האָב ליב באַקומען סימען, איך האָב ליב באַקומען דינעלען, איך האָב ליב אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט מיילעכן.

א מאָדנע זאַך: וואָס מערער מאַלקע האָט אָנגערעדט אויף זיך, ווי געפּרוּווט אויפֿשטעלן א וואַנט צווישן זיך און בינאָמינען, אַלץ מערער איז זי אים געוואָרן נעענטער, אייגענער, טייערער און ליבער. דערפֿון איז עפּשער געקומען דאָס, וואָס ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערלויבט. ער האָט גרינג א פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער אירע, אַזוי פֿלייסיק צוגעקעמטע לאָקן, ער זאָל זיי, כאָלילע, ניט צעשטערן. נאָר פֿון אָט דעם גלעט, פֿון אָט דעם גרינגן צוריר האָט מאַלקע אויפֿגעציטערט. זי האָט קיינמאָל ניט געפֿילט אַזאַ היימישן, אַזאַ ליבן, אַזאַ צאַרטן צוריר. אָט דער זעלטענער צוריר צעגייט זיך איבער אַלע איירורים מיט אן אָפּפֿרישנדיקער און באַרויִקנדיקער וואַרעמקייט. זי האָט געפּרוּווט אים אויסטייטשן, אויסלייענען אין אים אַלץ, וואָס מע קאָן ניט אויסדריקן מיט קיין ווערטער. זי האָט לאַנג, זייער לאַנג זיך איינגעהערט אין אָט דעם פֿלאַטערנדיקן צוריר, און אומגעריכט איז ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין א לידעלע. אין א שוין לאַנג ניט געהערט לידעלע.

בינאָמין וואָלט ניט געקאָנט קלאָר זאָגן, ווען און ווו האָט ער געהערט אָט די ליד. זי איז אויפֿגעקומען אין זיכּאָרן און אַליין פֿון זיך אָנגעהויבן אויסזינגען זיך אויך אַזוי, ווי ער האָט זי אַמאָל געהערט, שטיל און לאַנגזאַם, יעדער וואָרט באַזונדער, קלאַנגען, ווי אָט די דריבנע כוואַליעכלעך, וואָס האָבן געגלאַנצט קעגן דער פֿאַרגייענדיקער זון. ער האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס ער מיינט מיט דער דאָזיקער ליד. און אוואַדע ניט געקאָנט פֿאַרשטעלן זיך, ווי זי וועט ווירקן אויף מאַלקען:

Стихли все бури и грозы,
Дышит свободнее грудь...[1]

איז ער מאַמעש געווען געפּלעפֿט דערפֿון, ווי מאַלקע איז צוגעפֿאַלן צו אים, אַרומגענומען פֿאַרן האַלדז און אַרויסגעשעפּטשעט:

— בינאָמין, איך וויל שוין שטאַרבן...

אויף מאָרגן איז מאַלקע אין האָספּיטאַל ניט געקומען. מיילעכן האָט דאָס א ביסל געוווּנדערט, און בינאָמין איז געווען דערפֿון שטאַרק באַמרויִקט. צי דען האָט ער נעכטן געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט זי אָפּגעשטויסן? דוכט זיך, עס איז גאָר אַזוינס ניט געשען. סיידן דאָס, וואָס ער האָט גאַנץ פֿאַרזיכטיק זיך צוגערירט צו אירע לאָקן. נו, און יענע ליד... האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס האָט מאַלקע אַזוי ראַשיק זיך אויפֿגעהויבן, אַרומגעטרייסלט דאָס קלייד און א פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די קרויזן. פֿאַרוואָס האָט זי אַזוי א קוק געטאָן אויף אים מיט פֿאַרדראָס און ווי פֿאַרשעמט? אַפֿגיך אויסגעווישט די טרערן, האָט זי באַרויִגעזלעך אַרויסגערעדט:

— מע דאַרף גיין. ס'איז געוואָרן שטאַרק קאַלט.

א שטיקל צייט זיינען זיי געגאַנגען שווייַגנדיק. האָט זי א פֿרעג געטאָן:

— און יענע ליד... פֿאַראַן נאָך שורעס?

— פֿאַרשטייט זיך.

— איך בעט אייַך... אויב אייַך איז ניט שווער.

— ביטע.

און פּונקט אַזוי שטיל און לאַנגזאַם אויסגעזונגען:

---

[1] איינגעשטילט אַלע שטורעמס און געוויטערס, פֿרייער עטעמט די ברוסט.

Ты ведь так много страдала,
Много несладких потерь.
Ты ведь покоя искала,
Что же ты плачешь теперь?[1]

— גאָט מייַנער! — האָט מאַלקע אַרויסגערעדט. — װער האָט עס געשאַפן װעגן מיר אַזאַ ליד?

— דערזינגען זי ביזן סאָף?

— מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט! — האָט מאַלקע געבעטן. — איך װעל דאָס פּאַשעט ניט אויסהאַלטן.

און טאַקע גלייַך, װי דערשראָקן זיך פאַר אַ נייַעם אָנפּבּרויז, געלאָזט זיך לויפן. אַפּגעלאָפן אַ ביסל, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעשריגן:

— מע דאַרף זיך ניט יאָגן נאָך מיר. אַ גרויסן דאַנק.

װאָס זשע איז אין דעם אַלעמען געװען אַזוינס, װאָס זי איז הייַנט ניט געקומען און װעט, מעגלעך, ביכלאַל מער ניט קומען? און װאָס האָט זי געמיינט מיט דער ביטע, ער זאָל זיך ניט יאָגן נאָך איר? צי דען הייסט עס, אַז זייערע באַגעגענישן האָבן זיך געענדיקט?

ערשט איצט, װען ער האָט דערפילט, אַז ער קאָן זי פאַרלירן, האָט ער פאַרשטאַנען דאָס, אין װאָס ער האָט ניט געװאָלט זיך מודע זייַן פאַר זיך אַליין. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אים געװאָרן אייגן, און װי קיינער אין דער װעלט איז זי אים ליב, װי קיינער. יאָ, יאָ! ער קאָן זיך מודע זייַן אין דעם! ער איז פאַרליבט! צום ערשטן מאָל, זינט ער האָט פאַרלוירן זייַן עסטערן! און דאָס איינציקע, מיט װאָס ער קאָן זיך פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין, איז דאָס, װאָס גראָד עסטערס געשטאַלט האָט אַרויסגערופן די דאָזיקע ליבע. און ער טאָר זי ניט פאַרלירן.

װען סימע איז געקומען צו מיילעכן, װי געװיינלעך, אַ ביסל שפּעטער פון מאַלקען, האָט זי געפרעגט:

— און װוּ איז מאַלקע?

— זי איז הייַנט ניט געקומען. — האָט מיילעך געענטפערט. — און מיר זייַנען ביידע באַאומרויִקט.

דער „מיר" איז געװען גאַנץ פאַרשטענדלעך. דאָס הייסט, אַז ער און בינִיאָמין. דעריקער טאַקע, בינִיאָמין.

— דו װאָלסט ניט געקאָנט מאָרגן אַרייַנקומען צו איר און דערװיסן זיך? — האָט מיילעך ניט־זיכער געפרעגט.

— אַפ מאָרגן קאָן איך ניט פאַרלאָזן, — האָט סימע דערקלערט. — איך װייס קיינמאָל ניט, װי דער מאָרגעדיקער טאָג װעט אויסזען. בעסער װעל איך שוין צופאָרן צו איר.

— דו װייסט װוּ זי װוינט?

— איך װייס. איך װעל זי װוּ־ניט־איז געפינען.

איר איז אַ ביזאָיען געװען זיך מודע זייַן, אַז פאַר די אַלע יאָרן איז זי קיין איין מאָל ניט געװען בא מאַלקען. זי װאָלט דאָס געקאָנט דערקלערן דערמיט, װאָס קימאַט יעדן אָװנט איז מאַלקע געװען בא זיי, און אַלע זונטיקן האָט מען װידער פאַרבראַכט אינײנעם בא זיי, כאָטש װוּ זי װוינט האָט זי גוט געװוּסט.

מאַלקעס ניט־גרויס צימערל האָט זי איבערראַשט ניט אַזוי מיט דער באַשיידנקייַט, װי מיט זייַן אומהיימלעכקייַט. יעדעס װינקעלע האָט װי געשריגן װעגן דעם, װי שװער עס לעבט זיך זייער באַ לעבאָסטע, װי עס דריקט אַפ איר די אומדערטרעגלעכע איינזאַמקייַט, װי ס'איז איר נימעס, ביטער־לעך־דערעסן איר פּוסט אָפּגעלעבט לעבן אָן אַ פּיצעלע מענטשלעכער װאַרעמקייַט. מאַלקע איז געזעסן אַפן בעטל אַ צעשױבערטע, די אויגן געװענדט ערגעץ אין אַן אומבאַװוּסטער װייַטקייַט. ס'איז געװען גאָר אַן אַנדער מאַלקע, ניט ענלעך אַפ דער, װאָס קומט אַרייַן צו זיי יעדן אָװנט און נאָך װייניקער אַפ דער, װאָס קומט יעדן פאַרנאַכט אַ פאַרפּוצטע אין האָספּיטאַל. סימע האָט גוט געװוּסט, אַז זי פאַרפּוצט זיך אַזוי ניט צוליב מיילעכן.

זיי האָבן ביידע זיך דערשראָקן, סימע פון מאַלקעס אויסזען און מאַלקע דערפון, װאָס סימע האָט זי דערזען אַזאַ.

— װאָס איז געשען? — האָט סימע געפרעגט.

— װאָס האָט געדאַרפט געשען?

— בא דיר איז עפּעס פאַרגעקומען מיט בינִיאָמינען?

[1] דו האָסט דאָך אַזױפיל געליטן,
אַזױפיל ביטערע פאַרלוסטן.
דו האָסט דאָך געזוכט רויִקייַט,
פאַרװאָס זשע װיינסטו אַצינד?

— וואָס האָט געקאָנט פֿאָרקומען בײַ מיר מיט בעניאַמינען? פֿאַרקערט.

— וואָס פֿאַרקערט, וואָס פֿאַרקערט? — האָט סימע זיך אויסגעזידלט. — פֿאַרוואָס ביסטו הײַנט ניט געקומען? מײַלעך איז באַמרויִקט, און בעניאַמין גייט אַרום ווי אַ צעדולטער.

— עלעק, — האָט מאַלקע שטיל אַרויסגערעדט.

— וועלכער עלעק?

— וואָס הייסט וועלכער? דער זעלבער! אַ קוק געטאָן אויף אים — אַן עמעסער גענעראַל. כאָטש לויט די פּאַגאָנעס איז ער ניט מערער, ווי אַ מאַיאָר. און וויפֿל אָרדענס און מעדאַלן! ער האָט דורכגעשפּאַנט איבערן פּריוואָז מיט אַזאַ גאַנג, גלײַך גאַנץ אָדעס איז זײַנער. געוויס האָט ער געזוכט גראָד מיך. איך האָב אים דערזען פֿונדערווײַטנס און זיך פֿאַרבאַהאַלטן אונטער מײַן טישל. דערנאָך האָב איך אָפּגעגעבן אויפֿצוהיטן מײַן ביסל סכוירע אין קלייט און אַנטלאָפֿן אַהיים. איצט האָב איך מורא אַרויסגיין אין גאַס.

— וואָס רעדסטו? מורא האָבן פֿאַר אים? וואָס קען ער דיר טאָן?

— אַ, ער קען! דו ווייסט ניט, וואָס פֿאַר אַן עלעק דאָס איז. אַן עמעסער אויסוואורף. און אַז ער האָט אַן אויג אויף עמעצן...

— ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך, — האָט סימע זיך באַרויִקט. — ער איז געוויס געקומען ניט אַליין, נאָר מיט אַ ווײַב. אַזעלכע האָבן אויף דער מילכאָמע ניט איין מאָל כאַסענע געהאַט.

— סײַווי, כ'האָב מורא.

— וואָס זשע דאַרפֿסטו לאַנג טראַכטן? האָב כאַסענע פֿאַר בעניאַמינען און שפּײַ אויף אים. און בעניאַמין, מע זעט דאָך, ער האָט דיך ליב.

— איך ווייס, — האָט מאַלקע אַרויסגערעדט און פֿאַרוויטלט זיך. — איך האָב דאָס נעכטן דערפֿילט.

— אין וואָס זשע איז די מעניִע?

— און מײַלעך?

— וואָס מײַלעך? וואָס גייט דיר אָן מײַלעך? נאַרישע מוידו!

נאָר ווי האָט זי געקאָנט דערציילן סימען, וואָס גייט איר אָן מײַלעך? האָט זי געקאָנט מודע זײַן זיך פֿאַר איר וועגן פֿיל פֿאַרנאַכטן, ווען זי איז שאָענווײַז אָפּגעשטאַנען נעבן שפּיגעלע, וואַרטנדיק אויף מײַלעכן? און ניט אין יענע ווײַטע מיידלשע יאָרן, נאָר שוין איצט, אין אָדעס. אין יענע פֿאַרנאַכטן, ווען זי האָט אים אַרומגעפֿירט פֿון שטוב צו שטוב, ווו נאָר עס האָט געוווינט אַ כאַשטשעוואַטער. און יעדן טאָג אָפּגעזוכט אַ נײַעם לאַנדסמאַן, עס זאָלן זיך ווײַטער ציִען זייערע געמיינזאַמע גייעניש. און אַפֿילע אויך דערנאָך, ווען דאָס צעטל פֿון די כאַשטשעוואַטער איז שוין געווען אויסגעשעפּט...

שוין אויך אַוועק אַ שיין ביסל יאָרן, נאָר איינער פֿון יענע פֿאַרנאַכטן איז ביז איצט פֿאַרבליבן אין איר האַרצן מיט אַ ווייטיק, וואָס לאָזט פֿון צײַט צו צײַט זיך הערן מיט אַזעלכע שטעכעניש, גלײַך עס ליגט דאָרטן ניט קיין אַרויסגעבאַקומענער שפּליטער.

זייערע גייעניש זײַנען שוין געווען אויסגעשעפּט, נאָר די פֿאַרנאַכטן זײַנען סײַווי געבליבן. אָן זיי איז איר געווען זייער אומעטיק. זי האָט געמוזט יעדן פֿאַרנאַכט זיך צופּוצן, דערנאָך אָנשפּיגלען זיך און אַוועקזעצן זיך בײַם פֿענצטער צו יענער מײַרעוודיקער זײַט, ווו די זון פֿאַרגייט, און צי דערוואַרט זיך אויף מײַלעכן, צי ניט, מערנסטייל טאַקע ניט, נאָר די דאָזיקע פֿאַרנאַכטיקע שאָ, ווען די ווײַטע זון האָט שוין אָנגעהויבן לעשן זיך, האָט זי יעדער מאָל דערמאָנט עפּעס אַנדערש, כאָטש זאָגן דערנאָך, וואָס האָט זי דערמאָנט, וואָלט זי אויך ניט געקאָנט. געווען איז דאָס ניט קיין ריינע דערמאָנונג, נאָר אַ שטיקעלע כאָלעם. אַ כאָלעם אויף דער וואָר, אַ שיינער און אַ קורצער, וואָס איז גלײַך צעשוווּמען געוואָרן, ווי נאָר די זון איז פֿאַרגאַנגען.

זי האָט מיט דעם גאָרנישט ניט געמיינט און גאָרנישט ניט געוואָלט. און אַוודע האָט זי זיך ניט געקליבן אָפּטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל, כאָלילע, ברענגען צו אַ מאַכלויקעס צווישן סימען און מײַלעכן, וואָס זײַנען ביידע געווען איר טײַער, ווי דאָס לעבן אַליין. נאָר אָן אַזעלכע פֿאַרנאַכטן און אָן אַזעלכע כאָלוימעס וואָלט דאָס לעבן געווען אינגאַנצן פּוסט.

נאָך פֿיל אומזיסטע וואַרטענישן, ווען אַפֿילע דער כאָלעם, דער פּוסטער און נאַרישער כאָלעם האָט מערער ניט געוואָלט באַווײַזן זיך, אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט, ווען די זון איז שוין פֿאַרגאַנגען, האָט מײַלעך שטיל געעפֿנט די טיר פֿון איר צימערל און געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַן איבעראַשטער. אַזאַ האָט ער מאַלקען נאָך קיינמאָל ניט געזען. ניט וואָס פֿיל שענער, ווי פֿריִער, נאָר עפּעס אַ ניט היגע, ניט קיין ערדישע. מיטן גאַנצן אויסזען אירן, מיט איר צעצוויטעטער שיינקײַט, מיט איר פֿיליאָריקער בענקעניש איז זי געווען זייער ווײַט פֿון אָט דעם ענגן צימער. איז ער געשטאַנען, אַן איבעראַשטער. דערנאָך האָט אים פֿאַרקלעמט בײַם האַרצן. סאַמע פֿון אָט דער צעצוויטעטער שיינקײַט און פֿון אָט דער בענקעניש, וואָס איז געלעגן אויף איר פּאָנעם, ווי אַ פֿאַרצויגן הײַטעלע. צי איז דאָס געווען אַ פֿאַרדראָס, צי ריינער ראַכמאָנעס, כאָטש דער פֿאַרדראָס איז געווען גרונטלאָז, פּונקט ווי גרונטלאָז אָדער זינלאָז איז געווען דאָס, וואָס איז דערנאָך געשען.

ער איז צוגעקומען צו איר אױף די שפּיץ פינגער, ארומגענומען פארן האלדז און א קוש געטאָן אין דער רעכטער באק. מאלקע האט א ציטער געטאָן א דערשראָקענע, גלײַך מע האט זי אױפגעװעקט פונעם שלאָף, און, דערזען מײלעכן, נאָך מערער דערשראָקן זיך. צי עפּשער געשטױנט דערפון, װאָס מײלעך, װאָס האט שױן עטלעכע פארנאכטן ניט געװאָלט באװײַזן זיך, איז איצט געקומען. א פארכאַלעמטע זיך א הײב געטאָן, זיך א צי געטאָן צו אים, דערנאָך מיטאמאָל אָפּגעשפּרונגען און געפרעגט שױן אינגאנצן א װאכנדיקע און שטארק א דערצאָרנטע:

— מײלעך, װאָס איז מיט דיר געשען?

— איך װײס ניט.

— אָט האָסטו דיר, — האט זי ארױסגערעדט, װי געשעפּעט פון אים.

— נו, אז מע זעט אזא מײדלשע צעצװיטעטקײַט, — האט ער אױך א שפּאס געטאָן.

— װאָס זשע שטײסטו, זעץ זיך צו.

זײ זײַנען געזעסן באנאנד, ביז גאר נאָענטע אײנער נעבן אנדערן און שטארק, זײער שטארק אָפּגעשײדט, יעדערער מיט זײַן באזונדער, פארשײדן אָפּגעלעבט לעבן. מעגלעך, אז זײ האָבן בײדע געטראכט װעגן דעם זעלבן, פארשטײענדיק און פילנדיק די לעפּישקײַט און די זינלאָזיקײַט פון זײער איצטיקער זיצעניש. בא מאלקען זײַנען געװען טרערן פון די אױגן, און מײלעך, ניט װיסנדיק, מיט װאָס אײַנשטילן אירע טרערן, האט ניט זיכער, מיט טיפער צערטלעכקײַט זי א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. און גראָד אָט דער גלעט... אָט דער שטילער און שטומער גלעט... מאלקע איז צוגעפאלן צו אים און האט זיך צעכליפּעט.

— אױ, מײלעך, װײטיק מײַנער!

און פונקט אזױ ראפּטיק זיך אױפגעזעצט, א פיר געטאָן מיט בײדע הענט איבער די אױגן, און א קוק געטאָן אױף מײלעכן, גלײַך זי זעט אים צום ערשטן מאָל. זי האט פּלוצלינג זיך דערפילט שטיפעריש, ארומגעכאפּט מײלעכן און צוגעזאָגט געװאָרן מיט די ליפּן צו זײַנע אױגן. און נאָך אלעמען, באפרײַט זיך פון אָט דעם פּלוצעמדיקן אױפברױז, פון אָט דער אומגעװײנלעכער פארשיקערטקײַט, האט זי אָנגעהױבן שפּעטן פון זיך אלײן. צונױפנעמענדיק מיט בײדע הענט די צעשױבערטע האָר, האט זי זיך צעזונגען מיט א דין, נאָך מײדלש קעלעכל:

אױ, א כאָלעם האט זיך מיר געכאָלעמט,
אז מײַן געליבטער שטײט דאָ נעבן מיר.

און אָן שום איבערגאנג א פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, מײלעך, נאָר דעם עמעס, דו װאָלסט געקאָנט זיך פארליבן אין מיר?

— איך װײס ניט, — האט ער אָפּגעענטפערט א ביסל טאמעװאַטע.

— נײן, איך מײן ניט דאָס, ניט איצט, — האט זי פארפּינקטלעכט. — אָט, װען זאָלסט ניט געװען באגעגענען סימען, װאָלסטו פאר מיר כאסענע געהאט?

— איך װײס ניט, — האט ער איבערגעכאַזערט.

— װאָס װײסטו ניט? דאָס ערשטע מאָל זע איך אזא...

— פארשטײסט, — האט ער װי פארענטפערט זיך, — דאָס הענגט אָפּ פון פיל זאכן: װען זיך באגעגנט, װו זיך באגעגנט, װאָס איז דערבײַ געזאָגט געװאָרן... און עפּשער אױך פונעם געמיטצושטאנד פון די, װאָס האָבן זיך באגעגנט.

— אױ, מײלעך, פארװאָס ביסטו אזא?

— דאָס איז שױן עפּעס אנדערש. יעדער מענטש איז אזא, װײַל קײן אנדערער קאָן ער ניט זײַן. אָט, איך מיט סימען. ס׳האט זיך בא אונדז אָנגעהױבן ניט פון קײן ליבע. די ליבע איז געקומען דערנאָך, זי האט ביכלאַל זיך ניט געסטארעט מיך פארליבן אין זיך.

— און איך... — האט מאלקע שטיפעריש א זאָג געטאָן. — איך װאָלט שױן געסטארעט זיך פארליבן דיך אין מיר.

— אזױ ביסטו זיכער אין דעם?

— פארװאָס טאקע ניט?

דערנאָך איז געשען אזױנס, װאָס האט נאָך מערער דערשיטערט מײלעכן. אױף מאלקעס פּאנעם איז דורכגעלאָפן א שאָטנדל און אָפּגעװישט דעם גאנצן גלאנץ. איר פּאנעם האט זיך פארקרימט, געװאָרן בײזלעך, און דער גאנצער כײן איז אנטרונען געװאָרן. זי האט זיך א הײב געטאָן, א פּאָר מאָל דורכגעשפּאנט איבערן צימער און צוגעקומען צו אים אינגאנצן א פארענדערטע, אָן אָפּגעפרעמדטע, אפילו א פײַנטלעכע.

— אָט װאָס, מײלעך מײַנער, — האט זי ארױסגערעדט באפעלעריש. — גײ דיר אהײם, און דײַן פוס זאָל דאָ מערער ניט זײַן. קײן נעדאָװעס דאַרף איך ניט. און קײן ראכמאָנעס־קושן אװאדע ניט.

...אַזוי ווײַטיקלעך־קלאָר איז מיטאַמאָל אױפֿגעשווומען יענער פֿאַרנאַכט. און זי האָט איך, ווי דאָן, דערפֿילט שטעכענישן אין האַרצן. בײדע פֿאַרנאַכטן האָבן זיך ווי איבערגעמישט, דער לאַנגאַ־ביקער און דער נעכטיקער, ווי אויך דער נעכטיקער בינימינס צאַרטער צוריר און בינימינס קוש. און כאָטש זי האָט אַוודאי געקאָנט זײ פֿאַנאַנדערשיידן, האָט זי בייזלעך אַרויסגערעדט:

— קיין נעדאָוועס דאַרף איך ניט.

— וואָס פֿאַר אַ נעדאָוועס, נאַרישע מוידל! — האָט סימע אָנגעשריגן אױף איר. — מע זעט דען ניט?..

— און וואָס וועט מײלעך זאָגן?

— וואָס האָסטו זיך אײַנגערעדט מײלעך, מײלעך. וואָס גייט עס דיר אָן, וואָס ער וועט זאָגן? און וואָס קאָן ער זאָגן?

— איך מיין... ווי ער וועט אײַצענען?

— איז קום שוין צו מײלעכן.

— עפּשער בעסער מאָרגן? איך בין איצט אַזאַ... און טאָמער באַגעגענען מיר זיך מיט בינימינען?..

— מאָרגן וועל איך ניט קאָנען. און בינימין איז שוין געוויס אַוועק אַהיים.

— ווייסטו וואָס? לאָמיר פֿריִער עפּעס צובײַסן. איך בין אַזוי הונגעריק! זאָל איך אױפֿזידן טיי? איך טו עס איינס און צוויי! און איך דאַרף דאָך...

נאָר וואָס נאָך זי דאַרף, האָט זי ניט דערזאָגט.

זײַנען זײ געזעסן באַם קליינעם טישל און פּאַמעלעך געטרונקען די הייסע טיי. סימע האָט אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אױף מאַלקען און געשטוינט דערפֿון, ווי איר פּאָנעם ענדערט זיך, גלעט זיך אויס, באַקומט די פֿריִערדיקע פֿאַרבן. און די אויגן, וואָס האָבן פֿריִער אַזוי זי אָנגעשראָקן, באַקומען זייער פֿריִערדיקן גלאַנץ.

— טאַקע מאַמעש אַ נעס, — האָט מאַלקע זיך אָנגערופֿן אַ באַרויִקטע און אפֿילו אַ שמייכלענדיקע. — פֿאַר אַלע יאָרן זע איך דיך בײַ זיך צום ערשטן מאָל.

— איז זאָל דאָס זײַן אין אַ גוטער שעה! — האָט סימע פֿײַערלעך זיך אָנגערופֿן.

בינימינען האָבן זײ ניט געטראָפֿן. מײלעכן איז ערשט פֿריִער מיט אַ טאָג דערלויבט געוואָרן זיך דורכשפּאַנען איבערן לאַנגן קאָרידאָר. טאַקע אין קאָרידאָר איז פֿאָרגעקומען זייער קורצער און גאַנץ אַנטשיידענער שמועס.

סימע איז צוגעטראָטן צום אייניקן אין שום אַרײַנפֿיר:

— מײלעך, זאָג איר דו. — האָט זי זיך אָנגערופֿן.

— וועגן בינימינען. זי שלאָגט זיך אַלץ מיט דער דייע: צי יאָ, צי ניין.

— פֿאַרוואָס ניין, פֿאַרוואָס ניין? דאָס איז דאָך בינימין!

דאָס איבעריקע האָט ער געזאָגט, אָנגענומען מאַלקען פֿאַרן עלנבויגן, גלײַך זײ זײַנען בלויז אינצווייען:

— דו ווייסט, מאַלקע, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אויב דיר איז נאָך באַשערט אַ שטיקעלע גליק אױף דער וועלט, איז דאָס בינימין. אַזעלכע מענטשן טרעפֿן זיך זייער זעלטן. איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס. איך בין גליקלעך, וואָס די קרענק האָט מיך צונויפֿגעפֿירט מיט אים.

— איז וואָס זשע? — ס'האָט שוין געהאַלטן ניט ווײַט, אַז מאַלקע זאָל זיך ווידער צעכליפּען. — דאַרף איך איך דאַנקען גאָט פֿאַר דײַן קרענק?

פּונעם שטעטל אַ דערפֿל

— ווי מײַן מאַמע פֿלעגט זאָגן, — רופֿט זיך אָן סימע. — פּונעם שטעטל איז געוואָרן אַ דערפֿל. אין אַ יאָר אַרום איז די מומע פֿעדאָרע געשטאָרבן און בײַ אונדז אין שטוב איז געוואָרן פּוסטלעך. ווויִהין מיר זאָלן ניט געווען אַ קער טאָן זיך, האָט אונדז געפֿעלט די מומע פֿעדאָרע. אױף יעדער זאַך, אױף יעדן שטיקל מעבל, אױפֿן גאַנצן געפּעס, אױפֿן מינדסטן שמאַטקעלע זײַנען געווען שפּורן פֿון אירע גוטע, אומדערמידלעכע הענט. און ווי זי פֿעלט אונדז אויס, די מומע פֿעדאָרע, מיט איר גוט וואָרט, מיט דעם, וויִאַזוי זי האָט געקאָנט אױפֿנעמען געסט און מיט דעם, ווי זי האָט געפּילנעוועט מײלעכן, באַזונדערס נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט פֿונעם שפּיטאָל. און שוין, אויס, ניטאָ די מומע פֿעדאָרע.

אױף דער מילכאָמע האָבן מיר זיך געניג אָנגעזען מיטן טויט. אייגנטלעך איז דאָס גאַנצע לעבן

אונדזערס באשטאנען פון טאגטעגלעכן ראנגלען זיך מיטן מאלעכהאמאוועס, וואס האט זיך נאכגעטשאטעוועט אף יעדן שריט און טריט. און איך פארשטיי ביז היינט ניט, וויאזוי זיינען מיר ארויס לעבעדיקע פון אזא שרעקלעכן גענעם. נאר איצט, ווען דאס לעבן איז געווארן א ביסל בעסער... און טאקע זי, די מומע פעדארע, זי האט קיינמאל ניט געוווסט פון קיין צוקילעכצן, קיינמאל ניט געקלאגט זיך אף קאפווייטיקן, ביכלאל קיינמאל האט מען פון איר ניט געהערט קיין קרעכץ. האט זיך אונדז געדוכט, אז די מומע פעדארע וועט אונדז אלעמען איבערלעבן. און אין איינער א נאכט... זיך געלייגט שלאפן און ניט אופגעשטאנען.

איך וויל ניט זאגן, אז דאס איז געווען די סיבע, וואס בא אונדז האבן זיך איבערגעריסן די ראשיקע זונטיקן. זיי האבן זיך איבערגעריסן א ביסל פריער, ווען מיילעך איז אריבער א כוידעש געלעגן אין שפיטאלן, און דערנאך נאך א לאנגע צייט אינדערהיים איך געווען וויט ניט געזונט. האט דער אוילעם פארשטאנען, אז מיר האבן גענוג דייגעס און זיי.

בלויז פון צייט צו צייט פלעגט אף א ווײַלע זיך ארייַנכאפן ראכמיעל גאזלען און וועלוועלע מעשומעד. זיי האבן עס א ביסל צעווייעט דעם טרויער מיט זייערע אומיסטנדיקע צי ניט אומיסטנדיקע שפארענישן, בייס וועלכע זיי האבן הייס זיך דורכגעווערטלט אף זייער געפעפערטן לאשן, וואס האט ניט איינמאל ארויסגערופן בא מיילעכן א שוואכן שמייכל. א ביסל אפטער איז אריינגעקומען פעטרא און געבראכט פאר מיילעכן עפעס א נאשעריי. ער האט אלץ ניט געקאנט זיך מויכל זיין, וואס איבער אים האט מיילעך געטראפן אין האספיטאל. דערנאך האט פעטרא אינגאנצן ניט געסטייעט. נאר דאס איז שוין געווען מיילעכס שטיקל ארבעט.

אוי, מיילעך... אלץ אין דער וועלט איז געווען זיין דייגע. און צווישן זיינע דייגעס איז געווען אויך פעטרא און זיין גאליע. ער האט ניט געקאנט רויק טראכטן וועגן דעם, וואס פעטרא לעבט אזא שווער לעבן. עסט קיינמאל ניט צו דער צייט, גייט ארום איבער דער וועלט אף איין פוס, און ס'איז ניטא, ווער עס זאל אים עפעס אפקאכן, אויסוואשן דאס העמדל, צונייען א קנעפל. און זי, גאליע... זי שלאפט מיסטאמע אויך ניט דורך די נעכט, ליגט און טראכט, און בענקט נאך איר נארישן פעטראן, און טרויערט איבער איר אייגענער נארישקייט... אזוי האט מיילעך זיך פארגעשטעלט זייער לעפישע רוגזע. און אין איינעם א טאג, ניט פרעגנדיק בא פעטראן קיין האסקאמע, האט ער אנגעשריבן גאלינען א בריוו: אזוי און אזוי. אויב זי איז פריי, ס'הייסט, אויב זי האט פאר קיינעם ניט כאסענע געהאט און אויב זי קאן מויכל זיין פעטראן זיין נארישקייט, ווייל א סאלדאט מוז מען אלץ מויכל זיין, איז זאל זי שוין קומען קיין אדעס און פארנעמען פעטראן אהיים. ער מוטשעט זיך דא איינער אליין און ס'איז ניטא ווער עס זאל אף אים אכטונג געבן. כאטש ער ארבעט זייער שווער, ארבעט מערער פון א געזונטן. און אזא סטאליער, ווי ער, וועט אין קאלווירט גוט צוניץ קומען. און אנגעשריבן נאך עפעס אזוינס, וואס האט געדארפט צערודערן גאלינעס הארץ.

אין עטלעכע טעג ארום האט בא אונדז זיך א יאווע געטאן גאלינע.

זי האט געבראכט מיט זיך א גרויסן קויש פול מיט קעז און מיט אייער, מיט כאזער־שמאלץ און מיט פוטער. און דעריקער טאקע — זיך אליין. א ביסל א פולבלעכע, נאר זייער א זשוואווע, א פארברוינטע און א גלאנציקע, גלייך זי האט נארוואס זיך אויסגעבאדן אין בוג, און איר פאנעם איז נאך פול מיט פרישע טראפנס.

פעדארע האט נאך דאן געלעבט. מיילעך האט נאך ניט געארבעט און זי, גאלינע, האט ארייַנגעבראכט מיט זיך א שטיק כאשטשעוואטע, וואס איז פאר מיילעכן געווען דער בעסטער געטראנק. ער האט דורשטיק איינגעזאפט אלע נייַסן וועגן באקאנטע און ניט באקאנטע, וועגן פיל דארפישע הייַזער, וואס האבן זיך אריבערגעקליבן אין שטעטל, און וועגן פיל שטעטלשע הייַזער, וואס זיינען געווארן דארפישע. זי איז געווען זייער א בארעדעוודיקע, גאלינע, געקאנט דערציילן געשיכטעס אן אן אנהייב און אן א סאף, דערביי אליין געלאכט, ווען עס איז געווען פון וואס צו לאכן, און געלאזט א טרער, ווען זי האט דערציילט וועגן עפעס א וויינענדיקס. פאר מיילעכן איז דאס געווען ליב און טייער, ווייל דאס אלץ האט געשמעקט מיט כאשטשעוואטע.

מע קאן ניט זאגן, אז מיילעך האט ביכלאל ניט געוווסט, וואס מיטן שטעטל קומט פאר. די ערשטע יארן, ווען ער האט זיך געפילט בעסער און די מומע זלאטע האט נאך געלעבט, זיינען מיר אלע יאר צום נייַנטן מיי געפארן אהיים, ווי מיילעך האט געזאגט. ס'איז געווען ניט קיין פריילעך פארעכץ. די באגעגענישן ארום ברודער־קיווער, ווו עס ליגן אריבער טויזנט קארבאנעס פון די פאשיסטישע אכזאריעסן, זיינען געווען זייער טרויעריקע. יעדעס מאל זיינען זיך צונויפגעפארן אהין פון פיל שטעט, און דער קיווער איז באגאסן געווארן מיט טרערן.

די לעצטע יארן פארן מיר שוין ניט, און מיט יעדן יאר ווערט בא מיילעכן די בענקעניש וואס א מאל שטארקער. האט ער מיט דורשט געשלונגען דאס ביסל נייַס און צום וויפלטן מאל מיט ביטערקייַט געטראכט וועגן דעם, אז זיין לאנגאניקער פארלאנג אופשטעלן דאס שטעטל אזא, ווי עס האט אויסגעזען פאר דער מילכאמע, איז געווען א פוסטער איניען. פונעם שטעטל איז טאקע געווארן א

גרויס דאָרף מיט נײַע שיינע הײַזער, מיט סעדער און גערטנער, מיט א נײַער שול, מיט א פּרעכטיקן קולטור־פּאַלאַץ, מיט פיל אנדערע שיינע זאַכן, וועגן וועלכע גאַלינע האָט דערציילט. נאָר דאָס האָט שוין גאָרנישט ניט געהאַט צו טאָן מיטן אַמאָליקן שטעטל.

גאַלינע, אַן אופגעלעבטע, א פריילעכע, האָט זיך געפּאָרעט אײַנעם מיט פעדאָרען אין קיך, געבאַקט און געקאָכט און ניט אופגעהערט צו רעדן, געפּרוּווט פאַרעדן זיך אַליין, איר אייגענעם ווייטיק, איר אומגעדולד און צו אַלץ אַנוואָקסנדיקע ספּייקעס: וואָס וועט זיך באַקומען פון איר באַגעגעניש מיט פּעטראָן? צי וועלן אופקומען יענע אַמאָליקע געפילן, וואָס זײַנען פאַר אַזויפיל יאָרן פאַרהלדשעט געוואָרן?

פּעטראָ האָט ניט געוווּסט, צוליב וואָס מיילעך האָט אים פלוצלינג אַרויסגערופן. אים האָט שטאַרק איבערגעשראָקן דאָס צעטעלע, וואָס מע האָט אים איבערגעגעבן, ער זאָל גלײַך פון דער ארבעט אַרײַנקומען צו אים. איז ער אַרײַנגעקומען א וואַכעדיקער, אין זײַן ספּעצאָווקע, אפילע ניט באַוויזן אַרומוואַשן זיך.

גאַלינע האָט אים דערקענט ניט אַזוי לויטן פּאָנעם, ווי לויטן פּראַטעז און לויטן אונטערהינקען. זי איז צוגעפאַלן צו אים, אַרומגעכאַפּט אים פאַרן גומענעם פוס און זיך צעיאָמערט. ריין ווײַבעריש זיך צעיאָמערט, באַוויינענדיק זייער ביידנס ביטערן גורל. פּעטראָ איז געבליבן שטיין, ווי געליימט. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פונוואַנען האָט זי זיך פלוצלינג גענומען, זײַן גאַלינע, וועמען ער וואָלט גלײַך דערקענט, אפילע אין הונדערט יאָר אַרום.

אַנגעוויינט זיך און אָנגעטישעט זיך, איבערגערעדט צווישן זיך אַזוינס, וואָס איבערדערציילן איז פּאַשעט אומעגלעך, דערוואַרט זיך ביז איך בין געקומען פון דער ארבעט, האָבן מיר אַלע אײַנעם גענומען פּראַווען א יאָמטעוודיקע וועטשערע. די מומע פעדאָרע האָט באַוויזן ברענגען פון דער קלייט א פלעשל בראַנפן, האָט מען געקאָנט נעמען א קויסעלע לעקאָווד אַזאַ אומגעווייַנלעכער געשעעניש, קימאַט א כופּע־וועטשערע.

פּעטראָ האָט, פאַרשטייט זיך, גענומען אַן איבעריקע קויסע, און זיך צערעדט. ס'האָט געהייסן, אַז ער האָט געהאַלטן א טאָסט.

— אויב ס'איז אויף דער וועלט פאַראַן עמעסע קאָמוניסטן, — האָט ער אויסגערופן האַלב ווײנענדיק, — איז דאָס ניט איך, נאָר מיילעך. ווײַל וואָס איז אַזוינס א קאָמוניסט? דער, וואָס זאָרגט פאַר א צווייטן מערער, ווי וועגן זיך אַליין. טוט אומיסטן א קוק איבער מיר, איבער מײַנער א נאַרישקײַט האָט ער געטראָפן אין האָספּיטאַל, וווּ ער איז אָפּגעלעגן אַריבער א כוידעש. און אין זינען געהאַט מיך און מײַן גאַלינען. איך סטאַרע זיך די גאַנצע צײַט זײַן אַזאַ, ווי מיילעך, און איך קאָן ניט. אָבער קיין אוולעס קאָן איך ניט פאַרלײַדן. און איך גיב דאָס וואָרט — אויב איר וועל זען, אַז אין קאָלווירט גייט ניט אַזוי, ווי מע דאַרף, וועל איך ניט שווײַגן. און דו, גאַלינע, דאַרפסט אויך וויסן.

דערבײַ האָט ער מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט גאַלינען, זי געקושט און געקושט, באַגיסנדיק זי מיט שיקערלעכע טרערן. דערנאָך געוואָרפן זיך קושן מיט מיילעכן.

— מיינט ניט, אַז איך בין שיקער, — האָט ער געטײַנעט. — און ביכלאַל... איך וועל קומען אַהיים, איז אויס... קיין איין טראָפּן!

די אַלע דרײַ טעג, וואָס פּעטראָ איז געווען פאַרנומען מיט באַפרײַען זיך פון דער ארבעט, אַראָפּגענומען זיך פונעם דיסקאָנט אומעטום, ווו מע האָט געדאַרפט, האָט גאַלינע געוווינט בא אונדז, און די גאַנצע צײַט האָט מיילעך זי אין ערגעץ ניט אָפּגעלאָזט. זי איז פאַר אים געווען א געגאַרטער גאַסט, א לעבעדיקער גרוס פונעם שטעטל, וואָס איז שוין אויף דער וועלט ניטאָ. נאָר זי, גאַלינע, האָט פאַרהיט אין זיך אַלץ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן סײַ מיטן שטעטלשן, סײַ מיטן דאָרפישן.

מײַן מאַמע איז געווען א פאַרשײַטע קאָפּצנטע. א קניפּ אין באַק און די פאַרב זאָל שטיין — אַזוי פלעגט זי זאָגן. א גאַנצע וואָך גוט אונטערגעהונגערט, נאָר אויף שאַבעס געמוזט באַקן ווײַסע כאַלע און פרײַטיק פאַרנאַכט אָפּטראָגן א קילעטשל סאָרע דער בלינדער, מע זאָל ניט זאָגן, אַז זי איז ערגער פון די איבעריקע שכיינים. אַזאַ איז געווען אויך די מומע פעדאָרע. אַלץ פאַר די געסט איז בא איר געווען פון דער בריטער האַנט, זאָל זײַן אַפילע, אַז דעם צווייטן טאָג איז אין שטוב הויל און פּוסט. האָט זי געגרייט פּעטראָן מיט גאַלינען, ווי מע באַגלייט אַרויס אייגענע קינדער. און טאַקע נאָך א כאַסענע. און צו אַלץ צוגעגעבן גאַלינען א באַזונדערע מאַטאָנע, א גילדן פינגערל, וואָס איז אָפּגעלעגן בא איר אין דער סקריניע ווער ווייסט וויפל יאָרן.

גאַלינע האָט בעפּײרעש געוואָלט פאָרן צוריק אויך מיטן אויטאָבוס, נאָר פעדאָרע האָט זי אָפּגערעדט. ס'איז שוין האַרבסט, דער וועטער איז קאַפּריזנע, עס קאָן נאָך אײַנמיטנדערינען אַראָפּ א שניי און עס זאָל נעמען א פראָסט. און פּעטראָ איז ניט קיין פּאַסאַזשיר פאַר אַזאַ וועטער. איז שוין בעסער פאָרן מיטן צוג, כאָטש אין פּאָדגאָראָדנע האָט מען געדאַרפט איבערזעצן זיך אויף דער שמאָלער קאָלייע, אויף דעם באַוווּסטן לײדיקגייער.

דעם דריטן פּאַרנאַכט זײַנען מיר אַלע אַרויס צום צוג, און ס'איז אונדז געווען אומעטיק דער־פון, וואָס מיר פאַרלירן אַזאַ גוטן און איבערגעגעבענעם פרײַנט, און גאַלינע... פאַר די דרײַ טעג איז זי געוואָרן ניט צו דערקענען. איר פּנים האָט געשײַנט פון גליק, און זי האָט אויסגעזען אויף דרײַ־סיק יאָר ייִנגער.

די מומע פעדאָרע האָט ניט אָפּגעהערט ווישן די אויגן. איר איז שווער געווען זיך געזעגענען מיט פּעטראָן, מיט וועמען זי האָט אַזוי אָפט געשושקעט זיך אין אונדזער קיכל.

אין אָפּטער גאַסט איז בײַ אונדז געווען דער נאַטשאַלניק פונעם האָספּיטאַל וועניאַמין זאַכאַראָ־וויטש, וואָס האָט זייער געבעטן, מע זאָל אים רופן פּשוט בּיניאָמין. ער האָט זיך באַפרײַנדעט מיט מײַלעכן אין יענע טעג, ווען מײַלעך איז געלעגן אין האָספּיטאַל, און באַפרײַנדעט האָט זיי דאָן קיכאָט.

אַפּאָנעם, אַז אין זיי ביידע איז געזעסן אָט דער דאָן קיכאָט און זיי האָבן זיך געסטאַרעט דער־קלײַבן צו זײַנע אורקוואַלן. אַלעמאָל, ווען בּיניאָמין איז אַרײַנגעקומען צו אונדז, ס'האָט געהייסן, אַז אויף אַ גלעזל טיי, האָבן זיי גלײַך אָנגעהויבן שמועסן אַזוי, גלײַך דער שמועס איז בײַ זיי נעכטן איבערגעריסן געוואָרן ניט קיין פאַרענדיקטער.

— נו, און ישעיהו האַנאָווי איז ניט געווען קיין דאָן קיכאָט? — פרעגט בּיניאָמין און ענטפערט זיך אַליין. — פון דאָר־דוירעס טרוימט די מענטשהײַט וועגן גערעכטיקײַט, וועגן אַ פריד־לעך לעבן, אָן אוּלעס און אָן קריגערײַעס. דאָס האָט ער דאָך געטרוימט וועגן דער צײַט, ווען די מענטשן וועלן איבערשמעלצן זייערע שווערדן אויף אַקערס. און ווען איז דאָס געווען? און ערשט איצט איז די מענטשהײַט געקומען צו דער גרענעץ, ווען מע מוז, מע מוז דאָס טאָן, אויב מע וויל, אַז די מענטשהײַט זאָל האָבן אַ קיום.

— און וואָס האָט געוואָלט יענער אַלטגריכישער פילאָסאָף דיאָגען, וואָס איז יאָרן אָפּגעזעסן אין אַ פאַס, פריידיקנדיק און פּראָטעסטירנדיק? — פרעגט מײַלעך.

— אַוואַדע, אַוואַדע איז דאָס אויך פון דעם מין. יעדער דאָר הויקט אַרויס זײַנע דאָן קיכאָטן.

— קאָן מען דאָס ערשט זאָגן אויך וועגן ישוע האַנוצרי? — פרעגט מײַלעך, און גיט דערבײַ צו: — איך אַליין גלייב ניט אין זײַן עקזיסטענץ, נאָר זײַן געשטאַלט, די לעגענדע וועגן אים און אַרום אים, דאָס איז געוויס אויך געווען דער פּראָטעסט און די אַנטוישונג פון די אונטערדריקטע אין דעם קיניגרײַך פון דער ערד און זייער טרוים וועגן אַ מערער אַ גערעכטיק לעבן אינעם קיני־גרײַך פונעם הימל.

— געוויס אַזוי, — האָט בּיניאָמין אונטערגעכאַפּט. — איר געדענקט דאָך געוויס, ווי לענין האָט אָפּגעשאַצט דאָס קריסטנטום, ווי אַ רעליגיע פון קנעכט. און אַפילו איך, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פרום ייִנגעלע, האָב דערנאָך אויסגעכאַזערט און פאַרגעדענקט לענינס זייער אַ וויכטיקן געדאַנק.

מײַלעך איז געווען איבעראַשט, ווי בּיניאָמין האָט פּינקטלעך ציטירט לענינען אויף אויסווייניק.

„די סאָציאַלע געדריקטקײַט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, זייער געדוכטע פולע אומבאַהאָלפנקײַט קעגן די בלינדע קויכעס פונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס ברענגט יעדן טאָג, יעדער שאָ אין טויזנט מאָל מערער סאַמע שרעקלעכסטע לײַדן, סאַמע ווילדע מאַטערנישן דעם אַרבעטער־מענטשן, מערער, ווי פאַרשיידענע סאַמע ערגסטע געשעענישן, ווי מילכאָמע, ערדציטערנישן און פיל ענלעכס, — אָט אין וואָס ס'איז דער סאַמע טיפסטער הײַנטצײַטיקער וואָרצל פון רעליגיע".

— קומט בײַ אײַך אויס, אַז דאָן קיכאָט איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן רעליגיע? — האָט מײַ־לעך געפרעגט.

— אין דער ערשטער ריי קעגן די צווייפּנעמדיקע גאַטס סטראַפּטשעס, וועלכע פריידיקן זייער הויכע מאַדרייגעס און אַליין זײַנען זיי פאַרזונקען אין די סאַמע מיִעסטע מײַסים.

— דעם עמעס געזאָגט, האָב איך וועגן דעם ניט געטראַכט, — האָט מײַלעך זיך מודה געווען. — נאָר מיר מאָלט זיך דאָן קיכאָט, ווי אַ קעמפער, אַ קעמפער קעגן אוּלעס און אומגערעכטיקײַט. כאָטש אַ ביסל אַ נאַיווער.

— געבענטשט זאָלן זײַן די נאַיווע, — האָט בּיניאָמין פײַערלעך אויסגערופן.

איז דאָס צוערשט געגאַנגען בײַ זיי גאַנץ בעשאָלעמדיק, זיי האָבן ווי דערגאַנצט איינער דעם אַנדערן, ביז איינמאָל, צום אָרט, צי עפּשער ניט צום אָרט, האָט מײַלעך אַ זאָג געטאָן אַזוינס, וואָס האָט בּיניאָמינען שאָקירט, יאָ, זיי האָבן אַפּאָנעם, גערעדט וועגן אָרעם און רײַך, וועגן ייִכעס און ניט ייִכעס, האָט מײַלעך אַ זאָג געטאָן:

— איר ווײסט מיר גלייבן, איך בענק אָפּט נאָך אונדזער אָרעם לעבן.

— איר? נאָך אײַער אָרעמקײַט? — האָט בּיניאָמין געשטוינט.

— איך מיין אונדזערע צוואַנציקער יאָרן, ווען דאָס לאַנד איז געווען אָרעם, דאָס לעבן זייער שווער, עס האָבן אויסגעפּעלט די סאַמע נייטיקסטע זאַכן, אַמאָל אַפילו אַ פּשוטע העמדל, נאָר מיר זײַנען געווען רײַך מיט אונדזערע טרוימען, מיט אונדזערע שענסטע קאַוואָנעס, מיט אונדזער מעסי־

רעסנעפעשדיקײט און מיט אונדזער גרייטקײט אױף די שווערסטע אויספרוּוון, קעדיי אויסבויען א שיין לעבן, א לעבן פון שעפע.

— איר דערווידערט זיך אליין, — האָט ביניאָמין אים איבערגעשלאָגן, — אָט זאָגט איר דאָך, א לעבן פון שעפע, הייסט עס, א רײַך לעבן.

— אוואדע, א זאט און פארמעגלעך לעבן פאר אלעמען. ניט פאר געציילטע, אָדער אויסדער־ווײילטע. פריִער, אין די צוואנציקער יאָרן, איז דער רײַכער ארויסגעטראָטן פאר אונדז אינעם געשטאלט פונעם נעפמאן, ווי אונדזער קלאסן־סוינע, וועלכן מיר האָבן געמוזט לײַדן ביז א באשטימטער צײַט. אָבער... ווער האָט עס דאן געקאָנט טראכטן, וועמען האָט עס אפילע געקאָנט קומען אפן געדאנק, אז קאָמוניסטן, פאראנטוואָרטלעכע טוער וועלן זײַן פארמישט אין גנייוועס, צעטרענצל־נגען, וועלן נעמען כאבאר... אָט די נײַע רײַכע זײַנען געפערלעכער פונעם נעפמאן.

אפאָנעם, אז דאָס איז געווען בא מײילעכן דאָס סאמע אָנגעווייטיקטסטע. וועגן דעם האָט ער ניט אופגעהערט טראכטן. און ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט דעראָבערט א מיטשמועסער, פאר וועמען מע קאָן זיך אויסרעדן דאָס הארץ.

— איך טרוים... — האָט ער ווי געטראכט אינדערהויך. — איך טרוים וועגן דעם אלטרויִזם, וואָס איז געווען אייגנטימלעך דער מערהײַט קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, באזונדערס די פארטיי־טוער, וועלכע איך האָב אין יענע יאָרן פארגעטערט פאר זייער באשיידנקײַט, צוגעלאָזטקײַט, מיזאמקײַט, באטאָג און באנאכט, אין די סאמע שווערסטע באדינגונגען, און אָפּגעקומען דעם טאָג מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט. מע האָט געקאָנט פירוואָרפן די קאָמוניסטן, וואָס איר ווילט, אז זיי זײַנען אפי־קאָרסים, שלעפער, ניט קיין איבעריק געבילדעטע, נאָר קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן, אז ער איז א גאנעוו, אָדער לעבט זייער רײַך. איך געדענק, געווען בא אונדז א סעקרעטאר פון ראיקאָם, ווען מע האָט אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן געשאפן א פארמאכטן פארטיילער פאר די פאראנטוואָרט־לעכע טוער, האָט ער זײַן כיילעק פארטיילט צווישן די נויטבאדערפטיקע קאָלווירטניקעס. ווייסט איר, ווי מע האָט אים דאן א נאָמען געגעבן? דאָן קיכאָט. איך פארשטיי ביז הײַנט ניט פארוואָס, נאָר האלעווײַ וואָלטן מיר איצט געהאט אזעלכע דאָן קיכאָטן.

— צי אידעאליזירט איר ניט די פארטיי־טוער פון יענע יאָרן? — האָט ביניאָמין אים פירגע־וואָרפן.

— איך מיין ניט נאָר דאָס, איך מיין די אלגעמיינע אטמאָספער פון יענע יאָרן. די גרייטקײַט פון יעדן טיילן זיך מיט א צווייטן מיטן לעצטן ביסן.

— אין דעם זײַט איר גערעכט, — האָט ביניאָמין מאסקים געווען. — איך געדענק אונדזער סטודענטישע קאָמונע. טאקע דאָ, אין אָדעס. אָן אָרעם לעבן געווען און טאקע הונגעריק אויך, נאָר א פריילעך לעבן, א פרײַנטלעך לעבן. איך געדענק די סודעס, וואָס מיר האָבן געפראוועט, ווען עמעצער האָט באקומען א פעקל פון דער היים. און מײַן מאמע, זי פלעג מיר צושיקן גאנץ אָפטע פעקלעך. דעם טאָג זײַנען אלע געווען זאט.

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, — האָט מײילעך אונטערגעכאפט, — איך האָב מוירע פאר אָט דער זאטקײַט, ריכטיקער, פאר אָט דער איבערגעזעטיקטקײַט און זשעדנעקײַט פון א געוויסן טייל פריווילעגירטע, בא וועמען עס איז אָפּגעטעמפט געוואָרן דאָס געפיל פון פּאָשעטער אָנשטענדיקײַט, בא וועמען עס וואקסן אױף קינדער פוסטעפאסניקעס, וואָס זײַנען זיכער, אז די גאנצע וועלט איז זייערע און זיי קומט אלץ. די בארײַכערונג אױף א ניט־ערלעכן אופן, וואָס האָט געשאפן א גרויסן שיכט נײַע באלעבעסלעך. אָט פאר וואָס איך האָב מוירע. איך בין זיי ניט מעקאַנע, נאָר איך האָב מוירע. דאָס איז געפערלעך פארן לאנד, געפערלעך פארן סאָציִאליזם, געפערלעך פאר דער פארטיי.

ביניאָמין איז שטענדיק געווען אן אָנגעלייגטער גאסט. די מומע פעדאָרע האָט דאן נאָך געלעבט; איז דאָס געווען בא איר א שטיקל יאָמטעוו. אינייִנעם מיט מיר גלײַך גענומען גרייטן טיי און עפעס א צובײַסעכץ. און נאָך איידער די טיי איז דערלאנגט געוואָרן, האָט זיך דאָס שוין בא זיי אָנגעהויבן. מע האָט געדארפט האָבן בלויז א קליינע צוטשעפעניש, עס זאָל זיך אָנהייבן א הייסע קריגערײַ. דאן האָבן מיר שוין דיסקוטירט אינדרײַען.

— וואָס דארפן מיר רעדן נאָר וועגן שלעכטע זאכן? — האָב איך געפרוּווט אײַנשטילן זיי. — קארג פאראן גוטס?

האָט שוין מײילעך גענומען אײַנטײַנען מיט מיר:

— ווי פארשטייסטו ניט, אז א גאנעוו באגאנוועט א דירע, אָדער טראָגט ארויס פון דער פאבריק דאָס, וואָס מע טאָר ניט ארויסטראָגן, ווייסן מיר מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן. ס'איז פאראן דערצו א קרימינעלער קאָדעקס. נאָר אויב א קאָמוניסט, אן אָנפירנדיקער טוער, א סעקרעטאר פון א ראיקאָם אָדער א דירעקטאָר פון אן אונטערנעמונג צעטרענצלט מעלוכיש פארמעגן, נעמען כא־באר, בויען זיך אויס מויערן, וואָס רײַסן אױף די אויגן, שטופּט ארײַן זײַן בעניאָכידל אין אוניווער־סיטעט, — דאָס איז שוין א נאציאָנאלע קאטאסטראָפע, דאָס רײַסט אונטער די זיטלעכע יעסוידעס

פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט. און וויפֿל קאָסט אונדז דאָס, וואָס זײַן זונדעלע דער טויגעניכטס ווערט אַ שלעכטער אינזשעניער, אַ שלעכטער דאָקטער, אַ פֿאַלשער געלערנטער?

ביניאָמין מיט זײַן ווייכן כאַראַקטער נעמט אָן גראָד מײַן צד.

— פֿונדעסטוועגן, בײַ אַלע אונדזערע נעגאַטיווע דערשײַנונגען קאָן מען ניט אַפּלייקענען דעם קאָלאָסאַלן שוווּנג, וואָס אונדזער לאַנד האָט געמאַכט פֿאַר די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן. אַזעלכע שטעט, אַזעלכע זאַוואָדן, אַזעלכע עלעקטראָסטאַנציעס. דאָס לאַנד ווערט אַלץ רײַכער...

— אָבער צוליב וואָס, צוליב וואָס? — שרײַט אויס מיילעך.

— וואָס הייסט צוליב וואָס? — פֿרעגט איבער ביניאָמין. — דאָס לאַנד ווערט פֿעסטער, רײַכער, די מענטשן טוען זיך אָן שענער און בעסער. און סאַראַ שיינע גאַרניטורן אין די הײַזער, טעלעוויזאָרס, כאָלאָדילניקעס. ניט ערגער, ווי אין אַמעריקע.

— איך וויל ניט ווי אין אַמעריקע! — ווערט מיילעך נאָך בייזער. — איך וויל זיך ניט גלײַכן צו אַמעריקע! מיר שאַפֿן דאָך גאָר עפּעס אַנדערש! גאָר אַן אַנדער געזעלשאַפֿט! און מיך באַמרויִקט אין דער ערשטער ריי דער מענטש, וואָס וווינט אין די רײַכע דירעס. וועגן וואָס טרוימט ער, צו וואָס שטרעבט ער, ווי איז זײַן אַרט דענקען, ווי באַנעמט ער און ווי נעמט ער אויף אונדזער זייער קאָמפּליצירטע וועלט? אָן דעם, אָן אָט דעם נײַעם מענטש, וואָס זשע טויג אונדזער גאַנצע האַרמאָניע? מיר בויען דאָך אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט!

מוז שוין ווערן אויף אַ שטיקל צײַט שטיל. דערווידערן קעגן דעם קאָן מען דאָך ניט. טרינקט מען טיי, מע קוויקט זיך מיט דער וואַרעניע, און די מומע פֿעדאָרע שעפּט נאָכעס פֿונעם געהויבענעם גאַסט, פֿון מיילעכן, און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ס׳הייסט, אַז יאָ, איז מיילעך טאַקע גערעכט, און גיסט שוין אָן אַ גלאָז טיי זיך אַליין אויך. נאָר אין מיילעכן קאָכט נאָך אַלץ, ער קאָן זיך ניט באַרויִקן, און די געדאַנקען פֿליִען אַרום ערגעץ זייער ווײַט פֿון דעם טיש און פֿון דער גלאָז טיי.

— איך דערמאָן זיך, — הייבט ער אָן אַ ביסל רויִקער. — עס זײַנען דאָן נאָך געווען אויעזדן, און מיר זײַנען געווען פּײַסינער אויעזד. אין די צוואַנציקער יאָרן איז געווען אַ ביסל אַנדערש. די הויפּט־מאַכט איז געווען אין די הענט פֿון די רעווקאָמען, דערנאָך איספּירקאָמען. די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן האָבן געפֿירט זייער אַ געמיין לעבן. האָט דער פּרעזיצער פֿון איספּירקאָם זיך מעראַכעם געווען און געקראָגן פֿאַרן סעקרעטאַר פֿון אוקאָם אַ זעקל מעל. אויף איינער אַ זיצונג פֿון איספּירקאָם האָט זיך געשאַפֿן אַ קאָנפֿליקט־סיטואַציע, ווען מע האָט געמוזט אָפּן אַרויסטרעטן קעגן פּרעזיצער. פּלוצלינג האָט דער סעקרעטאַר פֿון אוקאָם ניט געסטײַעט. אין אַ שטיקל צײַט אַרום האָט ער זיך געיאָוועט אײַנגאַנצן באַדעקט מיט מעל־שטויב און מיטן זאַק מעל אויף די פּלייצעס. אַראָפּגעוואָרפֿן דעם זאַק נעבן פּרעזיצער, אָפּגעדעכעט אַ ביסל און זיך אָנגערופֿן:

— נאַ דיר דײַן זאַק מעל און פּאַטער. און איצט וועל איך זאָגן וועגן דיר אַלץ, וואָס איך מיין.

— אַקעגן וואָס האָסטו דאָס דערציילט? — האָב איך געפֿרעגט.

— אַקעגן דעם, וואָס אַ פּאַרטיי־טוער טאָר ניט לאָזן זיך אונטערקויפֿן!

אָפּגעדעכעט אַ ביסל, ווי יענער סעקרעטאַר פֿון אוקאָם, האָט ער געפּרוּווט ברייטער דערקלערן זײַן דערמאָנונג.

— איך וויל דערמיט זאָגן, אַז ווי מיר דוכט, האָבן מיר אָנגעוווירן פֿיל פֿון יענע זיטלעכע הייכן, וואָס מיר האָבן געהאַט דעראָבערט. מיר האָבן טיילווײַז פֿאַרלוירן אונדזער אויפֿריכטיקײַט, אונדזער אָפּנהאַרציקײַט, ווען אונדזערע פּײַערלעכע אָוונטן, הייסע לאָזונגען זײַנען געווען ניט קיין שפּיל, נאָר דער טאָך פֿון אונדזער לעבן, פֿון אונדזער קאַמף. איך קוק אָפּט צו מיט ווייטיק, ווי דאָס אַלץ איז געוואָרן ניט מערער, ווי אַן אָפּקומעניש. און סאַמע דאָס ערגסטע: דער נײַער דאָר טוער מיינט, אַז אַזוי דאַרף דאָס זײַן, אַז אַזוי איז דאָס געווען שטענדיק און אַנדערש קאָן דאָס פּאַשעט ניט זײַן. נאָר עס איז געווען, עס איז געווען גאָר אַנדערש! און מע דאַרף וואָס גיכער אומקערן, אויפֿשטעלן דאָס פֿריִערדיקע.

ביניאָמין האָט אויך דאָ געפּרוּווט געפֿינען אַ טערעץ.

— מעגלעך, אַז די סיבע ליגט אינעם סטאַלין־קולט. דערנאָך, ווען מע האָט געפּרוּווט דעמאָקראַטיזירן דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן, האָט מען צופֿיל אָפּגעלאָזט די ווישקעס.

— ניט צופֿיל, נאָר פֿאַרקערט, — האָט מיילעך דערווידערט. — און ניט אין די ווישקעס גייט דאָס. דעמאָקראַטיזאַציע הייסט ניט, ווען אַלץ איז דערלויבט, אַפֿילע כאַבאַר אויך. דעמאָקראַטיזאַציע מיינט מערער גערעכטיקײַט, מערער פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, סאַמע דאָס, וואָס אונדז פֿעלט.

ביניאָמין האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אָפּווענדן דעם שמועס אַ ביסל אין אַ זײַט.

— נאָך אַלעמען, — האָט ער געזאָגט, — האָב איך מוירע פֿאַר איין זאַך. פֿאַר דער אַטאָם־באָמבע.

— און איך האָב ניט מוירע פֿאַר איר! פֿאַרשטייט זיך, די אַטאָם־באָמבע איז ניט קיין שפּילעכל. נאָר די מענטשהײַט פֿאַרמאָגט גענוג קלאָרן געדאַנק, זי זאָל ניט דערלאָזן צו אַזאַ מילכאָמע. דערווײַל

איז דאָס ניט מערער, ווי שאַנטאַזש אויף אונטערײַסן אונדזער עקאָנאָמיק. איך האָב מערער מוירע פֿאַר אָט דעם־אָ, פֿאַר די זעלבע, פֿאַר די דאָזיקע שווינדלער און כאַבאַרניקעס, קאַריעריסטן און ביוראָקראַטן. דאָס איז אַ פֿאַרלאַנגזאַמע אַטאָם־באָמבע. און אויב באַצײַטנס זי ניט אָנטשעדיקן, קאָן זי אַמאָל פֿון זיך אַליין זיך אויפֿרײַסן. טוט אומיסטן אַ קוק: אַמאָל זײַנען געווען פֿאַרשיידענע אָפּנייגן, רעכטע און לינקע, און די פּאַרטיי האָט געפֿירט מיט זיי אַ פּאָליטישן קאַמף. איצט זײַנען בײַ אונדז קיין אָפּנייגן ניטאָ. אַלע האַלטן אײַנמוטיק אונטער די גענעראַלע ליניע, זײַנען גרייט אופֿהייבן די הענט פֿאַר יענער באַשטימונג, אָבער דאָס, וואָס עס קומט איצט פֿאָר, איז ערגער פֿון וועלכן־ניט־איז אָפּנייג, ווײַל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צווייפּנעמדיקײַט, ווען מע רעדט איינס און מע טוט גאָר עפּעס אַנדערש. און דער קאַמף דערמיט איז ווייער אַ שוואַכער, אַ שעמעוודיקער, עס זאָל, כאָלילע, ניט שאַטן דעם קאָוועד פֿון דער פּאַרטיי. נאָר גראָד דאָס, אָט דעם אָפּשווײַגן, אָט די שעמעוודיקײַט שאַט דאָך פֿיל מערער.

אַ לענגערע צײַט האָט ביניאָמין געשוויגן, ניט געוווּסט, וויאַזוי אָפּענטפֿערן, מיט וואָס מאַסקים זײַן אָדער קעגן וואָס דערווידערן. מעגלעך דערפֿאַר איז זײַן רעאַקציע געווען אַ ביסל אַן אומדערוואַרטע.

— איר זײַט אַן אַלטער קאָמוניסט, — האָט ער געזאָגט, — און געוויס האָט איר מערער פֿון מיר וואָס צו דערמאָנען און מיט וואָס צו פֿאַרגלײַכן. איך בין קעגן אײַך, ווי זאָגט מען דאָס, אַ פֿרישער געבאַקענער, נאָר מיר דוכט זיך, אַז די געשיכטע ווייסט קיינמאָל ניט פֿון קיין גלײַכע וועגן.

ביניאָמין האָט געוואָרט, אַז מיילעך זאָל אים מיט עפּעס דערווידערן, נאָר פּלוצלינג דערזען, ווי ער האָט אַ ציטער געטאָן, און אויף זײַן פּאָנעם האָבן זיך באַוויזן יענע פֿאַרדעכטיקע פֿינטעלעך, האָט ער אים אַ נעם געטאָן פֿאַר דער האַנט, טאַקע אַזוי, ווי אַ דאָקטער טוט אַ נעם דעם כוילע אויף באַרויִקן אים, און זיך אָנגערופֿן:

— אַנטשולדיקט, איך האָב גאָר אַזוינס ניט געמיינט.

— פֿאַרוואָס אַנטשולדיקן זיך? — האָט מיילעך געענטפֿערט מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים. — איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר.

— פֿאַר וואָס קומט מיר אַ דאַנק?

— פֿאַר אײַערע ווערטער.

בײַס סימע האָט מיר דערציילט וועגן אָט די דיסקוסיעס האָבן זיי געוויס געהאַט אַן אַנדער באַפֿאַרבונג, ווײַל דערציילט האָט זי וועגן דעם, וויאַזוי זי האָט איבער דעם איבערגעלעבט, וויאַזוי זי האָט געציטערט, עס זאָל דערבײַ ניט געזאָגט ווערן דאָס, וואָס טאָר ניט געזאָגט ווערן. זי האָט געציטערט פֿאַר מיילעכן, עס זאָל ווידער זיך ניט אָפּרופֿן אויף זײַנע קראַנקע לונגען, זי האָט געציטערט פֿאַר זיך, ניט באַנעמענדיק פֿאַרוואָס, און זי האָט פֿאַשעט מוירע געהאַט. אַזוי האָט זי טאַקע געזאָגט.

— אָפֿטמאָל איז פֿון זייערע שפּאַרענישן מיר דורך אַ גרויל איבערן לײַב. זיי האָבן גערעדט וועגן זאַכן, וועגן וועלכע ס'איז ניט אָנגענומען צו רעדן. זיי האָבן געגעבן אַ ריי דערשײַנונגען אַזעלכע אָפּשאַצונגען, וועלכע זײַנען אין ערגעץ ניט געגעבן געוואָרן. מע האָט ביכלאַל וועגן זיי אין ערגעץ ניט גערעדט. ניט אויף קיין זיצונגען, ניט אויף קיין פֿאַרשיידענע באַראַטונגען און סעמינאַרן. כאָטש געוויס האָבן אויך אַנדערע גערעדט וועגן דעם צווישן זיך. נאָר ס'איז ניט קיין איניען פֿאַר דער עפֿנטלעכקײַט. האָב איך מוירע געהאַט. און אַמאָל האָב איך געטראַכט: עפּשער זײַנען זיי טאַקע גערעכט? איר פֿאַרשטייט, מיר האָבן פֿאַשעט ניט געהאַט קיין צײַט ווען צו טראַכטן. מיר האָבן געדאַרפֿט יעדן טאָג איוספּילן, איוספּילן, איוספּילן! די אָנווײַזונגען פֿון ראַיקאָם, די דירעקטיוון פֿון געגנט, די באַשטימונגען פֿון צק, די אָנווײַזונגען פֿון מיניסטעריום, די פֿאַרשלאָגן און רעקאָמענדאַציעס פֿון פֿאַרשיידענע קאָמיסיעס און רעוויזיעס. און דעריקער — די פּלענער. איז ניט געווען, ווען אַרומקוקן זיך און ווען אַ טראַכט טאָן. און געכאַלעמט האָט זיך מיר אויך דאָס זעלבע — פּלענער, קאָמיסיעס, באַראַטונגען, דירעקטיוון. און יעדן גאַנצפֿרי בין איך אויפֿגעשטאַנען פֿון אַזעלכע כאַלוימעס מיט אַ שרעקלעכן קאָפּווייטיק. און אַלעמאָל דערמאָנט מײַן מאַמען, ווי זי פֿלעגט רײַבן מיט דער האַנט דעם שטערן און קלאָגן זיך:

— אוי, די ספּאַזמעס!

עפּשער בין איך אַ ביסל צו שטרענג, וואָס איך פֿיר די דערציילונג מיט אַ גלײַכן גאַנג און לאָז דעם ניט אַראָפּ פֿונעם וועג. אינדערעמעסן איז געווען אַ ביסל אַנדערש. סימע האָט ניט געהאַלטן די גאַנצע צײַט אין איין דערציילן, נאָר געצווונגען מיך אַליין איך דערציילן. וועגן זיך, וועגן דער פֿרוי, וועגן די קינדער און אייניקלעך. און איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, דערציילט. כ'האָב געהאַט וועגן

וואָס צו דערציילן. אַזאַ גרויס און ניט גרינג לעבן דורכגעמאַכט. נאָר סימע האָט אָבער אויך געוווּסט די מאָס. די מאָס — האָט זי ניט איינמאָל איבערגעשלאָגן זיך מיך, זיך זיך אַליין. אָט, ווי דאָס מאָל, אינמיטנדערינען האָט זי אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאַרוואָס זשע פֿרעגט איר מיך ניט וועגן מאַלקען? ווו איז בײַ אײַך די דיסקוסיעס געווען מאַלקע?

געשטעלט אַ פֿראַגע און אַליין גענומען ענטפֿערן אויף איר.

— אוי, מאַלקע... מאַלקע האָט אויפֿגעהערט אַרײַנקומען צו אונדז. אַ לאַנגע צײַט ניט אַרײַנגעקומען. ס'איז אַפֿילו שווער געווען צו גלייבן. נאָר זי האָט זיך אָנגעברוגזעט אויף מײַלעכן. זי האָט ניט געוואָרט פֿון אים, אַז ער זאָל איר אײַצענען כאַסענע האָבן פֿאַר ביניאָמינען. זי האָט אים ניט געקאָנט מוחל זײַן דאָס, וואָס ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אַז אַלע אירע ספּייקעס, איר ווייטיקלעכע צעצווייטקײַט, ווען זי האָט ניט אויפֿגעהערט שפּאַרן זיך מיט זיך אַליין, איז געווען דערפֿאַר, וואָס זי האָט ניט אויפֿגעהערט טראַכטן וועגן אים, וועגן מײַלעכן. זי האָט געהאַלטן, אַז כאַסענע האָבן פֿאַר ביניאָמינען הייסט פֿאַראַטן מײַלעכן, פֿאַראַטן זיך אַליין, די אייגענע ליבע. נאַרישע מאַלקע. וואָס, ווער, ווען? וועמען פֿאַראַטן, מיט וואָס פֿאַראַטן? נאָר דאָס איז שוין אַזאַ זאַך. אַ ריינע פֿרויען־לאָגיק, זי האָט געהאַלטן, אַז דערמיט, וואָס זי האָט פֿאַרהיט איר ליבע צו מײַלעכן אַזויפֿיל יאָרן, האָט זי באַקומען אַ שטיקל רעכט אויף אים. און אַז ער, מײַלעך, טראָגט אַ שטיקעלע כוויו בענעגייע איר.

אַזוי האָבן טאַקע אויסגעזען זייערע באַציִונגען אין מעשעך פֿון די אַלע יאָרן, באַציִונגען, וועלכע האָבן ניט געקאָנט אַרויסרופֿן בײַ מיר וועלכן־ניט־איז פֿאַרדאַכט אָדער אײַפֿער. אַלץ איז געווען אַזוי צוזיפֿגעוואַקסן און איבערגעפֿלאָכטן, אַז אָן מאַלקען האָבן מיר ניט פֿאַרגעשטעלט זיך אונדזער לעבן, די גאַנצקײַט, די פֿאַרפֿולטקײַט פֿון אונדזער פֿאַמיליע, ס'איז שווער צו דערקלערן, וויאַזוי דאָס אַלץ האָט זיך באַקומען, נאָר ס'איז אונדז אַלעמען געווען רויִק און געמיטלעך אין אָט די אויסגעפֿורעמטע באַציִונגען.

האָט מאַלקע געהאַלטן... כאָטש, וואָס האָט מאַלקע געהאַלטן, איז שווער געווען צו זאָגן. נאָר אָפֿאָנעם, איז דאָס געווען אַזוי: כאַסענע געהאַט פֿאַר ביניאָמינען, האָט זי אָנגעוווירן יענץ שטיקעלע רעכט אויף מײַלעכן, יענץ ביסעלע רעכט, וואָס האָט אַלע יאָרן זי דערהאַלטן בײַ דער נעשאָמע. איז זי באַרויִגעז געוואָרן אויף מײַלעכן. און שוין אויף מיר אויך. כאָטש, פֿאַר וואָס?

ס'האָט זיך גראָד בײַ זיי באַקומען ניט שלעכט. אײַנגיכן האָבן זיי כאַסענע געהאַט. ס'האָט געהייסן, אַז זי טוט אונדז אָפּצולאָכעס. נאָר זי האָט אין אַלץ געפֿאָלגט ביניאָמינען. צוערשט האָט ער איר געייצעט וואַרפֿן די אַרבעט אָפּן מאַרק. ס'איז ניט פֿאַר אירע אײדעלע הענט האָבן צו טאָן מיט די טיולקעס. דערנאָך האָט ער זי אײַנגעאָרדנט אויף קורסן פֿון מעדשוועסטער. דערנאָך האָבן זיי אויסגעביטן זייערע צימערן אויף אַ גאַנץ פֿײַנער דירע און אײַנגעשאַפֿט זיך דאָס סאַמע מאָדערנסטע מעבל. מיט איין וואָרט, זיי האָבן געשאַפֿן פֿאַר זיך אַ געמיטלעכע נעסט, וואָס איז זיי ביידן געווען צום האַרצן. וועגן דעם אַלעמען האָבן מיר זיך דערוווּסט פֿון ביניאָמינס דערציילונגען. ער האָט דערמיט אויך פֿאַרענטפֿערט זײַן מאַלקען: זי איז אַזוי פֿאַרנומען אויף די קורסן און מיט די שטוב־זאַכן, אַז זי האָט ניט קיין פֿרײַע מינוט. כאָטש מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז ניט אַזוי. ער, ביניאָמין, האָט דאָך אָפּגעזוכט ניט בלויז קיין פֿרײַע מינוט, נאָר גאַנצע שאָען. אַמאָל אָפּגעזעסן בײַ אונדז ביז שפּעט אין אָוונט. זיי האָבן פּאַשעט ניט געקאָנט אָנרעדן זיך און אָנקריגן זיך.

ס'איז אונדז געווען טאַקע אַ ביסל אומעטיק אָן מאַלקען. און איך אַליין, אָן מאַלקען און אָן פֿעדאָרען בין געווען, ווי אָן הענט, באַזונדערס אין די זונטיקן, ווען עס פֿלעגט זיך צו אונדז אַרײַנכאַפּן עמעצער פֿון אונדזערע לאַנדסלײַט, און מע האָט געדאַרפֿט דערלאַנגען עפּעס צום טיש. נאָר געסט זײַנען איצט געווען פֿיל ווייניקער. אַמאָל ראַכמיִעל מיט וועלוועלען און אַמאָל יאַנקעלע מיט שיִוועןֹ. נאָר וועגן יאַנקלען מיט שיִוועןֹ דאַרף איך אײַך דערציילן באַזונדער.

יאַנקעלע נעמלעך און שיִווע די סאָציִאַל־דעמאָקראַטקע

דער אָנהייב איז ניט פֿון סימעס דערציילונגען, נאָר מײַן אייגענע. אין יענע יאָרן איז זי נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, און אַזעלכע זאַכן ניט פֿאַרשטאַנען.

יאַנקעלע האָט זיך אומגעקערט פֿון דער דײַטשישער געפֿענקעניש אין אָנהייב פֿונעם נײַנצנטן יאָר, שוין נאָך דעם, וואָס דאָרטן האָט אָפּגערוישט די רעוואָלוציע, אָפּגעשפּילט און פֿאַרשפּילט געוואָרן. און איבערגעלאָזט נאָך זיך פֿיל נײַע ווערטער, וואָס האָבן ניט אויפֿגעהערט יוירן אין די טיפֿענישן פֿון דײַטשישן פֿאָלק. האָט יאַנקעלע אויך פֿאַרכאַפּט און געבראַכט מיט זיך עטלעכע נײַע

ווערטער. כאָטש פאַרן היגן אוילעם זײַנען זיי שוין געווען ניט קיין נײַע. נאָר געקלונגען האָבן זיי א ביסל אַנדערש, האָט מען זיי אופגענומען גאַנץ פאַרשיידן. ווער ווי א גרויס געפינס און ווער מיט א ביסעלע כויזעק. און טאַקע. נעמען אַזאַ פּאָשעט וואָרט ווי נאַציע און דאָס איבערדרייען אַף נאַציאָן. צי אַפילע אַזאַ וואָרט, ווי רעוואָליוציע, וואָס מע כאַזערט איבער עטלעכע מאָל אין טאָג אין יעדער ייִדישער שטוב. נעמט יאַנקעלע נעמלעך און דרייט דאָס איבער אַף רעוואָליוציאָן. ס'האָט אויסגעזען, ווי מע ניצעוועט איבער אַן אַלטן מאַלבעש און ער טוט א גלאַנץ, ווי א נײַער. זײַן דײַטשישע אויס-שפּראַך האָט שטאַרק אויסגענומען באַם שטעטלשן אוילעם און צוגעגעבן אים, דעם פּאָשעטן שערער, מערער כשיוועס. דאָס האָט אים אויך געשאַפן א היפּשע קליִענטור. יעדערער האָט אַף דער אייגענער באָרד געוואָלט דערפילן, וויִאַזוי ער גאָלט לויט דער דײַטשישער מעטאָדע. ניט ווי די היגע פאַר-טאַטשן, וועלכע ווייסן אַפילע ניט, וויִאַזוי מע דאַרף אָנזייפן דאָס פּאָנעם. דער גאַנצער כאָד באַשטייט דאָך, ניט פּאָשעט א דריי טאָן מיטן בערשטעלע אַהין און אַהער און פאַרטיק. און דאָס גאָלמעסערל רײַסט די הערעלעך אײַנײַנעם מיט דער הויט. מע דאַרף אָנזייפן דאָס פּאָנעם אַזוי לאַנג, אַז דער קליִענט זאָל ניט פילן, ווי מע גאָלט אים. ס'איז ניט מערער, ווי גרינג א גלעט טאָן.

אַזוי האָט יאַנקעלע רעקלאַמירט און אויסגעטײַטשט זײַן דײַטשישע מעטאָדע. זײַנען געווען ניט ווייניק באַלאָנים זי אויספּרוּוון אַף זיך.

דאָס גרעסטע כאַריפעס אָבער איז געווען יאַנקעלע אַליין. ווען מע האָט אים פאַרנומען אַף דער מילכאָמע, האָט מען אין שטעטל געשפּאַסט:

— שלעכטע געשעפטן באַם קייסער ניקאָלקען, אויב ער קאָן שוין אָן יאַנקעלען זיך ניט באַגיין.

— ווי געפעלט אײַך אַזאַ סאָלדאַט? גרויס ווי א גענעץ.

אומגעקערט האָט זיך יאַנקעלע שטאַרק אויסגעדאַרט, און ס'האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז ער איז געוואָרן א ביסל העכער. צוגעקומען איז אים גאָר אַן אַנדער גאַנג. א גאַנג פון א מענטשן, וואָס איז אויסגעוועזן א וועלט און האָט פאַר א קליין שטיקל צײַט זי אויסשטודירט אַף דורך און דורך. ער האָט יעדן קליִענט פאַרגעבן א פראַגע, אַף וועלכער ס'איז שווער געווען צו ענטפערן. האָט ער, שוין כוץ זײַן נײַער מעטאָדע, באַקומען א שעם פון א שטיקעלע פילאָסאָף. איז יעדערן געווען טשיקאַווע אויסהערן זײַנע פילאָסאָפירונגען.

— נעמלעך... — אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זײַן שמועס מיט יעדן קליִענט, און דערנאָך, ווען ער האָט אים אײַנגעמאַסטעט אָפּן בענקל און א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּאָנעם, קעדיי באַשטימען, וואָס פאַר א באָרד דאָס איז און ווי זיך באַגיין מיט איר, האָט ער צוגעגעבן, — ביטע שיין.

דאָס וואָרט „ביטע שיין“, ווי פיל אַנדערע ווערטער, האָט דער אוילעם אופגענומען פאַרשיידן. ווער ס'האָט זיי פאַרגעדענקט און ווער ס'האָט זיי גלײַך פאַרגעסן. דאָס וואָרט „נעמלעך“ האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים אַף שטענדיק, געוואָרן זײַן פעסטער צונאָמען, וואָס האָט אים פאַרביטן זײַן פאַמיליע.

און כאָטש ער האָט זיך אומגעקערט א ביסל העכער, ווי געווען, א דאַרער יונגערמאַן מיט א לאַנגן און שמאָלן האַלדז, האָט מען אים גערופן, ווי פריִער, יאַנקעלע, יאַנקעלע נעמלעך.

די צײַט איז געווען אַן אומרויִקע, אַן אומבאַשטימטע. מע האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, ווער וועט מאָרגן באַלעבאַטעווען אין שטעטל: די הײַדאַמאַקעס מיט די ברייטע הויזן, די פּעטליוראַווצעס מיט די רויטע וואָרטשעקעס, אָדער עס וועט אָנפאַלן א קליין באַנדעלע, אונטערצינדן א פּאָר הײַזער, אָפּ-גיך עפּעס אָנראַבעווען און ניט סטײַען.

אין אַזעלכע אומרויִקע טעג, ווען דער גאַנצער אוילעם האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס און אַף די בוידעמער, האָט יאַנקעלע נעמלעך אַרויסגעוויזן א באַזונדערע דרייסטקײַט. די טירן פון זײַן שערערײַ זײַנען געשטאַנען אָפן, און ער אַליין איז געשטאַנען אַף דער שוועל, אַרויסגעקוקט אַף זײַנע קליִענטן. ער האָט געהאַלטן, אַז וואָס פאַר א מאַכט עס זאָל ניט זײַן, נייטיקט זי זיך אין א שערער.

— אונדזער ייִדישער נאַציאָן, — האָט ער דערקלערט דעם טאָך פון זײַן אומגעוויינלעכער אופירונג, — איז פון אַלע יאָרן געווינט צו אומדערוואַרטע געשעענישן. און יעצט, ווען דער רע-וואָליוציאָן...

און כאָטש אין זײַנע פילאָסאָפירונגען איז ניט געווען קיין שום לאָגיק, האָט דער פּאָשעטער אוילעם דאָס אופגענומען, ווי אַן איניען, וואָס פאָדערט, מע זאָל זיך אין דעם אַרײַנטראַכטן.

מיט איין וואָרט, יאַנקעלע נעמלעך האָט באַקומען אין שטעטל א שעם פון א שערער א כאָכעם, וואָס איז קליגער פון פיל אַנדערע שטעטלשע כאַכאָמים.

מיט שייווען, וואָס איז דערנאָך געוואָרן זײַן שייווע, איז דער איניען געווען פיל פּראָסטער, כאָטש זי האָט באַוויזן אופרודערן דאָס שטעטל מיט איר אויסטערלישן אופטו.

ס'איז שווער צו דערקלערן, פונוואַנען האָט זיך דאָס צו איר גענומען. איר טאַטע, כאַצקל, איז געווען ניט פון די געהויבענע שנײַדער, און זייער ווײַט פון פּאָליטיק. שייווע האָט זייער פרי זיך

געגומען פאר דער נאָדל און פאַרן פּרעסל. דער טאַטע האָט איר איַינגערעדט, אַז די בעסטע מעלאָכע אין דער וועלט איז שניַידעריַי. קיין גוויר וועסטו ניט ווערן, נאָר אָפּן שטיקל ברויט וועסטו שטענדיק פאַרדינען. דעריקער — ערלעך פאַרדינען. ניט ווי יענע הענדלער און אַנדערע פּראָסטאַקעס — ליי־דיקגייער, וועלכע האָבן בײַ אים שטענדיק אַרויסגערופן אַ ווידערגעפיל.

איז הייסט עס, אַ שטיקעלע פּאָליטיק יאָ געווען אין זיַינע באַטראַכטונגען. און גאַנץ מעגלעך, אַז טאַקע פונעם טאַטן האָט שייווע געיאַרשנט דאָס ביסעלע קלאַסן־באַוווסטזיַין. און אין מיַי זיבעצנטן יאָר, ווען דאָס שטעטל איז צום ערשטן מאָל אַרויס אויף אַ דעמאָנסטראַציע, און פאַרשיידענע פּאַרטייען — באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, ציִעניסטן און בונדיסטן האָבן געטראָגן פלאַקאַטן מיט פאַרשיידענע לאָזונגען, איז שייווע אַרויס אויף דער דעמאָנסטראַציע, צוגעטשעפּעט צו דער ברוסט אַ פלאַקאַטל:

— איך בין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע.

וואָס דאָס הייסט, האָט זי ניט געוווּסט, און ניט זי האָט אָנגעשריבן דאָס פלאַקאַטל, נאָר דאָס שטעטל האָט זי גליַיך געקרויַנט מיט דעם נאָמען:

— שייווע די סאָציאַל־דעמאָקראַטקע.

אויב יאַנקעלען האָט אַ ביסל געקימערט דער צונאָמען, האָט שייווע שטאָלצירט מיט אים. און אויב איר איז אויסגעקומען זיך דורכוואָרטלען מיט עמעצן, האָט זי געגעבן אָנצוהערן:

— איר זאָלט וויסן זיַין, אַז איך בין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע, ווען ווייניק־ווער עס האָט געוווּסט, וואָס אויף דער וועלט קומט פאָר, האָט דאָס געקלונגען גאַנץ דערהויבן. ס'האָט געשמעקט מיט מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס, מיט אַלץ דעם ניַיעם, וואָס די רעוואָליוציע האָט אַריַינגעבראַכט אינעם פאַר־גליווערטן לעבן פון ייִדישן שטעטל. באַזונדערס, ווען דאָס רופט איינס ניט עפּעס אַ הענדלער, אַ פּראָסטאַק, נאָר אַן עמעסע אַרבעטערין, אַ ניַיטערין. און כאָטש דערנאָך איז ניט געווען וואָס צו נייען, מע האָט בלויז איבערגענייט און איבערגעניצעוועט דאָס אַלטע, און דערנאָך, ווען ס'איז שוין אויך ניט געווען וואָס איבערניצעווען, האָבן טאַצקל און זיַין טאָכטער שייווע געקאָנט אויפנייען פון אַ פאַשעטן צוקער־זאַק וואָס נאָר מע האָט געוואָלט: אַ פּאָר הויזן, אַ העמדל און דאָס שענסטע מיידעלעס קליידל.

דערנאָך איז געקומען אַ ציַיט, ווען אין שטעטל האָבן זיך באַוויזן אייגענע קאָמוניסטן און קאָמ־יוגיסטן. און דאָס וואָרט „סאָציאַל־דעמאָקראַט" האָט אַ ביסל אָנגעווירן דעם פריִערדיקן גלאַנץ. נאָר שייווע האָט פעסט זיך געהאַלטן בײַ איר געהויבענעם צונאָמען. עמעס, אַ ביסל באַשיידענער.

— כאָטש איך בין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע...

אַזוי האָט זי געטיַינעט, ווען זי האָט געוואָלט דערוויַיזן, אַז זי איז ניט ערגער פון די, וואָס לויפן יעדן אָוונט אין לייען־שטיבל.

בײַ זייער פולער פאַרשיידנקיַיט איז בײַ יאַנקעלען מיט שייווען געווען, ווי מע זאָגט, אַ גיַיס־טיקע קרויווּעשאַפט. זיי זיַינען ביידע געווען שטיקלעך טרוימער. ביידע ליב געהאַט אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט רעוואָליוציע. און שייווען איז דערצו באַזונדערס געפעלן געוואָרן, ווי־אַזוי ער רעדט וועגן ייִדישן נאַציאָן. און עפּשער האָט מערער פון אַלץ זיי דערנעענטערט דאָס, וואָסביידן האָט אַ ביסל געפעלט צו אַ נאָרמאַלן וווּקס. כאָטש כאַראַקטערס זיַינען בײַ זיי געווען ביז גאָר פאַרשיי־דענע. גליַיך נאָך דער כאַסענע האָט זי געמאָלדן יאַנקעלען, אַז זי איז געווען און זי בליַיבט אַ ניַיטערין. און אויף וויפל זי איז שוין איצט אַ פרוי און אַ באַפריַיטע פרוי, וועט זי בלויז צוראַמען אין שטוב. אין דער שרעריַי זאָל ער אַליין צוראַמען. און אויף וויפל ס'איז ניט לאַנג געשאַפן געוואָרן אַ קוס־טאַרן־קלוב, וועט זי גיין אויף אַלע פרויען־פאַרזאַמלונגען.

האָט יאַנקעלע געמוזט איר נאָכגעבן. ער אַליין האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ פאָרגעשריטע־נעם מענטשן און האָט אָנערקענט אין דער פולער מאָס די פרויען־רעכט. ער האָט אַפילו באַריַיכערט דאָס שטעטל מיט נאָך אַ ניַי וואָרט — עמאַנסיפּאַציע, וואָס מע האָט געמוזט אויסכאַזערן אין אַלע היַיזער. נאָר ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע מיט קאָאָפּערירן די קוסטאַרן, האָט צווישן זיי זיך אָנגעהויבן אַ שטיקעלע מאַכלויקעס. שייווע איז געווען אַ הייסע אָנהענגערין פון די אַרטעלן. זי איז געווען זיכער, אַז אין די אַרטעלן וועט זיך אַרבעטן און לעבן פיל פריילעכער. נאָר יאַנקל האָט געזאָגט — ניין. די היגע אַרטעלן זיַינען ניט דאָס, וואָס מע דאַרף. בײַ אים איז פאַראַן גאָר אַן אַנדער טרוים.

— וועלכער טרוים? — און שייווע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן מיט גאָר אַן אַנדער קוק.

— אַ קאָמונע.

— וועלכע קאָמונע?

שייווע האָט אַזש אונטערגעטאַנצט. זי האָט ביכלאַל געהאַט אַ טעווע אונטערטאַנצן, קעדיי אויסזען אַ ביסל העכער.

— אַ שווימענדיקע.

— גאָט מיַינער! — האָט שייווע אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט. — ווו זשע וועלן מיר שווימען?

— איבער יאמען און אָקעאַנען! — האָט יאַנקל פֿײַערלעך אויסגערופֿן. און שיוועך האָט זיך געדוכט, אַז ער איז געוואָרן מיט אַ קאָפּ העכער.

אַ קליענטור איז בײַ יאַנקלען געווען אַ גאַנץ ברייטע. זײַן דײַטשישע מעטאָדע איז אַלעמען געפֿעלן געוואָרן, און מיט יעדערן פֿון זיי האָט ער בייסמײַסע אונטערגעקנעלט, אויסלייגנדיק זײַן אידיי וועגן אַ שווימענדיקער קאָמונע.

— מירן שאַפֿן אַ יאַם־קאָמונע, אַן עמעסדיקע שווימענדיקע שטאָט! שווימענדיקע הײַזער, שווימענדיקע שלן, שווימענדיקע שפּיטאָלן, שווימענדיקע פֿאַבריקן. און אַפֿילע אַ שווימענדיקן טעאַטער. מיר וועלן ניט דאַרפֿן מוירע האָבן ניט פֿאַר דער מיליציע, ניט פֿאַרן פֿינאַנסאָדעל. עס וועלן ניט זײַן ניט קיין פּאַטענטן, ניט קיין שטײַערן. און קיין אַרמיי וועט אויך ניט זײַן. מיר וועלן שאַפֿן אַן אייגענע מעלוכע אָן קייסאָרים און אָן פּרעזידענטן. אַן עמעסדיקע פֿרײַע מעלוכע.

וואָס נאָך דאַרף אַ שטעטל? אַ שטיקעלע סענסאַציע, אַ פּליאָטקעלע, צי גלאַט אַזוי אַ מעשוגאַס. עס זאָל זײַן וואָס צו באַרעדן און וועמען צו באַרעדן אין אַלע הײַזער, האָט מען אומעטום גערעדט וועגן יאַנקעלע נעמלעך און וועגן זײַן שווימענדיקער קאָמונע, אַרומגעלייגט זי מיט אַלץ נײַע און נײַע פּיזמוינעס. ניט־געשטויגן, ניט־געפֿלויגן. יעדער איינער לויט דעם, ווי זײַן אייגן ביסל פֿאַנטאַזיע האָט אים דערלויבט.

און דאָך... מע האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו יאַנקעלען אין דער שערערײַ, ווער ס'האָט געדאַרפֿט אונטערשערן זיך און ווער ס'האָט ניט געדאַרפֿט. יעדערער האָט געוואָלט הערן פֿון זײַן אייגענעם מויל, וויאַזוי שטעלט ער זיך פֿאַר די דאָזיקע שווימענדיקע קאָמונע, קעדיי אָנטשיידן זי אָפּוואַרפֿן, אָדער טאַקע... עפּשער, עפּשער... געווען אין שטעטל ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט ערגעץ אַוועקשווימען. און ער, יאַנקעלע נעמלעך, איז פֿון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט געשטאַנען אויף די פֿיס, געגאָלט און געשוירן אָן איבעררײַס און אָקשאָנעסדיק געפּריידיקט זײַן אידיי וועגן דער יאַם־קאָמונע, דעראָבערנדיק יעדן טאָג אַלץ נײַע מיט־טרוימער און אויך ניט ווייניק קעגנער און אָפּשפּעטער.

ויידע שאַפּאָשניקן, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין שטעטל מיט זײַן אייביקן באַוועגער, וואָס באַשטייט פֿון זיבן האַמערס, איינער גרעסער פֿונעם אַנדערן, איז דאָס גראַד געפֿעלן געוואָרן, נאָר אים האָט פֿאַרדראָסן, וואָס ניט ער האָט דאָס צוגעטראַכט. האָט ער געפּרוּווט אים אונטערשטעלן אַ פּיסל. אויסגעהערט, ווי ער מאָלט אָן פֿאַרן אוילעם דאָס שיינע און גוטע לעבן אין דער שווימענדיקער קאָמונע, האָט ער אים געשטעלט אַ קאַשע:

— נו, און וואָס וועלן מיר דאָרטן עסן?

האָט יאַנקל אָפּגעענטפֿערט גאַנץ ערנסט און, ווי שטענדיק, אַ ביסל פֿײַערלעך:

— דער יאַם וועט אונדז שפּײַזן. דער יאַם וועט אונדז אָנטאָן! — און ווי אַן עמעסער קענער צוגעגעבן: — איר דאַרפֿט וויסן, אַז ער איז פֿול מיט באָלעכאָיִם, פֿול מיט אוצרעס, וואָס די וועלט פֿאַרמאָגט דאָס ניט, אוצרעס פֿון גאָלד און פֿון זילבער, פֿון נאַפֿט און פֿון קוילן. מיר וועלן האָבן מיט וואָס צו באַהייצן אונדזערע דירעס.

— וואָס זשע דאַרף מען טאָן? — האָט ויידע געפֿרעגט די צווייטע קאַשע.

— מע דאַרף שאַפֿן אַ פֿאָנד, מיר זאָלן קאָנען אויסבויען די ערשטע שיף.

דאָס וואָרט „פֿאָנד" איז אויך געווען פֿון דעם מין נײַע ווערטער, וואָס ניט אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען. טאַקע דערפֿאַר איז דאָס געפֿעלן געוואָרן. ס'האָט אויסגעזען זייער גרינג און פֿייגלדיק. און ס'איז זיך גלײַך צעפֿלויגן אין אַלע הײַזער.

— איר האָט געהערט? אַ פֿאָנד!

— נו, יאָ, אַ פֿאָנד.

— מע דאַרף שאַפֿן אַ פֿאָנד.

— ווי אַנדערש? אַוודאי דאַרף מען שאַפֿן אַ פֿאָנד.

— פֿאַרשטייט זיך. ווי קאָן מען אָן אַ פֿאָנד?

ס'איז געווען אין יענער צײַט, ווען מע איז קוים אַרויסגעקראָכן פֿון די גרויסע מילכאָמעס און קלענערע מילכאָמעלעך. און מע האָט זייער מוירע געהאַט פֿאַר אַ נײַער מילכאָמע. האָט ויידע דער באַלכאָקרען געשטעלט נאָך אַ פֿראַגע:

— און טאָמער, כאָלילע, אַ מילכאָמע?

— אין דעם גייט עס דאָך, — האָט יאַנקל דערקלערט. — דער יאַם איז גרויס און דער אָקעאַן נאָך גרעסער. הייבט זיך אָן אַ מילכאָמע אין איין אָרט, שווימען מיר אַוועק אויף אַ צווייטן.

— נו, און יאַפּאַן?

דאָס האָט שוין געפֿרעגט יוינע בעקער, אַ סאָלדאַט פֿון דער יאַפּאַנישער מילכאָמע.

— וואָס יאַפּאַן? וואָס גייט אונדז עפּעס אָן אַ יאַפּאַן?

— איך מיין יאפאניע. איר האָט שוין פאַרגעסן דאָס פינפטע יאָר? איך אַליין בין געווען אויף דער שיף „צוסימאַ", וואָס די יאַפּאַנער האָבן דערטרונקען. איך בין קוים אַרויסגעשווימען.

— ס'איז גוט, אַז מע קאָן אַרויסשווימען. — רופט זיך אָן איינער אַן אַלטיטשקער. — איר האָט געהערט וועגן „טיטאַניק"?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ „טיטאַניק"? וואָס דרייט איר אונדז אַ קאָפּ מיט עפּעס אַ „טיטאַניק"?

— איך מיין די פראַנצויזישע שיף, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין טויזנט נײַן הונדערט צוועלפטן יאָר. טויזנטער מענטשן זײַנען אויף איר געווען.

נאָר אויך די קאַשע האָט יאַנקל פאַרענטפערט.

— מיר וועלן ניט בויען אַזעלכע גרויסע שיפן, סײַ אויף דער ערד, סײַ אויפן וואַסער טאָר מען ניט צונויפטרײַבן טויזנטער מענטשן אין איין שטוב. מיר וועלן בויען ניט קיין גרויסע שיפן. בלויז צווייגאָרנדיקע הײַזער!

וואָלט שוין אַלץ געווען גוט, מיט צווייגאָרנדיקע הײַזער זײַנען אַלע געווען מסכּים. איז איינ־מאָל צוגעקומען באַרעך, דער געוועזענער וואַלד־סויכער, און אַ זאָג געטאָן:

— עט, אוטאָפּיע.

פאַרוואָס האָט דאָס וואָרט אַזוי אָנגעשראָקן דעם אוילעם, איז שווער געווען צו זאָגן, נאָר אַלע זײַנען אָנגעפאַלן אויף אים.

— וואָס איז דאָס אַזוינס „אוטאָפּיע"? וואָס שרעקט איר אונדז מיט דער „אוטאָפּיע"?

און בעניע קאָוואַל, אַ געוועזענער דאָרפס־ייִד, מיט אַ געדיכטער באָרד און אַ הייזעריקלעכער שטים, האָט אַ נעם געטאָן באַרעכן פאַרן רעקל:

— דו דריי אונדז ניט דעם קאָפּ מיט דײַן טאַרגעם־לאָשן. מיר זײַנען פּאָשעטע מענטשן, ראַ־באָטשי נאַראָד. אָט גיב איך שוין אַ צענערל אויפן פּאַנד.

מערער פון אַלעמען איז געווען פאַרכאַפּט מיט דער שווימענדיקער קאָמונע שיווע. יאַנקעלע איז אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן, ווי אָן עמעסדיקער ריז. און זי האָט אים ערשט איצט ליב באַקו־מען, זי איז אים פאַרלאָפן אַלע וועגן, אַפילע אָנגעהויבן אויפּראַמען אין דער שערערײַ און יעדן טאָג געקאָכט פאַר אים אַ פעטן און געשמאַקן מיטיק.

— עס, עס, יאַנקעלע, — האָט זי אַלעמאָל איבערגעכאַזערט. — דיר שטייט פאַר אַזאַ גרויסע זאַך. דאַרפסט זיך פּאַפּראַווען.

זי האָט זיך פאַרכאַפּט מיט דער שווימענדיקער קאָמונע, ווי אַ קליין קינד מיט אַ שיין מײַסעלע. און איז גרייט געווען צוליב איר אויף אַלע שווערסטע אַרבעטן.

אַזוי צי אַזוי, נאָר די שווימענדיקע קאָמונע, דער פאָנד, „צוסימאַ" און „טיטאַניק", ווי אויך דאָס שרעקלעכע וואָרט „אוטאָפּיע" האָט צוגעצויגן צו זיך הונדערטער מענער און פרויען, שטעטלשע טרוימער, וואָס האָבן דערפילט אין דער געשיכטע פיל אומגעווייִנלעכס, מיסטעריִשס. און פיל מענטשן האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז טאַקע וועגן דעם האָבן זיי געטרוימט אַלע יאָרן. און ניט איין מאָל געזען די יאַם־קאָמונע אין כאַלעם.

אַזוי האָט דאָס געדויערט, ביז אין דעם איניען האָט זיך אַרײַנגעמישט דער פינאַנסיסטל. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער שווימענדיקער קאָמונע, זיך דערשראָקן פאַרן פאָנד. וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָנד, און ווער האָט עס דערלויבט שאַפן אַזאַ פאָנד? ער האָט זיך דערשראָקן, דער פינאַנסיסטל, אַז דער אוילעם קאָן אין איינעם אַ שיינעם טאָג זיך אויפהייבן און אַוועקשווימען, און ער וועט ניט האָבן באַ וועמען אופּמאַנען וועלכע־ניט־איז שטײַערן. האָט ער באַפוילן טייקעף אָפּשטעלן די טעטיקײַט פונעם פאָנד. ער האָט דערבײַ געוואָרנט, אַז אין קעגנפאַל וועט ער באַשטײַערן יאַנקלען און אַלע איבעריקע איניציאַטאָרן מיט אַזאַ שטײַער, וואָס זיי וועלן ניט קאָנען אויסצאָלן דאָס גאַנצע לעבן.

איז געוואָרן אויס מיט דער שווימענדיקער קאָמונע און אויס מיטן פאָנד. דער שטעטלשער אוילעם איז געוואָרן שטאַרק אופגעטראָגן, שטאַרק באַליידיקט. און געפילט זיך, גלײַך מע האָט באַ אים אָפּגענומען אַ שיין שפּילעכל, צוגערויבט באַ אים דאָס שטיקעלע יאָמטעוו, וואָס האָט אַ ביסעלע באַשײַנט זייערע אָרעמע אינדערוואָכנס. נאָר קיין אַנדער ברייִרע איז ניט געווען. מיטן פינינספּעקטאָר קאָן מען זיך ניט שפּאַרן.

נאָר יאַנקעלע נעמלעך איז באַ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן.

— נישקאָשע, — האָט ער געטרייסט דעם אוילעם און זיך אַליין. — אויב ניט איך, וועט דאָס מײַן זון פאַרווירקלעכן. אָט, מײַן פראַו שיווע שוואַנגערט.

נאָר אַליין די פראַו שיווע איז געווען אויפגעבראַכט מערער פון אַלעמען. און ניט אַזוי אויפן פינאַנסיסטל, ווי אויף איר יאַנקעלען, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מענטשן מיט אַ שוואַכן כאַראַק־טער און טייקעף זיך אונטערגעגעבן. ער האָט מיטאַמאָל אָנגעוווירן באַ איר דעם גאַנצן כיין, די גאַנצע טרוימערישע דערהויבנקײַט, געוואָרן פאַר איר, ווי אויף אַ קאָפּ נידעריקער.

— ביסט א פּאכדן, — איז זי אָנגעפֿאַלן אויף אים, — זיך דערשראָקן פֿאַרן פֿינאַטדעל.

— ניט איך האָב זיך דערשראָקן פֿאַרן פֿינאַטדעל. — האָט יאַנקעלע דערווידערט, — דער פֿינ־אַטדעל האָט זיך דערשראָקן פֿאַר מיר.

— איז גיי קוש זיך מיט אים.

זיי האָבן אָפּגענעמען זיך צעקריגט, און ס'איז בײַ זיי שיִר ניט געקומען צו אַ געט. גוט, וואָס יאַנקלס פֿרײַנט האָבן זיך אַרײַנגעלייגט אין שאָלעם. דערפֿאַר אָבער האָט שייִנע אָפּגעטאָן איר יאַנקלען אַ שפּיצל. קיין זון האָט זי אים ניט געבוירן. בײַ זיי איז בכלל קיין קינדער ניט געווען.

צוביסלעך האָט דאָס שטעטל זיך באַרויִקט, אַרײַן אין זײַנע וואָכעדיקע קריגערײַען און שפּאָרע־נישן. טאַקע וועגן די אָרטעלן, וועגן דער ליי־ און שפּאַרקאַסע און וועגן פֿיל אַנדערע זאַכן, פֿון וואָס עס איז באַשטאַנען דאָס ניט־רײַכע לעבן פֿון די שטעטלשע ייִדן אין די צוואַנציקער יאָרן.

ניט די יאַם־קאָמונע, נאָר די אָרטעלן זײַנען געווען די ווירקלעכקײַט און די נויט פֿון אַלע שטעטלשע באַלמעלאָכעס, און יאַנקל מיט שייִנען זײַנען אויך אַרײַן אין צוויי פֿאַרשײדענע אָרטעלן. ער — לויט זײַן פֿאַך, און זי — לויט איר פֿאַך. יאַנקל איז געשטאַנען בײַ איינעם פֿון די עטלעכע שפּיגלען, געאַרבעט שטיל, און שוין מערער וועגן גאָרנישט ניט געפּריידיקט. ער איז געבליבן בלויז בײַ זײַן „ביטע שיין". שייִנע האָט געראַשט איבערן שטעטל מיט איר „זשענאַטדעל".

איך קלײַב זיך דאָ ניט אָפּשפּעטן ניט פֿון יאַנקלען, ניט פֿון שייִנען, ניט פֿון עמעצן אַנדערש. איך אַליין, ווי פֿיל אַנדערע כעוורע, זײַנען געווען פֿאַרכאַפּט מיט דער שווימענדיקער קאָמונע. איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר פֿופֿצן. אויף מײַן אויסגעמאָגערט פּנעמל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע הערעלעך, ניט קיין הערעלעך גאָר, נאָר אַ שיטערער מאָך, וואָס מע האָט קוים אָנגעזען, און איך האָב זייער געוואָלט, וואָס גיכער ווערן אַ באָכערל, וואָס גאָלט זיך שוין. קיין גראָשן אין קעשענע איז ניט געווען, בין איך אָפּט אַרײַנגעקומען צו יאַנקעלע נעמלעך. די כעווערניקעס האָט ער געגאָלט אויף באָרג. ער האָט פֿאַרפֿירט בײַ זיך אַ ספּעציעלן פּינקעס. יעדערן פֿון זײַנע געהויבענע קליִענטן אויסגעטיילט אַ גאַנץ זײַטל און אַלעמאָל צוגעשריבן אַ פּאַסיקל. איך האָב ניט איינמאָל ביגנייווע געכאַפּט אַ קוק אין פּינקעס און געציטערט דערפֿון, וואָס די צאָל פּאַסיקלעך האַלטן אין איין וואַקסן, און ווער ווייסט, ווען וועל איך קאָנען דעקן מײַנע כויוועס.

נאָר די מײַסע מיט דער יאַם־קאָמונע איז מיר שטאַרק געווען צום האַרצן. איך בין אויך געווען אַ שטיקעלע טרוימער און מיר האָט זיך זייער געוואָלט ערגעץ אוועקשווימען.

אויף אַ קורצער צײַט איז יאַנקל אַנשוויגן געוואָרן, נאָר דער טרוים איז געבליבן אַ טרוים. און ווען אונדזער שטעטל איז אַריבער אין אָדעסער געגנט און עס האָט זיך באַוויזן די געגנטלעכע צײַ־טונג „טשערנאָמאָרסקאַיאַ קאָמונאַ", האָט יאַנקעלע אויסגעשניטן דעם נאָמען פֿון דער צײַטונג און צוגעקלעפּט צו דער טיר פֿון דער אָרטעלנע פּאַריקמאַכערסקע.

— איר זעט? — האָט ער געוויזן יעדערן אויף דער טיר. — די יאַם־קאָמונע איז ניט קיין אויסגע־טראַכטע זאַך. אָט האָט איר אַפֿילע אַ צײַטונג מיט אַזאַ נאָמען. איך פֿאַר שוין קיין אָדעס.

נאָר זײַן שייִנע האָט אים ניט געלאָזט.

אַזוי האָבן זיי אָפּגעלעבט עטלעכע גוטע און רויִקע יאָרן, ביז די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן.

שייִנע האָט גלײַך גענומען פּאַקעווען די סאַמע נייטיקע זאַכן אין צוויי גרויסע קלומעקעס. איין קלומעק פֿאַר זיך, דעם צווייטן פֿאַר יאַנקלען. דער אומרו האָט זיך אין איר אַזוי צעוואַקסן, אַז אַפֿילע אינמיטן דער נאַכט איז זי אַראָפּ פֿונעם געלעגער און אָנגעהויבן פּאַקעווען און איבערפּאַקעווען, איין זאַך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון די קלומעקעס, אַ צווייטע זאַך אַרײַנגעלייגט. און וואָס מערער דער אומרו איז בײַ שייִנען געוואַקסן, אַלץ רויִקער איז געוואָרן יאַנקעלע נעמלעך. פֿון זײַן טאַמעוואַטע רויִקײַט איז בײַ שייִנען דערגאַנגען דער צאָרן ביזן העכסטן גראַד.

— וואָס שטייסטו, ווי אַ ליימענער גוילעם? — איז זי אָנגעפֿאַלן אויף אים. — זעסט ניט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך? דו לייענסט דאָך אַלע טאָג די צײַטונגען.

— מאַלע וואָס די צײַטונגען שרײַבן, — האָט ער אָפּגעענטפֿערט. — די דײַטשן זײַנען אַ קול־טורעלער נאַציאָן.

געקריגט האָבן זיי זיך אַריבער אַ וואָך, ביז דעם דריטן יול, ווען סטאַלין איז אַרויסגעטראָטן דורך דער ראַדיאָ, אָנגעמאָלט זייער ניט קיין פֿריילעך בילד און גערופֿן אַלעמען זיך קעגנשטעלן דעם סוינע, אים גאָרנישט ניט איבערלאָזן בײַסן אָפּטרעטן: אוועקטרײַבן דאָס פֿי, אונטערצינדן די עלעוואַ־טערס און אַפֿילע די ברויטן אין פֿעלד. דעם צווייטן גאַנצפֿרי איז זי אויפֿגעשטאַנען, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל, און גענומען ברעכן דאָס געפֿעס — אַלע טעלער און שיסלען. זי האָט פֿאַר־שיט דאָס גאַנצע שטיבל מיט צעבראָכן גלאָז. זי האָט אַלץ געבראָכן און ניט אויפֿגעהערט שילטן זיך:

— אַ מאַקע וועל איך אים איבערלאָזן, היטלערן! אַ מאַקע אין גאָרגל! קיין איין פֿאָדעם וועל איך זיי ניט איבערלאָזן, די פֿאַרשאָלטענע פֿאַשיסטן!

ווען דאָס גאַנצע געפֿעס איז געווען צעשמעטערט, האָט זי אַראָפּגעריסן די פֿאָרהענגלעך פֿון

די פענצטער, אויסגעשלאָגן די טאַפּליעס, א כאַפּ געטאָן א פּאָר קישנס, אופגעריסן זיי און צעזייט די פעדערן איבער דער גאַנצער שטוב. יאַנקל איז אַראָפּ פונעם געלעגער, אפגיך זיך אָנגעטאָן און געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט, צוקוקנדיק, ווי זײַן שיוועס האָט זיך צעבושעוועט. זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן שטיקעלע פּאַגראָם, האָט זי א כאַפּ געטאָן איר קלומעק און געלאָזט זיך גיין.

— אויב דו ווילסט בלײַבן דאָ מיט דײַנע דײַטשן, גיי איך אליין. און איך וועל אוועק גלײַך אפן פראָנט. כאָטש איך בין א סאָציאַל־דעמאָקראַטקע.

און איז אַוועק אָן א זײַ־געזונט.

— וואַרט צו, שיוועס, — האָט ער איר נאָכגעשריגן. — איין ווײַלינקע, איך וועל נאָר פאַרבינדן מײַן קלומעק. און איך דאַרף דאָך מיטנעמען דאָס ביסל שרער־געצײַג!

שיוועס פּאַגראָם האָט אַפּגערודערט דאָס גאַנצע שטעטל. און טאָקע דעם זעלבן טאָג האָבן פיל יידן גענומען זיך גרייטן אין וועג אַרײַן אינײנעם מיט שיוועס. טאָקע דער טייל האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. די, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג א ביסל שפּעטער, זײַנען ווײַט ניט אַוועק. ערגעץ אונטער קיראָוואָגראַד האָבן די דײַטשן זיי אָנגעיאָגט און געצוווּנגען זיך אומקערן אהיים.

אפן פראָנט איז שיוועס ניט אַוועק. זי איז געוואָרן באַם וואַנדערנדיקן אוילעם די גלאַווּנע ווייסערן און האָט געדאַרפט ענטפערן אלעמאָל אַף אָן אנדער פראַגע.

— ווּהין זשע וועלן מיר גיין? — האָט מען זי געפרעגט.

און שיוועס, א ווײַז געטאָן מיטן פינגער אַף מיזרעך, האָט פײַערלעך אויסגערופן:

— קיין טאַשקענט! קיין טאַשקענט וועלן מיר גיין! איר האָט געהערט וועגן אזא בוך „טאַשקענט די ברויט־שטאָט“?

יאַנקל האָט זיך דערפילט שטאַרק געפאַלן, סײַ מיטן פּאַגראָם, וואָס זי האָט געמאַכט אין שטוב, סײַ דערמיט, וואָס זי איז געוואָרן די פירערן בא די בעזשענצעס. נאָר דאָס איז געווען שוין ניט יענע שווימענדיקע קאָמונע, א ווילדע אַיסטראַכטעניש. דאָס איז געווען א ריינע, זייער א ביטערע רעאַלקײַט, און די אַמגליקלעכע מענער און פרויען האָבן געמוזט האָבן עמעצן אזא, אַף וועמען מע קאָן זיך פאַרלאָזן אין א שווערער שאָ, האָט זיך אלעמען געמאָלט, אז שיוועס איז סאַמע די, וועמען גאָט אליין האָט זיי צוגעשיקט. און דער בעסטער סימען איז דער פּאַגראָם, וואָס זי האָט געמאַכט בא זיך אין שטוב.

טאַשקענט איז טאַשקענט, און ס׳איז שוין א ביסל גרינגער, אז מע ווייסט, ווּהין מע גייט. און ווי ס׳איז דאָ אזא בוך, וועלן זיי האָבן א שטיקל ברויט. דערצו נאָך, זאָגט מען, אז דאָרטן איז א קײַלעכיק יאָר זומער. איז דאָס אַוואַדע נייטיק פאַר זיי אלע, וואָס האָבן באַוויזן מיטנעמען מיט זיך בלויז גרינגע קלומעקלעך.

האָט שוין שיוועס געמוזט ענטפערן אויך אַף אזא פראַגע. ווען איבער זייערע קעפּ איז דורכגעפלויגן אן עסקאַדרילִיע דײַטשישע באָמבאַרדירער, זײַנען אלע אַוועק פונעם וועג אויסבאַהאַלטן זיך פון די באָמבעס. צום גליק, האָט מען ניט באָמבאַרדירט, דער אוילעם האָט גלײַך זיך צונויפגעקליבן און צוגעשטאַנען צו שיוועס.

— וואָס איז דאָס געווען פאַר אַעראָפּלאַנען? דײַטשישע צי אונדזערע?

— אָט יענע־אָ, — האָט שיוועס אָפּגעענטפערט מיט פולער זיכערקײַט, — אונדזערע, אַוואַדע אונדזערע!

— וואָס זשע זײַנען זיי געפלויגן אַף מיזרעך?

און שיוועס האָט ווידער געפונען א באַרויִקנדיקן ענטפער:

— זיי זײַנען אַוועקגעפלויגן זיך זאַראַזשאַיען.

איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם אלעמען, ווײַל בײַס סימעס דערציילונגען איז אומגעריכט אופגעקומען א שטיקעלע פאַרזעצונג פון דער געשיכטע וועגן דער שווימענדיקער קאָמונע. אין פופציק יאָר ארום.

זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין אײנעם א וואָכעדיקן פאַרנאַכט, ביידע שטאַרק אָנגעדראָדלט, און ס׳איז געווען צו זען, אז זיי האָבן האַלב זיך שוין אָפּגעקריגט און זײַנען געקומען אהער אויסלייגן די איבעריקע האַלב. שיוועס פּאָנעם האָט געפלאַמט, און יאַנקל איז געשטאַנען מיט אן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ א פאַרשעמטער.

— נו, זאָג דו, יאַנקעלע נעמלעך, אויב ניט, וועל איך זאָגן. — האָט זי אַרויסגערעדט שטאַרק קריגעריש. ווי שטענדיק, ווען זי איז דערצאָרנט, האָט זי אים אָנגערופן מיט זײַן צונאָמען.

יאַנקל האָט געשוויגן.

— א פאַכדן ביסטו געווען און א פאַכדן געבליבן, — האָט זי אַרויסגערעדט קימאַט וויינענדיק. — אזא שיינע שווימענדיקע קאָמונע צוגעטראַכט, און זיך דערשראָקן פאַרן פינאַנטדעל.

און ער, יאנקעלע נעמלעך, ווי מיט פּיפּציק יאָר צוריק:

— ניט איך האָב זיך דערשראָקן פֿאַרן פֿינאַטדעל, ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר מיר.

— וואָס איז די נאַפּקעמינע? אזא שיינע שווימענדיקע קאַמונע!.. וואָס זשע, איר געדענקט ניט? מיילעכן איז אָנגעקומען ניט גרינג דערמאָנען זיך אין יענער קאַמונע, וואָס האָט אָפּגעראַשט אין שטעטל, ווען ער, ווי אויך פֿיל אנדערע כעווערע, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן גאָלן, און ווי פֿיל אנדערע געגאָלט זיך בײַ יאנקעלע נעמלעך אויף באַרג. דערמאָנט זיך, האָט ער זיך צעלאַכט אזוי הילכיק, אַז סימע איז א דערשראָקענע אַרײַנגעלאָפֿן פֿון דער קיך.

— סימע, דו הערסט, סימע? — האָט ער קוים געשטיקט דעם געלעכטער. — די שווימענדיקע קאַמונע! זי איז ווידער אַרויסגעשווומען.

— וועלכע קאַמונע? — האָט סימע ניט פֿאַרשטאַנען.

— עט, — האָט שייוע זיך אָנגערופֿן א ביסל א באַרוּיקטע. — מײַן יאנקעלע האָט געקאָנט ווערן א העלד, נאָר איז ניט געוואָרן. אָט איצט איך. נו, זאָג דו, יאנקעלע נעמלעך.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט יאנקל זיך געקווענקלט.

— דאָס, וואָס דו האָסט מיר דערציילט.

— ס'איז עלעק... — האָט יאנקל קוים אַרויסגערעדט.

— וועלכער עלעק? — האָט מיילעך געפֿרעגט.

— דער זעלבער! — האָט שייוע אויסגעשריגן. — נו, דערצייל שוין ווײַטער. וואָס דאַרף מען בײַ דיר, ווי מיט קלעמען, אַרויסציִען א וואָרט?

— נו, פֿאָנדן... ניט יענע פֿאָנדן פֿאַר דער שווימענדיקער קאַמונע...

— מיש ניט אַהער דײַן דערטרונקענע קאַמונע! — איז שייוע ווידער אָנגעפֿאַלן אויף אים.

ערשט דאַן האָט יאנקל זיך צערעדט.

— ס'האָט עלעק, דער דירעקטאָר פֿונעם קאָמבינאַט, געגעבן אזא באַפֿעל: מיר זאָלן יעדן כוידעש פֿון אונדזערע פֿאַרדינסטן אַרײַנטראָגן עטלעכע רובל אין זײַנע דירעקטאָרישע פֿאָנדן.

— נאָך וואָס? — דאָס האָט שוין מיילעך געפֿרעגט.

— איך ווייס? פֿונוואַנען זאָל איך וויסן? מע דאַרף כאַסענע מאַכן אַן אָרעמע קאַלע.

— ווער זשע דאַרף איר כאַסענע מאַכן? — פֿרעג איך בײַ אים.

— וואָס הייסט ווער? דער גאַנצער קאָמבינאַט. און פֿאַרוואָס טאַקע ניט?

געוויס איז דאָס געווען ניט די צווייטע האַלב פֿון זייער קריג, נאָר מערנסטנטייל אַן איבערכאַזערונג פֿון דער ערשטער האַלב מיט אייניקע דערגאַנצונגען.

— דו דערצייל בעסער וועגן פֿאָנדו! — האָט געפֿאָדערט שייוע.

— ס'הייסט בײַ זיי א דירעקטאָרישער פֿאָנד, הייסט עס, — האָט יאנקל דערקלערט.

— ס'איז א לינקער פֿאָנד! — האָט שייוע אויסגעשריגן. — איך קאָן שווערן, ס'איז א טרייפֿענער פֿאָנד!

איז שוין אויסגעקומען, אַז יאנקל פּרוּווט פֿאַרטיידיקן אָט דעם פֿאָנד.

— איך אַליין האָב אויך אַמאָל געפּרוּווט שאַפֿן א פֿאָנד. — האָט ער דערקלערט מיילעכן. — זאָל זײַן, אַז דאָס איז געווען א טרוים, א גרויסער און ערלעכער טרוים. און איך האָב גאָרנישט ניט אויסגעטראַכט, איך האָב געלייענט וועגן דעם אין א ביכעלע. און ווען ניט דער פֿינאַטדעל... בײַ עלעקן איז גאָר אַן אנדער פֿאָנד. נאָר וואָס דאַרפֿן מיר זיך מישן? יעדער האַנדלט לויט זײַן געוויסן.

— און אויב ער האָט קיינמאָל ניט פֿאַרמאָגט קיין פּיצעלע געוויסן?

— אָבער וועגן וואָס גייט דאָ? — האָט מיילעך געפּרוּווט זיי אײַנשטילן.

— אָט האָסטו דיר, — האָט שייוע זיך אָנגערופֿן. — מע רעדט און מע רעדט און מע שושקעט זיך. עלעק מיכל דעם שוסטערס איז געוואָרן א דירעקטאָר פֿון א גרויסן שטייגער־קאָמבינאַט. פֿאַראַן אין אים עטלעכע צעכן: שוסטערס, שנײַדערס, פֿאַריקמאַכערס, נייטערנס און אפֿילו בלעכער. האָט ער צוגעטראַכט אזא טרייפֿענעם פֿאָנד. נאָר צו אונדז, נייטערנס, איז דאָס נאָך ניט געקומען. נאָר סײַווי...

ס'איז געווען צו זען, ווי אויף מיילעכס פּנים האָבן זיך באַוויזן רויטע פֿינטעלעך. סימען האָט אויך באַשלאָגן א היץ. זי האָט פֿאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט, אויב אַרײַנציִען מיילעכן אין אָט דעם איניען. האָט זי א ביסל אויסגעמוסערט די געסט:

— נאָך וואָס זײַט איר געקומען דערציילן מיילעכן אָט די געשיכטע? איר ווייסט דאָך...

— זע, — האָט שייוע געשטוינט. — און וועמען דען?

נאָר סימע האָט געטײַנעט אירס.

— איך בעט דיך, מיילעך. ווייסט דאָך, וואָס די דאָקטוירים האָבן געזאָגט.

— באַרוּיִק זיך, סימעלע. איך וועל גאָרנישט ניט פֿירנעמען. איך וויל פּאַשעט וויסן, וואָס איז דאָס פֿאַר א פֿאָנד, און ווער איז עס די אָרעמע קאַלע.

איז שיִעס אָנגעפֿאַלן אױף מײלעכן:

— און איר װעט שװײַגן?

— װער בין איך דען, װאָס איך דאַרף שרײַען? — האָט מײלעך געפּרוּװט אַ שפּאַס טאָן.

נאָר ער האָט פֿאַרשטאַנען: אַזױ צי אַזױ, נאָר שרײַען װעט אױסקומען. ער האָט דאָס פֿאַרשטאַנען, װי נאָר מאַלקע האָט אים דערצײלט, אַז עלעק האָט זיך באַװיזן אין אָדעס. און ניט דערפֿאַר, װאָס ער צװײפֿלט אין דעם, אַז יענער האָט ערלעך פֿאַרדינט זײַנע אָרדענס און מעדאַלן. די מילכאָמע איז ניט קײן שפּילעכל. און יעדער אָרדען אָדער מעדאַל איז באַגאָסן מיט בלוט. און דאָס איז שױן אַזאַ זאַך: װי דער גורל טוט אַ שפּיל. איז זײַן גורל געװען מערער אַ גליקלעכער. מעקאָנע זײַן איז אַװאַדע ניט שײַעך. פֿאַראַן ניט װײניק, װאָס זײַנען אַרױס פֿון דער מילכאָמע אײביקע קאַליקעס. און װיפֿל, אױ, װיפֿל טױזנטער, מיליאָנען האָבן בִּיכלאַל זיך ניט אומגעקערט! און ער שטעלט זיך פֿאָר, אַז אין פּאַרטײ איז ער אַרײַנגעטראָטן, װי פֿיל אַנדערע אױפֿן פֿראָנט, אין אַ הײסער מינוט, ערעװ אַ גרױסער געפֿערלעכער שלאַכט, װען ס׳איז געװען אײנס פֿון די בײדע: טױט אָדער רױט. ער צװײפֿלט אין עפּעס אַנדערש. צי איז ער אַרױס פֿון דער מילכאָמע אַן אָפּגעריײניקטער, אַ באַפֿרײַטער פֿון זײַן באַלעבעסלדיקײַט, פֿון דעם טאַטנס ניטרײנער ירושע.

אָבער פֿאַרװאָס, פֿאַרװאָס? — האָט ער ניט אײנמאָל זיך אױסגעװוּנדערט. — פֿאַרװאָס ביסטו כּוּשעד אַ מענטשן אָן שום גרונט. די מילכאָמע האָט געענדערט צום בעסערן פֿיל מענטשן, פֿאַרװאָס זשע האָט עלעק ניט געקאָנט זיך ענדערן?

נאָר באַפֿרײַען זיך פֿון זײַן כּשאַד האָט ער ניט געקאָנט. די מילכאָמע האָט באַװיזן אױך אַ צװײטע זאַך. ער האָט זיך ניט װײניק אָנגעזען אין שטראַף־באַטאַליאָן. ניט װײניק זײַנען געקומען אױפֿן פֿראָנט מיט בלוט אױסקױפֿן זײער שולד. געװען אָבער אױך אַזעלכע, װי אָט דער רײַקאָ, װאָס זײַנען געװען און פֿאַרבליבן פֿאַרביטערטע סאָנים.

נאָר װאָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט דאָס צו עלעקן? — האָט ער ניט אױפֿגעהערט שפּאַרן זיך מיט זיך אַלײן. — װער איז דען געװען זײַן טאַטע? אַ שוסטער, אַ פּאַשעטער שוסטער, אָבער ניט אינגאַנצן קײן פּאַשעטער. אַן עמעסער באַלעגוף. און זײַן באַלעבעסלדיקײַט האָט מאַמעש אַרױסגעשפּאַרט פֿון אים מיט אַרױסרופֿערישער גײַװע. און װען ער איז אַרױסגעטראָטן קעגן דעם, מע זאָל אױפֿנעמען עלעקן אין קאָמיזג, איז דאָס געװען דערפֿאַר, װאָס ער האָט אין עלעקן באַמערקט אײניקע באַלעבעסלדיקע שטריכן, געיאַרשנט פֿונעם טאַטן. כאָטש דערװײַזן, אין װאָס זײ באַשטײען, װאָלט ער דאַן ניט געקאָנט.

שיִעס אָנפֿאַל, מיט אירע פֿאַרפּלאָנטערטע זיכרױנעס װעגן דער שװימענדיקער קאָמונע און אירע גזױלדן װעגן דעם „לינקן" פֿאָנד, יאַנקלס ניט־קלאָרע פֿאַרענטפֿערונגען װעגן אַן אָרעמער קאַלע האָבן צעררודערט אין אים דעם כּשאַד, װאָס ער האָט די גאַנצע צײַט געפּרוּװט פֿאַרטרײַבן פֿון זיך. הײסט עס, אַז צום גרױסן באַדױערן איז עלעק געבליבן אַזאַ, װי געװען. אַזאַ, װי ער האָט זיך אים געמאָלט. איז אַ צוזאַמענשטױס מיט אים אומפֿאַרמײַדלעך. און װי ער זאָל זיך ניט סטאַרען, װעט ער אים ניט קאָנען אױסמײַדן.

אים איז געװען אַ ביסל ביטערלעך פֿון אָט דער אומפֿאַרמײַדלעכקײַט, גוט באַנעמענדיק, אַז בײַ הײַנטצוטאָג זײַנען די קױכעס ניט קײן גלײַכע, און עלעקס פּאָזיציעס זײַנען פֿיל שטאַרקער פֿון זײַנע. אײן זאַך אָבער: ער קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן, װי דער צוזאַמענשטױס װעט פֿאָרקומען, װײַל... װאָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט ער צו עלעקן? דער דאָזיקער געדאַנק איז בײַ אים אױפֿגעשװוּמען, װי אַ שטיקעלע טערעץ פֿאַר שיִען.

— װאָס פֿאַר אַ שײַכעס האָב איך צו עלעקן? — האָט ער אַרױסגערעדט.

— נו, און דער געװיסן? — איז שיִע ניט אָפּגעטראָטן. — און כאָטש איך בין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע, נאָר איך װײס, װאָס עס הײסט אַן עמעסער קאָמוניסט.

גײ טײַנע זיך אױס מיט די כאַשטשעװאַטער, װאָס װילן פֿון גאַרנישט ניט װיסן, גײ דערצײל זײ װעגן די ניט־גלײַכע קױכעס־פֿאַרהעלטענישן, װעגן זײַן כּשאַד און זײַנע צװײפֿלען, און װעגן דעם, אַז זײערע צװישנבאַציִונגען זײַנען אױפֿגעקומען מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, נאָך אין זײערע יונגע יאָרן.

סימע האָט שטאַרק מוירע געהאַט, עס זאָל ניט פֿאָרקומען עפּעס אַזױנס, װאָס זאָל װידער ברענגען מײלעכן אין האָספּיטאַל.

— װײסט איר װאָס, — האָט זי זיך אָנגערופֿן צו אירע געסט. — לאָמיר בעסער טרינקען טײ. בײַ מיר איז דאָ אַזאַ גוטע װאַרעניע. פֿון פֿערשקעס.

(סאָף קומט)

יאָסיף גרעדינגער

זיכרוינעס פון אן אויסשפּירער

1

אין יון 1928 האָב איך זיך אומגעקערט פון פּאַלעסטינע אין מײַן היימשטאָט גאַראָדענקאָ, סטאַניסלאַווסקער וואָיעוואָדסטווע (פּוילן). זײַענדיק נאָך א דערוואַקסלינג, בין איך אין מײַ 1919 אוועקגעפאָרן קיין עסטרײַך, ווו איך בין געווען א לערן־ייִנגל בא אן עלעקטריקער און זיך געלערנט אין א טעכניקום. זומערצײַט 1924 האָב איך איבערגעוואַנדערט קיין פּאַלעסטינע, אין דער שטאָט כײַפע. דאָרט האָב איך זיך אײַנגעאָרדנט אלס עלעקטריקער, געאַרבעט אף קליינע פּריוואַטע אונטערנעמונגען, שפּעטער בין איך אויסגעוויילט געוואָרן אלס מיטגליד פונעם פּראָפאַריינען־ראַט פון עלעקטריקער. אין 1926 האָב איך זיך אָנגעשלאָסן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע, וועלכע האָט זיך געפונען אין אונטערערד און אירע מיטגלידער האָט פאַרפאָלגט די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט. סאָף 1927 בין איך פאַרשלאָפּט געוואָרן אף טראָפּישער מאַליאַריע, פון וועלכער איך בין זייער פיזיש אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און לויט דער באַקאָשע פון די עלטערן, האָב איך זיך אומגעקערט אין פּוילן.

אין לוואָוו האָב איך זיך געטראָפן מיט א באַקאַנטן מיטן נאָמען מיזעס קאַזימיר, וועלכער איז פריער אויך געווען אין כײַפע. מיזעס האָט דערציילט, אז אין פּוילן פאַרפאָלגט זייער די פּאָליציי קאָמוניסטן, און די אַרבעט, וועלכע מע וויל מיר באַופטראָגן, איז נאָך מער געפערלעכער, איידער אין פּאַלעסטינע. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין זאַמלען פאַרשיידענע פּאָליטישע און אַנדערע אינפאָרמאַציע, וואָס טראָגט אן אויסשפּיר־כאַראַקטער, און זי איז זייער וויכטיק פאַר פּססר. ער האָט מיך געוואָרנט, אז אויב איך וועל דורכפאַלן, וואַרט אף מיר א מיליטערישער געריכט. ווײַטער האָט ער דערציילט, אז ס'וועט אויסקומען זיך טרעפן מיט מענטשן, וועלכע פאַרנעמען וויכטיקע פּאָסטנס, און פאַר געלט פאַרקויפן זיי מעלוכישע סוידעס. ער האָט באַופטראָגט די דאָזיקע אַרבעט מיר, ווײַל ער אַליין האָט מיט דעם זיך ניט געקאָנט פאַרנעמען — ער איז באַקאַנט געווען דער פּאָליציי נאָך פון דראָהאָביטש און באָריסלאָוו. איך האָב געגעבן מײַן האַסקאָמע, ווי אויך זיך געכאַסמעט וועגן ניט־אַרויסגעבן דעם סאָד.

מיזעס האָט מיך באַקאַנט מיטן אינזשעניר־עלעקטריקער סאַמויל האַפּפּינגער, וועלכער האָט ניט לאַנג צוריק פֿאַרענדיקט די לער אין דײַטשלאַנד. האַפּפּינגער האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין קורס פֿון אַלע נייטיקע איניאַנים, איז צוגעפֿאָרן מיט מיר קיין וואַרשע, דאַנציג, קעדיי מיך באַקאַנען מיט געהעריקע מענטשן. ער האָט מיך אויך געוואָרנט וועגן פֿאָרזיכטיקײַט. איך האָב געדאַרפֿט אויסמײַדן קאָנטאַקטן מיט קאָמוניסטן, זיך פֿאָרשטעלן פֿאַר אַ באַלעבעסל, פֿאָרפֿירן באַקאַנטשאַפֿט אין דער בורזשואַזער סוויווע.

אין וואַרשע האָבן מיר געהאַט אַן אייגענעם מענטשן — „בערג", וואָס האָט געוווינט אויף דער ליטעווסקי־גאַס, הויז נומ. 11. זײַן ווײַב איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי („פּפּס").

אַגעוו, ביז דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז אַ מיטגליד פֿון פּפּס געווען אויך פּילסודסקי. שפּעטער איז ער אַריבער אין לאַגער פֿון דער פּוילישער בורזשואַזיע און נאָכן שליסן דעם בריסקער שאָלעם געוואָרן דער „העלד פֿון פּוילן". ער איז געוואָרן קריגס־מיניסטער און האָט אָרגאַניזירט די רעגירונגס־פּאַרטיי „סאַנאַציאַ". זייער אַ סאַך מיטגלידער פֿון דער פּפּס זײַנען אַריבער אין בורזשואַזע פּאַרטייען און באַקומען הויכע פּאָסטנס אין פֿאַרשיידענע מעלוכישע אַמטן. אַ טייל מיטגלידער פֿון פּפּס זײַנען אַרײַן אין דער קאָמפּאַרטיי פֿון פּוילן, אַ טייל פֿון זיי זײַנען געווען אין דער רויטער אַרמיי און געקעמפֿט קעגן פּריצישן פּוילן. אין טשעקאַ און אַגעפּעו זײַנען געווען ניט ווייניק פּאָליאַקן, באַזונדערס אינעם אויסלענדישן אָפּטייל.

בערג איז ניט געווען באַשאַנקען מיט פֿאַרשיידענע פּריווילעגיעס פֿון דער פּוילישער מעדינע, אָבער זײַנע באַקאַנטשאַפֿטן מיט געוויסע כאַווירים, וועלכע זײַנען געוואָרן מעלוכישע באַאַמטע, האָבן מיר אויסגעניצט, קעדיי זאַמלען געהיימע ידיעות. איך דאַרף מאַכן אַ באַוואָרעניש, אַז העיוס עס זײַנען פֿאַרבײַ אַ סאַך יאָרן זינט יענע געשעענישן, האָבן זייער פֿיל פֿאַמיליעס און פּאַרטיי־נעמען זיך ניט פֿאַרגעדענקט.

צווישן בערגס באַקאַנטע, וועלכע האָבן אונדז באַזאָרגט מיט אויסשפּיר־אינפֿאָרמאַציע, איז געווען אַ באַאַמטער פֿונעם אויסערן־מיניסטעריום, אַן אַנגעזעענער מיטגליד פֿון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, אַן אָפּיצער פֿון דער בײַגרענעץ־וואַך אינעם באַצירק מאָלאָדעטשנאָ. בערג האָט אָפֿט געמאַכט אַן אָב שטעל, אַז ער איז אַן אידייִשער קאָמוניסט, אָבער, אַרבעטנדיק מיט אים אין משך פֿון פֿיר יאָר, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז די באַציִונגען מיט אונדז האַלט ער אונטער בלויז צוליב געלט. ער האָט יעדן כוידעש באַקומען 100 דאָלאַר און 50 דאָלאַרן אויף הוצאָות. דאָס איז געווען אַ סאַך, ווײַל אַ דערפֿאַרענער אינזשעניר פֿלעגט פֿאַרדינען אין פּוילן 300 זלאָטעס, אָדער 34 דאָלאַר. בערג האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, ווו מיר וווינען, וועמען און מיט וואָס פֿאַר אַ מיטל גיבן מיר איבער די אינפֿאָרמאַציע, ער האָט אָבער געקענט די מענטשן אין פּססר, וועלכע האָבן באַקומען די מאַטעריאַלן.

אין אַן אָפּגערעדטער צײַט פֿלעג איך איין מאָל אין כוידעש קומען צו פֿאָרן, אַרײַנגיין אין אַ קראָם „עפּעס קויפֿן". זיך דערוווּסט, אַז אַלץ איז קעשורע, פֿלעג איך אַרײַנגיין אין צימער הינטער דער קראָם, וועלכער האָט געהאַט אַ באַזונדערן אַרײַנגאַנג דורכן הויף. אין דעם דאָזיקן צימער פֿלעג איך דורכקוקן אַלע מאַטעריאַלן, איבערגעבן בערגן געלט פֿאַר אים און פֿאַר זײַנע מענטשן, סאַכאַקל 400 דאָלאַר. זײַן כסימע־צעטל וועגן דעם באַקומענעם געלט פֿלעג איך אין גאַס צערײַסן — מע האָט אונדז געגלייבט.

בערגס ידיעות האָבן אַנטהאַלטן פֿאָלגנדיקע אינפֿאָרמאַציע: וועגן גרויסע כילוקי־דייעס צווישן פּילסודסקין און דעם סיים, וועגן דער איבערבאַוואָפֿענונג פֿון דער פּוילישער אַרמיי, וועגן די מיליטערישע ליפֿערונגען פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך פֿאַר איר, וועגן דער קאָאָרדינאַציע פֿון די פּלענער צווישן דעם פֿראַנצויזישן און פּוילישן גענעראַל־שטאַבן, וועגן פּילסודסקיס וויזיט אין עגיפּטן (קעדיי זיך טרעפֿן דאָרט מיטן מיליטערישן מיניסטער פֿון ענגלאַנד), וועגן דער טעטיקײַט פֿון דער פּוילישער פּאָליציי, וועגן די סימפּאַטיעס מיצאַד אייניקע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען אין פּוילן צום נאַציזם אאַ.

אַכוץ דעם דאָזיקן קוואַל פֿון אינפֿאָרמאַציע, האָט געאַרבעט אויף אונדז אין לוואָוו אַ געוויסער „זשעליזקאָ" (פּסעוודאָנים), וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פֿון צק פֿון דער בורזשואַזער אוקראַיִנישער פּאַרטיי „אונדאָ" (אוקראַיִנישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע). די דאָזיקע פּאַרטיי איז געווען פֿאַרבונדן מיט די אוקראַיִנישע ווײַסע עמיגראַנטן־פּעטליוראָווצעס. „זשעליזקאָ" האָט אָפֿט איבערגעגעבן מאַטעריאַלן וועגן די פּלענער און וועגן די אַנטיסאָוועטישע אַקציעס פֿון די אוקראַיִנישע ווײַסע עמיגראַנטן־נאַציאָנאַליסטן, וועגן די געהיימע באַשלוסן פֿון זײַן פּאַרטיי. אַנומלט האָט ער איבערגעגעבן אַ קאָפּיע פֿונעם פּראָיעקט פֿון אַן אָפּמאַך צווישן די פּעטליוראָווצעס און פּוילן, אין וועלכן די פּעטליוראָווצעס האָבן זיך פֿאַרפּליכטעט איבערצוגעבן פּוילן די מײַרעוו־אוקראַיִנישע בײַ־גרענעץ־געגנטן פֿאַר דער הילף, וועלכע פּוילן וועט אַרויסווײַזן אין דער באַפֿרײַונג פֿון דער סאָוועטישער אוקראַיִנע. „זשעליזקאָ" פֿלעג באַקומען פֿאַר זײַן אַרבעט 100 דאָלאַר אַ כוידעש.

„זשעליזקאָ" האָט אויך ניט געוווּסט אונדזערע נעמען און פֿאַמיליעס, ווי אויך אונדזער וווינאָרט.

ווען איך האָב געבראַכט די דאָזיקע מאַטעריאַלן דעם פּרײַנט מײַנעם סאַמויִל האָפּפֿינגערן (פּאַרטיי־נאָמען „מאַלך", מײַנער איז געווען „נויער"), האָבן מיר צוזאַמען באַטראַכט זייער ווערט, נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַ פֿאָטאָקאָפּיע, וועלכע מיר האָבן אַרײַנגעלייגט אין אַ מיניאַטיור־קעסטעלע און אײַנגעפּאַסט אין טואַלעט־זײַף. איך פֿלעג אָפּפֿירן די פֿאָטאָקאָפּיעס דורך וואַרשע קיין דאַנציג אויף אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, איבערגעבנדיק זיי דעם קוריער פֿון בערלין, וועלכער פֿלעג מיר פֿון זײַן זײַט אויסצאָלן פֿון 800 ביז 1000 דאָלאַר.

דער קוריער איז געווען אַ יונג סאָוועטיש מיידל פֿון אַ יאָר 22—23, אָנגערופֿן האָט זי זיך אַניע (דאָס איז אָבער ניט פּינקטלעך). זי האָט גערעדט אויף דײַטש מיט אַ רוסישן אַקצענט.

פֿאַר אַ קעסיידערדיקער פֿאַרבינדונג האָט אונדז אין דאַנציג געדינט די קוואַרטיר פֿון אַ געוויסן סטודענט פֿון אַ הויכשול, אַן אָפּשטאַמיקן פֿון רוסלאַנד. קומענדיק אַהין צו פֿאָרן, פֿלעג איך שטענדיק זיך אָפּשטעלן אין אַ האָטעל, און בײַ אַ טרעפֿונג מיט אַניען האָבן מיר טאָמיד אַרויסבאַגלייט דעם דאָזיקן סטודענט, קיינמאָל ניט אינפֿאָרמירנדיק אים וועגן אונדזערע איניאַנים. אַזוי ווי מיר האָבן בײַסן אויספֿילן אונדזער אַרבעט געדאַרפֿט זײַן אָפּוועזנד יעדן כוידעש אויף 5—6 טעג, האָבן מיר ניט געקאָנט זיך אײַנאָרדענען אויף שטענדיקער אַרבעט. קעדיי ניט אַרויסרופֿן קיין כשאַד, האָבן מיר באַשלאָסן מיט האָפּפֿינגערן צו עפֿענען אַ ניט־גרויסע עלעקטראָטעכנישע מאָנטאַזש־פֿירמע.

אונדזער פּלאַן האָט באַוויליקט דער צענטער און צוגעזאָגט אַן אָנפֿאַנג־פֿינאַנסירונג פֿון דער אונטערנעמונג. האָפּפֿינגער האָט געלעבט אין טרוסקאַוועץ, דראָהאָביטשער געגנט. זײַן פֿרוי האָט געהאַט אַ הויז און פֿאַרדונגען צימערן די קוראָרטניקעס, און ער האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט קליינע עלעקטראָמאָנטאַזש־אַרבעטן, וועלכע ס'האָט פֿאַקטיש אויסגעפֿילט זײַן ייִנגערער ברודער „מאַקס".

האַגאַם האָפּפֿינגער האָט פֿאַרענדיקט אין דײַטשלאַנד אַ הויכשול, האָט ער ניט געהאַט קיין פּראַקטישע דערפֿאַרונג, דעריבער האָב איך געמוזט נעמען אויף זיך די אָרגאַניזאַציע פֿון דער פֿירמע. אונדז איז געווען קלאָר, אַז די אונטערנעמונג דאַרף אַרבעטן לויט אַלע קלאָלים פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, ד״ה. זײַן רענטאַבל.

ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז אין סטאַניסלאַוו בויט מען אַ נײַע שטאָט־עלעקטראָסטאַנציע, און לויט דער דערעדטקײַט מיט האָפּפֿינגערן בין איך מיט אָט דער מיסיע אָפּגעפֿאָרן קיין סטאַניסלאַוו, וווּ עס האָבן געוווינט מײַנע קרויווים און באַקאַנטע. דאָ האָב איך גיך זיך איבערצײַגט, אַז אונדזער אונטערנעמונג קאָן מען גרינדן, און האָב אַרויסגערופֿן האָפּפֿינגערן, קעדיי ענדגילטיק לייזן די פֿראַגע. מיר האָבן באַזוכט די שטאָטישע עלעקטראָסטאַנציע, דעם מאַגיסטראַט און אונטערגעזוכט אַ באַקוועמע געבײַדע אין צענטער פֿון דער שטאָט, זי אַרענדירט אויף אַ יאָר צײַט. די קאָנצעסיע און די פֿירמע זײַנען פֿאַרעגיסטרירט געוואָרן אין דער וואָיעוואָדסטווע אונטערן נאָמען „וואַט". פֿאַר דעם אייגנטימער פֿון דער דאָזיקער אונטערנעמונג האָט זיך גערעכנט האָפּפֿינגער. איך בין באַשטימט געוואָרן פֿאַרן טעכנישן אָנפֿירער פֿון דער מאָנטאַזש־קאָנטאָר, ער האָט מיר איבערגעלאָזט די יורידישע באַפֿולמעכטיקונגען צו אויסשטאַטן און אָרגאַניזירן אַלע נייטיקע אַרבעטן און כעזשבוינעס, און אַליין איז ער אָוועקגעפֿאָרן קיין טרוסקאַוועץ.

מיר איז אויסגעקומען אָנצוקניפּן באַקאַנטשאַפֿט אין די קאָמערץ־קרײַזן. כ'האָב באַקומען אַן אײַנלאַדונג אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון עלעקטראָטעכניקער, אונטערנעמער פֿון דער שטאָט.

אָפֿט פֿלעג איך באַזוכן מײַנע עלטערן אין גאָראָדענקאַ. זיי זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַנציקט מיט מײַן מאַצעוו, וועלכן כ'האָב זיך אַזוי גיך דערשלאָגן אין פּויליק. מע דאַרף זאָגן, אַז איך בין טאָמיד געווען עלעגאַנט געקליידט, געהאַט גוטע מאַנירן, פֿלעג אוכאַזשעווען נאָך שיינע מיידלעך, האַגאַם כאַסענע האָבן האָב איך דערווײַל זיך ניט געקליבן.

פֿאַר דער עפֿענונג פֿון דער אונטערנעמונג איז געקומען צו פֿאָרן האָפּפֿינגער, באַשטעלט אַ רעקלאַמע. מיר האָבן זיך פֿאַרבונדן מיט עלעקטראָטעכנישע פֿירמעס און זאַוואָדן אין וואַרשע, קאָמפּלעקטירט אַ מאַגאַזין מיט אַלדאָס נייטיקע און אַ ביסל שפּעטער אָנגענומען אויף אַרבעט אַ סעקרעטאַר און אַ בוכהאַלטער.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז געקומען צו פֿאָרן מאַקס, האָפּפֿינגערס ייִנגערער ברודער. ער איז געווען אַן עלעקטראָמאָנטאַזשניק, נאָר מיט אַ שוואַכער קוואַליפֿיקאַציע, דעריבער פֿלעג ער אָפֿט בלײַבן אין קראָם צו באַדינען די קוינים. מאַקס האָפּפֿינגער איז פֿריִער געווען אַ מיטגליד פֿון דער מײַרעוו־אוקראַיִנישער קאָמפּאַרטיי, געאַרבעט אויף דעם נאַפֿט־געווערב אין באָריסלאַוו, געווען גוט באַקאַנט מיט גאָמולקען און גוט באַוווּסט דער פּוילישער פּאָליציי. מיר האָבן מאַקסן געוואָרנט, אַז, אַרבעטנדיק באַ אונדז, דאַרף ער זיך ניט פֿאַרנעמען מיט פּאַרטיי־איניאַנים, קעדיי ניט אַרויסרופֿן קיין כשאַד באַ דער פּאָליציי. ער האָט צוגעזאָגט אויספֿילן די פֿאָדערונג.

אין אונדזער אונטערנעמונג האָבן קעסיידער געאַרבעט דרײַ עלעקטראָמאָנטיאָרן און צוויי לערן־ייִנגלעך. איך האָב זיי גאַנץ אָפֿט געהאָלפֿן אין די עלעקטראָמאָנטאַזש־אַרבעטן, באַזונדערס אין קאָמפּליצירטע. אונדזער פֿירמע איז געווען אַ טיפּישע קליינע פּוילישע אונטערנעמונג וווּ אויף 6—7 אַרבעטער

זײַנען געװען צװײ אָנפֿירער, פֿונדעסטװעגן אָבער איז זי אײַנגיכן געװאָרן אַ רענטאַבעלע. לויט דער דערעדטקײַט האָב איך באַקומען 300 זלאָטעס. דער דאָזיקער געהאַלט איז געגאַן אַפּן כעזשבן פֿון דער אונטערנעמונג, בלויז די הויצאָעס אױף די רײַזעס קײן װאַרשע און דאַנציג זײַנען אָפּגעטראָגן געװאָרן אַפּן כעזשבן פֿון דער סאָװעטישער אױספֿירונג. בײַס האַפּפֿינגערס אָפּװעזנהײַט בין איך געשטאַנען בעראָש פֿון דער פֿירמע.

נאָך דעם, װי אונדזער אונטערנעמונג האָט אָנגעהויבן נאָרמאַל פֿונקציאָנירן, האָבן מיר זיך אַלץ מער זיכער געפֿילט אין דער אױסשפּיר־אַרבעט, האַטאָם מיר זײַנען טאָמיד געװען זײער פּאָרזיכטיק. מײַנע רײַזעס קײן װאַרשע און דאַנציג זײַנען איצט דערקלערט געװאָרן אַלס קאָמערץ־נויטװענדיקײַט. קומענדיק קײן װאַרשע, האָב איך אין דער ערשטער רײ באַזוכט עלעקטראָטעכנישע זאַװאָדן, װאַרשטאַטן, האַנדלס־פֿירמעס, געמאַכט אײניקע באַשטעלונגען און קעסיידער געקויפֿט אַ װעלכן־ניט־איז עלעקטראָ־אַפּאַראַט, קעדײ באַהאַלטן אין אים די אױסשפּיר־מאַטעריאַלן, װעלכע איך פֿלעג באַקומען אין װאַרשע. נאָך דעם פֿלעג איך אַרײַנגײן צו בערגן, קעדײ צו באַקומען בײַ אים נײַע מאַטעריאַלן.

אין מײַנע רײַזעס מיטן שנעלצוג לוואָוו—װאַרשע, װאַרשע—דאַנציג זײַנען אָפֿטע מיטפֿאָרער געװען אָפֿיצערן פֿון דער פּוילישער אַרמײ. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די אָפֿיצערן זײַנען געװען גאַנץ באַרײדעװודיק און פֿלעגן אָפֿט דערציילן דאָס, װאָס זײ האָבן, לויט זײער לאַגע, געדאַרפֿט פֿאַרשװײַגן. כ'האָב זיך אױסגעלערנט דערקענען אין זײ לויט דער אופֿירונג און שמועסן פּראָפֿעסיאָנעלע שפּיקן און װיאַזוי פֿון זײ פֿאַטער װערן.

אין 1931 האָב איך זיך באַקאַנט אין סטאַניסלאַװ מיט אַ יונג מײדל, די עלטערן זײַנען בײַ איר געשטאָרבן. זי איז געװען גוט דערצויגן, לויטן פֿאַך אַ פּושנײַדערן. מיר האָבן כאַסענע געהאַט. זי האָט, פֿאַרשטײט זיך, ניט געװוּסט, אַז, כוץ עלעקטראָטעכניק, פֿאַרנעם איך זיך מיט אױסשפּירונג. האַגאַם זי האָט געװוּסט, אַז איך בין לינק געשטימט, אָבער װיבאַלד מיט די קאָמוניסטן טרעף איך זיך ניט, האָט עס איר ניט געשטערט.

מײַנע רײַזעס האָבן ניט געקאָנט קײן שײַכעס צו די קאָמערץ־געשעפֿטן פֿון אונדזער קלײנינקער פֿירמע, און דאָס האָט זיך געגומען װאָרפֿן אין די אױגן. אין 1932 האָבן מיר באַמערקט, אַז מע האָט אָנגעהויבן נאָכשפּירן נאָך אונדז. װעגן דעם האָבן מיר מיטגעטײלט אין צענטער. מע האָט אונדז געײצעט צו געפֿינען אַפּן אָרט זיכערע מענטשן, װעלכע מע קאָן פֿולקום גלייבן, אַרײַנפֿירן אין קורס פֿון אונדזערע איניאָנים און דערנאָך אױעקפֿאָרן מיט די מישפּאָכעס אין פּססר. סאַמויל האַפּפֿינגער האָט געזאָגט, אַז זײַן שװעסטער־קינד אָסקאַר האָט ניט לאַנג צוריק זיך אומגעקערט פֿון בערלין, װו ער האָט פֿאַרענדיקט אַן עלעקטראָטעכנישן אינסטיטוט. סאַמויל האָט זיך אַן אײצע געהאַלטן װעגן דעם ברודערס קאַנדידאַטור אַפּן פּאָסטן פֿונעם אָנפֿירער פֿון דער גרופּע. איך האָב געענטפֿערט, אַז דאָס דאַרף ער װיסן בעסער, װײַל ס'איז זײַן נאָענטער קאָרעװ און זײ קענען גוט אײנער דעם אַנדערן.

שױן אינדרײַען האָבן מיר באַטראַכט, װיאַזוי איבערגעבן אונדזערע פֿאַרבינדונגען אָסקאַרן און ליקװידירן די פֿירמע „װאַט" אין סטאַניסלאַװ. מיר האָבן זיך צונויפֿגערעדט, אַז סאַמויל מיטן װײַב און מיט דער טאָכטער פֿאָרן טײקעף אַרויס קײן פּראַג, און איך דאַרף אױעקפֿאָרן קײן דאַנציג, מיטנעמענדיק מיט זיך אָסקאַרן. איך גיב אים איבער אױך די פֿאַרבינדונגען מיט אונדזערע אַגענטן אין לוואָװ, װאַרשע. אױף צו ליקװידירן די פֿירמע „װאַט" האָבן מיר איבערגעלאָזט מאַקס האַפּפֿינגערן, װעלכער האָט בעטאָך ניט אָנטײלגענומען אין אונדזער אױסשפּיר־אַרבעט. מיר האָבן אים איבערגעלאָזט פֿולמאַכטן אױף צו צערעכענען זיך מיט די דעביטאָרן און קרעדיטאָרן, און נאָך דעם האָט סאַמויל מיטן װײַב אױך געדאַרפֿט אַרויספֿאָרן קײן פּראַג, װו עס האָט געװאַרט אױף אים זײַן ברודער.

פֿאַרן אָפּפֿאָרן קײן דאַנציג האָב איך געמוזט דערציילן דעם װײַב װעגן מײַן אַרבעט אין דער אױסשפּירונג, װי אױך װעגן דעם, אַז מיך דראָט אַ טױט־געפֿאַר, אױב איך װעל ניט אױעקפֿאָרן אין סאָװעטנפֿאַרבאַנד, זי האָט מיר פֿאַרגעלײגט זיך באַװעצן אין פּאַריז, װו עס האָבן געװוינט אירע צװײ ברידער, זײ װאָלטן געקאָנט מיר העלפֿן זיך אײַנאָרדענען. אין סאָװעטנפֿאַרבאַנד איז דאַן געגאַנגען די קאָלעקטיװיזאַציע און אין די צײַטונגען האָט מען געשריבן װעגן דער זײער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע פֿון די מענטשן אינעם לאַנד. פֿונדעסטװעגן האָב איך אָפּגעװאָרפֿן איר פֿאָרשלאָג און זי איז ענדלעך מאַסקים געװען מיט מיר. איך בין אױעקגעפֿאָרן, און דאָס װײַב איז צײַטװײַליק איבערגעבליבן, קעדײ אױספֿאַרקױפֿן אונדזער פֿאַרמעגן. אין אַ טעג צען אַרום נאָך מײַן אָפּפֿאָר האָט די סטאַניסלאַװער פּאָליצײ געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין דער דירע, װי אױך אין דער דירע פֿון מײַן װײַבס שװעסטער.

לױט די אָנװײַזונגען, האָב איך אין דאַנציג זיך געװענדט אין דער סאָװעטישער אַמבאַסאַדע, געשמועסט מיטן ערשטן סעקרעטאַר, אים דערציילט עפּעס־װאָס װעגן אונדזער אַרבעט, געפֿרעגט װעגן די אינסטרוקציעס פֿון מאָסקװע. צװערשט האָט דער סעקרעטאַר זיך באַצױגן מיט כשאַד, פֿונדעסטװעגן אָבער האָט ער מיר געגלײבט און געײצעט דינגען אַ צימער אינעם בורזשואַזן קװאַרטאַל

און איין מאָל איז וואָך קומען אַהער. איין צוויי וואָכן אַרום האָט מען מיר צו וויסן געגעבן, אַז ס'איז פאַראַן אַן אָנווייַזונג, מיר זאָלן מיטן ווייַב זיך באַזעצן אין פּסכּר. ס'איז מיר אויסגעקומען צו וואַרטן נאָך אַ כוידעש, ביז וואַנען ס'איז געקומען צו פאָרן מיין פרוי.

מייַן באַלעבאָסטע איז געווען אַ פאַרביסענע נאַציסטקע. אין די שמועסן מיט מיר האָט זי זייער געלויבט די פאַשיסטישע אידעאָלאָגיע. שטרייַטן מיט איר האָב איך ניט געטאָרט, איך האָב איר בלויז געזאָגט, אַז איך האַלט זיך מער בײַ ליבעראַלע אָנשויונגען. ווען ס'איז געקומען מייַן פרוי, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט געבראַכט מיט זיך דעם אַלטן טעסטאַמענט אויף לאַשנקוידעש, וועלכן איך האָב באַהערשט פולקום. איך האָב געזאָגט דעם ווייַב, אַז העיויס מיר זייַנען אַטעיִסטן, האָט ניט קיין זין צו פירן די ביבל אין פּסכּר, מיר האָבן זי איינגעפּאַקעוועט און איבערגעלאָזט אונטערן קישן, דער באַלעבאָסטע אַלס מאַטאָנע, זי זאָל וויסן, אַז בײַ איר אין צימער זייַנען איינגעשטאַנען ייִדן, וועלכע זי האָט געהאַסט...

צוזאַמען מיט דער פרוי האָבן מיר באַזוכט די אַמבאַסאַדע, וווּ מע האָט אונדז אינגיכן אַרויסגעגעבן פּאַספּאָרטן און געייצעט, מיר זאָלן ביז דער שטאָט עלבינגאָ פאָרן מיטן אויטאָבוס, קעדיי אויסמייַדן דעם פּוילישן קאָרידאָר. פאַרן אָפּפאָרן האָט אונדז אופגענומען דער אַמבאַסאַדאָר. דער סעקרעטאַר האָט מיר געגעבן דעם טעלעפאָן־נומער פון אַגעפּעו אין מאָסקווע, וווּהין איך דאַרף זיך ווענדן, קעדיי מע זאָל וועגן אונדז זאָרגן.

2

ווען מיר זייַנען געקומען קיין מאָסקווע, האָב איך אָנגעקלונגען לויטן פאַרשריבענעם נומער. ס'איז געקומען אַ מיטאַרבעטער פון אַגעפּעו, וועלכער האָט אונדז אָפּגעפירט אין האָטעל פאַר אויסלענדישע טוריסטן, וווּ מיר האָבן אָפּגעלעבט בײַ צוויי כאָדאָשים. עס האָט זיך באַגעגנט מיט מיר דער שעף פונעם פּוילישן סובאָפּטייל פון אַגעפּעו (אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, איז זייַן פאַמיליע בזשעזשאַוסקי), וועמען איך האָב אויספירלעך דערציילט וועגן אונדזער אַרבעט. ער האָט געזאָגט, אַז אינגיכן וועט ער מיך איינאָרדענען אויף אַרבעט לויטן פאַך און געוואָרנט, אַז אין אַ שטיקל צייַט אַרום קאָן מען מיך, מעגלעך, שיקן אויף אויסשפּירונג אין אַ מייַרעוו־אייראָפּעיִש לאַנד.

אין מאָסקווע האָט מען אונדז אין אויסערן־אָפּטייל פון אַגעפּעו אַרויסגעגעבן עסטרייַכישע פּאַסן און געהייסן לויט זיי זיך אופירן. אונדז איז דאָס ניט געווען שווער, ווייַל מיר זייַנען פריִער געווען עסטרייַכישע אונטערטאַנער. כוץ דעם, האָב איך געלעבט אין ווין בײַ זעקס יאָר, געקענט אידעאַל די דייַטשישע שפּראַך.

צוערשט האָט מען מיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין „מאָסעלעקטראָמאָנטאַזש", דערנאָך געשיקט אין סטאַלינאָגאָרסק (איצט נאָוואָמאָסקאָווסק), טולער געגנט. דאָרט האָב איך גענומען אַרבעטן אויפן כימקאָמבינאַט אַלס טעכניקער־עלעקטריקער. אַ ביסל שפּעטער זייַנען געקומען קיין סטאַלינאָגאָרסק סאַמויִל און מאַקס האָפּפינגער מיט די מישפּאָכעס. סאַמויִל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס אינזשעניר, און מאַקס — אַלס עלעקטראָמאָנטיאָר. אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָט זיך באַוויזן אין סטאַלינאָגאָרסק אָסקאַר האָפּפינגער, וועלכער איז געבליבן אין פּוילן צוליב אויסשפּיר־אַרבעט אויף אונדזער אָרט. קענטיק, אַז אינגיכן איז אים דאָרט געוואָרן „הייס", ווייַל אין דייַטשלאַנד איז געקומען צו דער מאַכט היטלער. אין אַ שטיקל צייַט אַרום האָט אָסקאַר אָנגעהויבן אוכאַזשעווען נאָך דעם ווייַב פון זייַן שוועסטערקינד. עס האָט אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל, און די אַגעפּעו האָט אים אַוועקגעשיקט קיין אוזבעקיסטאַן. מער האָב איך אים ניט געזען (ניט לאַנג צוריק האָט מייַן ערשטע פרוי, וועלכע וווינט אין פּאַריזש, מיטגעטיילט אין אַ בריוו, אַז אָסקאַר וווינט אין וואַרשע).

אינעם סטאַלינאָגאָרסקער כימקאָמבינאַט, וווּ איך האָב אָפּגעאַרבעט בײַ פינף יאָר, האָב איך אינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט פון אַן עלעקטראָטעכניקער, געווען אַפילע אַ סטאַכאַנאָוועץ.

מיר זייַנען געווען יונג, געהאַט אַ סאַך גוטע באַקאַנטע סיי אויסלענדער, סיי סאָוועטישע מענטשן, באַזונדערס זייַנען מיר געווען באַפרייַנדעט מיט די האָפּפינגערס, וועלכע האָבן געלעבט ניט ווייַט פון אונדז. אויפן זאַוואָד האָט מען זיך באַציִגן צו מיר גוט און אויפמערקזאַם. ווען ס'איז געבוירן געוואָרן בײַ אונדז אַ זון, האָט מען אונדז אויסגעטיילט אַ נייַע דירע. ווי דעם בעסטן סטאַכאַנאָוועץ האָט מען מיך פּרעמירט מיט אַ פּוטיאָווקע איבער דער וואָלגע — פון גאָרקי ביז אַסטראַכאַן. און אַזויווי איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פאָרן אַליין, האָט מען פאַר דעם ווייַב אויך געגעבן אַ פּוטיאָווקע, ביפראַט נאָך, אַז זי האָט אויך געאַרבעט אויפן כימקאָמבינאַט. נאָך דעם האָט מען מיך געשיקט אויף



יאָסיף גרעדינגער (רעכטס) מיט זײַן ווײַב דאָרע און דעם פֿרײַנט מאַקס האָפּינגער (1933 יאָר).

זעקסכאָדאָשימדיקע אָוונט־קורסן אױף צו העכערן די קוואַליפֿיקאַציע פֿון טעכניקער־עלעקטריקער. כ׳האָב באַקומען אַ גרויסע געלט־באַלוינונג פֿון דער ביוראָ פֿאַר ראַציאָנאַליזאַציע און דערפֿינדונגען פֿאַר דער פֿאַרבעסערונג פֿון אַ מאַכשיר.

ביכלאַל האָט אונדזער לעבן זיך סטאַביליזירט, ס׳זײַנען אויפֿגעקומען טרוימען וועגן דער צו־קונפֿט, ווײַל איך בין געווען זייער טרײַ דער סאָוועטנמאַכט און מיר איז געווען געפֿעלן מײַן אַרבעט אױפֿן כימקאָמבינאַט. ראַפּטום האָט אָבער זיך פֿאַרטאַרמאָזירט. מע האָט מיך איבערגעפֿירט אױף אַ צווייטראַנגיקער אַרבעט, אָפּגענומען די דורכלאָז־שײַן אין אַלע צעכן, אַכוץ איינעם. כ׳האָב זיך אַפֿילע פֿאַרלוירן, ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס ס׳איז געשען. כ׳האָב זיך געווענדט צום פּאַרטאָרג פֿונעם צעך, און ער האָט מיר דערקלערט: „אַרבעטנדיק בײַ אונדז אַרום פֿיר יאָר, האָט איר ביז אַהער ניט אָנגענומען אונדזער בירגערשאַפֿט, האַגאַם מיר טרויען אײַך אָן און באַציִען זיך אויפֿמערקזאַם צו אײַערע נויטן״. איך, פֿון מײַן זײַט, האָב אים דערקלערט, אַז מיר מיט דער פֿרוי האָבן באַקומען אין דער אַמבאַסאַדע פֿון פּססר אין דער שטאָט דאַנציג סאָוועטישע פּאַסן און געמיינט, אַז דאָס איז גענוג, קעדיי זיך רעכענען פֿאַר סאָוועטישע בירגער. אויב אָבער מע דאַרף, זײַנען מיר גרייט אָנשרײַבן מעלדונגען, און איך האָב געבעטן אים מיטשטימען וועגן דעם מיט דער ענקאַוועדע. אױפֿן אַנדערן טאָג האָב איך געבראַכט די מעלדונגען, געבעטן אַרויסגעבן כאַראַקטעריסטיקעס, צוגעלייגט זיי צו דער מעלדונג און אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע, דאָס איז געווען אומגעפֿער אין אָקטיאַבער 1936. נאָך דעם האָט מען מיר אומגעקערט די דורכלאָז־שײַן אין אַלע צעכן, ביכלאַל האָט זיך אַלץ גלײַך ווי נאָרמאַליזירט, און כ׳האָב געאַרבעט ווי פֿריִער, אין פֿולן צוטרוי. אָבער ביז מײַן אַרעסט דעם 16 מאַרט 1937 האָט מען מיר וועגן דער בירגערשאַפֿט גאָרניט מיטגעטיילט, און מיר האָבן אַזוי ווי פֿריִער געלעבט לויט די דאָקומענטן פֿון עסטרײַכישע אונטערטאַנען, וועלכע ס׳האָט אונדז אַרויסגע־געבן די געפּעו אין מאָסקווע.

שפּעטער, נאָכן אַרעסט, האָבן זיי זיך אַליין פֿאַרפּלאָנטערט און אונדז געהאַלטן פֿאַר עסטרײַ־כישע בירגער. נאָך פֿיל יאָרן פֿאַרשיקונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מע האָט מיר צוגעזייגט די בירגערשאַפֿט פֿון פּססר. איצט מיין איך, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב דעם, קעדיי מע זאָל קאָנען לײַכטער זיך צערעכענען מיט סאָוועטישע בירגער, איידער מיט אַן אויסלענדער.

אין אָנהייב 1937 זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן פֿיל אַרעסטן אױפֿן זאַוואָד, באַזונדערס צווישן דעם אינזשעניער־טעכנישן פּערסאָנאַל, עס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אויך גוטע באַקאַנטע, וועלכע איך האָב געהאַלטן פֿאַר לײַטישע מענטשן און ניט געקאָנט גלייבן אין זייער שולד, נאָר איך האָב, פֿאַר־שטייט זיך, געשוויגן. אין צעך זײַנען דורכגעגאַנגען שטורמישע פֿאַרזאַמלונגען, יעדן אַרעסטירטן האָט

מען געשטעמפּלט אַלס „סוינע פֿון פֿאָלק", עס האָבן קעסיידער געקלונגען האַרענונגען װעגן װאַכזאַמקײַט.

דעם 16 מאַרט 1937 האָט מיך דער שעף פֿון דער לאַבאָראַטאָריע געשיקט אױפֿן מיליטערישן זאַװאָד, איך זאָל רעגולירן די שוץ־מאַכשירים. איך האָב געבעטן מיך פֿאַרבײַטן, װײַל אַלע האַלטן מיך פֿאַר אַן אױסלענדער. אָבער דער שעף פֿונעם צעך איז באַשטאַנען אױף זײַנס: „איר װײסט אױסגעצײכנט, אַז מיר פֿאַרטרױען אײַך און ס'איז ניטאָ װאָס צו באַאומרויִקן זיך. נעמט אַ מאַשין מיט מאַכשירים און מענטשן און פֿילט אױס מײַן פֿאַראָרדענונג".

אין קאָנטאָר, איִסער די גרענעצן פֿונעם זאַװאָד, האָב איך זיך געװענדט צום דירעקטאָר: איבערגעגעבן די פֿאָדערונג און די אָנװײַזונג, נאָך דעם האָט מען אונדז אױסגעשריבן די שײַנען. דער שעף פֿונעם עלעקטראָ־צעך האָט באַװיזן די אָביעקטן, װעלכע די מאַכשירים האָבן געדאַרפֿט קאָנטראָלירן. ביז װאָס־װען איז אָנגעקומען דער איבערײַס אױף מיטיק. נאָכן אומקערן זיך פֿונעם עסצימער האָט אַ דעזשורנע עלעקטריקער מיר מיטגעטײלט, אַז עס רופֿט מיך דרינגלעך ארױס דער דירעקטאָר פֿונעם זאַװאָד.

דער דירעקטאָר האָט באַװיזן אױפֿן קאַבינעט און געזאָגט, אַז אױף מיר װאַרט דאָרט, װי ס'האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַ פֿאָרשטײער פֿון ענקאַװעדע. ער האָט מיר באַװיזן אַן אָרדער אױף אַרעסט מיט דער סאַנקציע פֿון דער מאָסקװער פּראָקוראַטור. געבעטן בײַ מיר די דאָקומענטן, געפֿרעגט, צי פֿאַרמאָג איך געװער, אונטערזוכט, געבראַכט מײַן פּאָרטפֿעל, דורכגעקוקט די פּאַפּירן — די אינסטרוקציעס און אָנצײַגערס װעגן מײַן אַרבעט. איך מײן, אַז מע האָט מיך ספּעציעל געשיקט אין אָט דעם טאָג אױפֿן זאַװאָד, ס'איז אַלץ פֿאַרפֿריִער פֿאַרפּלאַנירט געװאָרן מיט דער היגער ענקאַװעדע.

מע האָט מיך געבראַכט אַהײם. דאָרט האָט מען געפֿונען אַ פֿאַרשײדענע קאָרעספּאָנדענץ מיט די פֿרײַנט פֿון דער יוגנט, מיט די עלטערן און שװעסטער אין די פֿאַרײניקטע שטאַטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס, פֿאַרשײדענע ספּראַװקעס פֿון דער אַרבעט, דעם דיפּלאָם װעגן פֿאַרענדיקן די טעכנישע שול, — אַלץ, נאַטירלעך, אױף דער אױסלענדישער שפּראַך. זײ האָבן אַװעק זיך ניט פֿאַנאַנדערגעקליבן, אַלץ צוגענומען און געגעבן מיר אַ קװיטל. דאָס װײַב איז געװען זײער צערודערט, געקלאָגט און געװײנט, און איך האָב, װי װײַט מעגלעך, זי באַרויִקט. „צװײפֿל קײנמאָל ניט און גלײב ניט. איך בין אַבסאָליוט אין קײן זאַך ניט שולדיק, קײנמאָל האָב איך דער סאָװעטנמאַכט קײן שלעכטס ניט געטאָן. אין מאָסקװע װעט מען זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן און איך װעל אינגיכן זיך אומקערן", — אַזױ האָב איך גערעדט און בין געװען זיכער אין דעם אױף הונדערט פּראָצענט. װי ביטער איך בין זיך טועה געװען. מײַן װײַב און מײַן זון האָב איך שױן קײנמאָל מער ניט געזען...

אין דער קאַמער איז אַרײַנגעקומען אַ טוער פֿון ענקאַװעדע און געזאָגט, אַז אַ באַפֿעל װעגן מײַן אַרעסט איז אָנגעקומען פֿון מאָסקװע און זײ זײַנען אין דעם ניט שולדיק. שפּעט אין אָװנט האָט מען מיך אָפּגעפֿירט אױף דער סטאַנציע, אַרײַנגעזעצט אין אַן אַרעסטאַנטן־װאַגאָן פֿונעם פֿאַרנדיקן קײן מאָסקװע צוג. אָט אַזױ איז מיר צום ערשטן מאָל אױסגעקומען צונױפֿשטױסן זיך מיט דער װעלט פֿון קרימינעלע פֿאַרברעכערס, מיט הענטשקע־לאָשן. אין װאַגאָן זײַנען געװען סײַ מאַנצבלען, סײַ פֿרױען. זײ האָבן זיך אינטערעסירט, װאָס זשע האָב איך אַזױנס אָפּגעטאָן?

אינדערפֿרי, שױן אין מאָסקװע, האָט געװאַרט אױף מיר אַ מאַשין מיט אַ קאָנװאָי, אָפּגעפֿירט מיך אױף לוביאַנקע, אַרײַנגעזעצט אין אַן אײנצל־קאַמער. דאָ בין איך אָפּגעזעסן אַ מעסלעס, נאָכדעם האָט מען מיך אַריבערגעפֿירט אין אַן אַנדער קאַמער, װוּ עס זײַנען געזעסן 6—7 מענטשן, נאָרװאָס אַרעסטירטע. זײ האָבן אױך, פּונקט װי איך, ניט געקאָנט זיך אָנשטױסן װעגן דער סיבע פֿונעם אַרעסט. אַלע זײַנען געװען דערדריקט, קימאַט װעגן גאָרנישט ניט גערעדט, אָבער אין האַרצן האָט מיסטאָמע יעדערער געטראַכט, אַז דאָס אַלץ איז אַ שרעקלעכער כאָלעם, מע דאַרף בלױז זיך אױפֿכאַפּן און אַלץ װעט אַנטרינען.

אױפֿן דריטן טאָג פֿירט מען מיך װידער אַריבער אין אַן אַנדער קאַמער, אױפֿן צװײטן שטאָק. זי איז אַ רײנע, מיט אַ פֿאַרקעט־דיל, מיט בעטן און בעטגעװאַנט, דאָ זײַנען שױן געװען פֿיר מענטשן, װעלכע האָבן ביזן אַרעסט פֿאַרנומען הױכע פּאָסטנס: אַ דעקאַן פֿון אַן אײַזנבאַן־פֿאַקולטעט, אַ דירעקטאָר פֿון אַ גרױסן זאַװאָד אין מאָסקװע, נאָך אײן אָנפֿירער און אַפֿילע אַ סאָװעטישער אַמבאַסאַדאָר, דאַכט זיך, אין פּערסיע. זײ האָבן זיך אינטערעסירט, פֿאַרװאָס האָט מען מיך אײַנגעזעצט, און באַשלאָסן, אַז אױב איך בין אַן אױסלענדער, הײסט עס אַ „שפּיאָן", געפֿרעגט, אױף װאָס פֿאַר אַ לאַנד איך האָב געאַרבעט. זיך האָבן זײ געהאַלטן פֿאַר אומשולדיקע. פֿאַרשטײט זיך, אַז איך בין געװען אָפּגעשױפּט און געענטפֿערט זײ מיט דעם זעלבן. אַז זײ זײַנען קאָנטריקעס, און איך בין אומשולדיק און מע װעט מיך אָפּלאָזן. װי נאַיִװ איך בין געװען!

אין אַ טאָג־צװײ אַרום האָט מען מיך אַרױסגערופֿן צום אױספֿאָרשער. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אונטער דער פֿאַמיליע גאַלקין — עלטערער אױספֿאָרשער. ער האָט מיך גלײַך געװאָרנט: „לאָמיר זיך צונױפֿרעדן, װאָס איז װײַס — איז װײַס. און װאָס שװאַרץ — איז שװאַרץ". ער האָט פֿאַרשריבן

מײַנע ביאָגראַפישע אָנגאַבן און ווידער א וואָרענונג: „איך אײַצע אײַך גוט א טראַכט טאָן, פאַר וואָס מע האָט אײַך ארעסטירט. און סטאַרעט זיך ניט אָפּצולייקענען די פאַקטן, ווײַל אַלץ איז אומזיסט. מיר פאַרמאָגן פּינקטלעכע אָנגאַבן, אַז איר האָט געאַרבעט אין עטלעכע אויסשפּיױנגען". איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז א געמײן רעכילעס, און אויסטראַכטעניש און אַזעלכע דערווײַזן קאָנען ניט זײַן.

אפן אנדערן טאָג האָט מען מיך ווידער אַרויסגערופן. מע האָט מיר געמאָלדן: „איר האָט געאַר־בעט אין דער פּוילישער אָכראַנקע. די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אײַך באַגעגנט אין מאָסקווע (זיי האָבן געאַרבעט אינעם אויסלענדישן אָפּטייל פון אָגעפּעו), זײַנען שוין פון לאַנג ארעסטירט. זיי טאַקע האָבן איבערגעצויגן אײַער גרופּע אין סאָוועטנפאַרבאַנד. צווייפלהאַפט איז די וואָרהאַפטיקייט פון אײַער אינפאָרמאַציע. אײַערע פרײַנט — די האָפּפינגערס — זײַנען אויך ארעסטירט". איך האָב דער־ווידערט און געזאָגט, אַז איך האָב זיך געטראָפן סאַכאַקל מיט צוויי פּאָליאַקן פונעם אויסלענדישן אָפּטייל פון אָגעפּעו, די איבעריקע זײַנען געווען רוסן. די ידיעס, וועלכע מיר האָבן איבערגעגעבן, זײַנען קאָנטראָלירט געוואָרן און אייניקע האָט מען שפּעטער אפילע פּובליקירט אין די צײַטונגען, ווי א סענסאַציע, און איך האַלט, אַז ער איז אין די דאָזיקע פראַגן ניט קאָמפּעטענט.

נאָך אין א טאָג אַרום האָט דער אויספאָרשער מיר איבערגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל פונעם פאַרהער פון מאַריען, וועלכע האָט געאַרבעט אין סטאַלינאָגאָרסק אַלס איבערזעצערן. זי האָט באַוויזן, אַז געזען האָט זי מיך אין 1930 אין דער געבײַדע פונעם פּאָליציי־פּרעזידיום אין בערלין, און אַז מײַנע פרײַנט — די האָפּפינגערס — האָבן פון לאַנג אנערקענט זייער שולד. דורך דער וואַנט האָט זיך געהערט א שרעקלעכער געשריי פון א פרוי. איך האָב א טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז געווען מאַריע, דאָס קאָל איז געווען ענלעך אױף אירן. מע האָט זי, ווײַזט אויס, געשלאָגן.

איך האָב געענטפערט דעם אויספאָרשער: „און אויב זי וועט זאָגן, אַז זי האָט מיך געזען אפן מאַרס, וועט איר אין דעם אויך גלייבן?"

נאָך דעם האָט מען געלאָזט אין גאַנג דעם „קאָנווייער", דה. 15 טעג ניט געלאָזט שלאָפן, אָנגעשלאָסן נאָך צוויי אויספאָרשערס. צוויי טורמע־אויפזעער האָבן מיך געפירט עסן, און ווידער צום אויספאָרשער. איך בין געשלאָפן סײַ גייענדיק, סײַ זיצנדיק אפן בענקל, געוועקט האָבן מיך גאַלקינס געהילפן, געפאָדערט אונטערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל פון זייער אויסטראַכטעניש, איך זאָל דערציילן וועגן מײַן אנטיסאָוועטישער טעטיקײַט און איבערגעכאַזערט, ווי אן אויטאָמאַט, איינס און דאָס זעלבע. גאַלקין האָט מיך אױף קאָלערליי אויפנים אײַנגערעדט, אַז דאָס איז דער איינציקער שאַנס צו בלײַבן לעבן און אויב איך וועל זיך אָפּזאָגן, וועט מען מיך דערשיסן. ער האָט גענוי דערציילט, וויאַזוי דאָס ווערט געטאָן. נאָכדעם האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז געקומען מײַן פרוי און בעט א באַזוך. מע וועט איר דערלויבן בלויז דעמלט, ווען איך וועל אונטערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל. איך האָב אים געענט־פערט, אַז אױף דער פּלאַנעטע קומען אום זייער א סאַך אומשולדיקע מענטשן, לעמאָשל, יענע, וואָס זײַנען געפאַלן פרײַוויליק קעמפן קעגן פראַנקאָ אין שפּאַניע. און דעם פּראָטאָקאָל־פאַנטאַזיע וועל איך סײַ־ווי־סײַ ניט אונטערשרײַבן, זאָל מען מיך כאָטש צעשיסן...

ערגעץ איז אין דער זעלבער צײַט ארעסטירט געוואָרן דער באַרימטער אינזשעניער געסמאַן, א דײַטש לויט דער נאַציאָנאַליטעט, מײַן באַקאַנטער. בעת זיי זײַנען, זעט אויס, ניט געווען קיין פאַקטישע אָנגאַבן, קעדיי אים פאַרמישפּעטן אפן, האָט מען מיך געפרוווט צווינגען, איך זאָל געבן קעגן אים באַווײַזן. אפן אנדערן טאָג האָט מען מיך שוין געבראַכט צו פירן צום שטאָף פונעם פאַרשאָפּטייל, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט: „מיר זײַנען מיט אײַך אַלטע, דערפאַרענע אויסשפּיאָנער, און העיויס איר זײַט שוין אַרײַנגעפאַלן אהער און ווילט בלײַבן געזונט און שטאַרק, איז פאַראַן בלויז איין מיטל צו גיין מיט אונדז ביזן סאָף און טאָן אַלץ, וועגן וואָס מע בעט אײַך: אונטערשרײַבן דעם פּראָטאָקאָל פונעם פאַרהער, געבן באַווײַזן קעגן געסמאַנען און באַשטעטיקן דאָס בייס דער טרעפונג אויג אױף אויג". איך האָב איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געזאָגט גאַלקינען. און נאָך האָב איך געזאָגט: „איר וועט פון מיר ניט מאַכן קיין וואַן דער ליובע" (א פּיקטיווער איידעס בייסן אונטערצינדן דעם רייכסטאַג, וועלכער האָט אָנגעוויזן אױף דימיטראָוון און אױף אַנדערע קאָמוניסטן). אױף דעם האָט ער מיר שאַרף געענטפערט, אַז איך וועל נאָך וועגן דעם כאַראָטע האָבן, אויב איך וועל בלײַבן לעבן. און צווישן אַנדערס צוגעגעבן, אַז זיי פאַרמאָגן ידיעס, אַז ווען איך בין געווען אין פּאַלעסטינע, האָב איך געדינט אין דער ענגלישער אויסשפּיונג באַם באַוווּסטן פּאָלקאָווניק לאָ־רענץ. „דאָס איז אן אָרדנטלעכער ליגן", — האָב איך אים געענטפערט. זײַן בוך „דער ניט־געקרוינטער קיניג פונעם מידבער" האָב איך געלייענט. אָפּעריִרט האָט ער נאָך ביז דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווען איך בין אַלט געווען 13 — 14 יאָר, און אין פּאַלעסטינע בין איך געווען פונעם 1924 ביזן 1928 יאָר, ווען ער איז שוין אױף דער וועלט ניט געווען.

שפּעטער האָט מען מיך איבערגעפירט אין דער בוטירסקער טורמע. די קאַמער, ווו עס האָבן געדאַרפט זיצן 20 מענטשן, איז געווען אָנגעפּאַקט ביז לעצט. ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, שמוץ.

געפינענדיק זיך דא, האב איך געטראכט, אז אף מיר קוקט מען שוין, ווי אף א צווייטראנגיקן סוביעקט. אין דער קאמער זײַנען געזעסן בלויז פאליטישע, אייניקע אפילע האבן געלייענט לעקציעס וועגן ליטעראטור, געווען זײַנען געאלאגן, ארכיטעקטארן, פראפעסארן. אין א טאג צען ארום האט מען מיך ארויסגערופן אף א פארהער. אן אנדערער אויספארשער, אבער די פראגעס — אלטע, ס'איז מיר אף אזויפיל אלץ שוין דערעסן געווארן, אז איך האב געזאגט, אויב ער וועט פינקטלעך פאר־שרײַבן אין פראטאקאל מײַנע ענטפערס, וועל איך אים אונטערשרײַבן. ער איז מאסקים געווען און ביכלאל ניט געשטרײַט מיט מיר, ער האט בלויז באמערקט, אז אומזיסט האט ער געפאטערט אף מיר צײַט. צולעצט האב איך אים געזאגט, אז ארבעטנדיק אין דער סאוועטישער אויספשפירונג, האב איך 4 יאר ניט איין מאל ריזיקירט מיטן לעבן, און פאדער, מע זאל מיך באפרײַען. „איך לייז גארניט, אלץ באשליסט דער געריכט", — איז געווען זײַן ענטפער.

אייניקע מענטשן, וועלכע האבן זיך געפונען אונטער דער אויספארשונג, האט מען געשלאגן בײַס די פארהערן, מיך אבער האבן זיי ניט געטשעפעט, מיסטאמע דערפאר, ווײַל מע האט מיך גע־האלטן פאר אן אויסלענדער. נאכן אונטערשרײַבן דעם פראטאקאל האב איך זייער געהאפט, אז מע וועט מיך באפרײַען, ווײַל מײַן געוויסן איז געווען ריין. אין עטלעכע טעג ארום האט מען מיר גע־מאלדן, אז לויטן באשלוס פון דער באזונדערער בארעטונג אין מאסקווע האט מען מיר באשטימט פאר שפיאנישער טעטיקײַט 5 יאר טורמע. פאר מיר איז עס געווען אזוי אומגעריכט, ווײַל איך האב פונדעסטוועגן געהאפט, אז די גערעכטיקײַט וועט טריומפירן, און אזא פינאל, איבערגעלעבט האב איך שרעקלעך, ניט געקאנט שלאפן, ס'איז פארפאלן געווארן דער אפעטיט, און ביכלאל איז שווער איבערגעבן אף פאפיר דאס אלץ, וואס ס'איז מיר אויסגעקומען איבערלעבן.

מע האט מיך גלײַך אריבערגעפירט אין אן אנדער קאמער, שוין פאר די פארמישפטטע. ס'האט זיך אנגעהויבן דער צווייטער טור פונעם שיווע מדורי גהענעם. דא האב איך זיך געטראפן מיט סאמויל האפפינגערן. בא אים איז אויך פארגעקומען פונקט אזוי, ווי בא מיר, בלויז מיט אייניקע ניואנסן. ער האט אויך באקומען 5 יאר לאגער, אינגיכן האט מען אונדז צעשיידט.

3

מיך האט מען אפגעשיקט מיטן עטאפ קיין וואלאגדע, אין דער געוועזענער צארישער טורמע, דארט האט מען געבויט א נײַעם קארפוס, דער רעזשים איז געווען זייער א שטרענגער, די אופזעער האבן אפט זיך איזדיעקעוועט איבער די אסירים. קימאט יעדן כוידעש פלעגט מען מיך ארײַנווארפן אף 3 — 5 טעג אין קארצער. און דאס האט באטײַט 400 גראם ברויט און וואסער, עס זײַנען געווען אויך אנדערע שטראף. דער אופזעער האט דערזען, לעמאשל, אז פון מײַן היטל זײַנען אראפגעהאנגען כײַוועלעך, האב איך זיי אפגעריסן. דערפאר האב איך באקומען דרײַ מעסלעס קארצער פאר קאליע מאכן מעלוכישן פארמעגן. ביכלאל האבן די טורמע־אופזעער געזוכט די גאנצע צײַט, ווי איך האב באמערקט, א סיבע פאר באשטראפן, ניט אלע, פארשטייט זיך, זײַנען געווען אזעלכע, אבער די מערהײַט. די ארעסטירטע האט מען גערופן לויט די נומערן, בא מיר איז געווען דער נומער 334. אנגעטאן בין איך געווען אין א ספעציעלער טורמע־פארמע פון טונקעלן שטאף, מיט א צוגענייטער ברוינער לאטע, גיין איבער דער קאמער האט מען דערלויבט אין די שקארפעטקעס אדער בארוועס. איין מאל אין וואך פלעג קומען דער דאקטער. באגלייט האט אים דער טורמע־אופזעער. ריידן מיטן דאקטער איז געווען פארבאטן, בלויז ענטפערן אף זײַנע פראגעס, וואס עס טוט ווײ. ס'האבן אונדז פארמוטשעט די וואנצן.

אין קאמער זײַנען מיר געווען 5—6 מענטשן, א גאנצער אינטערנאציאנאל, ס'זײַנען געווען א גרוזינער — א מיטגליד פונעם טביליסער שטאטקאם פון קאמיוג, אן אלטער ארמענער — א געוועזע־נער דאשנאק, וועלכער איז פיל מאל געזעסן אין פארשיידענע טורמעס, א געוועזענער ערשטער סעק־רעטאר פונעם געגנטקאם פון דער פארטיי פון אוקראינע (איך געדענק ניט, פון וועלכער געגנט), א יונגער קאמוניסט־אײַזנבאנער פון ווײַסרוסלאנד. ווען־ניט־וועו פלעגט מען ברענגען ביכער, ארטיקע צײַטונגען. צומאל האט מען אונדז געפירט אף א מינוט 10—15 אף א שפאציר איבער ניט קיין גרויסן פלאץ מיט א הויכן פארקן. בײַס א שטראף האט מען אפגענומען דעם שפאציר און די ביכער.

אן ערעך אין א יאר ארום האט מען מיך איבערגעפירט פון וואלאגדע אין סאלאווקי, אין א פארמאכטער טורמע מיט דעם זעלבן רעזשים, ווי אין וואלאגדע. צוערשט האט מען מיך ארײַנגעזעצט אינעם צענטראלן מאנאסטיר אפן ברעג פונעם יאם, און אין א שטיקל צײַט ארום — אין א ניט־גרויסן מאנאסטיר אין צענטער פונעם אינדזל. אין אט דער טורמע האב איך זיך ווידער געטראפן מיט מײַן

פרײַנט סאמויל האָפּפינגער. מיר ביידע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, אָבער ניט אויף לאַנג, ווײַל אין 15 טעג אַרום האָט מען אים איבערגעפירט אין אַן אַנדער קאַמער, און ערשט האָט עמעצער אויף אים געמסרט, אַז ס'האָבן זיך באַגעגנט פרײַנט.

אין דער קאַמער זײַנען מיר געזעסן פיר מענטשן: אַן אינזשעניר פון דער שווייץ קעלער, אַן אינזשעניר פון דײַטשלאַנד — א דײַטש, א דירעקטאָר פון א מעטאַלורגישן זאַוואָד — א רוס און איך. קעלער איז געווען א פירנדיקער אינזשעניר אין דער פירמע „זולצער", וועלכע האָט געליפערט אין סאָוועטנפאַרבאַנד דיזעל־מאָטאָרן פאַר אונטערוואַסער־שיפן, ווען אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מען געהאַט פּרעטענזיעס צו דער פירמע, אַז די דיזעל־מאָטאָרן זײַנען געמאַכט מיט בראַק, אַרבעטן שלעכט, האָט מען קעלערן געשיקט קיין ניקאָלײַעוו דורכקאָנטראָלירן אַלץ אויפן אָרט. ער האָט שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט קאָנטראָלירט די דיזעל־מאָטאָרן — זיי אַלע זײַנען געווען אין פולער אָרדענונג, און ער האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן אַהיים, אין דער שווייץ. נאָך דער אַרבעט איז ער צוזאַמען מיטן איבערזעצער אַרײַנגעגאַנגען אין א רעסטאָראַן, אָפּעסן וועטשערע. זיך אויסגעטאָן, ווי עס פירט זיך, אין גאַרדעראָב, און אין א מינוט 20 אַרום האָבן מיטאַרבעטער פון דער ענקאַוועדע זיי אונטערזוכט און געפונען אינעם מאַנטל געהיימע צייכענונגען פון אונטערוואַסער־שיפן. קעלער האָט געמיינט, אַז די צייכענונגען האָט אים אונטערגעוואָרפן דער איבערזעצער, נאַטירלעך אָן זײַן וויסן.

דער צווייטער, דער דײַטש פון בערלין, האָט געאַרבעט אין מאַגניטאָגאָרסק, ער האָט אָנגעפירט מיטן מאָנטאַזש פון דער אימפּאָרטירטער אויסשטאַטונג אויפן זאַוואָד. ביידע, קעלערן און דעם דײַטש, האָט מען פאַרמישפּעט אויף 10 יאָר טורמע. זייערע ענינים זײַנען געווען פאַרשיידענע, אָבער זיצן אין דער קאַמער איז זיי אויסגעקומען צוזאַמען. זיי האָבן זייער שטאַרק געשטרײַט צווישן זיך, אפילו זיך געקריגט. קעלער האָט באַשולדיקט דײַטשלאַנד אין דעם, וואָס עס קאָן ניט פרידלעך לעבן מיט די שכנים און אַז די אַגרעסיוויקייט פון די נאַציסטן וועט דערפירן צו א צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט דערציילט, אַז די שווייץ בויט אויך שטאַרקע פאַרפעסטיקונגען אויף צאָפן, אין די אַלפּן, לעבן דער גרענעץ מיט באַוערן. און דער דײַטש פון בערלין (איך געדענק ניט זײַן פאַמיליע) האָט דערוויזן, אַז די שווייצאַרישע דײַטשן האָבן אָנגעוווירן דעם נאַציאָנאַלן גײַסט, דאָס הייסט דעם דײַטשישן, מאַכמעס דעם דאַרשט צו געלט, און קעדיי באַהערשן די שווייץ, איז גענוג די בערלינער פײַערלעשער־קאָמאַנדע. ביכלאַל איז געווען אפילע א פאַרגעניגן צו הערן זייערע אַמפּערײַען, פונדעסטוועגן וואַסער־ניט־איז פאַרווײַלונג. איך האָב ניט געגלייבט, אַז קעלער איז א דײַטשישער שפּיאָן, חיסנדיק, ווי־אַזוי מע פאַבריקירט עניאָנים.

איינמאָל האָט מיך אַרויסגערופן דער שעף פון דער טורמע. פון מײַן ענין האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך האָב געאַרבעט אינעם איסלענדישן אָפּטייל פון אַגעפּעו אין איסלאַנד, און באַשלאָסן מיך באַגליקן, ד.ה., איך זאָל אים איבערגעבן אַלע געשפּרעכן אין אונדזער קאַמער. דעריקער פון די דאָזיקע צוויי דײַטשן, וועלכע האָבן זייער שולד ניט אָנערקענט. ער האָט צוגעזאָגט מיר פאַרלײַכטערן די טורמע־באַדינגונגען. איך האָב געענטפערט, אַז איך האָב אויך, ווי זיי, ניט אָנערקענט מײַן שולד און האָב קיינמאָל זיך ניט פאַרנומען מיט מעסירעס און וועל זיך ניט פאַרנעמען, ניט פון יענע בלוטן. שפּעטער איז נאָך ניט איין מאָל מיר אויסגעקומען צו הערן אַזעלכע „כאַניפעדיקע" פאָרשלאָגן.

צום ערשטן מאָל פאַר א לאַנגער צײַט האָב איך באַקומען געלט און א בריוו פון רעגינען, מאַקס האָפּפינגערס פרוי. פונעם בריוו האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מײַן פרוי איז אויך אַרעסטירט, און אונדזער זון געפינט זיך בײַ רעגינען. ביכלאַל איז אין יענער צײַט געווען אָנגענומען — אויב דו ביסט א ווײַב פון א „סוינע פון פאָלק", דאַרפסטו טיילן דעם גורל פונעם מאַן, אָדער פאַר אַלעמען, ד.ה. אויף א פאַרזאַמלונג, שטעמפּלען מיט שאַנד דעם מאַן און זיך געטן מיט אים. אַזוי טאַקע האָבן א סאַך געטאָן, קעדיי פאַרהיטן די קינדער, געבן זיי א מעגלעכקײַט זיך דערציִען אין א מישפּאָכע־אומגעבונג. עס זײַנען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן צוליב ראַטעווען זייער אייגענע פעל פאַראַטן די נאָענטסטע מענטשן. ס'איז מיר אויסגעקומען זיך טרעפן אין דער מאָסקווער טורמע מיט אַן אינזשעניר — א רוס לויט דער נאַציאָנאַליטעט, וועלכער האָט געאַרבעט 25 יאָר אין מאַנדזשוריע אויף דער כינעזיש־מיזרעכדיקער אײַזנבאַן. איז אָט, האָט ער געלעבט מיטן ווײַב 30 יאָר, און נאָכדעם, שוין אין טורמע, האָט מען אים אַרויסגערופן און געזאָגט, אַז זי האָט אים אַרויסגעשיקט א געט, זי וויל מער ניט האָבן צו טאָן מיט א „סוינע פון פאָלק". ער האָט עס שרעקלעך איבערגעלעבט, האַגאַם מיר האָבן אים באַרויִקט, ווי מיר האָבן געקאָנט, געזאָגט, אַז דאָס איז א מוז.

אין אויגוסט 1939, ערעוו דער מלחמה מיט פינלאַנד, האָט מען די סאָלאָוועצקער אײַנזיצער איבערגעגעבן אין רעשוס פונעם מיליטערישן יאַם־פלאָט פון פססר, און מע האָט אונדז פון דאָרטן עוואַקויִרט. מע האָט אונדז, 36 מענטשן, אַרײַנגעזעצט אין אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן און 8 מעת־לעת געפירט ביז קאָטלאַס. דרײַ מעת־לעת ניט געגעבן עסן, נאָר געפּאָיעט. דאָרט זײַנען מיר עטלעכע שאָ געווען אין עטאַפּ־פּונקט און ווײַטער אָפּגעשיקט קיין קיראָוו. אין קיראָוו האָט מען אַן ערעך 100 מאַן, דערונטער 30 קרימינעלע פאַרברעכער, אַרײַנגעזעצט אין א גרויסער קאַמער, זיי האָבן אָנגעהויבן

ראַבעווען, באַראַפּרײַסן דאָס אָנטאָן, בײַ וועמען עס איז געווען מער אָדער ווייניקער נישקאָשעדיק, און די זאַכן האָבן זיי פֿאַרשפּילט אין קאָרטן. דאָס אַלץ, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען, איז געווען אויף אַזויפֿיל פּרעך, אַז איך האָב אָרגאַניזירט אַ גרופּע פֿון יונגע מענטשן פֿון די פּאָליטישע און פֿאָרגע־לייגט די קרימינעלע פֿאַרברעכער, זיי זאָלן אָפּהערן זייערע העסלעכקײַטן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג, עס זײַנען געקומען צו לױפֿן די אויפֿזעער, צוויי קרימינעלע פֿאַרברעכער און מיך האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין קאַרצער אויף 3 מעסלעס. שפּעטער האָט מען מיך אַריבערגעפֿירט אין אַן אַנדער קאַמער, דאָרט זײַנען ביכלאַל געווען אײנע קרימינעלע פֿאַרברעכער. דער סטאַראָסטע פֿון דער קאַמער האָט מיך געפֿרעגט, לויט וואָס פֿאַר אַן אַרטיקל בין איך פֿאַרמישפּעט. זעענדיק, אַז איך בין ניט קיין רוס און רעד מיט אַן אַקצענט, האָבן זיי געפֿרעגט בײַ מיר, צי בין איך געווען אין אויסלאַנד. איך האָב געענטפֿערט, אַז יאָ, געווען. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל עפּעס־וואָס דערציילן וועגן דעם לעבן פֿון די קרימינעלע פֿאַרברעכער אין אויסלאַנד... איך אָבער האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין קאָנטאַקטן מיט אַזעלכע מענטשן, כאָטש כ׳האָב אַ סך געלייענט אַוואַנטיור־ליטעראַטור. איך האָב אָנגעהויבן דערציילן צו 1—2 שאָ פֿון דעם, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט פֿונעם דורכגעלייענטן. דאָס האָט געגעבן אַן איבעריקן קאָכלעפֿל מיט באַלאַנדע און באַפֿאַרבט דעם קיום.

אַרום 20 טעג בין איך אָפּגעזעסן אין דער עטאַפּ־טורמע פֿון דער שטאָט קיראָוו. פֿון דאָרט האָט מען מיך ווידער אָפּגעשיקט אינעם עטאַפּ־פּונקט פֿון דער שטאָט גלאַזאָוו (אודמורטער אַססר), וווּ איך בין אָפּגעווען 10 טעג, און דערנאָך האָט מען אונדזער גאַנצע גרופּע איבערגעפֿירט אין די וויאַטסקער לאַגערן. אין אַלגעמיין האָט דער וועג פֿון סאָלאָווקי ביז די וויאַטסקער לאַגערן געדויערט בײַ צוויי כאָדאָשים. פֿאַר אָט דער צײַט האָבן מיר איבערגעלעבט אַלץ: הונגער, קעלט, דורכויסיקע בלאָטעס.

אינעם וויאַטסקער לאַגער זײַנען געווען אַרום 23 לאַגער־פּונקטן און אין יעדן פֿון זיי ביז 3000 אַרעסטירטע. מיך, צוזאַמען מיט נאָך 35 מענטשן פֿונעם עטאַפּ, האָט מען אײַנגעזעצט אינעם ערשטן לאַגער־פּונקט, דאָ זײַנען מיר דורכגעגאַן אַ דעזינפֿעקציע, אַ באָד און דערנאָך אָנגעטאָן אין לאַגער־מאַלבושים: וואַטאָווע הויזן, אַ לײַבל. אינעם באַראַק מיט צווייגאָרנדיקע נאַרעס זײַנען געווען אַ סך קרימינעלע פֿאַרברעכער. מע האָט אונדז פֿאַנאַנדערגעטיילט אין בריגאַדעס און אויפֿן אַנדערן טאָג אָפּגעשיקט וואַלגערן ביימער. געגאַנגען זײַנען מיר צופֿוס אַ קילאָמעטער אַכט צום אַרבעטס־אָרט. קיינמאָל איז מיר ניט אויסגעקומען אויסצופּילן די נאָרמע, דעריבער איז מיר געווען זייער שווער. אין אַ טעג 15 אַרום האָט זיך באַוויזן דער שווייצאַרער קעלער, ער איז אויך אַרײַנגעפֿאַלן צו אונדז. קעלער האָט זיך אײַנגעאָרדנט לעבן מיר, איך האָב אים אַרײַנגעפֿירט אין קורס פֿונעם לאַגער־לעבן. מע האָט אונדז אויף ווינטער אַרויסגעגעבן וואַליקעס, מײַנע האָב איך אויסגעלייגט צוקאַפּנס, און קעלער האָט זיי איבערגעלאָזט לעבן די נאַרעס. פֿאַרשטייט זיך, אַז מע האָט זיי צוגעגאַנוועט. און ניט ווײַט האָבן זיך געוואַלגערט אַלטע ניט־קיינעמס וואַליקעס, האָט ער זיי געמוזט אָנטאָן.

די באַאַרבעטע ביימער האָט מען געדאַרפֿט אַרויספֿירן אויפֿן וועג, וואָס עס האָט אין אונדזער בריגאַדע געטאָן קעלער. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך דאָס פֿערד אויסגעשפּאַנט און מער ניט געוואָלט גיין. ניט ווײַט איז דורכגעפֿאָרן אויף ליזשעס דער נאַטשאַלניק פֿונעם קאָנוואָי און זעט, אַז קעלער שרײַט אָן אַ דערפֿאָלג אויפֿן פֿערד, וואָס רירט זיך ניט פֿון אָרט. „דו ביסט דאָך ניט קיין רוס, — זאָגט דער נאַטשאַלניק, — דו רעדסט צום פֿערד אויף דער אויסלענדישער שפּראַך, דעריבער גייט עס ניט". ער האָט עס הויך אויסגעזידלט, און דער סוס האָט זיך טאַקע גערירט פֿון אָרט. אויף אַרויספֿירן די בערווענעס האָבן געאַרבעט 50—60 פֿערד. געשרייען און זידלערײַען האָבן געסטײַעט. קעלער האָט גיך באַהערשט דעם דאָזיקן מעטאָד, און ס׳איז געווען לעכערלעך צוצוזען און הערן, ווי אַזוי אָט דער גרויסער אינזשעניער זידלט דאָס פֿערד אויף רוסיש.

אין אַ צײַט אַרום האָט מען אים באַשטימט אַלס אינזשעניער פֿון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן, און מיך — אַלס עלעקטריקער אויף דער עלעקטראָסטאַנציע.

עס זײַנען פֿאַרבײַ עטלעכע מאָנאַטאָנישע און אומעטיקע כאָדאָשים, אַנומלט האָט קעלערן אַרויסגערופֿן צו זיך דער שעף פֿונעם לאַגער־פּונקט. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער דערציילט, אַז לויט דער שטאַדלאָנעס פֿון דער פֿראַנצויזישער רעגירונג (דעמאָלט זײַנען די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט דער שווייץ איבערגעריסן געוואָרן) האָט מען קעלערן פֿאַרביטן די שטראָף מיט אַרויסשיקן פֿון פּססר און מאָרגן וועט מען אים אָפּשיקן קיין מאָסקווע. לויט זײַן מיינונג, האָט די פֿירמע, וווּ ער האָט געאַרבעט, אָפּגעשטעלט די ליפֿערונג פֿון דיזעל־מאָטאָרן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד מאַכמעס זײַן אַרעסט. איך האָב אויך זיך געהאַלטן בײַ דער זעלבער מיינונג, אַז דאָס איז געווען די גרונט־סיבע פֿון זײַן באַפֿרײַונג. נאַטירלעך, אַז די פֿרייד האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ, און איך בין געווען פֿאַר אים צופֿרידן. בײַם געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך בין דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט זיך באַצויגן צו אים אויף אַ מענטשלעכן אויפֿן, ער וועט עס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. מיר איז אויך געווען אַ שאָד זיך שיידן מיט אים, מיר זײַנען געווען צוגעוווינט איינער צום אַנדערן, קעלער

האָט מיך אײַנגעלאַדן צוגאַסט, ווען איך וועל זיך באַפֿרײַען און זיך אומקערן קײן עסטרײַך. מיר האָבן אַפֿילו אַ ביסל אַ טרוים געטאָן, וויאַזוי מיר וועלן בלאָנקען איבער די אַלפּישע בערג, ער האָט געהאַט אַן אײגענעם אָסאָבניאַק און אַ מאַשין. איך האָב אים באַדאַנקט און געזאָגט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, ווײַל אין עסטרײַך אַרודעווען איצט די נאַציסטן, און איך, אַ ייִד, וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן עכטן גענעם. איסער דעם, האָב איך ניט געגלייבט, אַז מע וועט מיך באַפֿרײַען.

4

אָן ערעך אין מאַרט 1940 האָט מיך אַרויסגערופֿן דער שעף און מיטגעטײלט, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ דעפּעש, מע זאָל מיך דרינגענד אָפּשיקן קײן מאָסקווע מיט אַ שנעלצוג. ער האָט געמײנט, אַז מע וועט מיר אָפּשאַפֿן דעם אורטײל און אַרויסלאָזן אויף דער פֿרײַ. אויפֿן אַנדערן טאָג האָט מען מיך אָפּגעשיקט אין דער באַגלײטונג פֿון אַן אָפֿיצער. איך האָב געדאַרפֿט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך בין ניט קײן אַרעסטאַנט, נאָר אַ געוויינלעכער פּאַסאַזשיר. ס׳האָט זיך נאָך פֿאַרהיט מײַן אָנשטענדיקער אָנצוג, אַזוי אַז דאָס איז אויסגעפֿילט געוואָרן אָן קײן שום מי.

צוערשט זײַנען מיר דערפֿאָרן ביז דער שטאָט גלאַזאָוו און דאָרט זיך איבערגעזעצט אויפֿן שנעלצוג ביז מאָסקווע. אין וואַגאָן האָט געהערשט יענע אַטמאָספֿער, ווען מענטשן פֿאָרן ווײַט, מע קניפּט אָן קאָנטאַקטן, מע שמועסט. און אָט האָב איך נאָך עטלעכע יאָר אַרעסט דערפֿילט דעם רייעך פֿון פֿרײַהײַט. איך האָב ווירקלעך געטראַכט, אַז עס וואַרט אויף מיר די פֿרײַ. אָבער דער קאָנוואָי האָט מיך איבערגעגעבן אין דער בוטירסקער טורמע, דאָרט האָט מען מיך געפֿירט אין באָד, אָפּגעראַזירט, אָפּגעשוירן, געגעבן ריין גרעט און אַרײַנגעזעצט אין קאַמער.

ווען איך בין אַרײַן אַהין, בין איך זייער פֿאַרחידעשט געוואָרן. אויב פֿריִער האָט מען אין אַזעלכע קאַמערן אָנגעשטאָפּט צו 150 מענטשן, זײַנען איצט דאָ געשטאַנען 20 בעטלעך מיט בעטגעוואַנט און קישנס. איך האָב זיך באַגריסט אויף רוסיש, מיר האָט מען געענטפֿערט אויף דײַטש: „גוטן טאָג״. מע האָט אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן, צי בין איך אַן עסטרײַכער, צי אַ דײַטש. איך האָב געענטפֿערט, אַז איך בין אַן עסטרײַכער, ווײַל איך בין שוין פֿון לאַנג געוווינט צו זײַן, לויט דעם ווונטש פֿון געפּעו, אַ פֿאַלשער עסטרײַכישער אונטערטאַן.

אין דער קאַמער האָט מען מיר אויפֿגעקלערט, אַז דעם 28 סענטיאַבער 1939 האָבן פּססר און דײַטשלאַנד געשלאָסן אַן אָפּמאַך וועגן ניט־אָנפֿאַלן, און דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט צוגעזאָגט באַפֿרײַען פֿון די טורמעס און לאַגערן אַלע דײַטשן און עסטרײַכער (עסטרײַך האָט דײַטשלאַנד שוין פֿאַרכאַפּט). איך האָב פֿאַרשטייט זיך, גלײַך זיך אָנגעשטויסן, אַז איך בין אַרײַנגעפֿאַלן אַהער אַלפּי טאָעס.

אונדז האָט מען אויסגעצייכנט געהאָדעוועט, געגעבן יעדן טאָג אַ פּעקל פּאַפּיראָסן „בעלאָמאָר״ אויף אַ מענטשן. נאָך דער באַלאַנדע אינעם לאַגער און אין באַוועגונג האָבן מענטשן אָנגעהויבן זיך פֿאַריכטן. אויפֿגעהאַלטן האָט מען זיי 3—4 וואָכן, פֿאַרפֿינקטלעכט די בירגערשאַפֿט און אַנדערע אָנגאָבן, דערנאָך זיי אָנגעטאָן אין נײַע קאָסטיומען און איבערגעגעבן אַ פֿאַרשטייער פֿון דער דײַטשישער אַמבאַסאַדע. שוין שפּעטער איז באַוווּסט געוואָרן, אַז אין דײַטשלאַנד האָט מען די דאָזיקע מענטשן געפֿירט איבער זאַוואָדן און זיי האָבן געדאַרפֿט דערציילן, וויאַזוי די ענקאַוועדע האָט זיי געמוטשעט אין די סאָוועטישע טורמעס, און די אַרבעטער האָבן געקוקט אויף זייער באַלײַבטקײַט און זיי ניט געגלייבט. מע האָט אָפּמערקן, אַז אַ סאַך פֿון די דאָזיקע מענטשן, באַזונדערס די יונגע, וועלכע זײַנען אַלס קאָמוניסטן אַנטלאָפֿן פֿון היטלערן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, זײַנען שפּעטער געוואָרן פּאַטריאָטן פֿונעם פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד, זייער זיך געפֿרייט, וואָס די דײַטשן האָבן פֿאַרנומען פּאַריזש. אָבער אַפֿילו די אַלטע מענטשן האָבן געזאָגט, אַז בעסער זיך אומקערן אַהיים, אײדער פֿאַרפֿאַלן ווערן אין די לאַגערן און טורמעס, אויב ס׳איז ניטאָ קײן אַנדער אויסוועג.

אין 6—8 טעג אַרום האָט מען אַרויסגערופֿן אויך מיך. אין קאַבינעט זײַנען געווען דרײַ מענטשן — צוויי אין אוניפֿאָרם און אײנער אין אַ ציווילן אָנצוג. זיי האָבן מיך געפֿרעגט, וויאַזוי האָט זיך געלעבט אין די טורמעס און לאַגערן. איך האָב געענטפֿערט, אַז דאָרט קאָן גוט ניט זײַן און ניט צוליב דעם האָבן זיי מיך אַרויסגערופֿן. דערנאָך זײַנען זיי אַריבער צום איניען. זיי האָבן מיר צו וויסן געגעבן, אַז איך געפֿין זיך אין די רעשימעס, וועלכע ס׳האָט זיי איבערגעגעבן די דײַטשישע אַמבאַסאַדע, און זי פֿאָדערט, איך זאָל זיך אומקערן קײן עסטרײַך: „צי אָנערקענט איר אײַער עסטרײַכישע אונטערטאַנשאַפֿט, וואָס איז נאָך דער אָקופּאַציע געגליכן צו דער דײַטשישער?״ איך האָב געענטפֿערט, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין 1903 יאָר אין סטאַניסלאַווער געגנט (איצט

איוואַנאָ־פראַנקאָווסקער), וועלכע איז געווען אין באַשטאַנד פון עסטרײַך ביזן 1918, ווען די דאָזיקע טעריטאָריע איז אָפּגעגאַנגען צו פּוילן, און לויט די קלאַלים זײַנען אַלע געוואָרן פּוילישע אונטערטאַנען. פון 1919 ביז 1924 האָב איך געלעבט אין ווין, ווו איך האָב זיך געלערנט און געקאָנט לויט מײַן ווּנטש ווערן אַן עסטרײַכישער אונטערטאַן. אָבער אַזויווי מײַנע עלטערן און שוועסטער זײַנען געוואָרן פּוילישע אונטערטאַנען, בין איך אויך געוואָרן אַ בירגער פון פּוילן, באַקומען אַ פּוילישן פּאַס. איך האָב אויך דערציילט, ווי אין דאַנציג, אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, האָט מען בײַ מיר מיט דער פרוי צוגענומען די פּוילישע פּאַסן און אַרויסגעגעבן סאָוועטישע און ווי אינעם איסערן־אָפּטייל פון אָגעפּעו האָט מען צוגענומען בײַ אונדז די סאָוועטישע פּאַסן און אַרויסגעגעבן פאַלשע עסטרײַכישע, לויט וועלכע מיר האָבן געוווינט ביזן אַרעסט.

שפּעטער האָבן זיי זיך געשאַמפּערט, וויאַזוי האָב איך געקאָנט אַרײַנפאַלן אין די דאָזיקע צײַטן? ס'איז מיר אויסגעקומען צו דערקלערן, אַז אין סטאַלינאָגאָרסק, ווו איך האָב געאַרבעט ביזן אַרעסט, האָבן געאַרבעט אַ סך ספּעציאַליסטן פון דײַטשלאַנד און פון אויסלענדישע פירמעס. עס זײַנען געווען אַרבעטער פּאָליט־עמיגראַנטן, און איך, אַלס עסטרײַכער, בין געווען מיט זיי באַקאַנט. אייניקע אינזשעניערן זײַנען אַוועקגעפאָרן קיין דײַטשלאַנד און ווידער זיך אומגעקערט, אָפט באַזוכט די אַמבאַסאַדע, און מע האָט בײַ זיי אַן שום צווייפל אויסגעפרעגט, וועלכע דײַטשן אָדער עסטרײַכער געפינען זיך אין סטאַלינאָגאָרסק. איך האָב קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן, אַז איך בין לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ ייִד, און אַזויווי איך האָב גערעדט אויף דײַטש אָן אַן אַקצענט, פלעגט מען מיך אויפנעמען פאַר אַן עסטרײַכישן דײַטש. פאַר 5 יאָר פון מײַן לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מײַן פוס קיין איין מאָל ניט איבערגעטראָטן די שוועל פון וועלכער־ניט־איז אַמבאַסאַדע. וואָס איז שײַך דעם, איך זאָל זיך אומקערן קיין עסטרײַך, בין איך קאַטעגאָריש קעגן, ווײַל איך וויל ניט אַרײַנפאַלן פון איין גענעם אין אַ צווייטן. אינעם געוועזענעם עסטרײַך געפינען זיך איצט די נאַציסטן, און וויאַזוי זיי באַציִען זיך צו די ייִדן, איז מיר גאַנץ גוט באַוווּסט. אַ באַשײַמפּערלעכער בײַשפּיל איז די „קרישטאָל־נאַכט". איך האָב פיל מאָל זיך געטראָפן מיט ייִדישע פּליטים פון דײַטשלאַנד, עסטרײַך, וועלכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין לאַגערן. איך פּערזענלעך האָב מיט קיין זאַך זיך ניט פאַרשולדיקט פאַר דער סאָוועטנמאַכט: „איר פאַרמאָגט פאַקטיש ניט קיין שום מאַטעריאַל קעגן מיר און איך פאָדער באַפרײַען מיך און מײַן פרוי. מיר וועלן זיך אומקערן אין אונדזער עמעסן היימלאַנד — אויף מערעוו־אוקראַינע — אין סטאַניסלאַוו אָדער לוואָוו, ווו עס לעבן אונדזערע אייגענע, און וועלן דאָרט ערלעך זיך מיִען".

אויף דעם האָט מײַן געשפּרעך מיט דער קאָמיסיע זיך פאַרענדיקט.

יאָ, מע דאַרף נאָך באַמערקן, אַז באַלד נאָך דעם, ווי מערעוו־אוקראַינע איז באַפרײַט געוואָרן פון פּאַנסקע פּוילן, האָב איך גלײַך אָנגעשריבן מײַנע עלטערן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז איך געפין זיך אונטער אַן אַרעסט, געשיקט מיר פּעקלעך מיט בגאָדים. כ'האָב אָנגעשריבן אַ בריוו אין סטאַלינאָגאָרסק צו מאַקס' פרוי רעגינע, — די איינציקע, וואָס איז געבליבן פון אונדזער גרופּע אויף דער פרײַ. כ'האָב געפרעגט בײַ איר וועגן מײַן פרוי. אין איר ענטפער האָט רעגינע מיטגעטיילט דעם אַדרעס פון מײַן פרוי און אויך דאָס, אַז מײַן זון געפינט זיך בײַ איר און אַז זי טראַכט אָפּצופירן אים צו מײַנע עלטערן אין גאָראָדענקאָ. אויך פון מײַן פרוי האָב איך באַקומען אַ בריוו פאַרן אָפּפאָרן קיין מאָסקווע.

דער פאַרהער איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין אַ טאָג 10—12 אַרום. אויב מע וועט מיר אײַנאָרדענען אַ באַגעגעניש מיט אַ פאַרשטייער פון דער דײַטשישער אַמבאַסאַדע, בין איך גרייט צו דערקלערן אים, אַז בײַ מיר איז די בירגערשאַפט ניט קיין עסטרײַכישע און אַז איך זאָג זיך קאַטעגאָריש אָפּ צו פאָרן אין דעם אָקופּירטן עסטרײַך? איך האָב געענטפערט, אַז איך בין גרייט, אויב זיי נייטיקן זיך אין דעם. נאָך איין פראַגע: „אויב מיר וועלן אײַך פונדעסטוועגן איבערגעבן און אָפּשיקן אין דײַטשלאַנד, זײַט איר גרייט צו אַרבעטן אויף אונדז? מיר וועלן אײַך געבן אַן אויפגאַבע, אײַנאָרדענען אַ פאַרבינדונג. און דאָס, וואָס איר זײַט אַ ייִד, האָט איר דאָך געאַרבעט צווישן דײַטשן אין סטאַלינאָגאָרסק יאָרנלאַנג און מע האָט אײַך אויפגענומען אַלס דײַטש". איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז אַ מאָדנע פראַגע: „ס'איז דאָך אויסגעצייכנט באַוווּסט, אַז איך האָב פיר יאָר געאַרבעט אין דער סאָוועטישער אויספירונג אויף דער טעריטאָריע פון פּוילן, מע האָט מיר אָנגעטרויט גרויסע סעקרעטן און סומעס געלט, גוט האָט מען זיך באַציִגן צו מיר אין דער ענקאַוועדע און אַפן זאָוואָד, ווו כ'האָב געאַרבעט. עס זײַנען אָבער פאַרבײַ פינף יאָר, און פּלוצעם האָט מען מיך אַרעסטירט, געגעבן אַ טערמין, און כ'ווייס ניט אַדהײַנעם פאַר וואָס? פון דעם אַלעם האָב איך געמאַכט אַן אויספיר, אַז כ'האָב פאַרלוירן דעם צוטרוי בײַ דער ענקאַוועדע, ווײַל מע יאָגט מיך איבער טורמעס און לאַגערן, רויִנירט מײַן געזונט, און פּלוצעם ווידער אַזאַ פאָרשלאַג? דאָס איז ניט ערנסט. ווידער אַ כיטרע טריוק אָדער אַן אָרדנטלעכער קאָנטראָל? און ביכלאַל ווייס איך ניט, צי אַלע דײַטשן אין סטאַלינאָגאָרסק האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַן עסטרײַכישן דײַטש, און אין דײַטשלאַנד וועט מען פריִער אָדער שפּעטער זיך קאָנען פאַנאַנדערקלײַבן, ביפראַט קינדווײַז האָט מען מיך געמאַלעט, פּונקט ווי אַלע

יינגעלעך אין דער מערהייט ייִדישע מישפּאָכעס". איצט האָט מען מיר געפרעגט וועגן מײַן פּאַרטיייִשקייט. אין אויסלאַנד בין איך דאָך געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און אין סאָוועטנפאַרבאַנד בין איך ניט אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי. איך האָב געענטפערט, אַז איצט וואָלט מען געזאָגט, אַז איך בין דורכגעקראָכן אין דער פּאַרטיי. די סיבע דערפון איז, אַז ווען איך בין געקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז פאָרגעקומען אַ ריינִיקונג אין דער פּאַרטיי. שפּעטער האָב איך געזאָגט אין דער ענקאַוועדע, אַז אינעם צעך וועלן זיך געפינען מענטשן, וועלכע וועלן אונטערשרײַבן די מעלדונג. מע האָט מיר אָבער געענטפערט, אַז דאָס טאָר מען ניט טאָן, ווײַל ס'וועט אויסקומען דערציילן דעם עמעס וועגן מײַן אַרבעט אין דער ענקאַוועדע אין אויסלאַנד און אין דער צוקונפט וועט מיר, מעגלעך, פאַרשטיין ווידער אַזאַ אַרבעט, און דאָס טאָר מען ניט אויסגעבן.

מער האָט מען מיך ניט אַרויסגערופן. אין דער קאַמער האָבן שטענדיק זיך געביטן די מענטשן. איך בין דאָרט געזעסן צוויי כאָדאָשים. דערנאָך האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער קאַמער, דאָ זײַנען מיר געווען צווייען. מיר האָבן זיך באַקאַנט, גערופן האָט מען אים ווילהעלם, די פאַמיליע געדענק איך שוין איצט ניט. געקאָרמעוועט האָט מען גוט, יעדן טאָג האָט מען אַרויסגעגעבן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן „קאַזבעק". צו יענער צײַט האָב איך שוין צוויי יאָר ניט גערייכערט, און דאָ האָב איך ווידער זיך צוגעוווינט. מיטן שאָכן האָבן מיר געשפּילט אין שאָך. איך האָב אַלץ אָפּטער זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, פאַרוואָס האַלט מען אַ לענגערע צײַט אין אַזאַ גרויסער קאַמער צוויי מענטשן? פונדעסטוועגן האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און אַנומלט אַ פרעג געטאָן: „הער נאָר, מײַן פרײַנט, דו ביסט צופעליק ניט קיין „קלאָפּער"? אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס האָט ער געמיינט בענוגייע מיר. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אָט דער קאַמער איז ער אַרײַנגעפאַלן מיט דרײַ טעג פריִער פון מיר. ביז דעם איז ער געזעסן פינף טעג אין דער קאַמער פון טויט־פאַרורטיילטע און איז אינגאַנצן גראָ געוואָרן. דער געריכט פון דער מיליטערישער קאָלעגיע פון מאָסקווע האָט אים פאַרמישפּעט צום טויט. אין 1916 איז ער אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן אַרײַנגעפאַלן אין געפענקעניש. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די רעוואָליוציע, איז ער פרײַוויליק אַרײַנגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי. קאָמאַנדעוועט מיט אַ באַטאַליאָן, מיט אַ פּאָלק. שפּעטער האָט מען אים געשיקט אין מיטלאַזיע, דאָרט איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, געאַרבעט אין געפּעו, געקעמפט מיט די ווײַסגוואַרדייער און באַסמאַטשעס. ביזן אַרעסט איז ער געווען שעף פון דער געגנטלעכער פאַרוואַלטונג פון געפּעו, דאַכט זיך, אין טאַשקענט (איך געדענק ניט פּינקטלעך). איך האָב אים געפרעגט: פאַר וואָס האָט מען אים פאַרמישפּעט צו טויט? האָט ער דערציילט, אַז אין 1922 איז ער קראַנק געוואָרן אין טאַשקענט אויף טיפוס, געלעגן אין אַ באַראַק, דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ דאָקטערשע. זי האָט אים געשטעלט אויף די פיס. זיי האָבן כאַסענע געהאַט. דער פאָטער אירער איז געווען אַ קאַרייער, די מוטער — אַ יאַפּאַנערן. זי האָט געהאַט הויכע מעדיצינישע בילדונג, פאַרענדיקט אַ מעדינסטיטוט אין כאַבאַראָווסק. אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז זי געפאָרן געוויר ווערן די אייגענע און זיך ניט אומגעקערט. ערגעץ אין אַ כוידעש אַרום האָט ווילהעלם באַקומען אַ געזעגענונגס־בריוו פון כאַרבין. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זי איז געווען אַ יאַפּאַנישער שפּיאָן. און נאָך האָט ער דערציילט, אַז אין 1934 האָט מען אַרעסטירט אַ דײַטשישן אינזשעניער־מעטאַלורג פאַר שפּיאָנאַזש. קיין סאָך דערוויײַזן זײַנען ניט געווען. פון דער דײַטשישער אַמבאַסאַדע איז געקומען אַ פאַרשטייער מיט אַ בריוו פון אונדזער אויסערן־מיניסטעריום מיט אַ פאַראָרדענונג אַרויסלאָזן אים, געבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. דעם דאָקומענט האָט געכאַסמעט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם מיניסטער. ביכלאַל האָט מען ווילהעלמען באַשולדיקט אין אַ פאַרבינדונג מיטן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד און אין שעדיקערײַ. אינצווייען זײַנען מיר געזעסן אין דער קאַמער אַרום אַ כוידעש צײַט, דערנאָך האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין אַן אַנדערער.

דאָ זײַנען געזעסן געוויינלעכע סאָוועטישע בירגער, און די באַדינגונגען פונעם אָפּהאַלט האָבן נאַטירלעך זיך אונטערשיידט. פונדעסטוועגן אָבער אַ ביסל בעסער איידער אין 1937, די צאָל פאַרמישפּעטע — אַ קלענערע, עס זײַנען געווען שאַכמאַטן און די שפּײַז אַ בעסערע. אויף פאַרהערן האָט מען מיך מער ניט אַרויסגערופן, און איך האָב געמיינט, אַז מע וועט מיך שוין אָפּלאָזן אויף דער פרײַ.

אַזוי זײַנען פאַרבײַ צוויי כאָדאָשים. איינמאָל האָט דער אויפזעער אָנגערופן מײַן פאַמיליע און געזאָגט: „אַרויסגיין מיט די זאַכן". איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט איז זי, די פרײַהייט. סאָוויידים לויט דער קאַמער האָבן מיר געגעבן אַדרעסן פון זייערע נאָענטע, קעדיי איבערגעבן אַ יעדיִעלע. אָבער ווידער אַ האַרבע אַנטוישונג, ווידער טראַנזיט. אַרײַנגעזעצט אין אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן און אָפּגעשיקט, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, אין דער צאָפנדיקער ריכטונג, הייסט עס, ווידער אין אַ לאַגער, ווידער האָט אַלץ זיך איבערגעכאַזערט. צוערשט — אין יאַראָסלאַוולער טראַנזיט־פונקט, און אין עטלעכע מעסלעסן אַרום בין איך אָנגעקומען קיין וואָלאָגדע — אויך אין אַ טראַנזיט־פונקט.

אויפן פינפטן טאָג האָט מען מיך אַרײַנגעפירט צום שעף פון דער טורמע. ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן מײַן רײַזע, פאַרוואָס האָט מען מיך געפירט פונעם לאַגער קיין מאָסקווע און צוריק.

איך האָב געענטפערט, אַז בעסער איז פרעגן וועגן דעם אין מאָסקווע. וויסנדיק די סיסטעם פון ענקאַוועדע צו פירן אַ געשפּרעך צוערשט וועגן דעם וועטער, וועגן דאָס און יענץ, האָב איך גלײַך געפרעגט, וואָס פאָדערט זיך פון מיר? דעמלט האָט דער שעף פון דער טורמע געזאָגט, אַז ער האָט צו מיר ווירקלעך אַן אינטערעס. פון די דורכגעקוקטע דאָקומענטן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַן עלעקטראָטעכניקער און ביזן סאַמע פונעם טורמע־טערמין זײַנען געבליבן אַנדערהאַלבן יאָר. ער האָט געוואָלט באַוואָרענען אַ סיגנאַליזאַציע פון אַלע באַוואַכטונג־טורעמס צום דראָטפּלויט אַרום. ער האָט געפרעגט, צי וועל איך דאָס קאָנען מאַכן? האָב איך אים געענטפערט, אַז איך בין דאָך אַ טראַנזיטנער, און וואָס פאַר אַ כּילעק איז מיר, צי ס'וועט דאָ זײַן אַ סיגנאַליזאַציע, צי ניט? ער האָט מיר פאָרגעלייגט לויטבאַרע באַדינגונגען: אַ באַזונדערע קאַמער, פאַרבעסערטע שפּײַז, נאָך דער אויס־פירונג פון דער אַרבעט וועט ער מיך דאָ איבערלאָזן פאַר אַ דזשוריטער עלעקטריקער. איך האָב געגעבן מײַן האַסקאָמע. כ'האָב בלויז געזאָגט, אַז מע דאַרף אויסמאָנטירן אַ סטענד, און צוליב דעם דאַרף מען אַ טאַבלאָ, עלעקטראָ־מאַטעריאַלן, אינסטרומענטן. ער האָט אײַנגעלאַדן דעם פאַרוואַלטער פון דער ווירטשאַפט און פאַראָרדנט, אַז יענער זאָל מיט אַלץ באַזאָרגן. צוויי מאָל זײַנען מיר מיטן פאַרוואַלטער פון דער ווירטשאַפט געגאַנגען אין שטאָט איבער די מאַגאַזינען, אײַנגעקויפט אַלץ, וואָס מע דאַרף. דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט, צי וויל איך בראָנפן? שטילערהייט קאָן מען דאָס מאַכן. איך אָבער האָב קיינמאָל דערמיט זיך ניט געבאַלעוועט.

אין אַנדערהאַלבן כאָדאָשים אַרום האָב איך די אַרבעט פאַרענדיקט. די ליניע האָט מען אויסגע־פּרוווט אין דער אָנוועזנהייט פונעם טורמע־שעף. ער איז געווען צופרידן און אָפּגעגעבן אַ פאַראָר־דענונג אַרויסגעבן מיר נײַע קליידער. נאָך דעם בין איך שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן אויף צווייזײַטי־קער קרופּעזער לונגען־אָנצינדונג. פינף מעסלעס בין איך געלעגן אין באַוווסטזײַן אין דעם טורמע־שפּיטאָל. כ'האָב שוין געמיינט, אַז איך וועל זיך ניט אַרויסקאַראַבקען, אָבער ניין, איך האָב אָנגע־הויבן ווערן געזונט.

אין אַ כאָדאָשים דרײַ אַרום האָט מיך אַרויסגערופן דער טורמע־שעף און צו וויסן געגעבן, אַז דער קאָנטראָל האָט אויסגעפונען, אַז כ'האָב זיך פאַרהאַלטן אין טורמע מער ווי געוויינלעך און מע וועט מיך אָפּשיקן אין אַ לאַגער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ ליגן. מע האָט פּאַשעט מער זיך ניט געניטיקט אין מײַנע טויוועס. מיט אַן עשעלאָן אַרעסטירטע האָט מען מיך אָפּגעפירט אין דער ריכטונג פון דער שטאָט קיראָוו. אונטערוועגס בין איך געווען אין עטלעכע טראַנזיט־פּונקטן, און ערגעץ אין נאָיאַבער 1940 בין איך אָנגעקומען צוריק אינעם וויאַטסקער לאַגער.

דאָס מאָל בין איך אַרײַנגעפאַלן אינעם צווייטן לאַגער־פּונקט, ווידער אויף וואַלגערן ביימער. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. אָבער עפּעס אַ דערפאַרונג האָב איך שוין געהאַט.

אין אַ כאָדאָשים צוויי אַרום האָט מיך אַרויסגערופן דער שעף פונעם לאַגער־פּונקט. ער האָט געזאָגט, אַז די עלעקטראָסטאַנציע אַרבעט מיט גרויסער אומרעגולערקײַט און מע דאַרף זי ברענגען אין אָרדענונג. מע האָט מיך אײַנגעאָרדנט אין אַ באַראַק, וווּ ס'האָבן געלעבט די אינזשעניר־טעכ־נישע אַרבעטער. איך פלעג באַקומען ברויט פון די עלטערן און פון דער פרוי (זי איז אויך געזעסן אין אַ לאַגער). אַזוי האָב איך געלעבט און געאַרבעט ביזן אָנהייב פון דער מילכאָמע. פאַרבליבן איז מיר ביזן סאַמע פונעם טערמין 8 כאָדאָשים.

5

עס איז פאַרבײַ אַ כוידעש נאָך דעם אָנהייב פון דער מילכאָמע. אינעם לאַגער זײַנען פאָרגע־קומען ענדערונגען. שאַרף האָט זיך פאַרערגערט די שפּײַז. מע האָט אָנגעהויבן ניט אָנטרויען די מיטאַרבעטער, וועלכע זײַנען געזעסן לויט די פּונקטן נומ. 6, 7, 8 — שפּיאָנאַזש, דיווערסיע, שעדי־קערײַ אאַז״וו.

אין אַ צײַט אַרום האָט מען מיך איבערגעפירט אויף אַ ווערקשטעל, וואָס שיילט דאָס געהילץ פאַרן זאַוואָד פון פּאַפּיר־פּראָדוקציע. נאָכדעם — ווידער אין וואַלד — וואַלגערן ביימער. מע האָט געבויט אַ וועג פאַר אַרויספירן דאָס געהילץ—די שפּײַז איז געוואָרן נאָך ערגער. ס'פלעגט זיך טרעפן, אַז מיר האָבן עטלעכע טעג ניט געזען קיין ברויט. דער סוף איז געווען פון געפרוירענע קאַרטאָפל און קרויט. מאַכמעס דעם הונגער בין איך אויסגעדאַרט געוואָרן. צוויי מאָל געלעגן אין שפּיטאָל. דאָס ערשטע מאָל זײַנען קראַנק געוואָרן די אויגן. דאָקטוירים זײַנען אויך געווען פון די אַרעסטאַנטן. אַ ביסל האָבן זיי מיך אונטערגעהיילט, אָבער אַ דעפעקט איז פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן — טונקעלע פּונקטן אויף דעם שוואַרצאַפּל.

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט אין לאַגער־פּונקט, האָט מען מיך געשטעלט אַלס קאָניוך. פרײַער

האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט פערד, ס'איז אויסגעקומען זיך צופּאַסן, פאַר די פערד האָט מען אויסגעטיילט האָבער, מיט וועלכן מיר האָבן זיך געשפּײַזט. באַטאַכט האָבן מיר אים געקאַכט אין קעסעלעך און געגעסן. עס איז געווען אַ הונגער. די שפּיטאָלן זײַנען געווען פאַרפולט, יעדן טאָג פלעגן שטאַרבן עטלעכע מענטשן. עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן געקאָכט מײַז און געגעסן, זיי האָבן געזאָגט, אַז דער טאַם פונעם פלייש איז ענלעך אַף קראָליק־פלייש.

מע האָט מיך ווידער איבערגעפירט, דאָס מאָל אין קעסל־קאַמער. איך האָב געדאַרפט נאָכקוקן נאָך דער אויסשטאַטונג און העלפן הייצן. איך בין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון הונגער, אַז איך האָב קוים־קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס. איך פלעג פאַרהאַלטן די גאַנצע קאָלאָנע, ווען דער קאָנוואָי האָט אונדז געפירט אַף אַרבעט. איינמאָל בין איך אומגעפאַלן און ניט געקאָנט זיך אופהייבן. ס'איז געוואָרן שלעכט מיט מײַן האַרץ, און אויך די פיס זײַנען געווען געשוואָלן. מע האָט מיך אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט און דערפירט ביז דער זאָנע, און דאָרט האָט מען מיך אײַנגעאָרדנט אין שפּיטאָל.

אָפּגעלעגן בין איך דאָ צוויי וואָכן, אָבער אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט אָן אָפּגעשוואַכטער. קעדיי ראַטעווען דאָס לעבן, האָב איך פאַר אַ שטיקל ברויט פאַרקויפט דאָס ציווילע אָנטאָן און אַליין געבליבן אין טראַנטעס. אין לאַגער זײַנען געווען איבערגענוג קאָמבינאַטאָרן, וועלכע האָבן געקאָנט אײַנאָרדענען פאַר זיך אַ גוט לעבן. איך האָב געטראַכט, אַז אַט, וועגן ייִדן זאָגט מען, אַז זיי זײַנען כיטרע און שמײַדיקע, און איך קום אום.

כ'האָב אָנגעהויבן צו דערמאָנען זיך, ווער עס קאָן מיר העלפן. און זיך דערמאָנט וועגן דעם סעקרעטאַר פונעם שעף פונעם לאַגער־פונקט. זײַן פאַמיליע איז, דאַכט זיך, געווען זײַצעוו: אַ געוועזענער קאַפּיטאַן פונעם יאַם־פלאָט, פאַרמישפּעט געוואָרן אַף 4 יאָר. פאַר אויווער זײַן אַף דעם סטאַטוס, פאַר פאַרבינדונגען מיט אויסלענדישער וואַליוטע, אים האָט מען ניט געהאַלטן פאַר אַ פּאָליט־אַרעסטירטן. אַרבעטנדיק אַף דער עלעקטראָסטאַנציע ביז דער מילכאָמע, האָב איך אָפט זיך געטראָפן מיט אים. מיר האָבן אַ לענגערע צײַט זיך ניט געזען, און באַווײַזן זיך אין טראַנטעס האָב איך זיך געשעמט.

ווען איך בין אַרײַנגעגאַנגען צו אים אין קאַבינעט, האָט ער געקוקט אַף מיר מיט כידעש און געזאָגט, אַז ער וואָלט אין אַזאַ דאָכאָדיאַגע מיך קיינמאָל ניט דערקענט. איך האָב אים דערציילט אַלץ, געבעטן, ער זאָל מיר העלפן זיך אײַנאָרדענען אַהין, וווּ מע קאָן עסן. ער האָט צוגעזאָגט מיר העלפן. ס'איז פאַראַן אַ בריגאַדע, וועלכע אַרבעט באַם אויסלאָדן וואַגאָנען מיט פּראָדוקטן. יעדן טאָג לייגן זיי אַרײַן אין די קעשענעס פלייש און אַנדערע פּראָדוקטן, קאָכן און ברענגען אין דער זאָנע. ער האָט גוט געקענט דעם בריגאַדיר, ער וועט אים בעטן, מע זאָל זיך באַציִען צו מיר, ביז איך וועל זיך שטעלן אַף די פיס, מילד.

אַף אַזאַ אופן בין איך געוואָרן אַ טרעגער. דערווײַל האָט מען מיר געגעבן לײַכטערע אַרבעט, געגעסן האָב איך איבערגענוג, אָבער זיך פאַפּראַוועט לאַנגזאַם. די בריגאַדע איז געווען אונטערגעאָרדנט דעם פאַרוואַלטער פונעם סקלאַד (אַ ציווילער). ער האָט געוווּסט, אַז מע גאַנוועט, אָבער פאַרשטאַנען, אַז אויב מע וועט ניט זײַן זאַט, וועט מען ניט קאָנען אַרבעטן. און די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. איינמאָל האָט מען מיר געהייסן אַריבערטראָגן זעק, און שוין מיטן ערשטן זאַק אַף די פּלייצעס בין איך אומגעפאַלן. דער פאַרוואַלטער פונעם סקלאַד האָט געזאָגט, אַז ער האָט גלײַך געזען, אַז איך בין אַ מענטש אַ שוואַכער, אָבער געהאַלטן מיך אַ גאַנצן כוידעש, נאָר פאַר אָט דער אַרבעט פאָדערן זיך שטאַרקע מענטשן. ביכלאַל האָט ער מיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. דעמלט איז אַרומגעגאַנגען אַ שפּריכוואָרט: „דו שטאַרב הײַנט, און איך מאָרגן". איינציקע, וועלכע האָבן קעסיידער געאַרבעט אַפן זאַוואָד, האָבן אַף די פרײַע ערד־כאַלאַקים פאַרזעצט קאַרטאָפל, אַזעלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, געלעבט בעסער.

ווען די דײַטשן האָבן פאַרכאַפּט מײַרעוו־אוקראַיִנע, האָט די קאָרעספּאָנדענץ מיט די עלטערן און מיטן ווײַב זיך איבערגעריסן, רעגינע האָט זיך עוואַקויִרט פון סטאַלינאָגאָרסק קיין קאַזאַכסטאַן. וואַרטן אַף הילף איז ניט געווען פונוואַנען.

איך בין ווידער אַוועק צו זײַצעוון. כ'האָב אים געזאָגט, אַז ווען מע וואָלט מיך ביז דער מילכאָמע אָפּגעשיקט אַהין אַף אַרבעט, וואָלט איך אָן שום ספק זיך ספּראַוועט מיט איר, אָבער איצט שלעפּ איך קוים מיט די פיס. זײַצעוו האָט מיך געפרעגט, צי פאַרשטיי איך עפּעס אין קולינאַריע? פאַרשטייט זיך, אין די גוטע צײַטן האָב איך זיך געשפּײַזט אין רעסטאָראַנען, ס'איז מיר אויסגעקומען צו עסן אויסגעצייכנטע מאַכאָלים: ווי זיי רופן זיך — ווייס איך, אָבער וויאַזוי גרייט מען זיי — דאָס ווייס איך ניט. ער האָט געענטפערט: „פּוסטע מײַסעס, מיר וועלן באַלד אַלץ אײַנאָרדענען". ער האָט אַרויסגערופן דעם הויפּטקעכער שאַפּיראָ — אַ ייִד, וואָס איז געווען פאַרמישפּעט פאַר פאַרגוואַלטיקונג. דעם קעכער האָט זײַצעוו געזאָגט: „שאַפּיראָ, דו זעסט אָט דעם מענטשן, ער איז אַן אינזשעניער, דײַן לאַנדסמאַן. איך דאַרף אים אָפּהיטן. און דו ביסט אַ שלעכטער ייִד, אויב דו האָדעוועסט

קאַלערליי זשוליקעס, און דײַן אײגענעם מענטשן זעסטו ניט. שטעל אים אַוועק פאַר א געהילף־קע־כער, ער וועט גיך זיך פאַנאַנדערקלײַבן, מע קאָן אים פולקום אַנטרויען".

אַף אַזאַ אופן האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אַף דער קיך. דאָ האָבן געאַרבעט 14 קעכערס. עס זײַנען געווען 10 קעסלען, יעדערער צו 400 ליטער, און געקאָרמעט האָט מען 3000 מענטשן.

אַפּט פלעגן קומען נאָך דער אַרבעט פרויען צוהעלפן, פאַר דעם האָט מען זיי געהאָדעוועט. איך האָב ווירקלעך גאַנץ גיך באַהערשט די קולינאַר־קונסט, ווײַל איך האָב געהאַט גוטע לערער, א העלפט פון זיי האָבן פריִער געאַרבעט אין רעסטאָראַנען. איך האָב באַדאַנקט זײַצעװן פאַר זײַן אָנטייל אין מײַן גורל. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען זייער א סאַך גוטע מענטשן, וועלכע לײַדן אומשולדיק, אָבער אַלעמען העלפן איז ער ניט בעקויעך, אָבער וויפל ער קאָן, העלפט ער. „דו גע־פינסט זיך איצט אין אַזאַ לאַגע, — האָט ער געזאָגט, — אַז דו קאָנסט שוין אַליין העלפן, סטאַרע זיך דאָס צו טאָן, און דאָס וועט זײַן די סאַמע בעסטע דאַנקבאַרקײַט פאַר מיר". אין א שטיקל צײַט אַרום איז ער אַוועק אַפן פראָנט, מע האָט באַפרײַט זײַן באַקאַשע.

אין מעשעך פון דער מילכאָמע האָב איך איך עטלעכע מאָל אָנגעגעבן מעלדונגען, מע זאָל מיך אַפּשיקן אַפן פראָנט, אָבער מאַכמעס דעם אַרטיקל 58, פונקט 6, לויט וועלכן איך בין פאַרמישפּט געוואָרן, האָט מען מיר אָפּגעזאָגט. אַנדערע, מיטן פונקט 10 (אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע), האָט מען געשיקט.

אין א כאַדאָשים פינף אַרום בין איך שוין געוואָרן א זעלבשטענדיקער קעכער און אין א שטיקל צײַט אַרום — א באַאַכטיקער הויפּטקעכער. דאַגאָם איך האָב גוט זיך דערנערט, זײַנען די פיס אָבער נאָך אַלץ געווען געשוואָלן.

אָפּט פלעג צו אונדז אַרײַנקומען דער פאַרוואַלטער פון דער קעסל־קאַמער אַפן זאַוואָד קאַרפּאָוו. ער איז געווען באַפרײַנדעט מיטן הויפּטקעכער. זיי פלעגן אָפּט דיסקוטירן וועגן סטאַלינס פּאָליטיק בײַ דער מילכאָמע און בײַס דער מילכאָמע, געפּרוּווט אַרײַנציִען אינעם געשפּרעך אויך מיך. איך האָב אָבער געזאָגט, אַז איך קען דיסקוטירן וועגן מוזיק, ליטעראַטור, וויסנשאַפט, וועגן רײַזעס, נאָר ניט וועגן פּאָליטיק. אין א שטיקל צײַט אַרום האָט מען קאַרפּאָוון אַרײַנגעזעצט אין טורמע. ס'האָט מיך אַרויסגערופן דער אָפּעראַטיווער באַפעלמעכטיקטער, קעדיי איך זאָל געבן באַווײַזן קעגן קאַרפּאָוון, וועלכער האָט געזאָגט וועגן סטאַלינען, אַז יענער האָט אַלע טאַלאַנטפולע גענעראַלן דער־שאָסן, א דריטכיילעק פון די אָפיצערן האָט ער אַרעסטירט, דעריבער איז אונדזער אַרמיי אַזוי גיך אָפּגעטראָטן בײַז מאָסקווע און לענינגראַד. איך האָב געענטפערט, אַז איך האָב קיינמאָל זיך ניט אַרײַנגעמישט אין פרעמדע שמועסן, אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון קאַרפּאָוון אַזעלכע רייד. נאָך דעם האָט מען מיך, פאַרשטייט זיך, אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און אָפּגעשיקט וואַל־גערן ביימער. אַף דער קיך האָב איך אָפּגעאַרבעט 8 כאַדאָשים.

איך בין אַרײַנגעפאַלן אין א בריגאַדע פון קרימינעלע פאַרברעכער. אין א כוידעש אַרום האָט דער קאָנוואָי מיך אָפּגעפירט אין געריכט, ווי אַן אײדעס. דאָרט איז געווען קאַרפּאָוו און דער הויפּט־קעכער. מע האָט דאָרט איבערגעלייענט דעם באַשולדיקונגס־פּראָטאָקאָל פונקט אַזאַ, וועלכן מע האָט מיר פאָרגעלייגט אונטערשרײַבן, פאַרופנדיק זיך בלויז אַף די באַווײַזן פונעם הויפּטקעכער. זיי האָבן געפרעגט, צי באַשטעטיק איך מײַנע באַווײַזן? איך האָב געענטפערט, אַז קאַרפּאָוון קען איך שוין פון לאַנג, ווען איך האָב נאָך געאַרבעט אַף דער עלעקטראָסטאַנציע, אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אים אַנטיסאָוועטישע רייד, און דאָס, וואָס עס האָט באַוויזן דער הויפּטקעכער, איז נידערטרעכטיק און א ליגן. איך בין געווען זייער פאַרוווּנדערט, וואָס דער געריכט איז געפירט געוואָרן לויט אַלע קלאָלים. ס'איז דאָך אויסגעקומען צו זען מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען א צעניאָריקן טערמין אָן א געריכט און אָן אָן אויספאָרשונג. נאָך א קורצער באַראַטונג האָט דער גע־ריכט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל: לויט דער אָפּוועזנהײַט פון דערווײַזן ווערט די באַשולדיקונג אַראָפּ־גענומען.

אין וואַלד האָב איך אָפּגעאַרבעט 3 כאַדאָשים, דערנאָך האָט מען מיך איבערגעפירט אַף דער עלעקטראָסטאַנציע. דער דירעקטאָר פונעם געהילץ־זאַוואָד האָט מיך אַרויסגעפאָדערט, ווי א נייטיקן ספּעציִאַליסט. דער פאַרבאָט איז פון די געפערלעכע אַרטיקלען אַראָפּגענומען געוואָרן, ווײַל ס'איז געווען א מאַנגל אין ספּעציִאַליסטן. מע דאַרף זאָגן, אַז די געבליבענע אַף דער קיך קעכער האָבן מיך ניט פאַרגעסן, טאָמיד אונטערגעהאָדעוועט, אַזוי אַז אַף דער קיך האָב איך מער זיך ניט געריסן. אַזוי זײַנען פאַרבײַ אַרום 10 כאַדאָשים.

מיך האָט ווידער אַרויסגערופן דער שטעלפאַרטרעטער פונעם רעזשים־שעף כטעפּאַנאָוו, גע־פרעגט, צי וויל איך ניט זיך אומקערן אַף דער קיך? דאָרט אַרבעט איצט אַלס הויפּטקעכער א קרי־מינעלער און מע האָט יעדיִעס, אַז ער גאַנוועט און פאַרקויפט פּראָדוקטן, און ווען איך האָב געאַר־בעט, איז אַף דער קיך געווען מער אָרדענונג. מיט אַזאַ וועג האָב איך ווידער זיך אומגעקערט אַף דער קיך.

6

אינעם טאָג פון ניצאָכן האָט מען אַלעמען באַפרײַט פון דער אַרבעט. צו דער פרייד און צום יובל איז ניט געווען קיין סאָף. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען באַפרײַט די „אוקאַזניקעס" — דאָסראָוו יונגע פרויען, וועלכע זײַנען פאַרמישפּעט געוואָרן דערפאַר, ווײַל זיי האָבן אָן אַ דערלויבעניש פאַרלאָזט די אַרבעט און באַקומען אַ טערמין ביז 5 יאָר.

מײַן ווײַב איז אָפּגעווען 5 יאָר אינעם קאַראַגאַנדינער לאַגער און דערנאָך אין פאַרשיקונג אין טעמיר-טאַו. זי האָט געשריבן, אַז זי האָט זיך פאַרעגיסטרירט אויף אַ רעפּאַטריאַציע קיין פוילן, און ווען מע וועט מיך באַפרײַען, זאָל איך אויך זיך רעפּאַטריירן און קומען צו איר. אָבער דאָס איז ניט באַשערט געווען צו מעקויעם ווערן. אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָב איך באַקומען פון איר אַ געזעגענונגס-בריוו, זי פאָרט אוועק קיין וראָצלאַוו און דאָרט וועט זי וואַרטן אויף מיר.

אין אָנהייב מאַרט 1947 האָט מיך אַרויסגערופן דער שעף פונעם לאַגער און געגעבן מיר דורכלייענען די באַשטימונג, אַז מיט אַ באַזונדערן באַשלוס פון ענקאַוועדע ווער איך פאַרשיקט אויף 3 יאָר אין קאָמי-פּערמיאַצקער קרײַז. ער האָט מיך געוואָרנט, אַז עס וועט מיך באַגלייטן אַ קאָנוואָי, און דאָרט אויפן אָרט וועל איך זײַן פרײַ...

עס זײַנען פאַרבײַ דרײַ יאָר פון מײַן פאַרשיקונג. אין דעקאַבער 1949 האָט מען מיר אין ענקאַוועדע דורכגעלייענט אַ נײַע באַשטימונג פון דער „באַזונדערער בעראַטונג", אַז איך בין פאַרשיקט אָן אַ טערמין. אָט אַזוי האָט מען מיך אָן אַ געריכט און אָן אָן אויספאָרשונג, אָן פאַקטישע באַשולדיקונגען צוערשט פאַרמישפּעט אויף 5 יאָר, דערנאָך ביז דעם סאָף פון דער מילכאָמע, נאָכדעם פאַרשיקט אויף 3 יאָר און איצט — אָן אָנטערמיניקע פאַרשיקונג. און ווען דער טאַליען סטאַלין וואָלט ניט געשטאָרבן, וואָלט מען מיך פאַרפאָלגט ביזן טויט.

אַצינד איז געווען קלאָר, אַז איך וועל שוין קיינמאָל ניט קאָנען זיך פאַראייניקן מיט מײַן געזעצלעכער פרוי. וועגן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד האָט ניט געקאָנט גיין קיין רייד. דעמלט האָב איך אָנגעשריבן דעם מיידל, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט אין לאַגער (זי איז געווען מיט מיר צוזאַמען אין קודימקאַר). זי איז געקומען צו מיר מיט אונדזער זון. שפּעטער איז געבוירן געוואָרן בײַ אונדז אַ טאָכטער. מיר האָבן זיך פאַרעגיסטרירט און לעבן פרײַנטלעך ביז הײַנטיקן טאָג.

אין 1954 האָט מען מיך אַרויסגערופן אין ענקאַוועדע און מיר איבערגעגעבן דעם אוקאַז פונעם אויבער-סאָוועט פון ס.ס.ס.ר, אַז איך בין באַפרײַט פון דער פאַרשיקונג, און אַראָפּגענומען פון מיר די

ВОЕННЫЙ ТРИБУНАЛ
МОСКОВСКОГО ВОЕННОГО
ОКРУГА
"18" декабря 1957 г.
№ Н-4077/ос
г.Москва,Арбат,37

КОПИЯ :

СПРАВКА

Дело по обвинению ГРЕДИНГЕРА Иосифа Бернгардовича,1903 года рождения,до ареста 16 марта 1937 года работавшего техником-электриком Сталиногорского химкомбината,пересмотрено Военным трибуналом Московского военного округа 9 декабря 1957 года.

Постановления от 10 июля 1937 года,от 4 января 1947 года и от 12 ноября 1949 года в отношении ГРЕДИНГЕРА И.Б. отменены и дело о нем прекращено за отсутствием состава преступления.

ЗАМ. ПРЕДСЕДАТЕЛЯ ВОЕННОГО ТРИБУНАЛА
М В О ПОЛКОВНИК ЮСТИЦИИ /Н.Гуринов/

м.п.

אַ קאָפּיע פונעם דאָקומענט, אַז יאָסיף גרעדינגערס איניען איז דעם 12 נאָיאַבער 1949 אָפּגעשאַפט געוואָרן מיצאַד דעם מיליטער-טריבונאַל פונעם מאָסקווער מיליטער-קרײַז.

געמישפּעטקײַט. איך מיין, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם, וואָס איך האָב באַלד נאָך סטאַלינס טויט אָנגעשריבן דעם גענעראַל־פּראָקוראָר, אַז שוין 15 יאָר פאַרפאָלגט מען מיך אומזיסט און אומ־נישט, און אויב עס זײַנען פאַראַן ספּייקעס, קאָן מען זיי קאָנטראָלירן אין די אַרכיוון פון פּוילן. אָבער מע האָט מיך ניט רעאַביליטירט. און פונדעסטוועגן בין איך, נאָך 17 יאָר פאַרפאָלגונגען, באַפרײַט געוואָרן. דאָס האָט מיך באַפליגלט און צוגעגעבן זיכערקײַט.

אין אָרלויב בין איך געפאָרן אין מײַן היימשטאָט גאָראָדענקאַ. דאָרט בין איך געווען עטלעכע טאָג, געגאַנגען הינטער דער שטאָט, ווו מע האָט דערשאָסן און באַגראָבן אין דער טראַנשיי ייִדן. מע האָט מיר גענוי דערציילט וועגן דעם. פונעם הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, איז געבליבן בלויז דער פונדאַמענט. איך האָב זייער איבערגעלעבט דעם פאַרלוסט פון מײַנע נאָענטע, געבלאָנקעט איבער דער שטאָט, דערמאָנט מײַן קינדהײַט. כ'האָב באַשלאָסן, אַז כ'וועל קיינמאָל זיך ניט אומקערן אַהער.

אין 1956 האָב איך אָנגעשריבן כרושטשאָװן. אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָב איך באַקומען אַ מיטיילונג פונעם הויפּט־פּראָקוראָר, אַז וועגן מײַן איניען איז אָנגעגעבן אַ פּראָטעסט, און דעצעמבער 1957 האָט מען מיך אַרויסגערופן אין קאַגעבע און געגעבן מיר איבערלייענען דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פונעם מיליטערישן טריבונאַל, אַז אַלע דרײַ באַשלוסן פון דער „באַזונדערער באַראַטונג" ווערן אָפּגעשאַפן און דער איניען ווערט אָפּגעשטעלט מאַכמעס דער אָפּוועזנהײַט פונעם באַשטאַנד פון פאַרברעכן. מע האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ ספּראַווקע מיט אַ קורצן אינהאַלט וועגן רעאַביליטאַציע. פונקט אַזאַ ספּראַווקע האָט מען מיר אַרויסגעגעבן בנוגע מײַן פרוי. כ'האָב די ספּראַווקע אָפּגע־שיקט קיין בראַזיליע (אין יענער צײַט האָט זי געוווינט דאָרט).

בײַס דער צעלינאַ האָב איך זייער אַ סאַך געאַרבעט איבער דער עלעקטריפיקאַציע פון די קאָל־ווירטן און סאָוווירטן, באַקומען באַלוינונגען, דערין אַ מעדאַל „פאַר באַהערשן די צעלינאַ". אינעם ערשטן הויז, וואָס מע האָט אויסגעבויט פאַר די אַרבעטער פון אונדזער מעכקאָלאָנע, האָב איך באַ־קומען אַ דרײַצימערדיקע דירע, אין וועלכער איך וווין ביז הײַנטיקן טאָג.

אין 1963 בין איך אַרויס אויף פּענסיע. מע האָט מיך זייער וואַרעם באַגלייט. כ'האָב זיך אַ ביסל אָפּגערוט און ווידער זיך אומגעקערט אויף דער אַרבעט. כ'האָב אָפּגעאַרבעט נאָך אַן ערך פינף יאָר. שפּעטער פלעג איך פאַרטרעטן די אַוועקגעגאַנגענע אין אָרלויב אַרבעטער, באַזונדערס דעם אינזשעניר איבער דער טעכניק פון געפאַרלאָזיקײַט.

7

מיט מײַנע שוועסטער, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין פּשאַ, האָב איך זיך ניט געזען אַן ערך 40 יאָר. אין 1969 האָבן זיי מיר צוגעשיקט אַן אַרויסרוף און אַ דערלויבעניש אויף אַרײַנפאָרן אין פּשאַ. אין עמוועדע האָב איך פאַרפילט די נייטיקע פאַפּירן, אָבער אין צוויי כאָדאָשים אַרום האָב איך באַ־קומען אַן אָפּזאָג.

אַ פאַרצווייפלטער, האָב איך אָנגעשריבן קאָסיגינען, האַגאַם זיכער בין איך ניט געווען, ביפראַט נאָך, אַז כ'האָב אָנגעשריבן שאַרף. פאַרשטייט זיך, אַז ווען כ'וואָלט אַזוי געשריבן אין 1937, וואָלט איך פאַרדינט 10—15 יאָר טורמע.

אין אַ צײַט אַרום איז געקומען אַ מאַשין. מע האָט מיך אײַנגעלאַדן אין עמוועדע. אין דער פאַרוואַלטונג האָט מיך אויפגענומען דער שעף פון אַן אָפּטייל און צו וויסן געגעבן, אַז אויף מײַן בריוו צו קאָסיגינען איז אָנגעקומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער. צוליב דעם דאַרף מען ווידער פאַרפולן די ניי־טיקע דאָקומענטן און אין 2—3 וואָכן אַרום אַרויספאָרן קיין מאָסקווע, ווו מע וועט מיר אַרויסגעבן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, און אין דעם קאָנסולאַט פון פּשאַ — אַ וויזע. און נאָך האָט ער מיר גע־זאָגט, אַז ער סאָפּעקט ניט אין מײַן אומקערן זיך.

אין מאָסקווע האָב איך גיך באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַס, אין קאָנסולאַט פאַרפולט אַן אַנקעטע. די וויזע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף 6 כאָדאָשים.

אין ניו־יאָרק, אויפן אַעראָוואָקזאַל, האָבן מיך באַגעגנט די שוועסטער. זיי האָבן מיך, פאַרשטייט זיך, ניט דערקענט, ביזוואַנען כ'האָב זיי ניט אַ רוף געטאָן. מיר אַלע זײַנען געפאָרן אין מאַשין צו דער עלטערער שוועסטער, פאַליע, זי האָט אײַנגעלאַדן געסט צוליב דער באַגעגעניש. אין ניו־יאָרק זײַנען געווען אַ סאַך קרויווים, אייניקע האָב איך געקענט פון קינדהײַט אָן. אַלע האָבן מיך אײַנגע־רעדט, כ'זאָל פאַרבלײַבן אין ניו־יאָרק, באַזונדערס די שוועסטער. זיי האָבן ניט קיין קינדער, פאַר־מאָגן געלט אין באַנק, און דאָס סטײַעט זיי אײַנדרײַען אויפן לעבן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך באַקום אַ נישקאָשעדיקע פּענסיע, כ'וווין אין אַ דרײַצימערדיקער דירע. מײַן ווײַב און די קינדער זײַנען באַזאָרגט, איך וועל קיינמאָל ניט קאָנען זיך שיידן מיט זיי. ס'האָט ניט קיין זין צו בײַטן אויף דער עלטער דעם לעבנשטייגער.

אין 5 יאָר אַרום האָב איך ווידער באַזוכט די פֿאַרייניקטע שטאַטן, דאָס מאָל איז די דערלויבעניש געגעבן געוואָרן אָן אָפּשלעפּעניש. כ׳האָב אָנגעשריבן מײַן ערשטער פֿרוי קיין בראַזיליע, גע־בעטן אַ טרעפֿונג. ביפֿראַסט נאָך, אַז אין ניו־יאָרק האָבן געלעבט צוויי ברידער אירע. זי האָט מיר צוגעשיקט 100 דאָלאַר און געענטפֿערט, אַז זי וואָלט מיט פֿאַרגעניגן געקומען, אָבער זי האָט נאָרוואָס אַרײַנגעלייגט איר מאַן אין אַ שפּיטאָל, ער איז געפֿערלעך קראַנק.

כ׳האָב אַ סך דיסקוטירט מיט אַ קאָרעוו — אַ זשורנאַליסט, ער פֿלעג קומען יעדן זונטיק. ער האָט געסטאַרעט זיך צו דערווײַזן, אַז קאָמוניזם און סאָציאַליזם איז אַ שיינע אידיי, אָבער פּראַקטיש איז זי אוממעגלעך צו פֿאַרווירקלעכן. לאָמיר נעמען דאָס פֿויערטום. ווען עס זײַנען געווען איינצלנע פֿויערים, האָבן זיי געהאָרעוועט פֿון אינדערפֿרי ביז אָפּדערנאַכט, און איצט ווילן זיי ניט אַרבעטן, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. די קאָלווירטן און סאָווירטן קאָנען ניט אָנהאָדעווען דאָס לאַנד, דעריבער קויפֿט דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד יעדעס יאָר טווע אין אויסלאַנד... עס זײַנען געווען אַ סך כילוקע־דייעס, און מיר איז אויסגעקומען צו פֿאַרטיידיקן מײַן לאַנד פֿון אָנפֿאַלן. פֿונדעסטוועגן איז די באַציִונג צו אונדז געווען ניט קיין אַדעקוואַטע.

איך בין איצט אַלט 86 יאָר, לעב מיט מײַן ווײַב. אונדזערע קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן, וווינען אין ווייערע דירעס. איין טאָכטער איז אַן אינזשעניער, וווינט אין לענינגראַד. די צווייטע טאָכטער און דער זון וווינען אין קוסטאַנאַי.

מײַן ערשטע פֿרוי וווינט איצט אין פּאַריזש, זי איז אַלט 80 יאָר. איר צווייטער מאַן איז געשטאָרבן.

מײַנע שוועסטער לעבן נאָך אַלע אין ניו־יאָרק. פֿאַליע איז אַלט 92 יאָר און רעגינע — 88.

איך בין זייער צופֿרידן, וואָס מע האָט סאָפּקאָלסאָף אָנגעהויבן באַשרײַבן אַלע פֿאַרברעכנס פֿון סטאַלינס רעזשים. און זאָל, ווי עס זאָגט זיך, גאָט העלפֿן, עס זאָל זיך מער קיינמאָל ניט איבערכאַזערן. ביז איצט כאָלעמען זיך מיר די קאַשמאַרנע טעג, ווען איך בין געזעסן אין די לאַגערן און טורמעס. צומאָל וועקט מיך באַנאַכט מײַן ווײַב פֿונעם שלאָף, ווײַל אָפֿט שרײַ איך אָדער איך קרעכץ בײַסן שלאָף.

און פֿונדעסטוועגן בין איך אַן אָפּטימיסט.

באלאדע וועגן דער ערד

1

מיט עכטן וווּנדער כ׳קוק און טראכט,
ווי מילד עס שמייכלט די לעוואָנע,
די ערד רוט אָפּ, דער מוילעד וואכט,
ס׳איז ביידן אָנגענעם, אפּאָנעם.

מיר זײַנען אױף דער ערד קיין געסט
און האָבן זיך מיט וואָס צו פרייען,
ס׳איז אונדזער היים דאָ, אונדזער נעסט
מיט ווילדע אייביקע פאַרזייען.

אַלץ זאַפּט זיך אײַן, וואָס כ׳זע און הער
מיט טיפן זין און סייכל קלאָרן,
און ס׳דוכט זיך, אַז אַליין די ערד
איז גאָר אַן אַנדערע געוואָרן.

אַן אופגעוואכטע — בליט און שײַנט,
צעריסן איז איר בייזער שלייער,
עס קערט זיך אום צו איר דער פרײַנט —
דער עכטער אַקערער און זייער.

2

אין ראַכוועסדיקן פעלד כ׳פּאַרקער
און פיל אַן עכטן פאַרגעניגן,
נאָר פּלוצעם, דאַכט זיך, איך דערהער
א שטילן טרויעריקן ניגן...

און די נעשאָמע ווערט פאַרקילט,
פונוואַנען נעמען זיך די קלאַנגען?
אַרום איז זוניק דאָך און מילד
און פריילעך שושקען זיך די זאַנגען.

עס טוט א ווינטל לײַכט א וויי
און רוימט מיר אײַן א סאָד אין אויער:
די ערד באַוויינט נאָך אַלץ איר וויי,
וואָס האָט אַזויפיל צײַט געדויערט...

אָט שטייט באַם ראַנד אַן אַלטער דעמב,
א לעבעדיקער איידעס איז ער,
ווי ס׳איז די ערד געוואָרן פרעמד
און אויסגעהילט, און אויסגעריזלט.

און אין אַן אויסטערלישן בראָך,
ווי מיט אַן ענגער רייף פאַרצויגן,
די לעצטע זאַפטן — נאָך און נאָך
מע האָט פון איר אַרויסגעזויגן.

און וואָס האָט זי שוין טאָן געקענט,
וואָס האָט אױף איר געקענט געראָטן? —
די שטאַרקע פויערישע הענט
מע האָט געבונדן און פאַרבאָטן.

און אויסגעראָטן ביזן גרונט
די באַלעבאַטישקײַט די „טרייפע",
די ערד האָט צאָרנדיק געברומט,
ווי אין א שרעקלעכער מאַגייפע.

3

כ׳דערמאָן דעם טאַטנס פלינקן קער,
דער מאַמעס בעריעשאַפט און ניײַגער,
דעם לאַנגן וועג צו יענער ערד,
וואָס האָט געהאַרט אױף אונדז אין טײַגע.

געקומען — ניט צו זײַן א גאַסט,
א היים, א גליקלעכע דאָ בויען,
און פעט געגלאַנצט האָט יעדער פלאַסט
פון דער ניט־אויסגעפרוווטער רויערד.

„ס׳באַזעצט זיך אױף דער ערד א ייִדו!" —
די טײַגע האָט די נײַס צעקלונגען,
און ס׳האָבן פעלדער זיך צעבליט,
און זאַנגען זיך צעזונגען!..

נאָר ס׳האָט דער ראָשע ניט גערוט,
געזוכט איך דאָ זײַנע קאָרבאָנעס,
געשמיסן מיט זײַן בייזער רוט,
פאַרקלעמט דאָס לעבן אין א טאָנעס.

אױף אַלץ געווען איז נאָר איין מאָס:
ווער ביסטו? עפּשער גאָר א סוינע,
א פאַרמאַסקירטער „באַלעבאָס",
אַזאַ, ווּעמען מע טאָר ניט שוינען?..

ס'האָט קיינער ניט געהאַט קיין ווערט,
פאַרנומען יעדערן באַזונדער,
און ווייגעשריִען האָט די ערד,
ווי מ'וואָלט די הויט פון איר געשונדן.

4

און אָט איז נאָך איין עלנט פעלד,
וווּ אויסגעצערט די זאַנגען זײַנען,
דאָס פעלד איז פון דער זון פאַרשטעלט,
ווי זי ניט וועלן זאָל שוין שײַנען.

אין טאָל, וווּ ס'האָט אַמאָל געבליט,
ווי אין אַן עמעסן גאַניידן,
עס האָט זיך גאָרנישט ניט פאַרהיט,
סײַדן די אויסגעהוילטע בייטן.

און נאָר די זעלבע שטילע ווינט,
די זעלבע שטיפערישע ווינטן,
וואָס לויפן אום אין פעלד פאַרשײַט
און ווייסן ניט וווּ זיך אַהינטאָן.

זיי האָבן מיך אין דאָרף געבראַכט,
ווי עס איז נעבעכדיק־דערשראָקן,
ניטאָ קיין אוילעם און קיין מאַכט,
דער איינציקער — אַן אַלטער זאָקן.

נאָר זײַן זיקאָרן איז נאָך שטאַרק,
און ער דערמאָנט די צײַטן יונגע,
דעם נעפּ, דעם דעמלסט רײַכן מאַרק,
אין דרײַ־און־דרײַסיקסטן — דעם הונגער.

א לאַנגן שמועס ער פאַרפירט,
ווי אַן זײַן היים ער איז פאַרבליבן
און ווי מע האָט אים פון קאָלווירט
מיט אַן עטאַפּ אַוועקגעטריבן...

„אַ פײַנט פון פאָלק, אַ באַלעגוף!״ —
געשטאָכן האָבן בליקן שווערע,
געציטערט האָט פון ווײ דער גוף,
געדרונען אומשולדיקע טרערן.

געפילט דעם ראַצכישן פּאַראַט,
ווען מיט זײַן ערד מע האָט צעשיידט אים,
און מער שוין גאָרנישט ניט געהאַט,
כוץ וואָגלענישן, שרעק און ליידן.

ער רעדט שוין קוים — ניטאָ קיין ציין,
נאָר ס'גלאַנצן נאָך די קלוגע אויגן,
ער האַלט זיך בא זײַן פּראָסטן מיין:
„וואָס איז געווען, דאָס איז פאַרפלויגן.

די ערד בעט ראַכמים: קום און נעם
און קערכל ווידער מיך, געטרײַער,
זי קען ניט זײַן מער אָפּגעפרעמדט,
ס'איז איצטער יעדער רעגע טײַער...״

מיך פרייט זײַן ליכטיקער באַגער,
דער ערדישער געפיל דעם זאַקנס,
און כ'זע שוין, ווי אַליין די ערד
ווערט אויסגעלייזט פון אירע פּלאָגן.

די ריינקײַט פון די טעג איך מעסט...

איעדע רעגע, ווי אַ פונק,
און טעג, ווי זידנדיקע קעסלען,
און אינעם ברוויזיק־נײַעם שוווּנג
זיך קײַקלען הילכיק די מעסלעסן.

און ווי אַן אויסגעטרוימטער נעס,
אין דעם געדריי פון קישעף־מאַבל
די ריינקײַט פון די טעג איך מעסט
מיט קלאָרן זין און הייסן צאַפּל,

מיט וואָגיקע אַנטבלויזטע טריט
אַפֿי נאָך ניט אויסגעפּרוּווטע וועגן
און מיט מײַן האַפערדיקער ליד,
וואָס קיינער וועט זי שוין ניט שרעקן.

און צי ס'איז גוט געווען, צי שלעכט —
ווער האָט געקענט דעם עמעס ווייסן?
אין נײַעם אָפּענעם געפעכט
גייט אין אַן אָנגריף דאָס געוויסן.

און יעדער מינדסטער זיג מיך טרייסט,
און יעדע מינדסטע שטערונג מאַטערט,
ס'מאַכט מיך די עפנטלעכקײַט דרייסט,
כאָלילע, ס'זאָל איר גאָרניט שאַטן.

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

יאנקעוו שטערנבערג
(1973 — 1890)

שמואל פּערסאָוו
(1952 — 1890)

עליעזער שטײַנבאַרג
(1932 — 1880)

וועגן יאנקעוו שטערנבערגס ליריק

ווען יאנקעוו שטערנבערגן איז שוין גענוג געווען געשריבן אין דער ייִדישער פּרעסע, באַזונדערס אין אויסלאַנד, נאָר קיינער האָט ביז איצט ניט געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו געבן א גענויע כאַראַקטעריסטיק פון זײַן פּילאַרטיקער שאַפונג און פון זײַן קינסטלערישער פּערזענלעכקײַט. פּאָרמעל דערקלערט זיך עס מיט אויסערלעכע סיבעס: מיטן בײַטן דאָס וווינונגס־אָרט און, פאָלגלעך — דאָס שאַפונגס־אָרט. שטערנבערגס לעבן און שאַפן צעטיילט זיך אויף צוויי גרויסע פּעריאָדן — פינף און צוואַנציק יאָר לעבן און שאַפן אין רומעניע און פינף און דרײַסיק יאָר אין ראַטנפאַרבאַנד.

און עס האָט זיך באַקומען אַזוי: די, וועלכע האָבן גוט געקענט שטערנבערגן און זײַן שאַפונג פון אָנהייב, אין ערשטן פערטל יאָרהונדערט, האָבן אָבער ווייניק געוווּסט זײַן ווײַטערדיק לעבן און שאַפונג. מיר דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן געהאַט די מעגלעכקײַט גוט צו דערקענען שטערנבערגן פאַר די לעצטע דרײַ מיט א האַלבן צענדליק יאָר. אָבער מיר ווייסן קימאַט גאָרנישט וועגן אים ביז ער איז געוואָרן א סאָוועטישער בירגער און שרײַבער.

ס'איז געווען אַן אומבײַט פון וועלטן, וועלכער האָט דורכגעפירט א שאַרפן פּאַס, און אין א באַשטימטן זין — אַפילו א מעכיצע צווישן איין גרויסן פּעריאָד באַם דיכטער און דעם צווייטן. אין פאַרלויף פון אָט די צוויי פּעריאָדן האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע און היסטאָרישע סוויווע, אין וועלכער דער דיכטער האָט געלעבט און געשאַפן. דער פאָרמעלער אויסערלעכער ביאָגראַפישער פאַקט איז געוואָרן א וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס האָט געגעבן א נײַע ווענדונג, א קאַר־

דינאלע ענדערונג דעם גאנצן טאָן פֿון שטערנבערגס שעפֿערישער טעטיקייט.

דערמיט ווײל איך ניט זאָגן, אַז שטערנבערגס ביז־סאָוועטישע שאַפֿונג האָט קיין שײַכות און קיין פֿאַרבינדונג ניט מיט דער שאַפֿונג פֿונעם סאָוועטישן שטערנבערג. אין זײַן דיכטונג קאָן מען גרינג פֿעסטשטעלן די פֿעדעם, וואָס פֿאַרייניקן זײַן פּאָעטישן סטיל פֿונעם סאָוועטישן און ביז־סאָוועטישן פּעריאָד. און דאָס קאָן מען דערקלערן דערמיט, וואָס שטערנבערגס אידייִשער באַוווסטזײַן אין רומענישן פּעריאָד איז ניט געווען קעגנגעשטעלט דער אידעאָלאָגיע פֿון זײַן סאָוועטישן פּעריאָד. זײַענדיק אין אויסלאַנד, האָט שטערנבערג געשטרעבט אַהער, אין ראַטנפֿאַרבאַנד. און ווען ער איז געוואָרן אַ טוישעוו, האָט ער דאָך ניט פֿאַרגעסן זײַן אַלטע היים. זײַענדיק אַ סאָוועטישער שרײַבער, האָט ער ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן אײַנגעהיט אינעם שאַפֿן געוויסע שטריכן און גענג, וואָס טיילן אים דײַטלעך אויס אין אונדזער סאָוועטישער ליטעראַטור אַלס אײגנאַרטיקן שרײַבער און פֿאַרביקע שעפֿערישע אינדיווידואַליטעט.

אָט די פֿראַגע ווערט אין אויסלאַנד פֿאַרפּלאָנטערט, און עס ווערט פֿאַרקריפּלט דעם דיכטערס געשטאַלט און זײַן שאַפֿונג אינגאַנצן גענומען. ווי־אַזוי דאָס ווערט געטאָן — איז צו זען פֿון דער רעצענזיע אויפֿן בוך „אין קרײַז פֿון יאָרן“, וואָס אַלעקסאַנדער שפּיגלבלאַט האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „די גאָלדענער קייט“. דער רעצענזענט שרײַבט:

„מע קען, דוכט זיך, שטערנבערגן ביכלאַל ניט אײַנשליסן אין דער מישפּאָכע שרײַבער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד. שטערנבערג האָט סטרוקטורעל קיינמאָל ניט געהערט צו זיי און געהערט אויך הײַנט ניט צו זיי“[1].

לייענענדיק אָט די שורות, גיט זיך ניט־ווילנדיק אַ טראַכט: צי איז דער אַוטאָר, כאָלילע, ניט געווירט פֿון די געדאַנקען? וואָס הייסט, שטערנבערג האָט סטרוקטורעל קיינמאָל ניט געהערט צו דער מישפּאָכע ייִדישע שרײַבער אין ראַטנפֿאַרבאַנד? וואָס מיינט דער אַוטאָר מיטן וואָרט „סטרוקטורעל“? אויב די אויסערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע זײַט, איז דאָס אַן אומזין, ווײַל שטערנבערג איז די גאַנצע צײַט געווען אַ מיטגליד פֿונעם סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַרבאַנד, ווי אַלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. מיינט אַלעקסאַנדער שפּיגלבלאַט, אָפּאָנעם, אַז יאַנקעוו שטערנבערג איז ניט קיין סאָוועטישער שרײַבער לויטן טאָן פֿון זײַן שאַפֿן? איז דאָס אַ רעכילעס אויפֿן דיכטער, און יאַנקעוו שטערנבערג וואָלט געוויס דאָס ניט מויכל געווען דעם רעצענזענט. אין שמועסן מיט מיר האָט דער דיכטער זיך אויסגעלאַכט פֿון אָט די כקירעס.

שאַפֿנדיק אָט די קאָנצעפּציע פֿון שטערנבערגס קלוימערשטער ניט־סאָוועטישקייט, טײַטשט אַלעקסאַנדער שפּיגלבלאַט אויס זײַן דיכטונג אויף אַזאַ אויפֿן, אַז עס בלײַבט פֿון איר זייער ווייניק. לעמאָשל, מיקויעך דעם אויסגעצייכנטן ציקל לידער וועגן מאָסקווע, וואָס אַפֿילע דער רעצענזענט קאָן ניט אָפּלייקענען זייער סאָוועטישן טאָן, ווערט געזאָגט, אַז דאָס זײַנען לידער „קאַלטע, ווי שניי, וואָס פֿאַרנעמט אין זיי אַ בעקאָוועדיק אָרט. די סטראָפֿע איז טאַקע אָן אָפּגעטאָקטע, מיט געשליפֿענע גראַמען, אָבער עס פֿעלט אין איר די צאַפּלדיקע נעשאָמע“.

און עטוואָס פֿריִער שרײַבט דער רעצענזענט:

„אַוואַדע קען זײַן, אַז מאַכנדיק הײַנט אַ כעזשבן־האַנעפֿעש אין זײַן מאָסקווער עלנטקייט, זאָל יאַנקעוו שטערנבערג האָבן כאַראָטע, וואָס ער איז אין 1940 אַוועק פֿון בוקאַרעשט, כדי צו פֿאַרווירקלעכן זײַן אידעאַל“.

די רעצענזיע אינגאַנצן גענומען איז אַ מוסטער פֿון כקירעס און שטויסענישן וועגן דעם דיכטערס געמיט: „מע קען עפּשער“, „מע קען דוכט זיך“, „אַוואַדע, קען זײַן“, „לעכאַטכילע האָט זיך עפּשער“. „דערפֿאַר הערן מיר אַרויס פֿון שטערנבערגס לידער אַ רעמעז, און עפּשער מער ווי אַ רעמעז וועגן זײַנע איבערלעבענישן און וועגן זײַן געמיט־צושטאַנד“, „שטערנבערג האָט עפּשער דיכטעריש פֿאַרעגיסטרירט די שיינקייט פֿון די מאָסקווער בולוואַרן“, „שטערנבערג האָט, ווײַזט אויס, יאָ געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון אַ גרויער ווירקלעכקייט“, „דאָס (די לידער וועגן דעם מײלעך שלוימע. — ה. ר.) איז עפּשער אַ הויכפּונקט פֿון זײַן אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג“ אאַז״וו.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אַלץ, וואָס איז ניט זיכער, וואָס איז געבויט אויף „עפּשער“, „קען זײַן“ און „ווײַזט אויס“, קאָן ניט ערנסט גענומען ווערן אין אַכט. אַלע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון שטערנבערגן, די „דרײַ סאַכאַקלען“ פֿונעם דיכטערס שאַפֿן, וואָס שפּיגלבלאַט פֿירט אונטער, האָבן ניט קיין באָדן, זײַנען פֿלאַך, סוביעקטיוויסטיש און האָבן אין אַ רײ פֿאַלן קיין שײַכעס ניט צו שטערנבערגס פּאָעזיע.

בלויז אין איין אָרט איז דער רעצענזענט נאָענט צום עמעס, ווען ער שרײַבט: „מיר ווייסן קימאַט גאָרנישט וועגן שטערנבערגס געמיט־צושטאַנד, נאָך דעם ווי ער איז צוריקגעקומען אין מאָסקווע, פֿון אוזבעקיסטאַן“. אין אַזעלכע פֿאַלן, אַז „מע ווייסט קימאַט גאָרנישט“, נעמט מען זיך ניט שרײַבן וועגן דעם, וואָס מע ווייסט ניט...

אַלעקסאַנדער שפּיגלבלאַט איז פֿאַרבײַגעגאַנגען צוויי גרונטמאָמענטן אין שטערנבערגס שאַפֿן: ערשטנס, דעם שרײַבערס סאָציאַלע אָנשויונגען און, צווייטנס, די אָרקוואַלן און די טראַדיציעס פֿון זײַן קולטור. דער רעצענזענט שפּיגלבלאַט ווייסט גאַנץ גוט, אַז „יאַנקעוו שטערנבערג האָט מיט לײַב און לעבן געוואָלט דינען דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און האָט געגלייבט בעעמונע־שליימע אין דער גאולע דורך סאָציאַליזם“. וואָס זשע באַטײַט עס? דאָס הייסט, אַז שטערנבערגן זײַנען ניט געווען פֿרעמד די סאָוועטישע באַדינגונגען. ער איז געקומען אַהער ניט ווײַל עמעצער האָט אים געצוווּנגען, נאָר ווײַל דאָ האָט ער געזען זײַן אידעאַל. קיינער האָט דערײַבער קיין שום מאָראַלישע רעכט ניט צו ריידן וועגן דעם שרײַבער, אַז ער „זאָל האָבן כאַראָטע, וואָס ער איז אין 1940 אַוועק פֿון בוקאַרעשט“. בלויז

[1] אַלכסנדר שפּיגלבלאַט. דרײַ סך־הכלען (וועגן יעקב שטערנבערגס באַנד לידער „אין קרײַז פֿון יאָרן“). „די גאָלדענע קייט“, 1971.

שטערנבערג קאָן וועגן דעם ריידן. ער האָט אָבער וועגן דעם ניט גערעדט.

אלעקסאנדער שפּיגלבלאַט נעמט זיך אונטער־פירן סאַכאַקלען פון שטערנבערגס שעפערישן וועג און דערמאָנט אפילע מיט קיין וואָרט ניט אזא „קלייניקייט", ווי די רוסישע קולטור און ליטעראַטור, וועלכע האָט אנטשיידנדיק געווירקט אויף שטערנבערגס שעפערישער טעטיקייט, באזונדערס אויף זיין דיכטונג. מע דאַרף זיין איינגאַנצן געפּיל־לאָז צו דיכטונג, אָדער האָבן א באזונדער מיין, קעדיי צו פאַרבייגיין אזא וויכטיקן פאַקט, וואָס שפּאַרט ארויס פונעם גאנצן בוך „אין קרייז פון יאָרן". דער רעצענזענט איז גענוג פילבאַר צו די שפורן פון נאַציאָנאַלער טראַדיציע אין שטערנבערגס לידער. דאָ ושאַלעוועט ער ניט קיין פאַרבן און דערגייט טאַקע ביז פאַרקריפלונג, מאָלנדיק שטערנבערגס פּאָעטיש געשטאַלט שיר ניט ווי א סקאַרבאָוד־נאַציאָנאַליסטישס. ער זעט אָבער ניט, אָדער ער וויל ניט זען, דאָס אלגעמיין־מענטשלעכע, די טראַדיציע פון דער אלוועלטלעכער קולטור און ליטעראַטור אין שטערנבערגס פּאָעזיע. אָבער אָן דעם איז דאָס געשטאַלט פונעם דיכטער געפעלשט.

ווי יעדער עמעסער דיכטער, איז שטערנבערג, פאַרשטייט זיך, אָרגאַניש און פעסט פאַרבונדן מיט דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע, מיט דער גאַנצער ייִדישער און העברעיִשער קולטור און ליטעראַטור פונעם אַלטערטום, פון דעם מיטלאַלטער, פון דער נייער צייט און פון דער היינטצייטיקער עפּאָכע. דאָס איז ניט שווער פעסטצושטעלן סיי אין די מאָטיוון, אין די טעמעס, אין די געשטאַלטן, אין דעם גאַנצן אינהאַלט פון שטערנבערגס ליריק, פון זיינע באַלאַדעס און פּאָעמעס, סיי — און דעריקער — אין זיין פּאָעטישער שפּראַך, אין זיין בילדער־סיסטעם און אין דער מעטאַפאָרישער סימבאָליק, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט העברעיִזמען, אַראַמעיִזמען, פאָלקלאָריזמען, מיפּאָלאָגיזמען און מיט אָן א שיר אויסדרוקן פון דער ייִדישער ספאָרים־קולטור. אָבער די נאַציאָנאַלע טראַדיציע אין שטערנבערגס שאַפן איז ענג געבונדן מיט אַלוועלטלעכע טראַדיציעס פון דער מיזרעך־אייראָפּעיִשער און באזונדערס פון דער רוסישער קולטור און ליטעראַטור. ווער עס זעט דאָס ניט, האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען אין שטערנבערגס דיכטונג.

שטערנבערגס עסייִסטיק איז פאַר אים אַלס דיכטער און דענקער ביז גאָר אָרגאַניש; זי זעצט פאָר זיין, אַזוי צו זאָגן, עמאָציאָנעלע דיכטערישע שאַפונג אין אן אנדער געביט פון לאָגישן דענקען. שטערנבערגס ליטעראַטור־קריטיק איז דיכטונג, וואָס האַלט זיך מערער אין דער עמאָציאָנעלער ספערע, ווי אין דער ראַציאָנעלער. דערפאַר איז אין זיינע עסייען פאַראַן די איבערהאַנט פון דעם סוביעקטיוון איבער דעם אָביעקטיוון, פונעם לירישן איבער דעם ווייסנשאַפטלעכן. דערפאַר קומט ער אָן אין זיינע עסייען צו דעם ביִאָגראַפישן, אויטאָביִאָגראַפישן און מעמואַריסטישן. זיין שטאַרקסטע עסייען וועגן בערגעלסאָנען איז א מוסטער פון אזא מין לירישעמאָציאָנעלן מעמואַריסטישן פאָרטרעט.

אין שטערנבערגס פּילאַרטיקער שאַפונג פאַרנעמט די דיכטונג א וויכטיק אָרט, אויב ניט דאָס וויכטיקסטע. פאַר העכער א האַלבן יאָרהונדערט פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ער געשאַפן א גרויסע צאָל פאַרשיידנאַרטיקע פּאָעטישע ווערק, וואָס זיינען פון דער קריטיק ביז איצט ניט אַנאַליזירט און ניט אויסגעפאָרשט. ביז דעם בוך „אין קרייז פון יאָרן", וואָס איז א סאַכאַקל פון זיין לאַנגדויערנדיקער פּאָעטישער שאַפונג, זיינען דער ליטעראַטור באַקאַנט דער שוין דערמאָנטער ערשטער לידערבוך „שטאָט אין פּראָפיל", די סאָוועטישע לידער־זאַמלונג אין רוסיש[1], די זאַמלונג אין איווריט[2], די פּאַריזשער זאַמלונג[3] און א ריי ווערק, געדרוקטע אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און צייטונגען אין ראַטנפאַרבאַנד און אין אויסלאַנד. די קריטיק איז דעריבער נאָך ניט אימשטאַנד געווען צו מאַכן באַשטימטע אויספירלעכע און זיכערע פעסטשטעלונגען, צונויפצייִען באַשטימטע ליניעס, אונטערפירן סאַכאַקלען. דערווייל האָט געקאָנט גיין א רייד בלויז וועגן פאַרלויפיקע פּרוּוון און זוכונגען. די מערהייט אַרטיקלען וועגן שטערנבערגס דיכטונג זיינען דערווייל אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיקעס, באַזונדערע באַאָבאַכטונגען און באַטראַכטונגען — מער אָדער ווייניקער וויכטיקע און געלונגענע.

איצט, ווען מיר האָבן שוין פאַר זיך דעם קאַפּיטאַלן בוך „אין קרייז פון יאָרן"[4], קאָן שוין גיין א רייד וועגן אן אָנהייב פון א מער גרינטלעכער באַטראַכטונג איבער די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון שטערנבערגס פּאָעטישער שאַפונג: הגם אויך אָט דער גרויסער סייפער כאַפּט ניט ארום זיין גאַנצע דיכטערישע שאַפונג. אַהער זיינען נאָך ניט אַריין א היפּשע צאָל לידער און באַלאַדעס, געדרוקטע אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן פאַר די לעצטע דריי צענדליק יאָר, און נאָך א גרויסע צאָל פּאָעטישע ווערק, ביז איצט ניט קיין פאַרעפנטלעכטע.

אין דער ליטעראַטור טרעפט אַמאָל, אַז דער שרייבער טוט זיך א קליינע טירוועס, ווען ער נעמט צונויף זיינע ווערק אינאיינעם. ווייל דעמלט ערשט ווערט פאַר אַלעמען קלאָר דער מאַנגל אין זיין שאַפונג. אָבער פאַר אן עמעס באַדייטנדיקן שרייבער זיינען געזאַמלטע ווערק טאַקע א נייע קוואַליטעט, וואָס גיט א מעגלעכקייט טיפער און אַלזייטיקער דערקענען זיין אָפּטייל אין דער ליטעראַטור, זיין פּערזענלעכקייט און זיין פּאָרטרעט. צו אָט דעם מין געזאַמלטע אָדער אויסגעוויילטע ווערק געהערט שטערנבערגס „אין קרייז פון יאָרן".

---

[1] Яков Штернберг. Избранное. Стихи. — М., Советский писатель, 1959.

[2] יעקב שטרנברג. מכחור שירים. תרגום מאידיש. בעריכת אלכסנדר פן. הוצאת „אירגון יוצא ליפקני בישראל". תל־אביב. 1967 (יאַנקעוו שטערנבערג. אויסגעוויילטע לידער, איבערזעצט פון ייִדיש, רעדאַקציע — אלעקסאַנדער פען. אַרויסגעלאָזט דורך דער „אָרגאַניזאַציע אָפּשטאַמיקע פון ליפּקאַן אין ייִסראָעל". טעל־אַוויוו, 1967).

[3] יעקב שטערנבערג. ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן. פאַרלאַג „אויפסניי", פּאַריז, 1968.

[4] יעקב שטערנבערג. אין קרייז פון יאָרן. פאַרלאַג „קריטעריאָן". בוקאַרעשט, 1970.

צווי מאָמענטן זײַנען שוין באַמערקט געוואָרן אין דער קריטיק וועגן שטערנבערגן, און זיי ווערן וואַרײַירט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים אין די אַרטיקלען וועגן זײַן שאַפֿונג: דער אורבאַניזם און דער דענקערישער כאַראַקטער פֿון זײַן דיכטונג. ניט דערווידערנדיק קעגן אָט די באַאָבאַכטונגען און פֿעסטשטעלונגען, וועל איך פּרוּוון דאָ, אין אָט דער אַרבעט, באַטראַכטן יאַנקעוו שטערנבערגס שעפֿערישן וועג פֿון אַן אַנדער אַספּעקט.

אין דער פֿאָרעדע צום בוך „שטאָט אין פּראָפֿיל" שרײַבט יאַנקעוו שטערנבערג:

„א באַזונדער וואָרט נאָר וועגן באַזונדער שטייענדיקן ציקל „לאַנדשאַפֿט־כראָניק": מײַן ליטעראַרישער אָנהייב און בלוט און פֿליישאָפּשטאַם, פֿון וועלכע איך זאָג זיך ניט אָפּ. איך האַלט פֿאַר א סאַך ערלעכער, אפילו פֿון א רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט, צו האָבן עמעסע, קאָנקרעטע טאַטע־מאַמע, איידער פֿאַלשע, געבאָרגטע עלטערן — עלטערן פֿון „באָזשע דוך", אידעאָלאָגיש צוגעטראַכטע"[1].

אָט די באַמערקונג פֿונעם דיכטער דאַרף צוציִען אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט, ווײַל דאָ גייט א רייד וועגן „ליטעראַרישן אָנהייב", וואָס קאָן אַמאָל זײַן אַנטשיידנדיק פֿאַר דער גאַנצער ווײַטערדיקער שאַפֿונג פֿונעם שרײַבער. ביפֿראַט נאָך, אז דאָס האָט געזאָגט שטערנבערג, וואָס האָט שוין צו יענער צײַט געהאַט א שעפֿערישן סטאַזש פֿון צוויי צענדליק יאָר!

די לידער, וואָס זײַנען געדרוקט אין ציקל „לאַנדשאַפֿט־כראָניק" און די נאָרוואָס געבראַכטע דערקלערונג פֿונעם דיכטער, קאָנען, דאַכט מיר, צעוואַקלען די אײַנגעשטעלטע פֿאַרשפּרייטע מיינונג וועגן שטערנבערגס דורכויסיקן אורבאַניזם. די ליד „צוויי מאָגערע פּויערשע פֿערדלעך" איז אפילו לויטן קעפּל קימאַט א נעקראַסאָווישע, א קאָלצאָווישע, צי גאָר א יעסענינישע. אָבער ניט בלויז דער נאָמען, דער טעקסט דריקט אויס דעם זעלבן אײַנהאַלט:

צוויי מאָגערע פּויערשע פֿערדלעך,
געשפּאַנטע צו נאַכט־זאַווערוכע...
געווען אַמאָל סטעפּ, איצט — א שפּיגל,
געשליפֿענער, פּראָסטיקער עכאָ.

זיך איבערגעקערט די לעוואָנע
אויף גליטשיקן שליאַך אין איר שליטן.
דער ווינט אויף זײַן פֿערד־סטאַדע בלאָער
אַרויף צו די בערג אָפּגעריטן.

צעריסן אויף זיך שוין די שלייעס,
צום כאַאָס אַדאָ אײַנגעשפּאַנטע —
בלויז בלײַבן צוויי פּויערשע פֿערדלעך
און זײַנען — א זעונג פֿון דאַנטע?[2]

און אזוי אלע לידער פֿונעם ציקל „לאַנדשאַפֿט־כראָניק": „דער שליאַך", „פֿיבער", „די באַלאַדע פֿון איר הימל־רײַזע", „מאָרגן־דעמער", „אָקסן", „היצן", „די זון, דער פּאַסטעך און די ערד", „שניי דערציילט א מײַסע" און אַנדערע. אז מע לייענט איצט די לידער, וואָס קלינגען קימאַט ווי א דאָרף־אידיליע מיט דעם טיפּישן בעסאַראַבער קאָלאָריט, מיט די ציגײַנערס און מיטן אַרטיקן פֿאָלקלאָר, איז שווער צו פֿאַרשטעלן זיך א דיכטער אַן אורבאַניסט. און זאָל מען ניט זאָגן, אז דאָס איז כאַראַקטעריסטיש בלויז פֿאַרן יונגן, נאָך ניט באַשטימטן, ניט רײַפֿן שטערנבערגן, אז דאָס איז בלויז אַן אומבאַדײַטנדיקער עפּיזאָד, זאָל מען ניט מיינען, אז דער דיכטער איז גיך אַוועק פֿון לאַנדשאַפֿט־כראָניק צו שטאָט־שילדערונג און האָט זיך שוין מער ניט אומגעקערט צו נאַטור־ליריק. דאָס וואָלט געווען א פֿעלער און אפילו א פֿאַרקריפּלונג פֿון דעם אינערלעכן טאָק פֿון שטערנבערגס דיכטונג. ווײַל דאָס איז געווען ניט בלויז דער ליטעראַרישער אָנהייב און אפילו ניט בלויז דער „בלוט און פֿליישאָפּשטאַם", נאָר, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, דער צענטראַלער מאָטיוו פֿון זײַן דיכטונג אין פֿאַרלויף פֿון העכער פֿינף צענדליק יאָר. האָט דאָך איצט שטערנבערג אין זײַן סאַכאַקל־בוך „אין קרײַז פֿון יאָרן" אַרײַנגענומען אלע פֿערצן לידער פֿונעם ציקל „לאַנדשאַפֿט־כראָניק" אין זײַן ערשטן בוך „שטאָט אין פּראָפֿיל" און האָט נאָך אפילו צוגעגעבן א פופצעטע ליד!

פֿאַר שטערנבערגן אלס דיכטער איז גראַד כאַראַקטעריסטיש אָט די ערדישקייט, די צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור אין מעשך פֿון זײַן לאַנגיאָריקער שאַפֿונג. דער דיכטערישער גײַסט גיסט זיך צונויף מיט דער נאַטור. זײַנע דיכטערישע זעונגען זײַנען פֿולשטענדיק געווענדט צו די נאַטור־דערשײַנונגען. זײַנע קינסטלערישע בילדער זײַנען אָנגעזאָפּט מיט די פֿאַרבן און קאָלירן פֿון נאַטור־לאַנדשאַפֿטן. אין זײַן ליד הערט זיך, ווי „ריין קלינגען די סטעפּ־האָריזאָנטן". דער דיכטער פֿילט די ליידן און די פּײַן פֿון דער נאַטור, ער לעבט מיט איר צוזאַמען איבער אירע קראַנקהײַטן: „די ביימער פֿון דאָרף שטייען קראַנק". דאָס איז ניט קיין צופֿעליק בילד. די נאַטור באַקומט די אייגנשאַפֿטן פֿונעם מענטשן. די דערשײַנונגען, די געוויקסן, די חיות — אלץ קאָן זײַן אינעם זעלבן צושטאַנד, וואָס דער מענטש: „און קראַנק איז דער סטאַוו, און די טראַטשטשע, די פֿערד און די שאָף און די קי, וואָס טרינקען דאָ אומעטיק וואַסער באַם ראַנד פֿון סעפּטעמברישן בלײַ".

מיט דעם לעבן פֿון דער נאַטור גיסט זיך צונויף דאָס לעבן פֿונעם מענטשן. דער מענטש ווערט א טייל פֿון דער נאַטור און פֿון אירע פּראָצעסן. עס קומט פֿאָר א קעגנזײַטיקער צוזאַמענהאַנג פֿונעם מענטשן מיט דער נאַטור. ניט נאָר דער מענטש גיסט זיך צונויף מיט דער נאַטור, נאָר ער פֿאַרייניקט זי אויך צו זיך. דער מענטש מאַטעריאַליזירט זיך אין דער נאַטור און אײַנצײַטיק דערמיט באַגײַסטערט ער זי, דערהייבט זי צו זײַן איידעלן גײַסט. די נאַטור ווערט זעליש דערהויבן, זי הייבט אָן לעבן מיטן גײַסט פֿונעם מענטשן, פֿון זײַן גלויבן אין העכערע אידעאַלן. די נאַטור ווערט אידענטיפֿיצירט מיט דעם מענטשנס גײַסט, און דאָס הייסט

[1] יעקב שטערנבערג. שטאָט אין פּראָפֿיל. ליד און גראָטעסק. ערשטער באַנד. פֿאַרלאַג „די וואָך", בוקאַרעשט, 1935, ז. 5.

[2] דאָ און ווײַטער זײַנען אלע לידער געבראַכט פֿונעם בוך „אין קרײַז פֿון יאָרן".

איך מיט גאָטס גײַסטיקן אָפּשװוּנג: „זע איך, װאָס מיט מידבער, מושע, און מיט העלער אײמע װײעט זעליק... אױף די אַקסן רײַט לעװאָנע און די אַקסן שפּאַנען הײליק". דאָ איז באַזונדערס בולעט אױסגעדריקט די אײנהײט פֿונעם מענטשן מיט דער נאַטור („איך... מיט מידבער") און די פֿאַרװאַנדלונג פֿונעם געטלעכן אין נאַטורעלן („די אַקסן שפּאַנען הײליק"). דאָס איז קינסטלעריש־פֿילאָסאָפֿישער פּאַנטעיִזם.

דיכטעריש־פֿילאָסאָפֿישער פּאַנטעיִזם האָט פֿאַר שטערנבערגן באַטײַט פֿאַרבינדונג מיט דער װירקלעכקײַט, מיט רעאַלקײַט, מיטן מאַטעריעלן לעבן. אָבער דאָס האָט אױך באַטײַט מער װי גרױסע ערדישע איניאַנים. שטערנבערגס פּאַנטעיִזם איז אי מאַטעריע, אי גײַסט אױפֿן סמך פֿון מאַטעריע. די לאַנדשאַפֿט־כראָניק איז ניט געװען קײן אידיליע. אין די דיכטערישע מאָטיװן פֿון דער לאַנדשאַפֿט־כראָניק איז געװען די שטרעבונג צום דערהױבענעם.

אױפֿן ערשטן עטאַפּ פֿון שטערנבערגס שאַפֿן האָט אין זײַן דיכטונג פּרעװאַלירט דאָס ערדישע, די נאַטור. אָבער עס האָט זיך שױן אױך געפֿילט די ציִונג צום הימלשן, דאָס זוכן, דאָס שטרעבן אױפֿצוהײבן זיך „העכער פֿון דער ערד", לױט דעם ניסטערס אױסדרוק, עקספּערימענטירן און אַנטפּלעקן נײַע שעפֿערישע װעגן סײַ אינעם אידײיִשן אינהאַלט, אין דיכטערישע מאָטיװן, סײַ אין פֿאָרם, אין קינסטלערישע מיטלען, אין סטיל. די לידער פֿונעם ציקל „לאַנדשאַפֿט־כראָניק" זײַנען אין טאָך רעאַליסטיש, אָבער מיט עלעמענטן פֿון עקספּרעסיאָניזם, װעלכע האָבן זיך באַזונדערס בולעט אַנטפּלעקט אינעם װײַטערדיקן ציקל „שטאָט אין פּראָפֿיל".

עס װעט קלינגען מאָדנע, אױב איך װעל זאָגן, אַז דער ציקל „שטאָט אין פּראָפֿיל" איז אױך אַן אײגנאַרטיקער פּאַנטעיִזם. שטערנבערגס אורבאַניזם איז ניט קײן טיפּישע דיכטונג װעגן דער מעכטיקײַט פֿון דער טעכניק אין דער גרױסער שטאָט, װעגן דעם גלאַנץ און דער קראַפֿט פֿון דער טעכניק, װאָס שאַפֿט די שטאָטישע ציװיליזאַציע. איר װעט בײַ שטערנבערגן ניט געפֿינען קײן אײן ליד, אין װעלכער עס זאָל אױסגעדריקט װערן באַגײַסטערונג פֿאַר דער הײַנטצײַטיקער שטאָט, זאָל זײַן אַפֿילע װי בײַ אונדזער האָפּשטײנען, שױן אָפּגערעדט פֿון די מערב־אײראָפּעיִשע און רוסישע דיכטער אורבאַניסטן, אַזעלכע, לעמאַשל, װי װערכאַרן און בריוסאָװ. אין שטערנבערגס לידער װעגן דער שטאָט איז בכלל ניט פֿאַראַנען קײן טיפּישע שטאָטישע שילדערונג. דאָס איז טאַקע די שטאָט אין פּראָפֿיל, בלױז אין פּראָפֿיל און ניט אין אַנפֿאַס. ניט אומזיסט האָט דאָך דער דיכטער אין דער פּראָגראַם־ליד „שטאָט אין פּראָפֿיל" געשריבן: „שטאָט — דו שטײסט צו מיר אין פּראָפֿיל סאַמע, װי אײנע װאַקסענע דאַמע אױפֿן אײַזערנעם קנאַפּל אינעם לונאַפּאַרק. אי מיט ליבע, אי מיט האַס — כ'נעם די ביקס, װײַל טרעפֿן ראַק אינעם מעכאַניזם פֿון דײַן קאַרק — זאָלסט צו מיר אױסדרײען זיך ".“En face

יאַנקעװ שטערנבערג, װעלכער איז געװען אין יענער צײַט, װען עס זײַנען געשריבן געװאָרן אָט די שורות, מער טעאַטראַלער טוער אײדער דיכטער, האָט גענומען די ביקס פֿון דער דיכטונג און האָט אױסגעשאָסן און האָט דאַפֿקע געטראָפֿן אינעם מעכאַניזם פֿון דעם קאַרק פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט, אָבער די שטאָט איז סײַװי געבליבן צו אים אין פּראָפֿיל. אײגנטלעך גערעדט, האָט דאָס אַנדערש ניט געקאָנט זײַן. שטערנבערגס דיכטונג איז ניט קײן אורבאַניזם, נאָר אַנטי־אורבאַניזם. אין זײַנע אורבאַניסטישע לידער איז פֿאַראַן דער פּראָטעסט קעגן דער פֿאַרקריפּלונג פֿונעם נאַטירלעכן אין דער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט, קעגן דער פֿאַרקריפּלונג פֿונעם נאַטורעלן.

װיפֿל שטאָט עס גײט אַרײַן
אין פֿענצטער מײַן,
איז שױן גענוג, אַז איך זאָל זען איר פּײַן.

די „נאַטור" פֿון דער שטאָט איז ניט אַזױ, װי די װירקלעכע נאַטור, װאָס איז גינסטיק פֿאַרן מענטשן און שטרעבט צו דערהױבן װערן פֿון זײַן גײַסט און פֿון זײַן טרױם. דאָס איז ניט יענע קעגנזײַטיקע אײניקונג פֿון מענטש און נאַטור, מאַטעריע און גײַסט, ערד און הימל. דאָס איז די אָפּלײקענונג פֿונעם נאַטורעלן, דער אַנטאַגאָניסטישער קאָנפֿליקט, די דראַמע און די טראַגעדיע פֿונעם נאַטירלעכן.

נאָר נאָך מער איז דאָס די טראַגעדיע פֿון דער מענטשלעכער נאַטור. דער גײַסט פֿונעם מענטשן, זײַן דערהױבנקײַט, זײַן שײנקײַט זײַנען פֿאַרמיִעסט, דערנידעריקט, געבראָכן, אײַנגעריכט אין קױט און צעטראָטן מיט די פֿיס. די ערשטע ליד „חצות", װאָס איז אַ מין פּרעלודיע צו דעם גאַנצן ציקל „שטאָט אין פּראָפֿיל", איז געשריבן קימאַט אין קלאַסישן עפּישן סטיל, װאָס איז אָבער פֿול מיט פּאַטאָס פֿון פּראָטעסט קעגן דערנידעריקונג און אומקום פֿון מענטשן. װי אַ סך אַנדערע שרײַבער פֿון דער װעלט־ליטעראַטור, פֿאַרקערפּערט שטערנבערג די פֿאַרקריפּלונג פֿונעם מענטשלעכן אין געשטאַלט פֿון אַ פֿרױ, װאָס איז דאָך די סאַמע אײדעלע מאַטעריע מענטש:

עס פֿאַלט אױף עסטראַדע די טענצערן טױט,
דאָס ליכט אין די לאָמפּן אױף בלוט בײַט זיך רױט.
די מענער, זײ בלײַבן פֿאַרשטײנערט, קײן זשעסט ניט, קײן ריר.
די פֿרױען פֿאַרגאַפֿן זיך, טוען אַ יעכץ,
און װערן אַנשװױגן — קײן פּיפּס ניט, קײן קרעכץ.
זײ גײען אױף בינע און נעמען שטיל, צאַרט
אױף הענט, װי אַ מיטע, געפֿלאָכטן מיט װײ,
דעם קאָרבן, װאָס דאָרט איז געפֿאַלן פֿון זײ,
און טראָגן אים טרױ'ריק אין הײליקן שפּאַן.

דאָס, װאָס שטערנבערג גיט איבער די טראַגעדיע פֿונעם מענטשן דורך בילדער פֿון דער עסטראַדע, איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך. בײַ שטערנבערגן דעם רעזשיסער און טעאַטראַל האָט די בינע געמוזט פֿאַרנעמען אַן אָרט אױך אין זײַן דיכטערישער שאַפֿונג. סצענישקײַט, טעאַטראַלישקײַט און דראַמאַטיזם זײַנען כאַראַקטעריסטיש טאַקע פֿאַר די לידער פֿונעם בוך „שטאָט אין פּראָפֿיל": װעגן דעם איז שױן גערעדט געװען אין דער קריטיק.

די ליד „חצות" און דער ציקל „שטאָט אין פּראָפיל" אײַנגאַנצן גענומען איז געשריבן אין דעם פאַרשפּרייטן אין דער מיזרח־אייראָפּעיִשער דיכטונג באַלאַדערישן סטיל פון גרוילן און קאָשמאַר־בילדער, וועלכע ווערן וואָס ווײַטער אַלץ מער אָנגעזעטיקט מיט געדיכטע שוואַרצע פאַרבן. די קאַפּיטאַליסטישע שטאָט איז אַ הײַנטצײַטיקער סדאָם, אַן אָפּגרונט פאַרן מענטשן, וועלכער איז מאַכטלאָז קעגן איר אײַנגעשטעלטן „נאָרמאַלן" רעזשים פון דערשטיקן דעם מענטשן. די טויטע פרוי שטייט אויף טכיִעס־המײַסים —

אַזוי וועט זי ליגן מיט פּאָנעם געווענדט
אַהין, צו דער שטאָט, וואָס אין פלאַמען נאָך שטייט.
און ווען אויפן קאָפּ פון דער שטאָט, וואָס דערברענט,
גרויס וועלן זיך וויקלען שוין וואָלקנס פון רויך, —
אַזוי ווי אויף פליגל זי וועט אופליִען הויך...

און בלײַבנדיק שוועבן אַזוי ווי אַ טרוים,
אויסשטרעקנדיק פאַרויס דעם קאָפּ מיט די הענט
מיט טײַוועס צום אָפּגרונט דעם טיפן געווענדט,
פאַרפאַלן וועט ווערן אין פינצטערן טהאָם —
סדאָם!

דאָס טראַגישע אין שטערנבערגס דיכטונג וועגן דעם שטאָטישן פּראָפיל, וועגן דעם הײַנטצײַטיקן קאַפּיטאַליסטישן סדאָם איז ניט בלויז אַן אַבסטראַקטער הומאַניסטישער פּראָטעסט. אין שטערנבערגס דיכטערישער מערידע קעגן פאַרגוואַלטיקן און פאַרקריפּלען די נאַטור און דעם מענטשן איז פאַראַן דער רעוואָלטירנדיקער רוף צו איבערקערעניש, צעשטערונג און ענדערונג פון אַלטן אויף נײַעם; און דאָס איז שוין אויך דראַמאַטיזם פון קאַמף און רעוואָלוציאָנערן טאַט: „שווערער, שווערער דריקט אויף שטאָט גיבורים־טרויער. יעדער מויער איז אַ מוירעד — גרייט די רייען צו פאַרלאָזן, טראַכט: ווען וועט קומען שוין די שלאַכט?" אויף די גאַסן פון סדאָם זעט דער דיכטער צאַנקענדיקע פּענעמער פון גאַסן־פרויען, אַ בינטל גאַסן־קינדערלעך, „ווי אויפּעס שלאָפט", „נאַכט־בולוואַרן־קינדער", „גאַסן־הינט", „אַ גאַנצע מאַכנע קרעציקע, באַלאָדענע מיט פליי". דער דיכטער זעט די אויטאָס און קאַרעטעס, וואָס צעטרעטן און דערשטיקן אַט די גויסעסדיקע אין קאָנוווּלסיִעס אָרעמע און עלנטע. און ער, דער דיכטער, איז גרייט צו ווערן דער זינגער פון אַט די באַליידיקטע אין סדאָם. ער איז גרייט, ווי זיי, זײַן צעטראָטן און געטייט: „וואַרף איך דיכטער־לײַב, מיך זאָלן איבערפאָרן אַלע אײַזערנע אויטאָ־צעלטן רונדע, פעטע, הויכע". אָבער דער באַזינגער פון די לײַדנדיקע פאָלקסמאַסן וויל זײַן ניט בלויז אַ קאָרבן צוזאַמען מיט זיי, נאָר אויך דער וועקער און פאָנענטרעגער אין זייער קאַמף, אין זייער קאַרנאַוואַלישן שטורעם און דראַנג: „קיינמאָל נאָך ביז אונדזערע צײַטן האָט דער דיכטער ניט זײַן לײַב, ווי האַרפן אויפגעהאַנגען, ניט געוואָרפן אין די גאַסן פאַר די הוליענדיקע מאַסן". דאָס קלינגט שוין קימאַט ווי בײַ מאַיאַקאָווסקין אָדער ווי בײַ ווינטשעווסקין.

דער צווייטער טייל פון שטערנבערגס שאַפערישער עפּאָפּעע, שוין אין ראַטנפאַרבאַנד, איז געווען אַ מער פרוכטבאַרער, ווי זײַן בידסאַוועטישער. דער מאַסשטאַב און דער פאַרנעם פון דעם דיכטערס אידייען־וועלט און פון זײַן בילדער־וועלט איז געוואָרן ברייטער, טיפער. זאָל מען מיך ריכטיק פאַרשטיין. איך וויל אויף קיין האָר ניט פאַרמינערן די ווערט און דעם באַטײַט פון דעם דיכטערס שאַפונג אין רומעניע. שטערנבערג איז שוין געווען אַן אָנגעזעענער דיכטער נאָך ביז ער איז געוואָרן אַ סאָוועטישער בירגער און אַ סאָוועטישער שרײַבער. אין דער אויסלענדישער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער שוין דעמאָלט פאַרנומען אַ גאַנץ בעקאָוועדיק אָרט. אָבער פאַר די לעצטע דרײַסיק יאָר האָט זײַן שאַפונג אָנגענומען אײַנגאַנצן אַן אַנדער כאַראַקטער.

אין רומעניע האָט שטערנבערגס שעפערישער טעמפּעראַמענט באַקומען אַן אויסלאָדונג אין געביט פון טעאַטער. דיכטונג איז געשטאַנען אויפן צווייטן אָרט. ס'איז ווײַט ניט צופעליק, וואָס דער בוך „שטאָט אין פּראָפיל" איז דערשינען ערשט אין 1935, נאָך צוואַנציק יאָר ליטעראַרישער שאַפונג. עס איז שווער צו דערקלערן אַט דעם פאַקט בלויז מיט דער שווערער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אין יענע יאָרן די ייִדישע ליטעראַטור און קולטור אין רומעניע. האָט דאָך מישע אַלטמאַן אין די זעלבע באַדינגונגען אַרויסגעגעבן זײַן ערשטן בוך „בלענדעניש" אויף גאַנצע צען יאָר פריִער, אין 1926. מיט דער ענערגיע, וועלכע איז אים אייגנטימלעך, וואָלט שטערנבערג, פאַרשטייט זיך, געקאָנט אַרויסגעבן זײַן בוך לידער אַ סך פריִער. אָבער דער טעאַטער, ווײַזט אויס, האָט אײַנגעשלונגען זײַן גרעסטן טייל צײַט און מי.

אין ראַטנפאַרבאַנד איז שטערנבערג געווען דעריקער אַ דיכטער. זײַן גאַנצע שעפערישע ענערגיע איז דאָ אַוועק אויף דיכטערישער שאַפונג. די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק און טעמאַטיק פון שטערנבערגס דיכטונג האָבן אין פאַרגלײַך מיטן בידסאָוועטישן פּעריאָד זיך אומגעהײַער פאַרברייטערט.

אינעם פאָרוואָרט צו דעם נײַעם בוך „אין קרײַז פון יאָרן" שרײַבט שטערנבערג: „די לעצטע צײַט, אַגעוו, באַשעפטיקט מיך אונדזער באַציִונג צו נאַטור, ווי זי ווערט געגעבן אין אונדזער דיכטונג. מיר זײַנען באַוווּסט באַדײַטנדיקע דיכטער, וואָס עס פעלט בײַ זיי קימאַט נאַטור. בײַ מײַן גאַנצער אַכטונג צו די דאָזיקע פּאָעטן האַלט איך זיי פאַר באַלעמומים אין אַ געוויסן זין.

אַפילו פאַר היינען זײַנען דאָך זײַנע יאַם־לידער געווען אַ געפינס. אויך ווערכאַרן, דער דיכטער־אורבאַניסט פאַר עקסעלאַנס, איז מיר פיל נעענטער געוואָרן מיט דעם, וואָס זײַנע נאַטור־געזאַנגען זײַנען נאָך עפּשער מעכטיקער פון זײַנע שטאָט־פּייזאַזשן, מיט וועלכע ער האָט זיך קוינע־שעם געווען באַם ברייטן לייענער־אוילעם. און אין עמעסן: צי איז דען דאָ אין אונדזער געמיט אַ קריג צווישן אורבאַניזם און נאַטור? ווען דאָס זאָל זײַן אַזוי, וואָלט שוין דער מענטש פון אונדזער עפּאָכע דערגאַנגען צו דעם מאָנסטער־פאַרזעעניש, וואָס אוילעם האָט אונדז אָנגעמאָלט אין זײַנע „מאַרסיִאַנער". איך גלייב דעריבער, אַז דאָס הײַנטיקע אַרײַנדרינגען אין קאָסמאָס פירט ניט צו אַ קאָנפליקט צווישן דער דיכטונג און דער וויסנשאַפט, צווישן דער ריינער אַבסטראַקציע און אַלץ, וואָס מיר רופן הער

7*

מאַניזם, ווי איניקע טײַטשן, נאָר פאַרקערט: עס איז עפּשער גראָד אַן אומקער פונעם מענטשן צו נאַטור, דער געקייפּלטער אויף איר אומבאַגרענעצטקייט, וואָס דער וועלטאַל שטעלט מיט זיך פאָר. איז דאָך דער גרעסטער פיזיקער פון אונדזער צײַט אַלבערט איינשטיין געווען, ווי באַוווּסט, אויך שפּינאָזיסט!"[1].

די זעלבע געדאַנקען און קימאַט מיט די זעלבע ווערטער זאָגט דער דיכטער אַרויס אין דער פאָררעדע צו דעם בוך „ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן".

אַזויאַרום, זעען מיר, אַז שטערנבערג, נאָך פינף און דרײַסיק יאָר שעפערישער טעטיקייט, נאָך דרײַ מיט אַ האַלבן צענדליק יאָר, וועלכע זײַנען רײַך מיט אַזויפיל איבערלעבונגען פאַרן שרײַבער און מיט קאָלאָסאַלע היסטאָרישע געשעענישן, — האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זײַנע עסטעטישע און קינסטלעריש־פילאָסאָפישע פּרינציפּן, בײַ וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן אין ערשטן לידער־בוך „שטאָט אין פּראָפיל" און וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אינעם פאָרוואָרט צו דעם זעלבן בוך. יאַנקעוו שטערנבערג איז געבליבן אויף די פּאָזיציעס פון קינסטלעריש־פילאָסאָפישן פּאַנטעיזם.

די העכערע סטאַדיע פונעם דיכטערס נאַטור־ליריק דאָס זײַנען זײַנע ציקלען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ סינטעז פון די פריערדיקע אין „לאַנדשאַפט־כראָניק" און „שטאָט אין פּראָפיל". אָבער דאָס איז שוין טאַקע נאַטור־ליריק פון אַן אַנדער קוואַליטעט. אַלץ, וואָס האָט פריער געשטערט דער פריִער האַרמאָנישער פאַראייניקונג פונעם מענטשן מיט דער נאַטור, איז איצט אָפּגעפאַלן. דער זוכנדיקער גײַסט פונעם מענטשן, זײַן שעפערישער אומרו האָט זיך איצט צונויפגעגאָסן אין אַ דיאַלעקטישער אָרגאַנישער איינהײַט מיט דער מאַטעריע פון דער נאַטור, מיט איר לעבנס־רעאַלקײַט. אין דער ליד „פּאָדמאָסקאָוויע" איז באַזונדערס שטאַרק אויסגעדריקט אָט די פּאַנטעיִסטישע פרייד פון דער האַרמאָנישער באַגעגעניש, פון דער טרעפעניש פונעם מענטשן אויג אויף אויג מיט דער נאַטור:

מײַן „שאָלעם־אַלייכעם" אײַך, סאָסנעס,
בעריאָזעס, און יעלן, און יאָדלעס!
אַלס ענטפער, אַפּאָנעם, דיביימער
צערוישן זיך פרײַנטלעך, אָן גאָדלעס.

אין רוסישן וואַלד הינטער מאָסקווע —
ניט פרעמד מיר זײַן פויגלשער זעמער.
אָט זעט, מיט אַ פרוי דאָ צוזאַמען
קלאָר וואָסער איך טראָג פולע עמער.

פון אונטער די פיס שורשן בלעטער:
— ווײַזט אויס, דיר געפעלט אונדזער הייכל.
דערזע איך: די זון אויף די ביימער —
דאָס איז דאָך דעם וואַלדס ליבער שמייכל.

דאַן מוטיקער ווער איך און ענטפער:
— מיט אײַערע פאַרבן און קלאַנגען
אַלס ייִנגל נאָך האָבן פאַרקנאַסט מיך
אי פּושקינס, אי טיוטשעווס געזאַנגען.

דער ציקל ליבע־ליריק „אַ רינגל אויף דײַן פינגער" איז אינגאַנצן נײַ און אומבאַוווּסט אין שטערנבערגס דיכטונג. אין „שטאָט אין פּראָפיל" זײַנען אין טאָג ניטאָ קיין ליבע־לידער, ווײַל דאָרטן גייט אַ רייד ניט וועגן ליבע, נאָר וועגן דעם טראַגישן גורל פון ליבע. איצט אין דעם סאַכאַקלדיקן בוך „אין קרײַז פון יאָרן" האָט דער אויטאָר אײַנגעשלאָסן דעם לירישן מאָנאָלאָג, דעם אייגנאַרטיקן ליריש־עפּישן שיר־השירים־מדיקן ראָמאַן, וואָס קאָן צעשטערן די אײַנגעשטעלטע מיינונג וועגן דער קלוימערשטדיקער דורכויסיקער לאָגישקײַט און ראַציאָנאַליסטישקײַט פון שטערנבערגס דיכטונג.

מיר האָבן איצט באַקומען, קאָן מען זאָגן, אַ גאָר זעלטענעם, אַ מערקווירדיקן ציקל ליבע־ליריק אין שטערנבערגס נײַעם בוך „אין קרײַז פון יאָרן". זעכציק ליבע־לידער האָט דער אַלטער שטערנבערג אָפּן נײַנטן צענדליק יאָר פון זײַן לעבן געגעבן דער ייִדישער דיכטונג. אין דער ווירקלעכקײַט איז דאָס אָבער בלויז אַ טייל פון שטערנבערגס לירישן ראָמאַן, וועלכער באַשטייט פון עטלעכע הונדערט ליבע־לידער. דאָס איז עפּשער אַן אוניקאַלער צופאַל אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליריק. ווײַל אַפילו דאַנטע אַליגיערי און אַלעקסאַנדער בלאָק האָבן זייערע דיכטערישע ליבע־ראָמאַנען וועגן בעאַטריטשע און דער „ווונדערלעכער דאַמע" אויסגעזונגען אין זייערע גאָר יונגע יאָרן.

דער „מאָדערניסט" יאַנקעוו שטערנבערג, וואָס איז אין זײַן לשון און אין זײַן גאַנצן דיכטערישן סטיל שטענדיק נײַ און זוכעריש, שטענדיק און אומעטום עקספּערימענטירנדיק און נאָוואַטאָריש, ווערט אין זײַנע ליבע־לידער טראַדיציאָנעל און געטרײַ דער אָנגענומענער פאָרם פון ליבע־ליריק; אין דער מאַניר פון אַן עכטן פאַרליבטן זינגט אויס דער לירישער העלד קימאַט אַ ריטערישע סערענאַדע:

צי ביסטו אַ שיינעז געוויס, נאָר דײַן שיינקײַט
פון גאָר אַ באַזונדערן שטאָף איז און איידל,
אַ ריינע דו טראָגסט זי אין דער טיף באַהאַלטן,
אַזוי ווי אַ ריטער זײַן שווערד אינעם שיידל.

און איך, וואָס דײַן שיינקײַט דיך צווינג צו אַנטבלויזן, —
ווי זאָל איך ניט שטאָלץ זײַן, ווי זאָל זיך ניט גרויסן?..

ווי איך האָב שוין געזאָגט, פאָרט זיך אין שטערנבערגס דיכטונג דאָס מאַטעריאַלע מיטן גײַסטיקן, דאָס ערדישע מיטן הימלשן. און דאָס איז באַזונדערס צו זען אין זײַן שאַפונג פון די לעצטע צען יאָר, אינעם בוך „ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן" און אין די היסטאָרישע באַלאַדעס און פּאָעמעס וועגן אַלטערטום, וועגן שלוימע המלך און וועגן הײַנטצײַטיקײַט, וועגן באַלשעם און וועגן קאַמף מיטן פאַשיזם, וועגן אוראַלט־ווילדער בלוטדורשטיקער באַרבאַרישקײַט, מאָנסטרעזן קאַניבאַליזם און געווינעס פון מענטשלעכן ליכטיקן גײַסט, וועלכער דערהייבט זיך פון ערדישער קויט, פון גראָבע מענוואַלישע אַטאַוויסטישע אינסטינקטן ביז די העכסטע ספערן און הימלשע הייכן.

שטערנבערגס בוך „ליד און באַלאַדע אויף די קאַרפּאַטן" איז אין טאָך נאַציאָנאַל־פילאָסאָפישע און

[1] יעקב שטערנבערג. אין קרײַז פון יאָרן. פאַרלאַג „קריטעריאָן", בוקאַרעשט, 1970, ז. 8—9.

נאציאנאל־היסטארישע ליריק, ארומגעזוימט מיט פייזאזש־ליריק. און אויב אין דער זאמלונג „שטאט אין פראפיל" גייט א רייד וועגן סאציאלער פילאסאפיע אין די דרייסיקער יארן, איז אין דער פאעמע „צווישן קאסעוו און קיטעוו" אויסגעדריקט די פילאסאפיע און דער טאך פון דער נאציאנאלער טראגעדיע פונעם יידישן פאלק אין דער צווייטער וועלט־מילכאמע. די באלשעמישע און כסידישע אקסעסוארן אין דעם ווערק טראגן א ריין באדינגלעכן און אויסערלעכן כאראקטער, ווי אלע מיפאלאגישע און פאנטאסטישע עלעמענטן אין אנדערע ווערק פון היינטצייטיקע שרייבער, לעמאשל, אין ראמאן „יוסעף און זיינע ברידער" פון טאמאס מאן. באם דייטשישן שרייבער אבער איז די ביבלישע מיפאלאגיע ניט בלויז אן אויסערלעכער אקסעסואר, נאר אויך דער מאטעריאל און דער ארסענאל פונעם קינסטלערישן סוזשעט און אינהאלט אינעם ראמאן, האגאם דער סאציאל־היסטארישער און פילאסאפישער טאך זיינער איז געווענדט קעגן פאשיזם און איז דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון היינטצייטיקן הומאניזם. בא שטערנבערגן איז דער כאסידישער לעוווש און דאס געשטאלט פונעם בעשט ניט דער טאך און ניט דער ארסענאל פונעם ווערק. דאס איז בלויז א מיטל צו פארשטארקן דעם פאלקסטימלעכן עלעמענט. אף וויפל דער בעשט און אלעקסע טרעטן ארויס ווי פארטיזאנישע קעמפער קעגן די דייטשישע מענוואלים און קאניבאלישע ראצכים, פארקערפערן זיי ניט קיין רעליגיעזע טראדיציע, נאר דעם סימבאל פון יידישער גוורע, פון נאציאנאלן טרויער און ווייטיק, פון דעם אפשטייג און אפשווונג פונעם איידעלן פראגרעסיוון מענטשלעכן גייסט, פון זיין זיג און טריומף איבער דעם פארדארבענעם און אנטימענטשלעכן.

די יידישע מארטיראלאגיע איז פאר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאר געווארן א לייטמאטיוו אין יאנקעוו שטערנבערגס שאפן. אין פארגלייך מיט „שטאט אין פראפיל", ווו עס קלינגען הילכיקער און שטארקער די סאציאלע מאטיוון פון קאמף קעגן דער קאפיטאליסטישער וועלט, הערן זיך איצט אין שטערנבערגס לידער געוויין און קלאג איבער דעם אומקום פון די יידן אין אייראפע. און דאס האט א שייכעס ניט בלויז צו די ווערק, וואס זיינען צונויפגענומען אין בוך „ליד און באלאדע אף די קארפאטן", נאר צו א באדייטנדיקער צאל לידער, באלאדעס און פאעמעס, וועלכע זיינען געשאפן געווארן אין די שוין לעצטע יארן. דאס גיט צו א באשטימטע באפארבונג יאנקעוו שטערנבערגס גאנצער דיכטונג. זיין ליד ווערט מער דורכגעדרונגען מיט טיפן סקעפטישן קיהעלעסדיקן און אפילע איוודיקן יישעוו און מיט גלייכגילטיקער אנטוישונג...

פון א געוויסן עלטער אן
אין יעדן מענטשן רייסט די אייעוו־דראמע
מיט דעם נאר אונטערשייד,
וואס זיינע גוטע פריינט ניט קלייבן זיך צונויף,
ווי ס׳איז מיסטאם אין אוץ דער שטאט געווען א
גאנץ באנאלער כויוו...

איז פעלט דעריבער אויך דער שיינער שמועס
פון טיפע רייד —
און אויך זיין קלוגע שוועסטער,
וואס די הויכע רו איז!

שטערנבערג, וועלכער איז שטענדיק געווען א דיכטער מיט א ליידנשאפטלעכן געזעלשאפטלעכן טעמפעראמענט, האט איצט מיט א גרויסער קראפט אויסגעדריקט דעם אופריכטיקן און טיפן געפיל פון איינזאמקייט. און צי איז דען דער דיכטער מעכוייעוו שטענדיק זינגען זארגלאז און אויסדריקן קעלבערנע היספיילעס, וואס איז אין א סאך פאלן ניט קיין עמעסע פילאסאפיע פון אפטימיזם, נאר בלויז א באלעבעסלדיקע קליינלעכע צופאסונג צו די מאגן באדערפענישן? אין שטערנבערגס סקעפטיציזם, אין זיין פיינלעכן געפיל פון איינזאמקייט, אין דער בענקשאפט נאך פריינט איז פאראן הערלעכע שטרעבונג פון אומרויקן גייסט נאך דערהויבענעם, נאך געזעלשאפטלעכן אידעאל, נאך „טיפע רייד" און „הויכער רו"...

כ׳האב קיינמאל ניט געהאט קיין שאף און רינדער,
און ניט געווען געזעליקט, ניט געשטראפט מיט
קינדער,
איז לאזט מיך וויינען נאר נאך מיינע פריינט,
נאך מיינע און נאך זייערע פיינט,
אינאיינעם מיט דער שיין, מיט וועלכער זיי האבן
אונדזער באשיינט.

ווו זיינען מיינע גוטע פריינט?
גראד היינט, יא, היינט,
ווען כ׳דארף מיך זעצן אף דער ערד
מיט מיינע אופגעדעקטע ווונדן־פלאמען,
מיט ווידערשפעניקייט און מיט כאראטע־פיין
באשווערט,
און מיט בלוט און פלייש טיף — איינגעהערט,
ווי ס׳רייסט אין מיר די אייעוו־דראמע,
וואס אין א יעדן מענטשן, וועלכער האט מיטן לעבן
אנגעמיט זיך.
זי צו איר צייט צעבליט זיך,
צו איר צייט צעבליט זיך...

אין דער איינזאמקייט און אינעם סקעפטיציזם פון יאנקעוו שטערנבערגס דיכטונג, אינעם נאציאנאלן טרויער און אין זיין מענטשלעכן צאר איז פאראן די גארונג נאך בארג־לופט און נאך הימל־ראכוועס. דער אלטער דיכטער יאנקעוו שטערנבערג האט געזוכט און געפונען א הילף און א טרייסט בא די גייסט־גיבוירים פון געדאנק און קולטור, בא די גרויסע קונסט־שעפער שעקספיר, סערוואנטעס, היינע, טאלסטאי, פושקין, דאסטאיעווסקי, בלאק, אין דער קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט און אין דער פירטייזנטיאריקער קולטור־שאפונג פון זיין פאלק.

הערש רעמעניק

שמועל פערסאָוו

שוועסטער מירל

שאַבעס איז מירל געקומען צו פֿאָרן אַף קאַניקולן, זונטיק איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע.

גוט איז בא טאַטע־מאַמע זומערצײַט. וואָס קאָן זײַן בעסער ווי באָדן זיך אין דער דעסנע מיט איר שטײַפֿן דעק און זאַמדיקן ברעג, קלײַבן אין וואַלד רויטע און שוואַרצע יאַגעדעס, רײַסן אינעם גאָרטן זאַפֿטיקע ווײַמפּערלעך און געשפּרענקלטע אגרעסן, רויכיק־בלויע פֿלוימען און זוניק־גאָלדענע אַנטאָנאָווער עפּל.

דער טאַטע בערל־לייב — אַ געוועזענער באַלעגאָלע, איצט — אַ קאָלווירטניק, האָט זייער שטאָלצירט מיט זײַן טאָכטער דער סטודענטקע און פֿלעגט ליב האָבן ברייט פֿאַנאַנדערצופֿרעגן זי, וואָס פֿאַר אַ באַן־בריקן קלײַבט זי זיך בויען, ווען זי וועט ענדיקן אַף אינזשעניער. ער האָט אויך געהאַט וואָס צו דערציילן און מיט וואָס זיך צו באַרימען: אויך האַיאָר האָט מען די פֿערד, וואָס ער האָדעוועט, אָפּגעקליבן פֿאַר דער אַלפֿאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אויסשטעלונג אין מאָסקווע.

די מאַמע כײַע־פֿראַדע — אַ פּיצל ייִדענע, אַ שרעטעלע, אַ שוואַרצע, מיט אַ פּאָר ווײַנשל־אויגן און אַ קליין נעזל — צוויי טראָפּנס וואַסער מירל — האָט זיך געשמעלצט פֿון נאַכעס: אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט. זי האָט מעכאַבעד געווען די טאָכטער מיט געשמאַקע גאָמלקעס, מיט געדיכטן שמאַנט, מיט פֿרישינקע אייער פֿון די אייגענע הינער. קיין אײַנהאָרע — אַ פֿולע שטוב.

דאָס אַלץ איז געווען שאַבעס.

און אַף מאָרגן האָט שוין דער טאַטע אָפּגעקליבן פֿערד פֿאַר דער מילכאָמע, און די טאָכטער האָט ניט געוווּסט, וואָס זי האָט צו טאָן, — פֿאָרן צוריק אין שטאָט האָט קיין זין ניט געהאַט. די קאַניקולן האָבן זיך דאָך ערשט געהאַט אָנגעהויבן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די מילכאָמע איז נאָך דער־ ווײַל ווײַט. אָבער אינגיכן, גאָר אינגיכן, איידער מע האָט זיך באַוויזן אַרומקוקן, איז דער טײַך דעסנע געוואָרן פֿראָנט.

און אָט האָט שוין דער טויט אַריבערגעשפּאַנט די דעסנע.

דעם טאַטן האָבן די דײַטשן אינדערהיים ניט געטראָפֿן. די מאַמע מיט די צוויי קלענערע קינדער האָבן די פֿאַשיסטן אַרויסגעטריבן פֿון שטוב און אוועקגעשטעלט זיי לעבן דעם הויכן גאַנעק. די מאַמע האָט געוואָלט באַשיצן די קינדער מיט איר אייגענעם קערפּער. פֿון דער ערשטער קויל איז זי אַנידערגעפֿאַלן מיטן פּאָנעם אַראָפּ־צו און מיט די קינדער אונטער זיך. בערל־לייבן האָבן די היטלער־יונגען אָפּגעזוכט לעבן דער קאָלווירטישער פֿערדשטאַל. ער האָט נאָך ניט געוווּסט, אַז זײַן שטוב שטייט שוין פֿאַריאָסעמט, האָט ער זיך געפּאָרעט בא אַ קראַנק פֿערד. דער דײַטש האָט געגעבן אַ שטויס מיט דער ביקסן־קאָלבע דעם ייִדן אין פּלײַצע. אַ פֿויער האָט זיך פֿאַר אים אײַנגעשטעלט: „וואָס האָט איר צו אים? ער איז אַ טײַערער קאָניוך און אַ גוטער שאָכן...” די ערשטע קויל האָט געטראָפֿן דעם פֿויער — דעם רוס. ער זאָל ניט בעטן פֿאַר אַ ייִדן, די צווייטע קויל האָט אוועקגעלייגט אַפֿן אָרט בערל־לייבן.

— און ווײַל ער איז אַ גוטער פֿערד־אָפּפּאַסער, וועט ער אויך אַף יענער־וועלט זײַן צוזאַמען מיט די פֿערד... — האָט זיך פֿריִיק אַפֿן פֿריצישן שטײַגער געכאָכמעט.

בייס דעם גרויסן בראָך איז מירל צופֿעליק געווען בא באַקאַנטע, אין צווייטן עק דאָרף. פֿאַרבײַ די פֿענצטער פֿון דער שטוב, ווו זי האָט זיך געפֿונען, איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן אַ וואָגן. אַף אים — אַ געפֿאַלן פֿערד, אירע דערהאַרגעטע טאַטע־מאַמע.

די צוויי קלענערע ברידערלעך האָט א פּריץ געטריבן פון הינטן און האָט קאָמאַנדעווע:

— אויף די פּי־מאַהילקעס, אלעמען אין איין גרוב!

מירל האָט זיך געריסן פון שטוב, דער פּויער דער באַלעבאָס האָט פאַרשפּאַרט די טיר:

— צוליב וואָס זאָלסטו זיך וואַרפן אין פייער? זיי וועסטו שוין אלציינס ניט העלפן, — האָט ער זיך געבעטן.

אין א פינצטערער נאַכט האָבן די פּויערים אויסגעגראָבן בערל־לייבן מיט דער מישפּאָכע און זיי צו קווורע געבראַכט אפן דאָרפישן בעסוילעם. אלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן גיך און געהיים. מ׳איז געשטאַנען מיט אנטבלויזטע קעפּ. דער הארבסטיקער ווינט האָט שטיל געשויבערט מירלס האָר און געוויינט צוזאַמען מיט איר אויף איר גרויסן אומגליק.

ארום דריי כאָדאָשים האָט מירל אָפּגעלעבט באַם פּויער. ער האָט זי אויסבאַהאַלטן פריִער אפן היי־בוידעם, דערנאָך, אז ס׳איז געוואָרן קאַלט, — אין קעלער. די גאַנצע צייט פלעגן גרופּעס דייטשן אראָפּקומען אין דאָרף זוכן א יידיש מיידל... די לאַגע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, האָבן די פּויערים פאַרשפּרייט א קלאַנג:

— מירל האָט זיך אופגעהאַנגען...

באַטאָג האָט מען געמאַכט א קליינע לעווייע, ס׳הייסט — קלוימערשט באַגראָבן די געשטאָרבענע, און באַנאַכט האָט מען דאָס מיידל איבערגעגעבן די פּאַרטיזאַנער. קאָמאַנדיר פון אָטריאַד איז געווען דער געוועזענער פאָרזיצער פון דעם קאָלווירט. מירלען האָט ער געקענט.

— מיידל, — האָט ער זיך אָנגערופן, — וואָס טו איך מיט דיר? דיַין פּאַך איז בויען בריקן, און אונדזער פּאַך — אופריַיסן בריקן...

אויף מירלס פּאָנעם האָבן געלויכטן נאָר די וויַינשל־אויגן, אלדאָס איבעריקע איז געווען הויט און ביין. זי איז געשטאַנען אָפּהענטיק און ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. האָט זי געשוויגן. דאָ איז צום קאָמאַנדיר אריַינגעקומען א פאַרווונדעטער פּאַרטיזאַנער. די שמוציקע מאַרליע איז באַ אים אראָפּגעפאַרן, און פון אונטער איר האָט זיך געזען די פאַריַיטערטע ווונד. מירל האָט זיך פּאַשעט דערפרייט מיט אים, ניט דרייסט האָט זי א זאָג געטאָן:

— לאָז, וועל איך א קוק טאָן...

זי האָט אָפּגעוואַשן די ווונד, האָט אָפּגעזוכט באַם קאָמאַנדיר א זויבער שמאַטקעלע, קיין וואַטע איז באַם קאָמאַנדיר ניט געווען, האָט דאָס מיידל אָפּגעטרענט דעם אונטערשלאַק פון איר מאַנטל, אָנגעסקובעט א ביסל וואַטע און פאַרבאַנדאַזשירט די ווונד. אירע קליינע הענט האָבן פלינק און פאַרזיכטיק אָפּגעטאָן די אַרבעט.

דאָס איז געווען מירלס דעביוט באַ די פּאַרטיזאַנער.

— ווער האָט דאָס דיך אזוי גוט פאַרפּוצט? — האָבן אלע זיך נאָכגעפרעגט באַ מירלס ערשטן פּאַציִענט.

— די שוועסטער מירל.

אָט אזוי, אליין פון זיך, האָבן אלע אין אָטריאַד גענומען רופן די ניַיינקע — „שוועסטער מירל“, און עפּעס אויך אזויחוי אליין פון זיך האָט זיך אויף דער טיר פון דעם ערדשטיבל, ווו דאָס מיידל האָט געוווינט, באַוויזן א שטיקל קאַרטאָן מיט א רויטן קרייץ.

אויף דער ערשטער גרויסער אָפּעראַציע איז צוזאַמען מיטן גאַנצן אָטריאַד ארויסגעטראָטן אויך דער „מעדפּונקט“ — די שוועסטער מירל. דאָס איז געווען א האַרטנעקיקע שלאַכט, מיט האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס פוןביידע זיַיטן, מיט אַטאַקעס, מיט א באַגנעטן־שלאַכט.

אָט איז געפאַלן פאַרווונדעט א פּאַרטיזאַנער, א צווייטער, א דריטער. מירל האָט פּויזענדיק זיך דערקליבן צו די פאַרווונדעטע. צוויי פון זיי זיַינען אימשטאַנד אליין צו דערגיין ביז דער באַזע. דעם דריטן דאַרף מען אריבערטראָגן. אָבער גיי טראָג, אז ער איז צוויי מאָל העכער און גרעסער פון איר. מירל האָט זיך אוועקגעלייגט אויף דער ערד לעבן דעם פאַרווונדעטן, צוגעבונדן אים צו זיך מיט א רימען, איר לינקן פוס האָט זי אונטערגעבויגן און אוועקגעלייגט אויף אים דעם פאַרווונדעטנס ביידע פיס, ארומגעכאַפּט דעם פּאַרטיזאַנער ארום האַלדז, און, אָפּשויסנדיק זיך מיט דעם פריַיען רעכטן פוס, האָט זי אזוי פּויזענדיק ארויסגעשלעפּט פונעם פיַיער דעם פאַרווונדעטן כאַווער און אים געבראַכט אויף דער באַזע.

אויף דער באַזע זיַינען אלע געווען איבעראַשט: אָן ווערטער, מיטן בליק נאָר, האָט מען אָפּגעמאָסטן די קליינוווּקסיקע שוועסטער מירל און דעם ברייטפּלייציקן גוואַר דעם פּאַרטיזאַנער. און מירל, ווי זי האָט נאָר איבערגעגעבן דעם פאַרווונדעטן אין זיכערע הענט, אזוי האָט זי זיך גליַיך אוועקגעטראָגן צום שפּיַיז־פּונקט. עסן, בעט זי, און א סאַך. מע האָט איר געגעבן ברויט, ווורשט, כאַזער־פעטס.

— נאָך, נאָך! — האָט זי געבעטן.

מיט פול אָנגעשטאָפּטע קעשענעס האָט זי אוועקגעיַילט צוריק צום שלאַכטפעלד. די שלאַכט האָט זיך פאַרצויגן. אין א פּאָר שאָ ארום איז מירל ווידער געקומען צו לויפן אפן שפּיַיז־פּונקט.

— וואָס מער, וואָס מער! — האָט זי געפאָדערט.

אלעמען האָט דאָס געוווּנדערט: אזא קליינס, אזא דאַרס און א קישקע האָט דאָס אָן א דעק... מירל האָט ווידער אָנגעפּאַקט אין די קעשענעס, אין די כאָליעוועס און האָט אוועקגעיאָגט אהין, ווו ס׳האָט געברענט די שלאַכט.

וואָס האָט זי דאָרט געטאָן?

וועגן דעם האָט שפּעטער דערציילט דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. און דערציילט האָט ער אָט וואָס:

א צוגעבויגענער צו דער ערד, איז ער געלאָפן פון איין פיַיער־פּונקט צום צווייטן. מיטאַמאָל דערזעט ער: מירל, די קליינע, דאַרע מירל, פּויזעט פלינק און גיך, ווי א קאַץ, פון איין שלאַכטמאַן צום צווייטן, דעם רוקט זי אונטער א לוסטע ברויט מיט א שטיקל ווורשט, דעם — א גראָב פּענעצל כאַזער. דאָס מיידל האָט געכאַפּט אויף זיך דעם קאָמאַנדירס איבעראַשטן בליק, האָט זי אפּגיך א זאָג געטאָן, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— זיי קאָנען דאָך ניט איבעריַיסן די שלאַכט און גיין עסן...

און אונטער דעם האָגל פון קוילן און מינען־שפּליטערס האָט זי פאַרגעזעצט איר געפערלעכן וועג פון פּאַרטיזאַנער צו פּאַרטיזאַנער.

אין ברעג פון שלאַכט איז ניט דאָס אָרט און ניט די ציַיט פאַר אנציקונג. ערשט ווען מע איז מיט זיג געקומען צוריק אין וואַלד און מע האָט א ביסל זיך אָפּגערוט, איז דער קאָמאַנדיר אוועק געוויר ווערן, וואָס מאַכט זי, די העלדישע שוועסטער מירל. ער האָט זי געטראָפן אינעם מעדפּונקט. זי איז געזעסן אפן ברעג נאַרע, צופוסנס בא א פאַרוווּנדעטן און עפּעס געשריבן.

דעם קאָמאַנדירס קומען האָט אלעמען שטאַרק דערפרייט. אין דער לעצטער שלאַכט האָט ער זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט. צוויי טעג האָט זיך געצויגן די שלאַכט, און דער קאָמאַנדיר איז געווען אומעטום, וווּ עס האָט געלויערט די גרעסטע געפאַר, און די פאַשיסטישע שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס האָט געזאָלט מאַכן טיל־טעל פונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, איז צעקלאַפּט געוואָרן.

איינער פון די פאַרוווּנדעטע האָט פריידיק זיך אָנגערופן:

— האָסט געהערט, קאָמאַנדיר, וואָס פאַר א ניַיעם אופטו די שוועסטער מירל האָט פאַרטראַכט?

— לאָז צורו!.. — זי האָט פאַרשעמט אראָפּגעלאָזט די אויגן.

— נישקאָשע, נישקאָשע, דער קאָמאַנדיר דאַרף אַלץ וויסן, — האָט פאַרגעזעצט דער פּאַרטיזאַנער, — זי פרעגט פאַנאַנדער יעדן פאַרוווּנדעטן:

„עפּשער ווילסטו שריַיבן א בריוו און קאָנסט ניט, — דיקטיר, וועל איך פאַר דיר אָנשריַיבן...” אָט שריַיבט זי צו מיַינע...

דער קאָמאַנדיר האָט גענומען דאָס בייגעלע פּאַפּיר און אָנגעהויבן לייענען פאַר־זיך. „אוי, האָבן מיר געשלאָגן דעם הונט היטלערן...”

— הער אָקאָרשט, — האָט ער איבערגעריסן דאָס לייענען, — א נאָמען, ווייס איך, שריַיבט מען דאָך אף רוסיש מיט א גרויסהאַנטיקן אָס, און דו האָסט דעם „גע” אָנגעשריבן א קליינינקן...

דאָס מיידל האָט א קריץ געטאָן מיט די ציין:

— איך האָב דעם היטלערן אזוי פיַינט, אז זיַין וואָלפישן נאָמען שריַיב איך בעקיוון מיט א קליינעם אָס!..

אלע האָבן זיך צעלאַכט.

בלויז דער קאָמאַנדיר האָט ניט געלאַכט. ער האָט מיַיסע טאַטע אַרופגעלייגט די האַנט דעם מיידל אף דער פּלייצע.

— סינע איז זייער א שאַרף געווער... — האָט ער געזאָגט. — שוועסטער מירל, דו ביסט א ווירדיקע טאָכטער פון דיַינע דערהאַרגעטע טאַטע־מאַמע.

און ער האָט אנטבלויזט דעם קאָפּ.

אין ערדשטיבל האָט געהערשט א פיַיערלעכע שטילקיַיט, ווי אלע וואָלטן געשטאַנען באַם אָפענעם קייווער פון דער אומגעקומענער ייִדישער מישפּאָכע פונעם קאָלווירט, וואָס באַם טיַיך דעסנע.

די פּאַרטיזאַנישע מאַמע

אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער האָבן די פויערים ליפּשען געבראַכט צו פירן א געבונדענע. מע האָט זי צעבונדן, געדהאָלפן אַרויסקריכן פון וואָגן, גענומען טרייסטן. זי האָט גאָרנישט ניט געענטפערט אף אלע טרייסטווערטער. דאָ, ווו זי איז געשטאַנען, לעבן א בוים, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אף דער ערד, געריסן קריע, אויסגעטאָן די שיך און זיך געזעצט שיווע.

די פּאַרטיזאַנער האָבן שטיל זיך אָפּגערוקט אָן א זיַיט. זיי, די וויַיסרוסן, ווייסן, וואָס באַטיַיט בא ייִדן אזוא זיצן אף דער ערד. האָבן די פּאַרטיזאַנער אפילע פונדערוויַיטנס גערעדט צווישן זיך שטיל. קיינער האָט ניט געשטערט דער ייִדענע צו באַוויינען איר פינצטער און ביטער מאַזל.

— אַלטע, — האָט זי פלוצעם דערהערט א וואַרעם קאָל לעבן זיך, — גענוג! מיט טרערן וועסטו דאָס פיַיער ניט פאַרלעשן...

לעבן איר איז געשטאַנען דער קאָמאַנדיר פונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר אף דער הוילער ערד.

— מיר וועלן פאַר אַלץ זיך אָפּרעכענען, — האָט ער זי געוואָלט טרייסטן. — אי פאַר אײַער ייִדיש בלוט, אי פאַר אונדזער וויַיסרוסיש בלוט, אי פאַר אונדזערע אַלעמענס צעבראָכענע לעבנס און צעטאָפּטשעטע ערד... מיט זייערע קעפּ וועלן די פאַרשאָלטענע דיַיטשן באַצאָלן! און דו לעב זיך דאָ.

— לעב זיך דאָ... מישטיינס־געזאָגט, וואָס פאַר א נוצן קאָנט איר שוין האָבן פון א צעבראָכענעם שערבל...

• • •

נאָך נעכטן אין דער ציַיט האָט ליפּשע זיך געפונען אין דער געטאָ פון איר היימשטעטל ד. די געטאָ — צוויי גרויסע כאָרעווע היַיזער מיט דורכגעלעכערטע דעכער און אויסגעזעצטע שויבן. אַהער האָבן די היטלעריסטן פאַרטריבן אלע ייִדן פונעם שטעטל, יונג און אלט, אפילע זויגקינדער. דאָ שטאַרבט מען פון הונגער, גייט אויס פון דאָרשט, קומט אום פון כאַלאַסן און מאַגייפעס!

דעם אייגענעם הונגער און ליידן האָט די ייִדענע ווי־ניט־איז אריבערגעטראָגן. דאָס געוויין פון די אייניקלעך האָט אָבער ווי מיט מעסערס געשניטן איר האַרץ. עטלעכע טעג האָט זי אַלץ געטראַכט, ווי קליַיבט מען זיך אַרויס פונדאַנען קריגן א

שטיקל ברויט פאַר די קינדער? עס האָט איר אָפּגעגליקט. הויך, הויך אין הימל האָט זיך באַוויזן אַן אַעראָפּלאַן. די וואָך־זעלנער האָבן פאַריסן די קעפּ און געפּרוּווט טרעפן, ווער פליט דאָס — ווײַ־רער, אַ פאַשיסט, צי אַ רוסישער? ליפּשע, אַ קלײנוווּקסיקע און אַ זשוואַוועו, האָט, ווי אַ קאַץ, אָן אַ שאָרך, אומבאַמערקט זיך דורכגעשמוגלט פון דער געטאָ און מיט הינטער־הויפן און פאַרוואָרפענע געסלעך אַרויסגעגאַנווּעט זיך צום עק שטאָט. זי האָט דאָרט אַ גאָרטן, וועט זי אָנגראָבן קאַרטאָפל. אויך די ווײַסרוסן — די קאָלווירטניקעס גראָבן דאָרט קאַרטאָפל. זײ האָבן איר געליִען אַ גראָבײַזן. די אַלטע איז געווען גליקלעך: עטלעכע טעג וועלן די אייניקלעך זײַן זאַט. עמעס, דער דײַטש דער קאָמענדאַנט וועט פון איר שינדן די הויט, נאָר מײלע... און עפּשער וועט ער זיך מעראַכעם זײַן: פאָרט פאַר פּיצעלעך קינדער...

מיטאַמאָל האָבן אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די גערטנער, דערזען: איבערן שטעטל האָבן זיך אויפגעהויבן צוויי שוואַרצע זײַלן רויך, דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ ווײַטער, פאַרטויבטער געשריי, און אַ מינוט צוויי אַרום האָבן אָפּגעהילכט לאַנגע שאָסן פון קוילנוואַרפערס. דער געשריי איז געוואָרן שטילער, דערפאַר די קנוילן רויך — גרעסער און געדיכטער.

פון שטעטל זײַנען אָנגעלאָפן עטלעכע ווײַסרוסן. זיי האָבן געבראַכט אַ דערשיטערנדיקע ידיעה:

— די היטלעריסטן האָבן אונטערגעצונדן די געטאָ — ביידע הײַזער מיט די ייִדן, וואָס געפינען זיך דאָרט. די, וואָס האָבן זיך געפּרוּווט ראַטעווען, זײַנען באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האָגל קוילן.

ליפּשע האָט זיך געלאָזט לויפן צוריק אין שטעטל. די פויערים האָבן זי פאַרהאַלטן.

— די מערדער וועלן דאָך דיך אויפעסן.

— לאָזט מיך כאָטש אָנקוקן דעם קײווער אונטער די קופּעס אַש...

פונוואַנען האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ קויעך! איר איז שוין קאָרעוו צו זעכציק, און געלאָפן איז זי, ווי אַ יונג מיידעלע. די פויערים האָבן זי דעריאָגט, געבונדן זי, מיט געוואַלט אַרײַנגעלייגט אין אַ וואָגן, פאַרשאָטן פון אויבן מיט אַ ביסל היי — מאַלע וועמען מע באַגעגנט — און אָפּגעפירט זי צו זיך אין דאָרף. אָבער די דײַטשישע שפּיר־הינט לויערן איבער אַלע שטעגן און וועגן. ווי נאָר ס'איז געוואָרן פינצטער, האָט מען די ייִדענע אָפּגעפירט צו די פאַרטיזאַנער אין וואַלד.

— אויסגעפירט די וועלט, ליפּשע... — האָט זי אָפּגעזיפצט. — געהאַט אַ באַלעבאַטישקײַט, געשעמט פאַר אַ באַלעבאָסטע, געהאַט אַ הויזגעזינד, טעכטער, אייניקלעך און איצט — עלנט, ווי אַ שטיין, אָן אַ קינד, אָן אַ רינד. אָנשטאָט אַ הויז — אָן ערדשטיבל, פרעמדע מענטשן, וואַלד. די קרוינען פון די ביימער רוישן אַזוי טרויעריק, אַפילע די פייגל חפּן זיך איבער מיט אַ פאַרצאַקט געשריי...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אָט, זעט זי, איז דער גאַנצער פאַרטיזאַנישער אָטריאַד ערגעץ אַוועק. פאַרבליבן זײַנען בלויז די שוואַכע און די וואָך. מיט אַ שווערן זקײנישן קרעכץ האָט די ייִדענע זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, אָפּגעטרייסלט פון זיך די שטיקלעך היי, וואָס זי האָט געבראַכט פון וועג, און איז אַרײַן אין ערדשטיבל. ליפּשע איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר, האָט אָפּגעזיפצט:

— ווײַבאַלד מיר איז באַשערט צו וווינען אין אַזאַ היים, זאָל כאָטש זײַן אַ שפּור פון אַ היים...

די ייִדענע האָט גענומען אויפראַמען דאָס ערדשטיבל, זי האָט אויסגעקערט, אויסגערייניקט פון אונטער די נאַרעס, פון יעדן ווינקעלע, אָפּגעווישט דעם שפּינוועבס, געבראַכט פון דרויסן אַ בערעמע סכאַך, אויסגעבעט די ערדענע פּאָדלאָגע. אָט שטייען די בלעכענע קווערטלעך, פאַרזשאַווערטע, שמוציקע. ליפּשע האָט גענומען רייניקן די קווערטלעך, ווי זי פלעגט אַמאָליקע יאָרן שײַערן דאָס מעשענע געשיר צו פּייסעך. דערנאָך האָט זי אויפגעזאָדן וואַסער.

— מענטשן וועלן קומען צוריק, וועלן זיי מיסטאַמע כאַלעשן אַ גלעזל טיי, — האָט זי גערעדט צו זיך.

די צײַט איז געגאַנגען, און די פאַרטיזאַנער זײַנען נאָך ניט צוריקגעקומען. די פאַרבליבענע זײַנען געוואָרן אומרויִק. אויך די אַלטע האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען.

— גוואַלד, וואָס איז דאָרט מיט זיי געשען? — האָט זי אַלץ געטײַנעט.

אַ נאַכט נאָכאַנאַנד איז זי אָפּגעזעסן באַם קעסל מיט וואַסער, אונטערגעלייגט שפּענדלעך און סאָסנע־שישקעס און געוואַרעמט טיי פאַר די שלאַכטלײַט.

פאַרטאָג איז דער אָטריאַד צוריקגעקומען. מענטשן האָבן קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס: מע האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן וועג, אַ געפערלעכע אָפּעראַציע. ווי נאָר מ'איז אַרײַן אין ערדשטיבל, זײַנען אַלע געבליבן שטיין איבעראַשטע. „זע, ווי ס'פינקלט אין יעדן ווינקעלע...”

— אַ מאַמע, אַן עמעסע מאַמע, — האָט אויסגערופן איינער פון די פאַרטיזאַנער.

ליפּשע האָט פאַרשעמט געשוויגן.

בערדיקע, באַיאָרטע רוסישע און ווײַסרוסישע פויערים, אַרבעטער, אײַזנבאַנער, יונגע לערער און טראַקטאָריסטן — אַלע האָבן אָנגעהויבן רופן די אַלטע ייִדישע פרוי פון דעם שטעטל ד. מיט דעם צאַרטסטן וואָרט: „מאַמע”.

אַלע האָבן זיך געסטאַרעט ניט אָנוואַרפן און ניט אָנשמוצן, אַפילע דאָס אויסגערייכערטע שטיקל פּאַפּיראָס ניט געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע. טאָמער פלעגט עמעצער זיך פאַרגעסן, פלעגט ער באַקומען אַ גאָב:

— דער מאַמעס טירכע איז באַ דיר גאָרניט, יאָ?..

און די מאַמע האָט גאַנצע טעג זיך געפּאָרעט אין די בעבעכעס באַ די פאַרטיזאַנער, יעדער זאַך דורכגעקוקט, בוידעק געווען, עפּשער פעלט ווו אַ קנעפּל, עפּשער דאַרף מען עפּעס פאַרצירעווען, פאַרנייען. אָט האָט איינער פון די פאַרטיזאַנער זיך געסאָפּעט, אַז דאָס וואַטאָווע רעקל איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין דער ערד אַרײַן. עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן:

— עפּשער די מאַמע...

דער פּאַרטיזאַנער האָט זי אָפּגעזוכט. זי איז געזעסן אין דרויסן אויף אַ פּניאַק און געשטשאָבעט זײַן רעקל. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ פֿרי־האַרבסטיקער וואַרעמער טאָג, די צווײַגן זײַנען שוין געווען קימאַט נאַקעט, און די זון האָט באַשפּרענקלט ליפּשען מיט אַ סאַך גאָלדענע פֿלעקן. זי האָט דערזען דעם פּאַרטיזאַנער און זיך אָנגערופֿן מיט פֿאָרוואָרף:

— גוואַלד, ווי איז מען דאָס אַזאַ שנאַפּער? קיין איין גאַנץ אָרט איז דאָך ניט פֿאַראַן...

— פֿאַרשטייסט, מאַמע... — דער עלטערער פֿיער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, ווי ער וואָלט געווען אַ שול־ייִנגל, און זי — זײַן שטרענגע מוטער... — אונדזער אַרבעט איז אַזאַ, ס׳קומט אויס אַרומקריכן, ווו די וועלט האָט אַן עק...

נעענטער צו ווינטער האָט מען פֿון דאָרף גענומען אַרײַנשיקן דעם אָטריאַד וואַרעמע קליידער, שוכוואַרג, שפּײַז.

ליפּשע איז געווען הויל נאַקעט. מע האָט זי געבראַכט אין אָטריאַד פֿון גאָרטן, ווו זי האָט געגראָבן קאַרטאָפֿל, ווי זי שטייט און גייט. האָט דער אָטריאַד אויסגעטיילט פֿאַר איר אַ שאָפֿן פּעלצל און אַ פּאָר וואַליקעס. זי האָט נאָך געהאַט אירס אַן אייגנס — אַ וואָלן געשטריקט קאָפּטל. איינמאָל האָט מען דערזען — די אַלטע לאָזט אַראָפּ די אייגלעך פֿון דעם געשטריקטן קאָפּטל און די וואָל וויקלט זי אויף אַ קנײַלכל. עמעצער פֿון אָטריאַד האָט געוואָלט וויסן:

— מאַמע, וואָס פֿאַר אַ פֿאַבריק קלײַבסטו זיך עפֿענען?..

— שפּיזלען דאַרף איך... וועסט אַזוי גוט זײַן און דאַרף אַ בעט טאָן אַ גאַנג שפּיזלען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געקאָנט זען, ווי פֿון דעם וואָל, וואָס זי האָט באַקומען פֿון איר קאָפּטל, שטריקט זי הענטשקעס. די הענטשקעס באַקומען זיך בײַ איר מיט צוויי פֿינגער.

— מיט אָט דעם צײַגפֿינגער, האָב איך געזען, דריקט מען אָן דאָס צינגל פֿון דער ביקס, און די פּרעסט שטאַרקן זיך, איז זאָל כאָטש מײַן קליינער צושטײַער אײַך העלפֿן, קינדער, — האָט די אַלטע דערקלערט.

די אָנפֿאַלן פֿון די פּאַרטיזאַנער אויף די דײַטשישע גאַרניזאָנען און עשעלאָנען האָבן ניט אויפֿגעהערט. בײַ איינער אַ שלאַכט האָבן די כאַווייִרים געבראַכט צו טראָגן אין פּאַרטיזאַנער־לאַגער אַ שווער־פֿאַרוווּנדעטן פּאַרטיזאַנער. דער מענטש איז ממש אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. ביז וואַנען מע וועט ברענגען אַ דאָקטער, קאָן דער פֿאַרוווּנדעטער, כאָ־

לילע, שטאַרבן... די אַלטע האָט צעריסן די האַנטעכער אויף פּאַסן, די העמדער פֿאַרוואַנדלט אין באַנדאַזשן און פֿאַרבאַנדאַזשירט דעם פּאַרטיזאַנער. ער — אַ הויכוווּקסיקער, עלטערער פֿויער — אַ גוואַר, זי — אַ ברעקל ייִדענע, קוים וואָס די נעשאָמע האַלט זיך אין איר... זי האָט אים אָבער אַזוי פֿלינק געבאַנדאַזשירט, ווי זי וואָלט געוויקלט אַן אייפּעלע. ער האָט געקרעכצט:

— מאַמע, אַ ביסעלע פֿאָרזיכטיקער...

און זי:

— נו, קינד מײַנס... נו, נאָך איין רעגעלע.

דער געראַנגל קעגן די אָקופּאַנטן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן האַרבער. די היטלעריסטן האָבן געוואָרפֿן אין שלאַכט שטראָף־עקספּעדיציעס — גאַנצע דיוויזיעס. די פּאַרטיזאַנער איז אויסגעקומען שלאָגן זיך קעגן טאַנקען און אַרטילעריע, אַריבערגיין פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדערן. דער אָטריאַד האָט באַשלאָסן: אַריבערוואַרפֿן די מאַמע איבער דער פֿראָנט־ליניע, טיפֿער אין סאָוועטישן הינטערלאַנד.

די אַלטע האָט ניט געוואָלט הערן:

— וועמען האָב איך נאָך, כוץ אײַך?

דער קאָמאַנדיר האָט האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיק געענטפֿערט:

— אַ פּאַרטיזאַנער דערווידערט ניט! אַ פּאַרטיזאַנער פֿילט אויס דעם באַפֿעל.

ער האָט אַרומגענומען די אַלטע ייִדישע פֿרוי און שוין גאָר ווייך, ווי צו אַן אייגענער מאַמע, צוגעגעבן:

— איך אונדז איז שווער מיט דיר זיך שיידן, זייער שווער... נאָר ווײַל דו ביסט אונדז ביז גאָר טײַער... אַ מאַמע... — און צעקושט זיך מיט איר, ווי נאָר מ׳קאָן זיך צעקושן מיט אַ מאַמע...

די ייִדענע האָט געהאַט בעדייע אַ סאַך צו זאָגן. מיט לויכטנדיקע, וואַרעמע אויגן האָט זי אָנגעקוקט די פֿאַרזאַמלטע פּאַרטיזאַנער און באַנוגנט זיך מיט עטלעכע ווערטער:

— קינדער מײַנע, קיין איין דײַטש לאָזט ניט איבער לעבעדיקערהייט... און בײַ אַ געלעגנהײַט לאָזט מיר וויסן וועגן דעם...

• • •

עס איז גאָר נאָענט די צײַט, ווען די מאַמע וועט זיך צוריקקערן אויף דער באַפֿרײַטער ווײַסרוסישער ערד, צו זיך אין שטעטל ד. זי וועט צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער פֿון איר אָטריאַד פֿײַערן דעם גרויסן זיג פֿון די סאָוועטישע מענטשן איבער די פֿאַשיסטישע מערדער.

דײַן נאָמען איז פֿאָלק

דער פֿאָלק איז אָפּגעטראָטן.

די דײַטשן האָבן אָנגעגריפֿן פֿון אַלע זײַטן. פֿרײַ איז געבליבן בלויז איין וועג — דער טײַכברעג, קיין בריק איז אין דעם אָרט ניט געווען. אויפֿשטעלן אַ פּאָנטאָן־בריק איז שוין קיין צײַט ניט געווען, אַזוי אַז ס׳איז פֿאַרבליבן איין אויסוועג — לאָזן זיך גלײַך אין וואַסער. און דאָס אָרט איז אַן אומבאַקאַנטס, עס איז נאָר באַוווּסט, אַז דער טײַך איז דאָ רוישיק און טיף.

צוויי רויטאַרמייער, גוטע שווימער, האָבן זיך

אַליין אַרויסגערופֿן גיין אויספּאָרשן, ווּ איז דאָ דער טיַיך פֿלאַכער און דער דעק פֿעסטער, מאַכמעס אויסער די פּוסגייער דאַרף מען נאָך אַריבערפֿירן די האַרמאַטן און דעם אַבאָז. די פֿאָלק־קאָמאַנדשאַפֿט האָט זיך מיט גרויס אומגעדולד צוגעקוקט צו דעם, וואָס ס׳קומט פֿאָר באַם טיַיך: דער דיַיטש קאָן אַלע וויַילע זיך אַ רוק טאָן נעענטער און אָנבינדן אַ שלאַכט. אין אַזעלכע אומגינסטיקע באַדינגונגען וואָלט עס באַטיַיט — אָן נוצן ריזיקירן מיטן פֿאָלק. דאַרף מען זיך צויַילן.

אָבער גראָד ווען די צוויי רויטאַרמייער האָבן שוין דערגרייכט דעם מיטן טיַיך, האָט איינער זיך גענומען טרינקען. דאָס וואַסער האָט דאָרט מוירעדיק געווירבלט. דער צווייטער האָט זיך אַ טוק געטאָן איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ווידער נעלעם געוואָרן אויף אַ מינוט צוויי, און דערנאָך האָבן אויף דער איבערפֿלאַך זיך באַוויזן צוויי קערפּערס.

די אָנשטרענגונג אויפֿן ברעג איז אַלץ געשטיגן. אינמיטנדערינען האָט מען צום פֿאָלק־קאָמאַנדיר געבראַכט צו פֿירן אַ באַיאָרטן מענטש.

— פֿאַרהאַלטן אָן דאָקומענטן, — האָט די וואַך געמאָלדן.

— ווער ביסטו? — האָט אים געפֿרעגט דער קאָמאַנדיר.

— אַ ייִד...

— דאָס זע איך. איך פֿרעג, — האָט דער קאָמאַנדיר שטרענג איבערגעכאַפּט, — ווער ביסטו און פֿונוואַנען ביסטו?

— פֿון דעם ייִדישן קאָלווירט „ניַילעבן" בין איך. ניט וויַיט פֿונדאַנען. די דיַיטשן האָבן דאָרט... — דער אַלטער האָט אַ כליפּע געטאָן, ווי אַ קינד, — איך בין יענעם טאָג צופֿעליק ניט געווען אינדערהיים, האָב איך זיך געראַטעוועט, אָבער די איבעריקע... — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — אַפֿילו די וויגקינדער האָבן די גאַזלאָנים ניט געשוינט...

— איז וואָס טוסטו דאָ, אין סאַמע פֿיַיער?..

— איך ווייס, וואָס איך טו?.. איך בלאָנדזשע... עפּשער וועל איך אַריַינפֿאַלן צו די פּאַרטיזאַנער. דאָרט זיַינען פֿאַראַן היגע פּויערים, — זיי קענען מיך. און איַיערע... איך מיין אונדזערע... פֿאַרהאַלטן מיך גאָר, פֿירן אונטער אַ ביקס, פּונקט ווי איך וואָלט טאַקע געווען עפּעס...

דאָ האָט מען דעם קאָמאַנדיר מיטגעטיילט, אַז עס זיַינען צוריקגעקומען די צוויי רויטאַרמייער. זיי זיַינען צוגעגאַנגען און האָבן ראַפּאָרטירט: דאָס איז ניט קיין טיַיך, נאָר דער רועך ווייסט וואָס. דער גאַנצער דעק איז אָדער אין גריבער, אָדער דורכויסיקער ווייכער שלאַם.

— אָבער בליַיבן דאָ איז זשאַך אויך אומעגלעך, — האָט זיך אָנגערופֿן דער קאָמאַנדיר.

— כאַווער... — דער ייִד האָט געמאַכט אַ טריט נעענטער. — דערלויבט...

— שטערט ניט...

דער קאָמאַנדיר איז געווען אויפֿגערעגט.

דער ייִד איז ניט אָפּגעשטאַנען:

— איך בין אַ היגער אַ געבוירענער... דעם טיַיך ווייס איך, ווי איך ווייס מיַין הויף, מיַין שטוב...

און ניט דערוואַרטנדיק אָן ענטפֿער, האָט ער אָפּגיך זיך גענומען אויסטאָן.

אַ נאַקעטער האָט דער אַלטער אויסגעזען, ווי אַ ייִנגל אַ שטיפֿער, וואָס האָט אויף קאַטאָוועס זיך צוגעקלעפּט אַ באָרד. אויפֿן רוקן זיַינען באַ אים געווען באַ אַ צענדליק טונקעלע רייפֿעלעך. קאָנטיק, מ׳האָט אים דאָ ניט לאַנג געשטעלט באַנקעס. דער טאָג איז געווען אַ וואָלקנדיקער, ס׳האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט, און דעם ייִדנס ליַיב האָט זיך באַדעקט מיט גריַיפּעלעך. ער האָט אָבער אָן לאַנגע שיִעס אַ פֿליוך געטאָן אין וואַסער. ער האָט געלייגט קלאַפּטער, געטוקט זיך, פֿאַרהאַלטן זיך אונטערן וואַסער אין איין אָרט און אַרויסגעשווּמען ערגעץ העט וויַיט. פֿון ברעג האָט זיך אַפֿילו געדוכט, אַז דער ייִד וויַיזט קונצן. מיטאַמאָל האָט ער זיך באַוויזן אויף דער איבערפֿלאַך און פֿריידיק אויסגעשריִען:

— אָט דאָ, אָט... ווי אויף אַ טראַקט!..

איינער פֿון די רויטאַרמייער די שווימער איז צוגעשווּמען צו דעם ייִדן. ווירקלעך, אַז ס׳איז ניט טיף, אַז אונטער די פֿיס איז אַ שטיַיפֿער גרונט. דער ייִד האָט זיך געלאָזט צום צווייטן ברעג, ער האָט געמאַכט זיגזאַגן, ערטערווײַז זיך געטוקט, ווידער אַרויסגעשווּמען און ווי אַ לאָצמאַן געגעבן דעם רויטאַרמייער אָנווײַזונגען:

— אַהער! אַ ביסעלע רעכטס!.. נאָך אַ ביסעלע... אָט־אָט...

דער ייִד האָט אַריבערגעפֿירט דעם רויטאַרמייער אויף יענער זיַיט טיַיך און צוריק אויף יענעם אָרט, ווּ ס׳איז געשטאַנען דער פֿאָלק. ווען דער ייִד איז אַרויסגעקראָכן פֿון וואַסער, איז זיַין ליַיב געווען בלוי און באַדעקט מיט אַ גענדזענער הויט, פֿון קעלט האָט באַ אים אַ צאָן אויף אַ צאָן ניט געטראָפֿן. קעדיי זיך דערוואַרעמען, האָט ער גענומען אונטערטאַנצן.

— נאַ, פּאַפּאַשאַ, טו אָן!..

דער קאָמאַנדיר האָט פֿון זיך אַראָפּגענומען די שינעל.

דער קאָמאַנדיר איז געווען אין צוויי מאָל ברייטער און וווּקסיקער פֿונעם ייִדן. אַזוי אַז דער ייִד האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ קינד, וועמען די מאַמע האָט איַינגעוויקלט אין איר אַ בעגעד. און דער פֿאָלק מיט זיַין גאַנצער באַלעבאַטישקייַט האָט זיך דערווײַל אַריבערגעקליבן אויפֿן צווייטן ברעג. אויף דער זיַיט טיַיך איז פֿאַרבליבן בלויז דער שטאַב און נאָך אַ פּאָר וואָזן. דער קאָמאַנדיר איז צוגעגאַנגען צו דעם ייִדן:

— נו, דערוואַרעמט זיך? ציַיט אַריבערגיין אויף יענעם ברעג.

— איר נעמט מיך סיַידן מיט זיך?

דער קאָמאַנדיר האָט זיך צעבייזערט:

— ער פֿרעגט נאָך! גיכער, פּאַפּאַשאַ, גיכער!..

דער ייִד האָט שוין געוואָלט זיך אויפֿהייבן פֿונעם אָרט. פּלוצעם איז ערגעץ גאָר נאָענט געפֿאַלן און האָט זיך אויפֿגעריסן איין סנאַריאַד, נאָך איינער און נאָך איינער. עס האָבן זיך דערהערט קרעכצן פֿון פֿאַרוווּנדעטע. ווען מע האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט מען דערזען, אַז דער ייִד ליגט אַ דערהאַרגעטער.

די, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אַריבערגעקליבן אַפּן צווייטן ברעג טײַך, האָבן דערלאַנגט אַן ענט־פּער־קלאַפּ איבער די דײַטשן. דער שטאַב און די פאַרבליבענע אויף דער זײַט טײַך האָבן אײַליק זיך גענומען אַריבערפּעקלען און האָבן מיטגענומען מיט זיך די פאַרוווּנדעטע און אויך דעם טויטן קערפּער פונעם ייִדן.

שפּעטער, ווען דער פאָלק האָט זיך שוין געפּו־נען איסער געפאַר, האָט מען דעם ייִדן מעקאַבער געווען. אין קייווער האָט מען אים אַראָפּגעלאָזט אינעם קאָמאַנדירס שינעל, וואָס איז איצט געווען דורכגעווייקט מיט דעם ייִדנס בלוט. באַם אָפענעם קייווער האָט דער קאָמיסאַר געהאַלטן אַ קורץ וואָרט:

— דאָס איז זײַן בלוט, — האָט ער געזאָגט. — פאַר אונדז האָט ער עס פאַרגאָסן. פאַרן גאַנצן פאָלק. איז לאָמיר באַם געזעגענען זיך זאָגן אים: אייביקער אָנדענק דיר, כאַווער...

דער קאָמיסאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— ווי איז זײַן נאָמען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

קיינער האָט ניט געוווּסט דעם ייִדנס נאָמען — אַלע זײַנען געשטאַנען שטיל, ווי מע וואָלט זיך געשעמט, וואָס מע ווייסט ניט דעם נאָמען פונעם אומגעקומענעם. און דאָ האָט אַ קלוגג געטאָן דעם קאָמאַנדירס קאָל:

— איך ווייס דײַן נאָמען, אומגעקומענער ברוד־דער אונדזערער. דײַן נאָמען איז פאָלק.

דער פאָלק האָט גענומען אויף קאַראַל.

די האַרמאַטן האָבן דרײַ מאָל סאַליוטירט.

אַ בריוו פון גראָדנע

מער פון 25 יאָר האָט אין גראָדנע ניט געקלונ־גען קיין ייִדיש וואָרט. מער פון 29 טויזנט גראָדנער ייִדן זײַנען געווען פאַרניכטעט מיצאַד די היטלערי־שע גאַזלאָנים. איצט לעבן אין גראָדנע און אין דער אומגעגנט באַ 1700 ייִדן. אונדז האָט זיך אָבער אײַנ־געגעבן צו פאַרייניקן זיי אַרום אונדזער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט.

דעם 18 פעברואַל איז אין דעם אַקטאָוון זאַל פון דעם גראָדנער אוניווערסיטעט פאָרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט דעם טאַלאַנטפולן, אָבער ווייניק באַוווּסטן גראָדנער דיכטער לייב נײַדוס[1]. מיר האָבן אָפּגע־מערקט דעם 100־יאָריקן יובילײַ פון זײַן געבורטס־טאָג. דאָס איז שוין געווען אונדזער צווייטער אָוונט, אָבער דער ערשטער, וועלכן אונדז איז געלונגען צו אָרגאַניזירן מיט אייגענע קויכעס.

אַריבער 300 ייִדן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין זאַל. סעמיאָן שאַמיס האָט דערציילט וועגן דעם לעבן און שאַפונג פונעם יונג פאַרשטאָרבענעם פּאָעט. זײַן דערציילונג איז געווען באַגלייט מיט ל. נײַדוסעס לידער. אין ייִדיש און אין רוסיש. אָט איז איינע פון די לידער:

א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן.
עס לאכן מיר גאָלדענע טראָפּנס אנטקעגן.
זיי לײַכטן אין לופטן און פאלן אף מיר,
ווי גאָלדענע פונקען אף זײַדענע שניר.

א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן.
עס צאנקען די גראָזן באם זײַט פון די וועגן,
עס שמייכלען די בלומען, צעקושטע פון ווינט,
אזוי ווי עס שמייכלט דורך טרערן א קינד.

א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן.
עס וויגט זיך דער בלוילעכער טײַך אין די ברעגן,
עס פאלן די טראָפּנס אין וואסער און גרינג
צעלויפן זיך ברייט אין א גאָלדענעם רינג.

א זון מיט א רעגן, א זון מיט א רעגן.
און ווײַט, ערגעץ ווײַט וואַרפט זיך איבער אנטקעגן
אין הימל אין בלויען א פארביקע בריק —
א וועגן צו א שטראַנדן הימלשן גליק.

אין רוסיש האָבן די לידער איבערגעזעצט סעמיאָן שאַמיס און איך גופא — מיר זײַנען ביידע מיטגלידער פונעם ראַט פון אונדזער ייִדישער געזעלשאַפט.

נאָך דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג איז געווען אַ קאָנצערט. עס האָט געשפּילט דער לעצטנס אָרגאַני־זירטער וואָקאַל־אינסטרומענטאַלער אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פון גענאַדי לעווינען. זיי האָבן אויס־געפּילט ייִדישע ניגונים און לידער.

דער אָוונט האָט זיך אײַנגעגעבן, און דער עולם איז טאַקע געווען זייער צופרידן.

אין אונדזערע ווײַטערדיקע פּלענער גייט אַרײַן די עפענונג פון אַ געדענק־טאָוול, געווידמעט די קדושים פון גראָדנער געטאָ.

אַ גרויסער שאָד, וואָס פאַר די ביטערע יאָרן פון געצוווּנגענער שטומקײַט האָט ניט בלויז די יוגנט, נאָר אויך די מיטעלע דורעס באַוויזן צו פאַרגעסן די ייִדישע שפּראַך. צום באַדויערן, קאָן איך שוין אַליין זיך ניט באַרימען מיט מײַן ייִדיש.

מיט אַכטונג,
קלאַרע אָבערמאַן

[1] זע וועגן אים אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 10, 1965.

עליעזער שטיינבארג

די קו אף די קארפּאטן

אין דער בוקאָווינע
בערג פאראנען הויכע, גרינע,
בערג ווי קויכעס פרישע, רויע,
וואָס ניט אויסגעניצט זיי גאָט בייסן שאפן.
און פארוואָס? זאָל זיין אף וואָס צו גאפן.
אָדער ניין! איך בין זיך טויע:
ווען די ערד געווען נאָך יונג — געהויבן זי געדאנקען
הויכע, שטאָלצע, ווי די יוגנט קאָן זיך נאָר פאַרגינען
שפּעטער, ווי געוויינטלעך, די געדאנקען זיך צערונען:
נאָר א זייכער דאָך געבליבן, גאָט צו דאנקען!
אָט דאָס זענען די קארפּאטן.
אך, פון זיי צו קוקן אף גאָטס וועלט ארום!
דו פארגעסט אין ראש, אין טומל, מאסע־מאָטן,
און דו שטייסט און שוויַיגסט, ביסט שטום.

. . . .

איינמאָל קומט אהיים פון טשערעדע די קו
און זי זאָגט צום קעלעוו: — הער נאָר, דו!
טרעף, ווו איך בין היינט געווען! אזש אף די קארפּאטן!
— וואָס? א ליגן! כ׳האָב געקענט דיַין טאטן!
אויך געווען א ליגנער! (זאָגט דער הונט)
— א מעהומע
אף דיַין מאמען, און אף דיר, און אף דיַין מומע!
אז איך זאָג געוועזן, איז געוועזן! זאָל איך זיַין אזוי געזונט!
שווער ארופגעקלעטערט, אָטעם אזש פארפעלט,
צוויי מאָל זיך ספּאָטיקעט, שיר די ביינער ניט געציילט.
— טאקע?! וואָס האָסטו געטאָן דאָרט, וואָס?
— גאָרניט, — זאָגט די בעהיימע, — כ׳האָב געקיַיעט גראָז!

די שפּיז און די נאָדל

איינער (ראובן, שימען אָדער איקס)
קומט פון דער מילכאָמע מיט אַ שפּיז און מיט אַ ביקס
און שפּאַרט אָן זי אין קאָמאָדל,
וווּ געשטעקט אַ דינע נאָדל.
— אָט אַ נאָדל, אָט אַ ריז!
(טראַכט דאָס נעדעלע, דערזעענדיק די שפּיז.)
קליידער מאַכט אַוואַדע זי פון אײַזן צי פון בלעך,
און אַפּניק, מיט ריזן־שטעך!
פאַר אַ גאַנמעגאַג מיסטאַמע, צי אַזוי אַ ריז אַ גאָדל...
און די שפּיז? זי קוקט, באַטראַכט די נאָדל:
— אָט אַ שפּיזעלע אַ שרעטל!
כידעש, וואָס סע לויפט זיך ניט צונויף דאָס שטעטל
אויף דעם שנעקעלע צו קוקן!
קאָמיש! אַזוי קאָמיש! ווי מאַכט מען ניט מיט אים קיין שפּאַס?..
זאָג מיר, ברודערל, ניט שעם זיך: עמעס, וואָס מע שמועסט אין גאַס!
ביסט אַ פּײַער! קומסט אין קאַס, איז מעסוקן!
מיטאַמאָל דערשטעכסטו, זאָגט מען, זיבן פליגן!
שעקער! (שרײַט די נאָדל) ליגן!
איך קאָן שווערן דיר באַם מענטעלע פון סייפערטוירע:
לײַוונט שטעך איך, לײַוונט! ס׳איז אַזאַ מין סכוירע...
— כאַ־כאַ! (שיסט די ביקס אויס אַ געלעכטער)
כאַ־כאַ־כאַ! ער שטעכט גאָר לײַוונט! לײַוונט שטעכט ער!
— וואָס זשע ווילט איר? (פרעגט די נאָדל) איך זאָל שטעכן בלעך!
ער, ער...
ווען ווי איר איך גרויס!
— אוי, גוואַלד, איך האַלט ניט אויס!
(שרײַט די ביקס) איך פּלאַץ! איך שיס!
— זײַט מיר מויכל! (זאָגט די נאָדל) ניט געמיינט צו שלעכטן,
ניט קיין לײַוונט, ניט קיין בלעך — איז וואָס זשע שטעכן?
— מענטשן שטעכט מען! מענטשן (זאָגט די שפּיז).
אָבער דאָ די נאָדל שוין געטומען לאַכן,
נאָר אַ לאַכן — עפּשער לאַכט זי נאָך:
כי, כי, כי! און אַך, אַך, אַך! און אָך, אָך, אָך!
— שטעך איך, זאָגט זי, לײַוונט, מאַך אַ שטעכל נאָך אַ שטאָך,
ווערט אַ העמדל, ווערט אַ מאַלבעש — זאַכן;
אָבער מענטש — שטעך הײַנט, שטעך מאָרגן אים, וואָס וועסטו פון אים מאַכן?!

דער כאַלעף און די וועג

ס׳טרעפט אַמאָל זיך אויכעט,
אַז אַ שײַטל האָלץ צעוועגן מוז אַ שויכעט;
איז געשען,
ס׳האָט דער כאַלעף גראָד די וועג דערזען
און צעלאָזט די שאַרפע צונג.
— זע נאָר, זאָגט ער, יענעם גראָבן־יונג,
שטשירעט מיט די ציין!.. אַ פרייד אויף אים איז!
עפּשער ווייסט איר וואָס? אומשטיינס־געזאָגט אַ צורע!
גאָלע פּגימעס!
קריצן,
שפּיצן
גאָר אַ גאַנצע שורע!
טרייפע דאַך פון קאָפּ ביז פיס!
און וואָס זאָגט איר אויף זײַן הוילעך, אויף די הילצערנע מאַלבושים?

הערט איר, אז איך טו א קוק אױף דעם מעגושעם,
דאנק איך ערשט זײַן ליבן נאָמען, וואָס ער מאכט אױ שײן, אױ מיִעס.
וױיל איז מיר! מײַן כײלעק זיס!
ניט קײן פּיצל
אױף מײַן קאָשער קלינגל! ניט קײן שפּרענקעלע! קײן פּגימל!
איז א כידעש, וואָס דער פרומער רעב עלקאָנע
נעמט מיך אין די הענט מיט הײליקײַט קאַוואָנע,
מאכט א בראָכע, טוט א ווונק צום הימל?
— עמעס, — זאָגט די זעג ביטמימעס (צי גאָר מיט א מיין?).
יאָ, איך זאָג אַלײן!
רעב עלקאָנע איבער מיר א בראָכע?
שײנע זאַכן!
דאָס געווען וואָלט מאַמעש נאָר צום לאַכן.
וואָס בין איך? א פּראָסטער באַלמעלאָכע.
ניט איך בלינצל, ניט איך פינקל,
שטײ מיר אין א טונקל ווינקל,
ווײס מײַן אָרט און בין בא זיך ניט כאַסוועשאָלעם שטאָלץ.
וואָס, איך קען דען מער ווי זעגן האָלץ?
אָבער דו — א קלײניקײַט! — שנײַדסט איבער דאָך א האַלדז!

קומט דער מוסער־האַסקל און שיט צו א ביסל זאַלץ:
נאָך אַדהײַעם איז א זעג, א באַלמעלאָכע,
גאָר א פּלעק אין דער מישפּאָכע,
און א שאַרפער טאַלעף האָט האַצלאָכע —
אױ ער קוילעט, אױ מע מאכט אױף אים א בראָכע!

צווײ רויזן

כ׳האָב א מאָשל פון צווײ רויזן אויסגעטראַכט.
אײנע
זײער א שײנע,
נאָר געמאַכט
פון פּאַפּיר און דראָט,
און די צווײטע — געל, פאַרשמאַכט,
כאָטש פון גאָרטן ערשט געבראַכט.
און זײ בײדע גראָד
ליגן אױף אײן טיש. „טײַערע שכײנע, —
זאָגט די ערשטע מיט א קרעכץ. —
זאָג, וואָס האָסטו אזא פּאָנעם אזא שלעכטס?
ביסט אַמאָל געווען דאָך גאָר א שײנע,
מע דערקענט נאָך אױף דײַן פּאָנעם
פון דײַן שײנקײַט די סימאָנים.
נו, דערצײל זשע, וואָס דיר פעלט,
וואָס דו ביסט אַזוי פאַרגעלט
אױף סאַקאָנעס!
בענעמאָנעס!
כ׳קען נישט קוקן פאַר ראַכמאָנעס!"
„גאָרטן — הײסע שטראַלן — פרישער טוי, —
שטאַמלט יענע, — אױ, סע בענקט זיך מיר אַזוי!"
„ס׳בענקט זיך? פּ־ס־ס, א צאָרע! וואָס א בלום זיך גלוסט!
שטראַלן, גאָרטן,
פרישער טוי — ווי רופסט עס דאָרטן?
גלײב מיר, פון די נארישקײַטן קײנמאָל נישט געוווּסט
און איך לעב, און דאַנקען גאָט!
הערסטו, שוועסטער, איך וועל זאָגן דיר א סאָד:
דאַכט זיך, סערדצע, דײַנע נערוון שוואַך,

און דערפאר, זײַ מוחל, רעדסטו מיר ניט צו דער זאַך,
האָריַעס, כאַלוימעס זיך דיר ווײַזן.
וואָלסטו געהאט די נערוון אַט ווי איך, פון אײַזן — "
„ניטע, ניטע! אױ, וואָס רעדסטו? —
מיט די קיכעס מיט די לעצטע
האקט זי איבער די פארשמאכטע. —
זיבן וואָכן איך געבליט, מיר דעם טויט געבראכט די אכטע,
אָבער ניט מעסוקן, ניט מעסוקן!
איידער אײביק טרוקן
און נישט וויסן קײנמאָל
ניט פון טוי און ניט פון הייסע בליקן —
שטאַרבן און כאָטש איין מאָל
מיט א טראָפּן טוי זיך קוויקן!"

די בין און די פליג

אי שוואַך, אי קליין, אי גרין
און שיט אַן פעסלעך גאָלד. ווער איז? די בין!
זי שפינט איר גאָלד פון בלומען־זאפט און שטראַלן.
און ווער איז ניט אױף אים א באַלן?
אפילע די, וואָס וואַרפן זיך מיט גינגאָלד.
(פאַראַן אזוינע פײגל,
ווײַל יידן זיך געמאַכט פון גאָלד אַן „אײגל"...)
זיי אויך דערלאָבן זיך דאָס ביטערע האַרץ מיט בין־גאָלד:
(ס'איז זיס!
און באַשערלעך, צוקערקע־שלינגער
פון בין־גאָלד לעקן זיך די פינגער,
כאָטש פינגער לעקן ווייסן זיי איז מיִעס!...)
איז שפינט די בין איר בין־גאָלד, שפינט עס פלײַסיק,
און אַרבעט זיך געשמאַק, פאַר צוואַנציק, דרײַסיק
און ווערט ניט מיד —
איך בין מעקאַנע זי, מעקאַנע, ווי איך בין א ייִד!
וואָס אָבער זאָגט אױף דעם די פליג?
זי טוט זיך מיט שפּיצפּיסעלע אין שטערנדל א פּיק
און מאַכט: סע פעלט א שרײַפּל איר דאָ־אָ!
אזא מין אַרבעטן, אזאַ! נאָך וואָס זשע?
איך זאָג: האָסט פליגל — פלי! נישקאָשע!
פאַראַן שיין, ווער ס'זאָל אַרבעטן פאַר דיר, נו יאָ!
אַזויפיל קריכערס! שלעפּערס אָן א שיר!
און מיר, מיר זענען דאָך פון פריגלדיקן ייִכעס! פליִער!
איז קום זשע!
קום הוליע, זשומזשע!
א זומער־זינגער זײַ!
און כײַ —
געלעבט!
— און גאָרניט טוען! גאָרניט, פרײַ!
— און נאָר געשוועבט?
און ראַק געשוועבט?
— אזוי! אזוי! — אױ, פּעו אַן אומעט!
זאָל דער אין הימל היטן!
בא אלע זיסע צוויטן!
איך וואָלט פון פליִען לײדיק, פון אומזיניקן זשומען
פאַרשאָלטן אלע בלומען,
אפילע אױך די זון!
געזאָגט די בין און אירס געטומען ווײַטער טון.

דאָס אײַזן

כאַכאַכאַ! בעפּײַרעש נאָר צום לאַכן!
(זאָגט צום קאָוואַל דאָס שטיק אײַזן)
מײנסט מיט מיר דאָ עפּעס מאַכן?
ברעכן מיך? צי בײגן? פּעלע, ווי אַ מענטש קאָן גרײַזן!
זײַ נאָר, ברודער, ניט געשוואַרט!
אײַזן, זאָלסטו וויסן, איז אַן אקשן! איך בין האַרט!
גריווער זײַן מיך, פּעטערל, ניט גרינגלעך!
פּע, אַ כאַכעם, שרעקט מיך מיט די רויטע צינגלעך.
אײַ, אײַ, אײַ, צעפּלאַקערט! קנאַקן! גיבן לאַשן!
און די פלאַקערלעך פאַרלאַשן.
הײ, ווו ביסטו בלאָז־זאַק? ריר זיך! ווײַז דײַן קויך!
טויזנט רוכעס פון דײַן בויך!
ניט קײן סאַריד, ניט קײן רעשט! —
טאַנצט דער בלאָז־זאַק, זיך צעהוליעט און פון שויס
קנױפּיעס רוכעס שפּײַט ער אויס.
לעשט!
נעמען רוכעס בלאָזן, בילן זײ,
לעשן ווילן זײ.
לעשן! ערשט עס צינדן זיך די טריטע!
זע, די צינגעלעך אויסגעוואַקסן — צונגען!
און צעפּלאַמטע און צעבלאָזטע!
און דעם בלאָז־זאַק, גלײַך אין צורע גאָר געשפּרונגען!
— ער! וואָס טראַכט איר, כעווירע? ברען איז אונדזער טאַטע!
ברומט דער בלאָז־זאַק רופט צו הילף די גאַנצע שמאַטע.

זי געקומען און גענומען שפּריצן.
נאָר עס העלפט ניט, קעלדי קאָל האַקיצן!
מיר דער בלאָז־זאַק, און דאָס אײַזן ווײך, ווי וואַקס.
נו, וואָס שווײַגסטו, ברודער? נעם דעם האַמער! שמיר אַן אַקס!
ראַשעלע!
דו פאַרשטײ מײַן מאַשעלע:
האַרט איז אײַזן! שטאַרקער דער געדאַנק, דער פײַער!
דו — דער בלאָז־זאַק, ער — דאָס פײַער!

דער איוון די לאַפּעטע

מאַלע איז מען הונגעריק! נו, עפּנט מען אַזאַ מויל?
ווי ער פײַערט! טויזנט אין איין קויל!
גלײַך אים אַ מעכײַעו! ברויט אים געבן! שפּײַזן!
אוי, וואָס שלעכטע מײַלער זענען!
יידן, איר זענט איידעס! ער וועט מיך אַמאָל פאַרברענען!
איך בין ניט פון שטאָל און ניט פון אײַזן!
נײן! ניטאָ איז בײַ די לײַט קײן דאַנק אַ טראָפּן!
וואַרט! איך וועל דײַן מויל מיט ברויטן פאַרשטאָפּן!
ווײַל דיר קומט! אַוואַדע, יאָ, פאַר דײַנע מײַסים־טויוים!
(רעדט מיט קאַס די לאַפּעטע צום איוון)
און דער איוון הודעט און ער ברענט:
— אוף, אוף! סאַראַ ברויטגעבער, ר׳לאַפּעטע, איר זענט!
שפּײַזט מיך... אײַער כעסעד גרויס!
און דעם ביסן רײַסט איר מיר פון מויל אַרויס!

אווראם ביק
(פשא)

יידישע טראדיציע אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראטור

„דאָס געפיל פאַר קלאַנגען און ריטם דרינגט אריין פיל טיפער פון דעם באוווּסטזיניקן שיכט פון געדאַנק און געפיל. ער קערט זיך צום מאָקער ברענגט עפּעס צוריק". די דאָזיקע ווערטער געהערן דעם באַוווּסטן ענגלישן דיכטער און קריטיקער עליאָט. א דירעקטער קער און ווענד צו די אייביק לויטערע קוואַלן פון דער אַלט־יידישער קולטור־טראַדיציע, סיי אין פאָלקלאָר און לעגענדע, סיי אין געדאַנקלעכן אַפאָריזם, דאָס שעפּן דירעקט פון דעם אַלט־יידישן קוואַל און „ברענגען עפּעס צוריק", דורך אייגנאַרטיקער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג, — מערקט זיך אין דער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע און פּראָזע פון איר סאַמע בערייִשיס אָן.

בא אן אנדער געלעגנהייט האָב איך געשריבן וועגן טאַנאַך אין דער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע („סאָוועטיש היימלאַנד", פעברואַר 1989). דאָ וויל איך באַהאַנדלען די מעדרעש־קוואַלן בא די יידישע פּאָעטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן געשעפּט פון דעם אַלט־יידישן אוצר און מיט זייערע אַליטעראַציעס האָבן זיי צוגעגעבן קינסטלערישן טיקן צו די אַלט־יידישע טאַלמודישע געדאַנקען און מעדרעש־לעגענדעס.

איינער פון די סאָוועטישע יידישע פּאָעטן, וועלכע זיינען טראַדיציאָנעל אין זייער שאַפונג אָדער אין א טייל פון זייער שאַפונג, איז אָן שום ספק געווען לייב קוויטקאָ. ער איז, ווי אַלע אַנדערע, אוועק פון דער אַלטער רעליגיע, אָבער נאָר פון איר שולכן־אָרעך, פון אירע דאָגמעס, ניט פון איר אינווייניקסטער ליכט, ניט פון אירע קוואַלן, פון זיי האָט ער, ווי האַלקין, מאַרקיש, קושניראָוו, פעפער, ווערגעליס און אַנדערע, ניט אויפגעהערט צו שעפּן. פון זיי לייכט צו אים אַרויס דער שאַבעס. „ט'איס דיין לייכטע שאַבעסדיקע קלייד, /ס'האָט אויסגעוועפּט אין גאַס/ דער לעצטער פון שאַבעסדיקער פרייד... אויף דורכגייערס אַקסלען קריכט די וואָך,/ — נעם א טונקעלע טוך און שטילערהייט /דעק דעם שפּיגל צו: — / דער שאַבעס קוידעש איז אוועק זיך אין זיין רו..." („טריט").

עפּעס א טיפער, נאָך פון שאַבעסדיקער רו באַשיינטער אומעט שפּירט זיך פון די שורעס. עס מאַכט דעם איינדרוק דורך דעם ריטם און אויסגעצויגנקייט פון דער שורע ווי א מין שווער געזעגענען זיך. און די בילדערלעכקייט איז פריש און ניי, כאָטש די טעמע איז אַלט.

בא שמועל האַלקינען טרעפן מיר א שעפע דיכטערישע אַסאָציאַציעס און אַלעגאָריעס, גענומען דירעקט פון די מעדראָשים־אוצרעס. צום ביישפּיל, עטלעכע שורעס פונעם בוך „מיין אוצער": „גאָט באַהיט, איר זאָלט ניט קלערן,/ מיין געזאַנג קומט לייכט און גיך./ איך וועק אויף דעם מאָרגנשטערן,/ ניט דער מאָרגנשטערן מיך". דער קוואַל — אין טאַלמוד: „שיהיה הוא מעורר השחר, לא השחר מעוררו" (דעם מאָרגנשטערן זאָל ער אויפוועקן, און ניט דער מאָרגנשטערן אים). פאַראַן בא האַלקינען פרעכטיקע פּאָעטישע מיניאַטיורן, וואָס זיינען איבערדיכטונגען פון טראַדיציאָנעלן געמאָרע און מעדרעש־מאָשל:

„צווישן אַלע בראָכעס, וואָס כ'פלעג קינדווייז זאָגן,/ ווי נאָר איך פלעג אויפשטיין יעדן אינדערפרי — / היפּערנדיק ווערטער, ניט פאַרפעלט כ'האָב די:/ גרויסער האַר פון וועלטן, זאָלסט דורך מיר געבענטשט זיין./ דו, וואָס פריי טוסט מאַכן דעם, וואָס איז געבונדן!" („בוים פון לעבן"). די סידערבראָכע איז לויטן געמאָרע־נוסעך „ברוך מתיר אסורים".

פון פערעץ מאַרקישן וואָלט איך ניט וועלן ברענגען ציטאַטן, ווען אַפילע איך זאָל האָבן מער אָרט אין די ראַמען פון דער עסיי. ווייל ווען עס קומט צו מאַרקישן, איז עס ניט קיין פראַגע פון א צאָל לידער, אין וועלכע עס ווערן אַרויסגעבראַכט יידישקייט־שטימונגען און טראַדיציאָנעלע מאָטיוון; עס רעדט זיך וועגן דעם עצעם יעסאָד פון זיין טיף־יידיש נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, פון זיין גאַנצער שאַפונג, אָנהייבנדיק פון „פאַרקלעפּטע ציפּערבלאַטן" און ביז זיין מאַסיוו קרויןן־ווערק, דער „מילכאָמע"־עפּאָפּייע.

דער לירישקלאַנגפֿולער איציק פֿעפֿער האָט פֿון זײַנע ערשטע לירישע רעוואָליוציאָנערע טריט אין „פּראָסטע טריט" און „געפֿונענע פֿונקען" ביז זײַנע לעצטע פּרעכטיקע קריגס־לידער און באַלאַדעס באַוויזן, אַז די טראַדיציע איז אים ניט פֿרעמד, אַפֿילע ווען זײַן קינדהײַט איז, דאַכט זיך שוין, מער ניט ווי אַ שאָטן פֿון אַ ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט: „אָ, איך געדענק מײַן רעבן וועלוול מיט זײַן קאַנטשיק־כיידער,/ זײַן באַהעלפֿער און זײַן קאַנטשיק און זײַן ווײַב,/ כ'פֿלעג נאָך פֿרעגן קאַשעס בײַ מײַן זיידנס סיידער" („פּראָכטע טריט"). אָדער די שורעס, וואָס אַ סאַך בירגערלעכע קריטיקער האָבן באַצייכנט ווי „אַנטי־ייִדיש", ניט אײַנזעענדיק, אַז דאָס זײַנען ניט קיין אַנטירעליגיעזע דעקלאַמאַטאָרישע פּלאַקאַטן, נאָר אַ טייל פֿון דעם אויטאָרס לעבן. „נו איז וואָס, אַז מע האָט מיך געמאַלעט/ און געפּראַוועט, ווי בײַ ייִדן, אַ בריס./ ס'האָבן פֿעלדישע ווינטן פֿאַרסמאַליעט/ מײַנע ווײַסע פֿאַרדרעמלטע פֿיס („אַ שטיין צו אַ שטיין").

מיט רעכט האָט דער קריטיקער ש. ניגער געשריבן, אַז פֿעפֿער „בלײַבט ליריש און ווערט ניט אַגיטאַטאָריש אַפֿילע דאַן, ווען עס דאַכט זיך, אַז זײַן ליד איז דיקטירט פֿון עפּעס אַ דרויסנדיקער קראַפֿט". און מע דאַרף צוגעבן אויך טיף־טראַדיציאָנעל.

אין אַ ציקל לידער, געשריבן, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אין די זיבעציקער יאָרן, האָט ערן ווערגעליס דערהויבן אַ היפּשע צאָל מאָטיוון, וואָס פֿליסן דירעקט פֿון טאַלמודישע און מעדראָשים־מעקוירעס, אָנגעזאַפּטע מיט סאָציאַלער און אוניווערסאַלער עטיק. ציטירנדיק אַ שטעל אין טאַלמוד (יומא לח, ב): „בשביל צדיק אחד נברא העולם", זינגט דער פּאָעט: „ס'וועט זיך אויסווײַזן עמעצן לעפּיש,/ אָבער זאָגן איך וועל ניט פֿאַרשטעלט,/ אַז אויב מאַכן פֿאַרלאָרן איין נעפֿעש,/ איז עס פּונקט ווי פֿאַרצוקן אַ וועלט". און אָט איז אַ געדאַנקלעכער מאָשל פֿון אַ מעדרעש: „ווען אויסהאַקן מע האָט באַדאַרפֿט אַ דעמב,/ האָט גאָט באַשאַפֿן אײַזן צוליב דעם,/ די ביימער האָבן זייער שרעק גענומען ווײַזן./ דאַן האָט דער וועלט־האַר זיי געזאָגט אַזוי:/ איר ווילט ניט, מ'זאָל אײַך שנײַדן פּונקט ווי שטרוי,/ איז גיט ניט צו קיין האָלץ צו אָט דעם אײַזן" („זיכרוינעס פֿון דער חײַט"). און אָט איז די וווּנדערלעכע מעדרעשיש־אַלעגאָריע פֿון די בערייִשיסדיקע קאַיִן און העוועל. וועגן וואָס האָבן זיי זיך געקריגט? צוליב אַ פֿרוי? צוליב ערד? „בײַ העוועלן — שוועסטער צווײ/ ס'וויל קאַיִן איינע נעמען,/ אַ קריג און אַ געשריי,/ און הענט אין הענט זיך קלעמען./ דו שטייסט דאָ אויף מײַן ערד/ — ניין, אָט די ערד איז מײַנע!/ דער שטאַרקער איז גערעכט,/ די גאַנצע וועלט איז זײַנע./ אָ, זון אין הימל, שײַנסט — און ס'טוט זיך דער ביי־זוווּנדער./ און יעדער זאָגט: ס'איז מײַנס,/ און קיינער זאָגט: ס'איז אונדזערס".

אין זײַנע „גרונט־טענדענצן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור" האָט דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיקער ב. ריווקין געשריבן: „בײַס מיר דאָ, אין ניו־יאָרק, געגאָלטע בערד וואָס מיר זײַנען, וואָס מיר שרײַבן אום שאַבעס וועגן אָפּהיטן שאַבעס, האָבן געקלאָגט אויף דעם אונטערגאַנג פֿון דער פֿרומער ייִדישקײַט אין סאָוועטן־רוסלאַנד, האָבן זיי דאָרטן טראָפּן נאָך טראָפּן געצאַפּט ייִדישע מעסירעסנעפֿעש פֿאַר דער ייִדישער פֿאַרוואַנדלונג... און ווען די מילכאָמע איז געקומען און ראַבאָנים און קליי־קידעש האָבן אָנגעטאָן קלייזײַען און זײַנען צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנער און זקיינים אין זייערע טאַלעס־זעק האָבן געטראָגן גראַנאַטעס, איז דאָס קידעש האַשעם, די פֿרומע ירושע פֿון דוירעס און אירע געשטאַלטן".

ב. ריווקין ברענגט אַ בײַשפּיל פֿון דאָוויד בערגעלסאָנס דערציילונג אין בירעבידזשאַנער „פֿאַרפֿאַסט", וויאַזוי אַ פֿרום ייִדיש ייִנגעלע, וואָס קעמפֿט ווי אַ דערוואַקסענער באָלשעוויק קעגן דעם זיידנס פֿרומע מײַסעס, „דערזעט עליאָהו האַנאָווי אַריבערשפּרײַזנדיק דעם טײַך צום שטעטל". כ'וויל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף די טראַדיציאָנעל־ייִדישע מאָטיוון בײַ די דרײַ אָוועס פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור — בערגעלסאָן, דער ניסטער און מאַרקיש. בערגעלסאָנס ווערק, אָנהייבנדיק פֿון „מידאַס־האַדין" ביז „יאָרצײַט־ליכט", דעם ניסטערס „מישפּאָכע מאַשבער" און מאַרקישעס „דאָר־אײַן, דאָר־אויס" און „אין טראָט פֿון דוירעס", שטעלן מיט זיך פֿאָר אין סאַכאַקל אַ באַרג ייִדישע געשיכטע און ייִדישע טראַדיציע. דאָ וועל איך נאָר אין קאַרגע שטריכן דערמאָנען די ייִדישע טראַדיציע־מאָטיוון בײַ דרײַ מיטלכטע זײַלן פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער פּראָזע.

אין שמועל גאָדינערס ווערק „דער מענטש מיט דער ביקס" (1930) ווערט געשילדערט אַ האַרבסטיקער פֿרײַטיק באַטאָג אין הויז פֿון דער ייִדישער מישפּאָכע מאַנדעל. אין דער דערציילונג וועגן בירגערקריג וועבט גאָדינער אַרײַן די מאָשיעך־מיסטעריע. ער זעט אין דער רויטער אַרמיי „מאָשיעכס כאַיִל" (אַזוי הייסט אַ קאַפּיטל פֿונעם בוך). „ווויל, גאָר ווויל! — האָט דער ייִד אויסגעשריִען. — נעם, דינע־לעבן, דעם פֿידל, שפּיל אַ קאַבאָלעס־פּאָנעם דעם הייליקן שאַבעס!.. מאָשיעך קומט במהרה בימינו...". דער רויטער קאָמאַנדיר הייסט דעם מאָשיעך־ייִדן, דאָוויד מאַנדעל, אָנזאָטלען אַ פֿערד, זיך אויפֿזעצן אויף אים און זיך אַוועקלאָזן איבערנעמען די ווירטשאַפֿט פֿונעם פֿאָלק, ווערן אַ „מענטש מיט אַ ביקס", און דאָוויד שרײַט אויס מיט עקסטאַז צו די שטערן: „שמאַ ייִסראָעל!"

איציק קיפּניס איז לויט זײַן גאַנצן קינסטלערישן מעהוס און געמיט געווען פֿאַרוואָרצלט אין דער דוירעסדיקער טראַדיציע פֿונעם וואָלינער שטעטל. אין זײַן „אונטערוועגנס", וואָס מאָלט דאָס שטייגער־לעבן פֿון דער ייִדישער סלאָוועשנע, זיצט ר' סימכע בענדלס פֿאַרטיפֿט אין דער געמאָרע. „פֿון הינטן באַלאַכאָוצעס, פֿון פֿאָרנט וועקי, און אינמיטן — אַ ייִד לעם אַ ברענענדיק שפּענדל אַנטקעגן אַ גרויסער געמאָרע. אַז ס'וועלן קומען די באָלשעוויקעס, און עפּשער זײַנען זיי שוין געקומען, וועלן זיי אויך אויף דעם דאָזיקן סימכען קיין בייז וואָרט ניט זאָגן".

און אַן ענלעכע שטײַגער־שילדערונג געפֿינען מיר אין זײַן מילכאָמע־דערציילונג „ברידער" — „געראָטן איינער צום צווייטן", „ביידע שוסטערס און וווינען אין זעלבן דאָרף". די דאָזיקע ברידער, זאָלמען און פּיניוויש, „האָבן באַנייט און באַשׂוכט אַ גאַנץ דאָרף מיט פּויערים". בייסן מיניען האָט זאָלמען דער שוסטער געדאַרשנט: „איבּ גאָט וועט וועלן, מע זאָל צו אים דאַווענען, וועט ער פֿאַרטרײַבן די טומע פֿון דער ערד און וועט מאַכן די וועלט צוריק ווי זי איז געווען..."

און איידער גאָט מאַכט די וועלט „צוריק ווי זי איז געווען", פֿאַרמעסט זיך פּיניוויש אויף דעם פּוילישן לעגיאָנער, וואָס פֿאַגראָמירט ייִדן. ער ווײַזט מיט די אויגן אויף זאָלמענען: „דאָס איז מײַן ברודער זאָלמען, אַן איידעלער ערלעכער ייִד. אַז ער זיצט לעבן ווערקשטעל, מיינט מען, אַז ער איז אַ שוסטער, צום סאָף איז ער אַ ראָוו איבערן גאַנצן מירניצער ראַיאָן". און ער ווענדט זיך צום לעגיאָנער מיט די ווערטער: „און דערפֿאַר, וואָס איר פֿאַרגיסט אונדזער בלוט אָן אַ מאָס, וועט אײַך אָפּגעצאָלט ווערן קייפֿל־קיפֿלאַיִם, און דו, קעלעוו, וועסט עס פֿאַרזוכן איינער פֿון די ערשטע".

אַ געדיכטע מײַסעדיקע בילדערלעכקײַט איז דער גרונט־צייכן אין ה. אָרלאַנדס וואָרט־מאָלערײַ־ און נאַטור־באַשרײַבונג פֿון „פּאָלעסיער זומפּן". עס האַנדלט זיך וועגן דער ייִדישער איבערוואַנדערונג אויף קאָלעקטיווער ערדאַרבעט, און ווען יאָסי ווײַל איבערצײַגט ווערן אין דעם יושער פֿון די קאָלעקטיוון, פּונעם בעשוטפֿעסדיקן דאָרפֿס־לעבן, דערציילט אים יאַנקל: „כ'האָב מיך דערמאָנט, יאָסי, אין די יערושאָלאַיִמער ברידער... נאָך פֿאַרן בייס־האַמיקדעש. איין ברודער איז געווען אַ מעטופּל, און דער צווייטער, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, אָן אַקאָר געווען. איז זאָלסטו געווען זען, יאָסי, ווי נאָכן שניט פּלעגן זיי באַנאַכט איבערטראָגן ביגנייווע גאַרבן טווּע יעדערער פֿון זײַן פֿעלד אויפֿן פֿעלד פֿון זײַן ברודער... דער האָט ראַכמאָנעס געהאַט אויפֿן אָנקינדערדיקן, און דער האָט געוואָלט באַוואָרענען דעם ברודערס געזינד... יאָסי, ביסט אַ מייווין — אַקאָרשט מע זעט ניט, ס'גייען איצטער יענע יאָרן...".

די גאַנצע מײַסע איז געשעפּט פֿון די אַלטע מעדרעש־קוואַלן (מדרש רבה, קהלת) וועגן די צוויי ברידער, וואָס האָבן געיאַרשנט איין שטיק פֿעלד, און נאָכן אַרײַנעמען די גלײַך־אויף־גלײַך כאַלאָקים טווּע, האָט איינער געזאָרגט פֿאַרן צווייטן, און אויפֿן אָרט פֿון דעם שײַער איז געבויט געוואָרן דער בייס־האַמיקדעש.

עסטער רימער
(אַרגענטינע)

מיניאַטיורן

ווען דער מענטש האָט דערזען דעם הימל,
האָט ער דערקענט דאָס ליכט.
אויך דאָס ליכט האָט אים דערקענט
און געזאָגט:
דאָס טוען דײַנע אויגן
אַזוי באַלײַכטן דעם הימל
נעך זיי אויך
אויף צו באַלײַכטן די ערד.

•

דער מענטש האָט דערזען אַ קערנדל
און עס פֿאַרטרויט דער ערד.
פֿאַר אָט דעם גלויבן
האָט די ערד אים באַלוינט
מיט פּרוכט.

•

ליבע איז אַ קערנדל
אַ וואָרצל,
אַ פּרוכט.
אַ נעכטיק קערנדל,
אַ הײַנטיקער וואָרצל,
אַ מאָרגנדיקע פּרוכט.
אַ קערנדל פֿאַר דער אייביקײַט.

איך רעד צו מיר
ניט אויס עלנט,
נאָר ווײַל איך בין אין מיר
און איך בין אין דיר.
ווײַל איך גלייב אין דיר,
גלייב איך אויך אין מיר.

•

כ'קאָן צומאָל האָבן אַ טאָעס,
אויך דו קאָנסט זיך טויע זײַן,
דאָס געשעט מיט אונדז, מענטשן,
מיר זײַנען מענטשן.

•

זײַן אַ מענטש,
איז זײַן.
ס'איז דער זין פֿון זײַן.

•

אויב דו האָסט זיך אויפֿגעהויבן,
זוך זיך ניט אויסצוהייבן
איבער אַנדערע,
גאָרניט דערהייבט מער דעם מענטשן,
ווי זײַן אייגענע ווירדע.

צו אונדזער
קינסטלערישער
בײַלאַגע

250 שאָ מיט לענינען

אײנע פון די לעצטע אויסשטעלונגען פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר, וועלכע איז פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן אין צענטראַלן מוזיי פון וו. אי. לענינען, איז געווידמעט דעם 100־טן געבורטסטאָג פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן קינסטלער נאַטאַן אַלטמאַן. ס׳איז אים אויסגעפאַלן דאָס גליק צו מאָלן און קלעפּן פון דער נאַטור איליטשן.

זעקס וואָכן — פון אַפּרעל ביז מײַ 1920 — האָט אַלטמאַן געאַרבעט אין קרעמל־קאַבינעט. די 250 שאָ פון נאָענטע קאָנטאַקטן מיט לענינען האָבן געגעבן דעם קינסטלער אַ מעגלעכקײַט צו מאַכן אוניקאַלע פאַר דער געשיכטע עסקיזן. שפּעטער האָט ער געשאַפן די ערשטע סקולפּטור פונעם פירער פון דער רעוואָליוציע. אין 1925 איז זי אויף דער צווישנפעלקערלעכער אויסשטעלונג אין פּאַריז באַלוינט געוואָרן מיט אַ גאָלדענער מעדאַל.

אויף דער עקספּאָזיציע זײַנען פאַרגעשטעלט געוואָרן אין אָריגינאַל זײַן צייכענונגען מיט לענינס בילד. אויסגעפירט זײַנען זיי אין אַ קאַרגער מאַניר, געמאַכט מיט אַ בלײַער, אײנע, אַ געבראַכטע פון לענינגראַד, — מיט טוש. לענין פּאָזירט ניט — ער איז אינגאַנצן אין אָנגעשטרענגטקײַט: שרײַבט, לייענט, טראַכט, רעדט. אָט איז ער האַרב, אָט — פאַרטראַכט, ניטאָ בײַ אים קיין סימן פון מאַיעסטעטישקײַט און מאָנומענטאַלקײַט — דאָס, וואָס דו טרעפסט ניט זעלטן אין די ווערק אויף דער לענינישער טעמע בײַ אײניקע אונדזערע מאָלער און סקולפּטאָרן.

אַ טשיקאַווער שטריך, וועלכער העלפט נאָך מער צו באַנעמען די אופריכטיקײַט, די אַפּוועזנהײַט פון יעטווידער פאַלשקײַט אין איליטשן. אויסער דעם אַלעם, האָט אַלטמאַן געהאַט אַן אוניקאַלן אַלבאָם מיט אויטאָגראַפן. אַהין האָבן געשריבן זייערע ווונטשן, עקספּראָמטן, וויצן וו. מאַיאַקאָווסקי, יו. אַנענקאָוו, אַ. בעלי...

אין זײַנע זיכרוינעס דערציילט אַלטמאַן: „...איך האָב געפרעגט וולאַדימיר איליטשן, צי וועט ער ניט מאַסקים זײַן אָנשרײַבן עפּעס־וואָס אין אַלבאָם. ער האָט צוגעזאָגט. ווען איך האָב אין עטלעכע טעג אַרום געבראַכט דעם אַלבאָם און אים דערמאָנט וועגן דעם, האָט ער געזאָגט:

— הײַנט וועל איך אײַך אָנשרײַבן בלויז די פאַמיליע, דער קאָפּ טרעשטשעט נאָך פון אָט די אַלע זיצונגען".

אַלטמאַן, וואָס האָט זיך געלערנט אין אָדעס, פאַרגעזעצט זײַן בילדונג אין פּאַריז און פאַרבונדן זײַן גאַנץ לעבן מיט סאָוועטן־רוסלאַנד, איז באַוווּסט אַלס קינסטלער, גראַפיקער, סקולפּטאָר, אַלס אויטאָר פון טעאַטראַלע דעקאָראַציעס, אַלס שעפער פון אַגיטאַציאָנעלן פאַרפּאַר און אין די לעצטע יאָרן — מיט זײַנע אָריגינעלע ווערק פון האָלץ. דאָס אַלץ קאָן מען זען אויף דער ניט־גרויסער, נאָר ווונדערלעך אײַנהאַלטסרײַכער אויסשטעלונג. אין 1914 האָט אַלטמאַן אָנגעמאָלט דעם באַוווּסטן פּאָרטרעט פון אַנאַ אַכמאַטאָוואַ. פון איר זײַט, האָט זי, ווי אָסיפּ מאַנדעלשטאַם און יאָסיף בראָדסקי, געווידמעט אים אירע לידער.

גראַנדיעז איז דעם קינסטלערס שעפערישע יערושע. ער האָט אַרײַנגעטראָגן אַ באַדײַטנדיקן צושטײַער אין דער פאַרקערפּערונג פון לענינס פּלאַן פון ·מאָנומענטאַלער קונסט. אויף דער אויסשטעלונג קאָן מען זען זײַנע עסקיזן פון די פּאַנאָ, וועלכע האָבן באַצירט דעם אוריצקי־פּלאַץ (איצט דוואָרצאָווער פּלאַץ) אין פּעטראָגראַד לעקאָווועד דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע — אַ קאָלאָסאַלער, צוויי שטאָקן די הייך, לײַוונט אויפן ווינטער־פּאַלאַץ. שיר ניט צווישן די ערשטע קינסטלער האָט נאַטאַן אַלטמאַן דערפאָלגרײַך פאַרייניקט דעם פּלאַקאַט מיט מאָלערײַ, געשטרעבט צו בוילעטער אויסדריקלעכקײַט און צו אַן אָרגאַנישן צונויפגוס פון פאַרשיידענע מינים קונסט.

— אַלטמאַן, — דערציילט די פאַרוואַלטערן פון דעם אויסשטעלונג־אָפּטייל פונעם צענטראַלן מוזיי פון וו. אי. לענינען ג. אַנאַנינאַ, — האָט אונדז איבערגעלאָזט ניט נאָר זײַנע בילדער, צייכענונגען, סקולפּטורן, וועלכע דערטראָגן צו אונדז איליטשס געשטאַלט. ער האָט רעדאַגירט די ערשטע סאָוועטישע צײַטונג „די קאָמונע־קונסט", געאַרבעט אין פּאָלקאָמבילד, געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם קינסטלערישן טייל פונעם זשורנאַל „פּלאַמיאַ" („דער פלאַם"), געשריבן אַרטיקלען. אין 1921 האָט ער אויסגעפורעמט דעם ספּעקטאַקל „מיסטעריאַ־בוף", וועלכער איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן לעקאָווועד די דעלעגאַטן פונעם III קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן.

ביז די לעצטע טעג האָט אַלטמאַן געמאָלט, ניט צעשיידנדיק זיך מיטן באַליבטן מאָלבערט, וועלכן ער האָט געבראַכט פון פראַנקרײַך. דעם מאָלבערט, דעם עטיודניק מיט פאַרטריקנטע פאַרבן, די ווונדערבאַרע לויט דער אויסדריקלעכקײַט אַרבעטן פונעם קינסטלער קאָן מען זען אויף דער אויסשטעלונג „250 שאָ מיט לענינען".

א. באַטיגין

קינסטלער נאַטאַן אַלטמאַן

(1970 — 1889)



אווטאָפּאָרטרעט, 1926



אווטאָשארזש, 1920־ער יאָרן



לענין אין זײַן קרעמל-קאבינעט, 1924



אנא אכמאטאָווא. שארזש, 1914



א מיידל, 1950־ער יאָרן

יעווגעניִא שעכטמאַן

בריוו צו לענינען

ביז גאָר פֿרי, נאָך אין סאַמע אָנהייב פֿון זײַן רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, איז לענינען קלאָר געוואָרן, אַז מע דאַרף אומדערמידלעך טאָן אַלץ, כּדי באַוואָפֿענען דעם אַרבעטער־קלאַס מיט באַפֿרײַונגס־אידייען. וועגן לענינס ווערק האָבן געוווּסט ניט נאָר די אַרבעטער אין די גרויסע שטעט, אויך אין די ווײַטע רוסלענדישע אויעזדן, און דערפֿאַר האָבן די פֿויערים זיך אָנגעהערט וועגן זײַן טעטיקייט. אַרײַנגעדרונגען זײַנען לענינס ווערק אַפֿילו אין אַזאַ טויבן העק, ווי די דעמאָלטיקע וואָלינער גובערניע. די אַרכיוו־דאָקומענטן פֿון דער אָרטיקער זשאַנדאַרם־פֿאַרוואַלטונג זאָגן אײדעס וועגן דעם, אַז נאָך אין דעקאַבער 1902 איז אין זשיטאָמיר קאָנפֿיסקירט געוואָרן אַ סקלאַד פֿון אומלעגאַלער ליטעראַטור, און צווישן די העכער צוויי טויזנט אויסגאַבעס איז געווען לענינס אַרבעט „די אויפֿגאַבעס פֿון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן“, ווי אויך די פּראָקלאַמאַציע „דער אָנהייב פֿון דער דעמאָנסטראַציע“.

אָנהייב 1903 האָבן די זשאַנדאַרמען קאָנפֿיסקירט בײַ די זשיטאָמירער אַרבעטער וו. אי. לענינס בראָשור „דער געזעץ וועגן שטראָפֿן“. דעם 26 סעפּטעמבער 1904 האָט די זשאַנדאַרמעריע פֿון דער שטאָט אָסטראָג באַקומען אַ מיטיילונג, אַז אין דעם אָרטיקן מיליטערישן גאַרניזאָן ווערן פֿאַרשפּרייט צוויי נומערן פֿון דער צײַטונג „איסקראַ“ (די נומערן 33 און 35) מיט לענינס אַרטיקלען. פֿון אַנדערע דאָקומענטן דערוויסן מיר זיך, אַז אין וואָלינער גובערניע זײַנען פֿאַרשפּרייט געוואָרן לענינס ביכער „וואָס טאָן?“, „איין טראָט פֿאָרויס, צוויי טריט אויף צוריק“. צו די אָרטיקע פֿויערים איז דערגאַנגען לענינס בראָשור „צו דער דאָרפֿישער אָרעמשאַפֿט“. לענינס ווערק האָבן געשפּילט זייער ראָל אין די שטרײַקן און אומרוען, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין וואָלינער גובערניע אין די יאָרן פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

נאָך דעם זיג פֿונעם גרויסן אָקטאָבער איז די לאַגע אין סאָוועטן־רוסלאַנד געווען זייער אָנגעשטרענגט. צו די אינערלעכע פּלאָגן האָבן זיך געקלעפּט די קאָמפּליצירטע באַציִונגען מיט אויסלאַנד — די ראַבוועסן פֿון אונדזער היימלאַנד זײַנען פֿאַרפּלייצט געוואָרן מיט פֿלאַמען פֿונעם בירגערקריג און פֿון דער אינטערווענץ.

אין יענע צײַטן פֿלעגן צו לענינען אָנקומען פֿילצאָליקע בריוו און טעלעגראַמעס. אויך די האָרעפּאַשניקעס פֿון זשיטאָמירשטשינע האָבן אים געשיקט דעפּעשן.

דעם 14 סעפּטעמבער 1920 האָבן די אײַזנבאַנער פֿון דער סטאַנציע זשיטאָמיר אויף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג אָנגענומען אַ בריוו צו לענינען, אין וועלכן עס איז, צווישן אַנדערס, געזאָגט געוואָרן, אַז זיי „וועלן ניט זשאַלעווען קיין קויכעך און אַפֿילו דאָס לעבן, כּדי אויסבויען אַ נײַ לעבן“.

דער נאָוואָגראַד־וואָלינסקער אויעזדנער צוזאַמענפֿאָר פֿון די רעווקאָמען פֿון די אָרעמיקע וואָלאָסטן און דערפֿער האָט דעם 25 דעקאַבער 1920 געשיקט אַ באַגריסונג לענינען. דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די אָרעמע פֿויערים פֿון באַזאַרער וואָלאָסט, אָוורוטשער אויעזד, האָט דעם 21 יוני 1921 געשריבן לענינען, אַז זיי „וועלן טאָן אַלץ, כּדי ניט אַרויסלאָזן פֿון די הענט און האַלטן הויך די רויטע פֿאָן פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע“.

באַזונדערס אַ סך בריוו און טעלעגראַמעס זײַנען געגאַנגען צו לענינען בײַס די אָקטאָבער־פֿײַערונגען.

דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטן פֿון סלאָוועשניער וואָלאָסט האָט אין זײַן באַגריסונג לענינען געשריבן: „מיר ווינטשן אײַך, איר זאָלט לאַנג לעבן“. די אַרבעטער פֿונעם בערדיטשעווער לעדער־זאַוואָד ווענדן זיך צו לענינען מיט אַ באַקאַשע, ער זאָל דערלויבן צוּאייגענען דער אונטערנעמונג זײַן נאָמען. מיט אַן ענלעכער ביטע ווענדן זיך צו לענינען אויך די אַרבעטער פֿון דעם באַראַנאָווער פֿאַרפֿאָר־זאַוואָד. די באַראַנאָווער פֿאַרצעלײַ־מײַסטערס האָבן ספּעציעל פֿאַר לענינען געשאַפֿן אַ טיי־סערוויז און דער עלטסטער זאַוואָד־אַרבעטער בראָדסקי האָט אים מאָטאַנע אָפּגעפֿירט קיין מאָסקווע. דער פֿירער האָט אויפֿגענומען בראָדסקין און געשמועסט מיט אים צוואַנציק מינוט.

דעם 7 נאָיאַבער 1922 איז אויפֿן צענטראַל־בולוואַר אין זשיטאָמיר אויפֿגעשטעלט געוואָרן, עפּשער דאָס ערשטע בײַ אונדז אין לאַנד לענינס סקולפּטור־בילד, וועלכן עס האָט אויסגעפֿורעמט ג. אָלישקעוויטש.

ליבע און געטרײַשאַפֿט צו לענינען נעמט אָן פֿאַרשיידענע אויסדרוקן. אין באַראַנאָוויטש נאָמ־

נירט מען דעם פירער אלס גאַרנאָווטשיק. די אַרבעטער פון דער מאַלינער מעלוכע־פאַבריק האָבן באַשטימט פאַרעכענען לענינען אלס ערן־סעטאָטשניק. די פאַלאַנער שול ווילט אויס לענינען אלס לערער.

ווען לענין איז שווער קראַנק געוואָרן, האָט זיך דער בריוו־שטראָם צו אים פיל מאָל פאַרגרעסערט. דעם 20 מאַרט 1923 שרײַבן די דעלעגאַטן פון דער זיבעטער גובערניאַלער פאַרטיי־קאָנפערענץ, אַז זיי „נעמען אויף מיט דער גרעסטער פרייד די יעדיִע וועגן דער טיילווייַזער פאַרבעסערונג פון איליטשס געזונט. אונדזער קאָלעקטיווע באַקאָשע צו אים — ער זאָל שאַנעווען זיך אַליין, זאָל ער געדענקען, אַז די פאַרטיי נייטיקט זיך קוידעמקאָל אין זײַן זעלטן וואָרט. מירן שוין דערנאָך טאָן אַלץ, קעדיי זײַנע אָנזאָגן פאַרווירקלעכן". די האָרעפּאַשניקעס פון לעווקאָווסקער וואָלאָסט ווענדן זיך צו די דאָקטוירים, וועלכע היילן דעם פירער, זיי זאָלן וואָס גיכער אופשטעלן זײַן געזונט.

צווישן די דאָקומענטן, וואָס דערציילן וועגן די רירנדיקע, צומאָל נאַיִווע זאָרגן פון פּאָשעטע מענטשן בענעגייע דעם פירער, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף א טעלעגראַמע, וועלכע ס'ווילט זיך בא דער געלעגנהײַט ציטירן. „די פינפטע אומפאַרטייִשע רויטאַרמייִשע קאָנפערענץ, — זאָגט זיך אין אָט דער טעלעגראַמע, — דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, אַז דער כאָווער לענין איז פאַרבעטן געוואָרן אויף דער גענועזער קאָנפערענץ, מעלדעט, אַז מיר, די אַרבעטער און פויערים פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָבן פיר יאָר פאַרגאָסן בלוט אין דעם געראַנגל מיט דער פאַרהאַסטער בורזשואַזיע, קאָנען איר ניט גלייבן, מיר האָבן מוירע, אַז זי וועט באַדראָען דעם פירערס לעבן. מיר וועלן אונדזער איליטשן פון רוסלאַנד ניט אַרויסלאָזן. זאָלן אַנשטאָט אים פאָרן אויף אונטערהאַנדלונגען מיט די בורזשויִען אַנדערע באַפולמעכטיקטע פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער פעדעראַציע". די דאָזיקע דעפּעש האָבן אונטערגעשריבן די פרעזידיום־מיטגלידער פון דער סאָלדאַטישער קאָנפערענץ באַנדאַרענקאָ, פּאָטיאָמקין, שוכמאַן, קראַסילניקאָוו, פּאַפּאָוו, מאַלקין, טראַיִסשער (צײַטונג „וואָלינסקי פּראָלעטאַרי", 10 פעווראַל 1922, נומער 183).

נאָך דער שרעקלעכער יעדיִע פונעם 21 יאַנוואַר 1924 האָט דאָס פאָלק געשיקט זײַנע בעסטע זין און טעכטער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די אַרבעטער פונעם טשערוואָנסקער צוקער־זאַוואָד האָבן אין זייער רעזאָליוציע נאָך לענינס טויט געשריבן: „מיר דאַרפן ניט זײַן געפאַלן בא זיך. אויב אונדזער טײַערער פירער איז פון אונדז אַוועק, דאַרפן זײַן אָרט פאַרנעמען די אַרבעטער, אַרײַנגיסנדיק זיך אין די רייען פון דער פּאַרטיי". גלײַך נאָך דער טרויער־פאַרזאַמלונג האָבן 25 אַרבעטער אָנגעגעבן מעלדונגען אויף אַרײַנטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, 7 יאַטן זײַנען געוואָרן קאָמיוגיסטן. אויף דער טרויער־פאַרזאַמלונג פון די אײַזנבאַנער זײַנען אין דער פּאַרטיי אַרײַנגעטראָטן זיבעציק אַרבעטער. הונדערט גאַרבערס פונעם בערדיטשעווער לעדער־זאַוואָד זײַנען געוואָרן קאָמוניסטן. דער גובערניאַלער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט אין זײַן ווענדונג צום קאָמינטערן געשריבן, אַז „די וואָלינער קאָמוניסטן וועלן אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל אין אויג, די איינהײַט פון דער פּאַרטיי, לענינס געבאָט".

לענינס נאָמען איז אין וואָלין צוגעייגנט געוואָרן די שענסטע גאַסן און פּלעצער אין די שטעט, ווי אויך זאַוואָדן און פאַבריקן, אומעטום זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן לענינס ביוסטן.

פאַר לענינס מאַוזאָליי אין מאָסקווע האָט מען אין האַלאָווינסקער קאַריער אויף זשיטאָמירשטשינע אָפּגעזוכט א גראַניט־שטיין. דעם זעכציקטאָניקן מאָנאָליט האָבן דרײַ טראַקטאָרס געשלעפּט זעכצן קילאָמעטער צו דער סטאַנציע גאָרבאַשי אין משך פון אכט טעג. די אָרטיקע אײַנוווינער האָבן פלײַסיק מיטגעהאָלפן דער דאָזיקער אָפּעראַציע.

א ייִדישער קינדער־גאָרטן אין ווילנע

אין נײַעם קינדער־גאָרטן ווערן אופגעהאַלטן 40 קינדער. זייער אומגאַנגשפּראַך איז רוסיש אָדער ליטוויש, אָבער די דערציִערנס, וואָס אַרבעטן מיט זיי, סטאַרען זיך, אַז זיי זאָלן באַהערשן אויך זייער נאַציִאָנאַלע שפּראַך — ייִדיש. די לימודים פון מאַמע־לאָשן פירט דרײַ מאָל אין וואָך בראָניע בראַנדאָ, וועלכע האָט פאַר דער מילכאָמע פאַרענדיקט א ייִדישע מיטלשול.

א מאַטעריעלע שטיצע ווײַזט אַרויס דעם קינדער־גאָרטן די אַסאָציִאַציע פון ייִדישער בילדונג (פאָרזיצער — סאָפיע זיבוטענע), א ספּאָנסאָר איז אויך איינער פון די ווילנער קאָאָפּעראַטיון. מיטן קינדער־גאָרטן פירט אָן א געניטער פּעדאַגאָג — נינע גינזבורג.

מאניע לאנדמאן

וועגן נאָענטע פריינט

צוריק מיט א שטיקל צייט, עס איז שוין עפּשער דאָ אין דעם א פּאָר כאַדאָשים, האָב איך באקומען א בריוו פון א יונגן לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד". ער שרייבט מיר, אז ווען ער איז געווען אין דער ארמיי, האָט ער געהאַט א כאַווער, וועלכער האָט געשטאמט פון בעלץ, ער האָט אים אויסגעלערנט א פּאָר ווערטער רעדן אף ייִדיש. געקומען פון דער ארמיי, האָט ער אויסגעשריבן אונדזער זשורנאל און זיך אויסגעלערנט לייענען. עס איז אים געווען שווערלעך צו דערלערנען די ייִדישע שפּראַך, ווייל אין שטוב בא זיי קען קיינער קיין ייִדיש ניט, די באָבע זיינע געדענקט עפּשער א צענדליק ווערטער. בייס זי זאָגט אים, וועלכע ווערטער זי פארשטייט, פארבייגט זי די פינגער אף די הענט און מער ווי צען באקומט זיך ניט. אָבער ער האָט פּאָרט אויסגעלערנט זיך לייענען. אייניקע ווערטער פארשטייט ער נישט, צום ביישפּיל, — „וואָס הייסט אן אָפּגעצויגן פּאָנעם"? און אזעלכע בריוו זיינען שוין געווען פון אים עטלעכע. איך ענטפער אים און דערקלער אים די ווערטער, אמאָל גאנצע אבזאצן, וועלכע ער פארשטייט ניט. אין דעם לעצטן בריוו זיינעם בעט ער מיך זייער, איך זאָל אים ארויסשיקן, ווי ער שרייבט: — „דעם גרויסן ווערטערבוך, וועלכער איז ארויס אין 1984־טן יאָר אונטער דער רעדאקציע פון מ. שאַפּיראָ, ע. ספּיוואַק און מ. שולמאן". און נאָך פרעגט ער מיך, מיט וועמען פון די שרייבער באגעגן איך זיך, צי גיי איך אין רעדאקציע, צי דרוק איך נאָך אף דער מאשינקע, און נאָך און נאָך אזעלכע פראגעס.

צום סאָף בעט ער, איך זאָל אים דערציילן וועגן די שרייבער, וועלכע איך האָב ניט לאנג צוריק געזען און ווו איך האָב זיי געזען — צי אף אָוונטן, אף וועלכע די שרייבער טרעטן ארויס, צי איך דרוק זייערע ביכער פארן פארלאג, אלנפאלס, איך זאָל דורכן זשורנאל אים ענטפערן.

אזויווי ער האָט פארענדיקט זיין בריוו מיטן ווערטערבוך, וויל איך זאָגן, אז איך האָב דאָ ניט לאנג געזען מויני שולמאנען, איינעם פון די רעדאקטאָרן פון דעם ווערטערבוך. געווען בין איך בא אים אינדערהיים.

■

א סאך יאָרן האָבן מיר געארבעט מיט אים אינאיינעם אין דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". ווייס איך טאקע, אז אלע שרייבער ווילן פאר א רעדאקטאָר פון זייערע ווערק סיי אין זשורנאל, סיי אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" — מויני שולמאנען. דאָס זעלבע ווילן די שרייבער פאר אן איבערזעצער פון ייִדיש אף רוסיש אויך שולמאנען. איז עס דאָך ניט אומזיסט.

עמעס, ניט אומזיסט. צו אים האָט מען צוטרוי, מע ווייסט זיין איבערגעגעבנקייט אין דער ארבעט, זיין שטרעבונג צו דערפירן א זאך צו פולקומקייט. מע ווייסט, אז ער שאנעוועט דעם מעכאבער, ער שאנעוועט אָבער אויך דאָס ווערק, די שפּראַך, די אידיישקייט. אף אים קאָן מען זיך פארלאָזן.

א קוק טאָן אף שולמאנען, איז ער א שיינער מאנצביל, שוין ניט קיין יונגער, נאָך די זיבעציק. מענטשן, וועלכע קענען אים ווינציק, קאָנען מיינען, אז ער איז א בייזער. אָבער איך, ארבעטנדיק מיט אים אזויפיל יאָרן, קען דאָס ניט זאָגן.

א מענטש, אז ער איז א שטרענגער צו זיך אליין, ווייזט זיך מיר אויס, אז דאָס איז זייער גוט. ווייל ער מאָנט פון זיך אליין גוטע קוואליטעט, גוטע, ריינע ארבעט.

זייער אינטערעסאנט איז נאָכקוקן, ווי ער ארבעט. בייס ער רעדאגירט טראָגט ער אריבער גאנצע אבזאצן אף די ראנדן פונעם זייטל, מאכט זיי צורעכט, טראכט לאנג, ווי ער וואָלט זיך געייצעט מיט זיך אליין. דערנאָך שרייבט ער איבער אלצדינג, וואָס ער האָט פארצייכנט אפן ראנד, אף א באזונדער זייטעלע פּאפּיר. איך ווייס ניט, צוליב וואָס: צי פאר דער מאשיניסטקע, עס

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן הארציק דעם וועטעראן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מאניע לאַנדמאַן מיט איר געבורטסטאָג און ווינטשן איר געזונט, אריכאס־יאָמים און שעפע־רישע דערפאָלגן.

זאָל זײַן דײַטלעכער, זי זאָל זיך קענען פאנאנ־דערקלײַבן, צי צוליב זיך אליין, קעדיי נאָכאמאָל דורכקאָנטראָלירן, וואָס ער האָט אויסגערעדאגירט. אליין קאָנטראָלירט ער זיך א סאך מאָל, ניט זעלטן זײַנען אלע ראנדן פונעם זײַטל פארשריבן, דערנאָך פארמעקט ער עפּעס און שטעלט עס אוף צוריק — ווײַזט אויס, נאָך דעם, ווי ער אײַצעט זיך אויס מיטן מעכאבער. דעריקער אָבער טראָגט ער אַרײַן אייגענע זייער אינטערעסאנטע ווערטער אין טעקסט, וועלכע מאכן דעם אבזאץ אָדער דאָס זײַטל, צי אפילע גאנצע קאפּיטלען, מער קאָמ־פּאקט.

זייער אָפט זע איך פראגן, וועלכע ער שטעלט פארן שרײַבער — אויך אף די ראנדן פונעם זײַטל, פּונקט אנטקעגן דער שורע. אמאָל שרײַבט ער: „וואָס הייסט עס?" אן אנדערש מאָל באמערקט ער. „נו, איז וואָס?", דאָס פרעגט ער אָדער בא זיך אָדער באם שרײַבער. אָדער ער טוט זיך א בייזער: „דאָס איז פּלאפּלערײַ". אָבער אויסמעקן מעקט ער גאָרניט אויס, ביז ער פרעגט ניט בא דעם מעכאבער אליין.

בייס איך שרײַב איבער די ארבעט, וועלכע מאניע שולמאן האָט רעדאגירט, סטארע איך זיך זייער פּינקטלעך דרוקן, קיין איין פעלער זאָל בא מיר ניט זײַן, ווײַל נאָך אזא האָרעוואניע, וואָס ער טוט, דארף מען אויך זײַן פּינקטלעך. און פאר זיך טראכט איך, אז גליקלעך זײַנען די שרײַבער, וועמעס ווערק עס פאלן ארײַן צו אזא גוטן רעדאקטאָר, דאָס איז מאמעש א מאזל־זאך.

מיט טעוויע גען בין איך שוין אזוי לאנג באקאנט, אז עס ווײַזט זיך מיר אויס, מיר זײַנען גאָר אינײנעם געוואקסן אין איין שטאָט. אז איך הייב זיך אָן דערמאָנען, פון ווען אָן קען איך אים, קאָן איך זיך בעשום־אויפן ניט דערמאָנען. מיט איין וואָרט — לאנג־לאנג.

כאָטש טעוויע גען איז שוין ניט קיין יונגער, אים איז שוין, קיין אײַנהאָרע, נאָך די זיבעציק, איז ער בא מיר אין די אויגן נאָך אלץ א שע־מעוודיקער, און טאָמיד ווײַזט זיך מיר אויס, ער וועט מיר געבן א זאָג עפּעס א כאָכמע, א ווערטל, און איך וועל זיך צעלאכן, אָדער איך וועל אים זאָגן:

— גענטשיק, דו רעדסט טאקע ערנסט, צי דו לאכסט?

צו אונדז אין מאשין־ביוראָ פלעג טעוויע גען ארײַנקומען זייער אָפט, רויִק און שעמעוודיק צו־גיין צו דער עלטסטער מאשיניסטקע, ווײַזן א פּאָר זײַטעלעך פון א העפט, אָנגעשריבן ניט אינ־גאנצן דײַטלעך, פון וועלכע ער דארף איבער־דרוקן, און זייער דזשענטלמעניש זאָגן:

— דאָס איז ניט קיין גרויס ארטיקעלע פאר דער צײַטונג, איך דארף עס נאָך באטראכטן און באארבעטן, דעריבער בעט איך א מאשיניסטקע ניט קיין גיכע, איך זאָל איר קענען לאנגזאם דיקטירן.

מאשיניסטקעס, וועלכע פלעגן ארבעטן לאנג־זאם און ניט געכאפּט, זײַנען געווען מער, איידער גיכע און פלינקע.

בייס די עלטסטע מאשיניסטקע האָט אָנגעוויזן,

מיט װעלכער מאַשיניסטקע ער קאָן אַרבעטן, פֿלעג ער צוגיין, זיך באַגריסן מיט איר און אַ זאָג טאָן:

— אָט מיט דיר האָב איך טאַקע געװאָלט אַרבעטן, דו אַרבעטסט זייער גוט, מירן באַלד מיט דיר ניט כאַפּנדיק איבערדרוקן אָט דאָס אַרטיקעלע.

דערבײַ פֿלעג ער אױפֿהייבן די אױגן, אַ קוק טאָן אױף די אַנדערע מאַשיניסטקעס און אַ זאָג טאָן:

— אַז איך קום אַרײַן צו אײַך אין מאַשין־ביוראָ, װערט מיר טאָמיד ליכטיק אין די אױגן.

איינמאָל איז מיר אױך אױסגעקומען צו אַרבעטן מיט טעװיע גען, איך געדענק נאָך ביז איצט װעגן װאָס מיר האָבן געדרוקט. דאָס איז געװען ניט קיין גרױס אַרטיקעלע, װאָס מע האָט בײַ אים באַשטעלט פֿאַר דער צײַטונג „דער עמעס". װעגן דער מוזיקאַלער שול אױף גנעסינס נאָמען.

מיר האָט ער געדאַרפֿט זייער גיך דיקטירן, װײַל לאַנגזאַם האָב איך ניט געקאָנט אַרבעטן, עס פֿלעגן זיך מיר אָנהייבן פּלאָנטערן די פֿינגער און איך פֿלעג פֿאַרלירן אין געדאַנק דעם טעקסט. און דאָ זע איך, װי גען דיקטירט מיר בעעמעס גיך, איך באַװײַז אַפֿילו ניט אָפּדרוקן אַ שורע, און ער דיקטירט מיר שױן די אַנדערע. האָב איך ניט אױסגעהאַלטן און אים געפֿרעגט, װי קומט עס, ער בעט דאָך טאָמיד אַ לאַנגזאַמע מאַשיניסטקע און איצט באַװײַז איך אים ניט דעריאָגן, האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטער, געלונגענער מאַטעריאַל — װעגן די שװעסטער גנעסין, װעלכע זײַנען אַליין לערערנס פֿון מוזיק אין דער גנעסין־שול, און װעגן אַזעלכע פּרױען דאַרף מען גיכער אָנשרײַבן און זייער גיך איבערדרוקן אױף דער מאַשינקע, דעמלט װעט דער מאַטעריאַל אױך גיך אַװעק אין דער טיפּאָגראַפֿיע.

אױף אַזעלכע טעמפּן האָב איך פֿון גענען ניט דערװאַרט. לעבן מיר איז געזעסן אַ פֿלינקער באָכער, הױך דיקטירט, מאַמעש אױסגעשריגן יעדעס װאָרט און מיך אונטערגעײַלט:

— גיכער, גיכער, מע דאַרף דעם מאַטעריאַל.

װען ער האָט פֿאַרענדיקט דיקטירן, האָט ער זיך אַליין זייער שטאַרק צעלאַכט און געזאָגט:

— דו מיינסט אינדערעמעסן, אַז הײַנט גייט שױן דער מאַטעריאַל? ניין, איך מיין, אַז איך װעל זאָגן אַ דאַנק, אױב מע װעט אים דרוקן אין אַ װאָך אַרום, און עפּשער װעט גאָר דער מאַטעריאַל ניט געפֿעלן װערן דעם הױפּטרעדאַקטאָר. נאָר אַזױװי איך האָב זיך געזעצט מיט דיר אַרבעטן, האָב איך באַשטימט דערװײַזן, אַז איך קען אױך זייער גיך דיקטירן און אַרבעטן מיט די מאַשיניסטקעס, װעלכע דרוקן זייער פֿלינק.

איך װעל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן יענעם אָװנט, װען איך בין נאָך קיין פֿולע זיבעצן יאָר ניט אַלט געװען, און עס איז שױן געװען אַ פּאָר שאָ פֿאַר באַגעגענען דאָס נײַ־יאָר. מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אױף דער אַרבעט, װײַל דער נומער פֿון דער צײַטונג איז נאָך ניט געװען אינגאַנצן גרייט, איך האָב נאָך עפּעס געדאַרפֿט דרוקן אױף דער מאַשינקע, און גען האָט נאָך געדאַרפֿט עפּעס אױסרעדאַגירן פֿאַר דעם נומער. אָט טאַקע אין דער קורצער צײַט, װאָס עס איז געבליבן צום נײַעם יאָר, גייט ער צו מיר צו און זאָגט:

— איז װאָס, באַגעגענען מיר הײַנטיקס מאָל דאָס נײַע יאָר אײנינעם?

אַזױװי איך האָב געװוּסט, אַז ער האָט טאָמיד ליב צו זאָגן אַ כאָכמע, אַ שפּאַס טאָן, האָב איך אױך דאָס מאָל געמיינט, אַז ער כאָכמעט זיך. װען איך זאָל געװען װיסן, אַז ער מיינט עס ערנסט, פֿאַרשטייט זיך, אַז איך װאָלט ניט אָפּגעזאָגט, װײַל שױן דעמלט איז ער געװען זייער אַן אינטערעסאַנטער, גוטער, האַרציקער באָכער.

בײַ הײַנטיקן טאָג אַרבעטן מיר אײנינעם. ער איז איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע הײַנטצײַטיקע שרײַבער. מיר קומט אױס זייער אָפֿט צו דרוקן זײַנע דערציילונגען, גרעסערע, קלענערע און אַפֿילו אַ גרױסן בוך, װעלכער דאַרף דערשײַנען אין פֿאַרלאַג „כאָװעטסקי פּיסאַטעל".

טעװיע קוקט אױף אַ מענטשן ערנסט, אַפֿילו זייער ערנסט, נאָר פֿון אונטער דער ערנסטקײַט קוקט אױף אײַך אַן אָפּגלאַנץ פֿון אַ שמייכל, אָט־אָט צעלאַכט ער זיך. און ער האַלט טאַקע ניט אױס און צעלאַכט זיך. זײַן לאַכן און שפּאַסן שטערט אים מיט גאָרניט צו זײַן ערנסטקײַט — ערנסט אין לעבן, ביז גאָר ערנסט אין שרײַבן.

גען פֿאַרשטייט זיך גוט אױף מענטשן. און נאָך פֿאַרמאָגט ער אַ טיף־מענטשלעכן שטריך — ער האָט ניט ליב זיך רוקן צום אױבנאָן. מיר דוכט, אַז דאָס איז אַ גרױסע מײַלע פֿון עמעס טאַלאַנטפֿולע מענטשן, װעלכע זוכן ניט דאָס אױסערלעכע, װײַל זיי זײַנען מיט טאַלאַנט און שעפֿערישקײַט אינװייניק און דערצו אייגנאַרטיק.

יעדעס מאָל, װען איך דרוק איבער זײַנע װערק, בלײַב איך אַ צופֿרידענע מיט דעם, װאָס איך זע אין זיי לעבעדיקע מענטשן. עס טרעפֿט אַמאָל, איך שרײַב איבער אַ שורע און צעלאַך זיך, אָבער װײַטער מיט אַ פּאָר שורעס װילט זיך שטאַרק צעװיינען, מאַמעש אױסװיינען זיך, אױף אַזױפֿיל נעמט עס באַם האַרצן.

אינטערעסאַנט איז, װאָס אומעטום אין סאָף פֿונעם מאַנוסקריפּט פֿאַרצייכנט ער אומבאַדינגט דעם כױדעש, דאָס יאָר און אַפֿילו װיפֿל אזייגער ער האָט דאָס װערק געשריבן: „זיבן אַזייגער פֿאַרטאָג, 10־טער דעקאַבער, דאָס יאָר, דעם טאָג". אַן אַנדערס מאָל — „באַנאַכט 2 אַזייגער".

דאָס הייסט, אַז די שעפֿערישע מוזע קומט צו אים טאָמיד — פֿאַרטאָג, באַטאָג, אינדערפֿרי, אױף דערנאַכט און אַפֿילו באַנאַכט...

■

מיט שמועל גאָרדאָנען, וועלכער איז מיר באַזונדערס ליב אי אַלץ א שרײַבער, אי אַלס א מענטש, האָט מיך באַקאַנט און באַפרײַנדעט דער אָנגעזעענער קריטיקער און רעדאַקטאָר נאָכעם לעווין, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט אינײַנעם אין דער צײַטונג „דער עמעס" אין דער מיט פון די דרײַסיקער יאָרן. גלײַך נאָך דער באַטאָגיקער אַרבעט אין רעדאַקציע פלעגן מיר אַריבערגיין אין טיפּאָגראַפיע, ווו ער איז געווען דער באַנאַכטיקער רעדאַקטאָר. מיט נאָכעם לעווינען האָב איך אויך געאַרבעט אין דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, איך — אַלס מאַשיניסטקע, און ער — אַלס רעדאַקטאָר. אָנגעקומען איז ער אַהין אַרבעטן שוין נאָך דער מילכאָמע, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון פראָנט. אינעם מיליטערישן אָנטאָן האָט ער אויסגעזען נאָך מער שטאַלטנע און מענעריש. ניט געווען, דאַכט מיר, צווישן מײַנע באַקאַנטע קיין איינער, וואָס זאָל ניט געווען זײַן פאַרליבט אין אָט דעם כיינעוודיקן קלוגן און האַרציקן מענטשן. צווישן אים און שמועל גאָרדאָנען איז געווען פיל ענלעכס, און דערמיט אוואַדע דערקלערט זיך זייער גרויסע פרײַנטשאַפט.

מיר פלעגט אָפט אויסקומען דרוקן אויף דער מאַשינקע שמועל גאָרדאָנס גרעסערע און קלענערע ווערק. רעדאַגירט האָט זיי געוויינלעך נאָכעם לעווין און, אַלס קלאַל, אין דעם אויטאָרס אָנוועזנהײַט. מיך פלעגט וווּנדערן, וויִאַזוי קאָן עס א רעדאַקטאָר מיט א שרײַבער זיצן אַזוי רויִק און אַרבעטן. גאָרדאָן פלעג זיך שטאַרק אָנבייגן איבער די זײַטעלעך פונעם מאַנוסקריפּט, לעווין פלעג זיצן און רייכערן א פּאַפּיראָס נאָך א פּאַפּיראָס און פאַרזיכטיק אונטערזאָגן, ווו מע דאַרף פאַרקירצן א שורע צי צוויי, און ווו, לויט זײַן מיינונג, מע דאַרף דערגאַנצן. ס'איז פּאַשעט געווען אָנגענעם צו נאָכפאָלגן פון דער זײַט נאָך זיי, וויִאַזוי זיי אַרבעטן.

פאַר די עטלעכע צענדליקער יאָרן, וואָס איך בין באַשעפטיקט מיט איבערדרוקן אויף דער מאַשינקע די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער, איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו זען, וויִאַזוי א שרײַבער לעבט איבער, ווען א רעדאַקטאָר פאַרקירצט בא אים אפילע א האַלבע שורע. אייניקע שרײַבער מאַכן דערבײַ א גוואַלד, אַז מע קוילעט זיי שיר ניט אַוועק. און בא גאָרדאָנען מיט לעווינען פלעגט עס גיין צו שטיל, רויִק. ווען איך האָב וועגן דעם געפרעגט גאָרדאָנען, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אַזאַ רעדאַקטאָר, ווי נאָכעם לעווין, איז נאָך ניט געווען, אויף אים מעג מען זיך פאַרלאָזן.

צו נאָכעם לעווינס געבורטסטאָג, צו וועלכן ער האָט, צו אונדזער גרויסן ווייטיק, ניט דערלעבט, האָט שמועל גאָרדאָן אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" א רירנדיקן אַרטיקל, וואָס איז אָנגעשריבן מיט גרויסער ליבשאַפט.

מײַן פרײַנטשאַפט מיט שמועל גאָרדאָנען איז אָבער ניט בלויז באַשטאַנען אין איבערדרוקן אויף דער מאַשינקע זײַנע ווערק. אויסער דעם, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, וואָס ער איז א גלענצנדיקער שרײַבער, איז ער אויך זייער א גוטער כאַווער, איז טאָמיד גרייט יענעם העלפן.

עס זײַנען אַוועק א סאַך יאָרן ווי מיר האָבן זיך באַקאַנט, נאָר די פרײַנטשאַפט איז בא אונדז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין לעבן טרעפט אַלץ, אָבער אויב דו האָסט אַן עמעסן פרײַנט, ווערט גרינגער אויף דער נעשאָמע. דו הייבסט אָן צו טראַכטן, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך, ווי סע ווײַזט זיך צומאָל אויס.

...מײַן עלטערע טאָכטער, אידע, האָט מיט א היפּש ביסל יאָרן צוריק, פאַרשטייט זיך, געהאַט פאַרענדיקט די מיטלשול און, ווי אַלע אירע כאַווערטעס, געשטרעבט אָנקומען אין אינסטיטוט. אָבער דאָס איז געווען גאָרנישט אַזוי גרינג. ס'איז דעמלט געשטאַנען זייער א הייסער זומער. דערצו איז אינעם דאָזיקן יאָר געווען דער אַלוועלטלעכער פעסטיוואַל, עס זײַנען זיך צונויפגעקומען געסט פון אַלע לענדער, מע פלעגט ניט קאָנען דורכגיין און ניט דורכפאָרן. ס'האָט זיך געטומלט אי באַטאָג, אי באַנאַכט.

און פונקט אין אָט דעם זומער האָט מײַן טאָכטער געהאַלטן עקזאַמענעס אין אינסטיטוט, ווו אויף איין אָרט האָבן פּרעטענדירט 8 — 10 אַביטוריִענטן. זי האָט אָפּגעגעבן רוסיש, מאַטעמאַטיק, דער דריטער עקזאַמען איז געווען געשיכטע. דאַרף פּאַסירן, אַז זי דערפילט זיך מיטאַמאָל שלעכט, עס פאַרדרייט זיך איר דער קאָפּ און זי קאָן ניט גיין אין אינסטיטוט.

מײַן דעמלטיקע לאַגע איז שווער צו באַשרײַבן. א מיידל שטייט אויף געזונט און שטאַרק און הייבט אָן מיטאַמאָל צו כאַלעשן. וואָס טוט מען? אין דער צײַט קלינגט אָן שמועל גאָרדאָן. אין מײַן ריידן דערפילט ער, אַז איך בין צעראַשט. גיט ער מיר א זאָג: „איך פיל, אַז עפּעס האָט זיך געטראָפן בא אײַך?" עס האָט געדויערט ניט קיין סאַך, עפשער ניט מער ווי א מינוט צוואַנציק, און ער קומט צו פאָרן. געלעבט האָט ער גאָר אין אַן אַנדער עק שטאָט, שטאַרק ווײַט פון אונדז. דערזען, אַז די טאָכטער מײַנע פילט זיך שוין נישקאָשע, זי גייט שוין אַרום איבער דער שטוב, האָט ער זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— קום מיט מיר. אָט וועסטו זען, אַז דו וועסט גוט אָפּגעבן דעם עקזאַמען. איך וועל זיצן אין דרויסן און וואַרטן. דו וועסט מיך ניט זען, נאָר איך וועל דיך זען. גיי רויִק, לעב ניט איבער. אויף מאַטעמאַטיק און רוסיש האָסטו דאָך באַקומען א פינף. און געשיכטע קאָנסטו דאָך ניט ערגער, ווייס איך. איז וואָס האָסטו מוירע?

זי איז א מונטערע אוועק מיט אים, און טאַקע גוט אָפּגעגעבן דעם לעצטן עקזאַמען. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ביז מע האָט ניט אַרויסגעהאַנגען די צעטלען פון די, וועלכע מע האָט אָנ־

געטמען אין אינסטיטוט, האָט ער זיך ניט באַרויִקט.

אין א צײַט ארום, ווען מײַן טאַכטער איז שוין געווען א לערערן, אונטעריכט ענגליש און רוסיש אין דער שול, האָט זי מיר דערציילט, אז בייס מע האָט ארויסגעהאנגען די צעטלען, איז ער אויך דאָרט געווען, און ווען זי האָט אים געפרעגט, וואָס טוט ער דאָ, האָט ער איר געענטפערט:

— איך זוך דיך אין די צעטלען, ווײַל פאַרפרייד קאָנסטו אמאָל דײַן אייגענע פאמיליע ניט דערזען.

ביז הײַנטיקן טאָג איז בא אונדז אוועק א ווערטל אין שטוב, אז מײַן טאָכטער קומט שמועל גאָרדאָנען א מאטאָנע — א האלדזטוך פאר זײַן ליבער און נאָבעלער באַציִונג צו אונדזער מישפּאָכע.

אלץ, וואָס שמוּעל גאָרדאָן האָט אָנגעשריבן פאר די לעצטע 25 — 30 יאָר, איז מיר אויסגעקומען איבערצודרוקן אױף דער מאשינקע. ווען איך דרוק איבער זײַנע ראָמאנען, דערציילונגען, פאַרצייכעטונגען, לעב איך זייער איבער פאר די העלדן. מיר ווילט זיך, אז אלע זאָלן בא אים בלײַבן לעבן, קיינער זאָל, כאָלילע, ניט זײַן קראַנק. נאָר דאָס לעבן איז דאָך ניט פּאָשעט. א מענטש ווערט צומאָל אויך קראנק און שטארק קראנק, ווי דערנאָך געזונט, דאָס ווערט באוויזן אין איינעם פון זײַנע בעסטע ווערק, אין דער דערציילונג „מעכײַלע". בייס מע לייענט קאָן מען מיינען, אז ער אליין האָט עס איבערגעטראָגן. ס'איז אזוי באַשריבן, אז עס פארכאפּט דעם אָטעם. איך בלײַב אָפּט זיצן מאמעש א דערשטוינטע. מיט וואָס פאר א קינסטלערישער קראפט עס ווערט בא אים באַשריבן די איבערלעבונגען פונעם מענטשן, די נעשאָמע זײַנע.

שוין באלד 30 יאָר, ווי שמועל גאָרדאָן רעדאגירט די מערהײַט ביכער פון די יִדישע שרײַבער, וועלכע דערשײַנען אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל". איין זאך איז, אז א רעדאקטאָר רעדאגירט, און גאָר א צווייטע, ווען דער רעדאקטאָר איז אליין א שרײַבער. אין שמועל גאָרדאָן דער שרײַבער איז זייער א געניטער רעדאקטאָר.

מיר איז אויסגעקומען הערן, ווי אייניקע שרײַבער בעטן, ער זאָל זײַן דער רעדאקטאָר פון וייערע ביכער. ניט געקוקט אױף דעם, וואָס ער איז זייער פאַרנומען, לייגט ער גאנץ אָפּט אָפּ זײַנע אייגענע ארבעטן און זעצט זיך רעדאגירן יענעם. איך געדענק א פאל, ווען ער איז, ניט פאר הײַנט געדאכט, געלעגן שווער קראנק צו בעט, און דאָך ניט אָפּגעזאָגט איינעם אן עלטערן שרײַבער, ווען יענער האָט זיך צו אים געווענדט, ער זאָל רעדאגירן זײַן בוך.

פאראיאָרן איז דעם אָנגעזעענעם שרײַבער און הארציקן מענטשן, שמועל גאָרדאָנען, געוואָרן אכציק יאָר. ווידמע איך אים די דאָזיקע קורצע נאָטיץ און ווינטש אים דערבײַ פונעם גאנצן הארצן געזונט, גליק און ווײַטערדיקע גרויסע דערפאָלגן.

א קאָנפערענץ פון בײַבאלטישע יִדישע געזעלשאפטן

אין טאלין האָבן זיך לעצטנס באגעגנט פאָרשטייער פון די יִדישע קולטור־אָרגאניזאציעס פון ליטע, לעטלאנד, עסטלאנד, לענינגראד, קאלינינגראד, ווי אויך פון פינלאנד, שוועדן, דענעמארק און נאָרוועגיע. דער ציל פון אזא קאָנפערענץ איז געווען — אײַנצושטעלן קאָנטאקטן אין געביט פון קולטור און בילדונג. אין טאָג־סיידער זײַנען געווען אויך פראגן פון אנטיסעמיטיזם און עמיגראציע.

בעשאס דער קאָנפערענץ איז דורכגעפירט געוואָרן א קאָנצערט פון יִדישע ניגונים, אין וועלכן עס האָבן זיך באטייליקט דער כאָר פון דער מאָסקווער קאָרשול און כאזאָנים פון דענעמארק, פינלאנד און פשא.

באזונדערס ווארעם האָבן די צושויער אופגענומען די ארויסטרעטונגען פון יונגע יִדישע זינגער פון טאלין און ווילנע.

בער האלפּערן

מיט דער מאַמעס מילך...

וועגן דעם מענטשן, וואָס זיצט אַנטקעגן מיר, קאָן מען דרייסט זאָגן, אַז מיט דער מאַמעס מילך האָט ער אײַנגעזויגט אין זיך די אידעאַלן פֿונעם נײַעם לעבן.

זײַן מוטער איז געווען אין דער בורזשואַזער ליטע אַ מיטגליד פֿון דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ווען מע פֿלעגט קוקן פֿון דער זײַט, האָט זי אויסגעזען ווי אַ געוויינלעכע פֿרוי, דאָס ווײַב פֿון אַ קאָמערסאַנט, אַ באַלעבאָסטע פֿון אַ פֿאַרמעגלעכער שטוב אין קאָוונע, וועלכע האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעטיילט פֿון הונדערטער ענלעכע פֿרויען אין איר לאַגע. און דאָס איז געווען איר גרויסע מײַלע פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, וואָס זי האָט געפֿירט. איר שטוב איז געווען שטרענג פֿאַרקאָנספּירירט. בלויז געציילטע מענטשן פֿון דער קאָמוניסטישער אונטערערד האָבן געוווּסט וועגן איר און נאָך ווייניקער האָבן געהאַט צוטריט אַהין. די זיצונגען פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿלעגן פֿאָרקומען אין איינעם פֿון די צימערן פֿון דער גרויסער דירע, וואָס האָט זיך געפֿונען אין סאַמע צענטער פֿון דער שטאָט, און ווען די מיטגלידער פֿונעם צק האָבן איינציקווײַז זיך אַרײַנגעשלײַכט אין שטוב און אין יענעם צימער, האָבן זיי לײַכטער אָפּגעאָטעמט — דאָ זײַנען זיי געווען זיכער. „דער שטילער האָפֿן" — אַזוי האָבן זיי גערופֿן אָט דעם צימער, וווּ זיי האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע זיצונגען.

די באַלעבאָסטע איז דעמלט אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, זיך צוגעהערט צום מינדסטן שאָרך. איר קליינע שטשופּלע פֿיגור איז געווען פֿול מיט שפּאַנונג, נאָר אירע גרויסע העל־גרויע אויגן אויף קלוגן פּנים האָבן געלויכטן פֿון פֿרייד.

איר זון, יאַקאָוו יאַצאָווסקי, אַ מיטלוווּקסיקער זשוואַווער מענטש, האָט געהאַט, ווי מע זאָגט בײַ ייִדן, אַ גאָלדענעם קאָפּ, און דאָס האָט אים דערמעגלעכט צו פֿירן דערפֿאָלגרײַך זײַנע געשעפֿטן. אָבער אַפֿילו אַ געוויינלעכן קאָמערסאַנט איז ער ניט געווען ענלעך. פֿונעם פֿאַך איז ער געווען אַ לערער פֿון געזאַנג, געענדיקט אין ווילנע דעם לערער־אינסטיטוט, און לויט זײַן געמיט־אײַנשטעלונג — אַ קינסטלער, אַ טרוימער. אין אָוונט, נאָך אַ טאָג האַווענישן און קאָפּדרייעניש, פֿלעג ער אַרויסנעמען זײַן באַליבטן אינסטרומענט, די קאָנצערטינע, און אַרויסברענגען פֿון איר צאַרטע מעלאָדיעס, מיט וועלכע ער האָט געשטילט זײַן בענקשאַפֿט. די קאָמערציעלע טעטיקײַט איז געווען ניט בלויז אַ שירמע און אַ מיטל אויסצוהאַלטן די מישפּאָכע, נאָר אויך אַ קוואַל צו באַפֿרידיקן די פֿילזײַטיקע באַדערפֿענישן פֿון דער פּאַרטיי: דינגען אַ לאָקאַל פֿאַר אַן אומלעגאַלער דרוקערײַ, העלפֿן דער מישפּאָכע פֿון אַן אַרעסטירטן כאַווער.

אין אַזאַ אַטמאָספֿער זײַנען געוואַקסן צוויי זין: אַלעקסאַנדער (געבוירן אין 1915) און יעווסיי, מיט 3 יאָר ייִנגער. ביידע — פֿלינקע, באַוועגלעכע, דרייסטע און ביידע מיט בוילעטע נייגונגען צו קונסט (אַן עלטערע שוועסטער זייערע, רײַע יאַצאָווסקאַיאַ, איז געווען אַ באַקאַנטע אַקטריסע פֿונעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער אין קיִעוו). אין פֿריסטן עלטער, זײַענדיק נאָך שילער אין דער גימנאַזיע, האָבן זיי שוין שאַפֿיראָגראַפֿירט אָפּרופֿן, אַרויסגעלאָזט אַ האַנטשריפֿטלעכן זשורנאַל מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס און אייגענע צייכענונגען.

די לערער פֿון דער גימנאַזיע, אין וועלכער ביידע ברידער האָבן זיך געלערנט, האָבן געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פֿון זיי. ווו נאָר אַ זאַווערוכע, אַן אַרויסטרעטונג פֿון שילער (אָבער ניט סטאַם שקאָצערײַ — מיט אַ פּאָליטישן אונטערשלאַק), זײַנען אַלס אָנפֿירער אַרויסגעטראָטן די מאַזיקים יאַצאָווסקיס. אַלעקסאַנדער איז סאָפּקאָל־סאָף אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿאַר אַ פּאָליטישן שטרײַק פֿון דער טעכנישער שול, ווו ער האָט זיך געלערנט. שפּעטער האָט די פּאַרטיי אים געשיקט קיין מאָסקווע, און דאָרט איז ער געוואָרן אַ ראַדיאָטעכניקער פֿאַר דער פּאַרטיי־אַרבעט. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז ער אַלס ראַדיאָ־פֿאַרבינדלער געשיקט געוואָרן מיט אַ דעסאַנט אין דעם ליטווישן הינטערגרונט און דאָרט געפֿאַלן אין שלאַכט.

דער ייִנגערער, יעווסיי, האָט אַפֿילו ביזן סאָף פֿון דער גימנאַזיע ניט דערצויגן. אין איינעם פֿון די עלטערע קלאַסן האָט ער אָרגאַניזירט אַ פֿײַערונג לעקאָוועד דעם ערשטן מײַ. די סטאַטעטשנע גימנאַזיע האָט אַזוינס ניט געקאָנט דערלאָזן: דער „בונטאָוושטשיק" איז אויסגעשלאָסן געוואָרן. די שילער פֿון זײַן קלאַס האָבן דורכגעפֿירט אַ פּראָטעסט־שטרײַק, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפֿן. דער

פֿונעם שרײַבערס שפּעפּרישער יערושע.

יונגער יאַצאָווסקי האָט באַשלאָסן זיך פּראָלעטאַריזירן. א נייגונג צו מאָלערײַ האָט ער געהאַט, איז ער אוועק אלס לערן־יונג צו א שילדן־מאָלער. נאָר אויך אין אָט דער ארבעט האָט ער ארײַנגעטראָגן זײַן אייגענעם נוסעך. אַנשטאָט אָנמאָלן א ליאַלקע אַף דער באַשטעלטער שילד פון דער פּאַריקמאַכערײַ האָט ער אָנגעמאָלט דאָס איידעלע געשטאַלט פון א יונגער האָרעפּאַשנער פרוי.

ניט לאַנג האָט געדויערט די דאָזיקע טעטיקײַט זײַנע. די מילדע שטראָף־רייד פון די עלטערן האָבן ניט געווירקט. נאָר אַז א מיטגליד פון צק, וואָס איז געווען אַן ארײַנגייער אין זייער שטוב, האָט אים גענומען אַפן צימבל און אים דערקלערט, אַז פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט קומען צו דער מאַכט, וועלן נייטיק זײַן געבילדעטע מענטשן און אַז ער, יעוווסיי, וועלכער האָט די מעגלעכקײַט זיך צו לערנען, טאָר בעשום־אויפן ניט פאַרנאַכלעסיקן די דאָזיקע מעגלעכקײַט, האָט עס געהאָלפן. ער האָט זיך ווידער גענומען צום לערנען, ארײַנטרעטנדיק אין אַן אַנדער גימנאַזיע. שפּעטער איז ער געוואָרן דער פאַרבינדלער פונעם צק, געשאַפן איליוסטראַציעס צו דער אומלעגאַלער צײַטונג „טיעסאַ" („עמעס"), געמאַכט פּלאַקאַטן און געצייכנט אופרופן צו די סאָלדאַטן.

דאָס 1940 יאָר, ווען ליטע איז געוואָרן סאָוועטיש, האָט ער באַגעגנט אלס סאָלדאַט אין דער ליטווישער אַרמיי. ער איז טייקעף געוואָרן פּאָליט־קאָמיסאַר אין דער ראָטע, ווו ער האָט געדינט.

די גרויסע פּאָטערלענדישע מילכאָמע האָט ער דורכגעמאַכט אין דער 156־טער ליטווישער דיוויזיע. געווען אַן איבערגעגעבענער קאָמאַנדיר, שטרענג געפאָדערט פון די אונטערגעאָרדנטע און ניט געשאָנעוועט אויך זיך.



נאָך דער מילכאָמע האָט ער פאַרענדיקט הינטער־אויגיק דעם אַלפאַרבאַנדישן יורידישן אינסטיטוט, געאַרבעט אין פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט אין ליטע און, אָנהייבנדיק פון 1959, געווען גאַנצע 20 יאָר דער לייטער פון דער יורידישער אָפּטיילונג פונעם סאָוועט. נאָכדעם איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אלס מיטגליד פונעם העכסטן געריכט פון ליטע. אָפט דרוקט ער אַרטיקלען און עסייען אין דער פּעריאָדיק, דערציילנדיק די הײַנטיקע לייענער וועגן דער העלדישער רעוואָליוציאָנערער פאַרגאַנגענהײַט. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אייניקע ביכער אַף דער דאָזיקער טעמע.

— סיוטאַ, — זאָג איך צו אים (אַזוי האָב איך אים גערופן, ווען ער איז געווען א ייִנגל און איך, א צוואַנציקיאָריקער, פלעג ארײַנקומען אין זייער שטוב אין פּאַרטיייִשער שליכעס, און אַזוי רוף איך אים אויך הײַנט, ווען ער איז א מיטגליד פון העכסטן געריכט), — סיוטאַ, זאָג מיר, ווער, לויט דײַן מיינונג, ביסטו אַף דער וועלט?

— א רעגוליאַטאָר! — שנײַדט ער קורץ און שאַרף אָפּ. ער האָט ליב עפעקטן.

— און אויב ערנסט?

זײַנע אויגן, טאָמיד שטיפערישע, א ביסל שקאָצעוואַטע, ווערן ערנסט.

— אינעם קעסל פון דעם ענערגאָ־גענעראַטאָר אַף דער אַטאָמישער עלעקטראָסטאַנציע בושעווען די זעלבע קויכעס, וואָס אין דער אַטאָמישער באָמבע, אין וועלכער דער אופרײַס איז ספּאָנטאַן, מאָמענטאַל און ניט־קאָנטראָלירבאַר. דאַקעגן אַף דער אַטאָם־סטאַנציע ווערט דער „אופרײַס" פאַרלאַנגזאַמט, קאָנטראָלירט דורך פאַרשיידענע רעגוליאַטאָרן און די אופרײַס־ענערגיע ווערט ארײַנגעפירט אין געהעריקן שטראָם־געלויף. דאָרט איז זי צעשטערעריש, דאָ איז זי געצוימט, נוצלעך פאַר די מענטשן. אַזוי אויך אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. עס בושעווען לײַדנשאַפטלעכע קויכעס. זיי קענען צעשטערן דאָס מענטשלעכע צוזאַמענלעבן, ווען זיי ווירקן ווילד, אומגעצוימט. די אופגאַבע פונעם געזעץ איז — טאָרמאָזירן די לײַדנשאַפטן, ארײַנפירן זיי אין א געהעריקן שטראָם־געלויף, מאַכן זיי נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט. אין דעם פאַל בין איך א טייל פונעם גרויסן מעכאַניזם, וואָס רופט זיך רעגוליאַטאָר...

אַזאַ איז ער, יאַצאָווסקי. אויך אַפן אָלימפּ איז ער ניט קיין „אָלימפּיִער", נאָר א בײַסיקער, שאַרפער קעמפער פאַר געזעצלעכקײַט און הומאַנישקײַט, וואָס האָט אויסשליסלעך אין זינען די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט. אינעם דאָזיקן קאַמף איז ער קאָמפּראָמיסלאָז.

און זײַן נייגונג צו מאָלערישער קונסט, וואָס ער האָט אונטערדריקט אין זיך אין דער יוגנט לעשעם זײַן ברויזנדיקן קאַמף אין דער אונטערערד? איך מיין, אַז א געוויסע טרייסט פאַר דעם געפינט ער אין זײַנע דרײַ קינדער, צוויי זין און א טאָכטער, וועלכע זײַנען אויסגעוואַקסן שוין אין דער פרידלעכער צײַט און זיי זײַנען געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע מאָלער.

אומבאַוווּסטע בלעטלעך פֿון איסאַק באַבעלס לעבן

די פּערזענלעכקייט פֿון איסאַק באַבעלן אינטערעסירט אונדז אַלעמען. אין דער לעצטער צײַט באַווײַזן זיך נײַע פּובליקאַציעס. צום בײַשפּיל, אין זשורנאַל „אָקטיאַבער" נומ. 10 פֿאַרן יאָר 1989 איז פֿאַרעפֿנטלעכט ווייער אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל פֿון ג. א. בעלאַיאַ, דאָקטאָר פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן, „דאָס דריטע לעבן פֿון איסאַק באַבעלן". דער אווטאָר שטעלט אונטער אַ סאָפֿעק די אווטאָביאָגראַפֿישקייט פֿון באַבעלס דערציילונגען „די געשיכטע פֿון מײַן טויבנשלאַק" און „מײַן ערשטע ליבע". דער אווטאָר שרײַבט: „וו. פּאַלאַנסקי איז געווען איינער פֿון די ערשטע, וואָס האָט אָנגענומען באַבעלס דינע סטיליזאַציע פֿאַר אַ בוכשטעבלעכן עמעס, געגלייבט, אַז דער קינפּטיקער שרײַבער איז געבוירן געוואָרן און האָט געלעבט אין אַ קעלער־שטוב און האָט איבערגעלעבט אַ ייִדישן פּאָגראָם".

מיר זײַנען זיך מודיע — מיר האָבן אויך געגלייבט אין דער פֿאַקטישער עכטקייט פֿון די אָנגערופֿענע דערציילונגען. ווען מײַן קאָלעגע עדוואַרד גײַסינסקי האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק קעגנגעשטעלט און פֿאַרגלײַכט די פֿאַקטן פֿון די דערציילונגען מיט די אָנגאַבן, וואָס געפֿינען זיך אין אייניקע קאָנטקענטעניש־אויסגאַבעס, האָט ער פֿעסטגעשטעלט, אַז די פּערסאָנאַזשן פֿון באַבעלס דערציילונגען — דער אינספּעקטאָר פּיאַטניצקי, דער הויז־באַלעבאָס א. רובצאָוו, די זין פֿונעם בעקער קאַלוסטאָוו (אין דער דערציילונג „קאַליסטאָוו") — זײַנען געווען רעאַלע מענטשן. דאָס הויז פֿון א. רובצאָוון אויף דער ריבנאַיאַ־גאַס, נומ. 5 (איצט טשקאַלאָוו־גאַס, נומ. 7) איז טאַקע דאָרט געשטאַנען (און שטייט ביז איצט).

אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן פֿעסטשטעלן, אַז אייניקע פֿאַקטן זײַנען מיט דער הילף פֿון באַבעלס פֿאַנטאַזיע איבערגעטראָגן געוואָרן פֿונעם אָדעסער לעבן אויפֿן באָדן פֿון דער שטאָט ניקאָלײַעוו, צום בײַשפּיל, די דערמאָנטע פֿאַמיליע עפֿרוסי. אין ניקאָלײַעוו איז ניט געווען קיין שילער עפֿרוסי אין דער גימנאַזיע, אָבער אין אָדעס איז עפֿרוסי געווען דער דירעקטאָר פֿון אַ גימנאַזיע. און קיין כּידעש איז דאָ ניטאָ. דאָס איז דאָך אַ קינסטלעריש ווערק.

ווענן די דאָזיקע אויספֿאָרשונגען איז געווען מיטגעטיילט אין דער צײַטונג „יוזשנאַיאַ פּראַוודאַ" אינעם אַרטיקל פֿון ע. אי. גײַסינסקי „דער אַדרעס פֿון באַבעלס טויבנשלאַק".

אויף דעם זײַנען די זוכונגען ניט געווען פֿאַרענדיקט.

קעדיי זיך גענויער באַקאַנען מיט דעם, ווי עס האָבן זיך אויסגעפֿורעמט באַבעלס אָנשויונגען, וויאַזוי ער האָט זיך געלערנט, האָב איך זיך געווענדט צו די אַרכיוו־מאַטעריאַלן וועגן באַבעלס קינדהייט, און אין זיי האָב איך געפֿונען אַ סך ידיעות, וואָס זײַנען פֿריִער געווען אומבאַקאַנט.

ערשטנס, איז פֿעסטגעשטעלט, אַז געלערנט האָט זיך באַבעל ניט אין דעם צוגרייטונגס־קלאַס פֿון דער ניקאָלײַעווער גימנאַזיע, נאָר אין דער ניקאָלײַעווער קאָמערציעלער שול פֿאַר ייִנגלעך אויפֿן נאָמען פֿון ס. יו. וויטע, וועלכע האָט זיך געפֿונען אויף טאַוורישעסקאַיאַ־גאַס, נומ. 12 (איצט אַרטילעריסקאַיאַ, נומ. 17. ס'איז בײַגעלייגט אַ פֿאָטאָרעפּראָדוקציע פֿון דער געבײַדע). אין העסקעם מיטן סטאַטוט, האָט די שול באַדאַרפֿט געבן די שילער אַלגעמיינע בילדונג און זיי גרייטן צו קאָמערציעלער טעטיקייט און צו די פֿאָלגנדיקע שטעלעס: בוכהאַלטערס, קאָנטראָליאָרן, פּריקאַזטשיקעס אין די קראָמען, קאָנטאָרן, פֿאַבריקן. אין דער שול פֿלעג מען אָננעמען קינדער פֿון סאָחרים, מעשטשאַנעס און אַנדערע שטאַנדן אין צעניאָריקן עלטער. די דאָזיקע שול איז צוגערעכנט געווען צו די מיטעלע בילדונג־אַנשטאַלטן. די שילער, וועלכע האָבן געענדיקט דעם קורס, האָבן באַקומען דעם טיטל ערן־בירגער און די, וואָס האָבן געענדיקט אַלס אויסגעצייכנטלער — דעם טיטל קאַנדידאַט פֿון קאָמערציע.

ס'האָט זיך פֿאַרהיט אַן אויפֿנאַם־בוך פֿון דער ניקאָלײַעווער קאָמערציעלער שול, דאַטירט פֿון נאָיאַבער 1903 יאָר, ווו עס זײַנען פֿאַרשריבן די נייטיקע אָנגאַבן: „ביאָגראַפֿישע ידיעות און עקזאַמען־צייכנס פֿון נײַ־אויפֿגענומענע שילער". אונטערן אָרדנטלעכן נומער 52 איז פֿאַרשריבן איסאַק באַבעל, געבוירן אין אָדעס אין 1894 יאָר, פֿון ייִדישן גלויבן. דער פֿאָטער — אַ סקווירער מעשטשאַנין, מיטגליד פֿון דער ניקאָלײַעווער בירזשע. עקזאַמען־

נירט זיך אין צוגרייטונגס־קלאַס". אין דער רובריק: ווּ זיך געלערנט? — איז געזאָגט: אינדערהיים. אין דער עקזאַמען־ליסטע זײַנען פאַרשריבן די קעגנשטאַנדן און די צייכנס, וועלכע דער שילער האָט באַקומען: „זאַקאָן באָזשי" — 5, רוסישע שפּראַך (אויסווייניק) — 5, ענדגילטיקער עקזאַמען־צייכן — 5, אַריפמעטיק — 5. אין דער זעלבער ליסטע, אין דער רובריק באַשטעטיקונג פונעם פּעדראַט: „ניט אָנגענומען איבער דעם מאַנגל אין וואַקאַנסיעס"... און ער האָט באַשטימט זיך שטאַרקער גרייטן צו אַ צווייטן עקזאַמען אין קומענדיקן יאָר אין ערשטן קלאַס.

ביִאָגראַפיש אין דער פולער מאָס זײַנען דאָקומענטירט זײַנע דערמאָנונגען, אַז „...אינדערהיים האָט מען אים פון אינדערפרי ביז באַנאַכט געצוווּנגען זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפטן, און ביזן 6־יאָריקן עלטער האָט ער לויט דער שטרענגער פאָדערונג פונעם פאָטער דערלערנט לאָשנקוידעש — דעם כומעש און דעם טאַלמוד".

אין דער דערציילונג „די געשיכטע פון מײַן טויבנשלאַק" שרײַבט באַבעל אַז „...אויספילנדיק די פאַרגעבונגען פון דעם היימישן לערער", האָט ער זיך געגרייט אָנקומען אין צוגרייטונגס־קלאַס פון דער אויבנאָנגערופענער שול.

אין דער דאָזיקער דערציילונג איז טאַקע אַלץ אויטאָביִאָגראַפיש: די היימישע צוגרייטונג, דאָס זוברעווען, דאָס דערפאָלגרײַכע אָפּגעבן די עקזאַמענס... און די פאַמיליע פונעם אינספּעקטאָר איז אָנגעוויזן ריכטיק.

זייער רירנדיק באַשרײַבט באַבעל זײַנע איבערלעבונגען אין שײַכעס מיט דעם, וואָס, כאָטש ער האָט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס בעסער פון אַנדערע, האָט מען אים פונדעסטוועגן ניט אָנגענומען: די סיבעס זײַנען געווען — די פּראָצענטנאָרמע, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט, און דאָס, וואָס דער ברויט־הענדלער ה. עפּרוסי „האָט דערלאַנגט פאַר זײַן זון כאַבאַר, וואָס עס האָט באַטראָפן פינף הונדערט רובל", און זײַן זון איז אָנגענומען געוואָרן (אינעם צעטל איז די פאַמיליע עפּרוסי ניט פאַראַן).

אין דער ליסטע וועגן די דערפאָלגן און אויפירונג פון די שילער פונעם ערשטן קלאַס פאַרן 1904 — 1905 לערניאָר אונטער דעם נומ. 3 שטייט די פאַמיליע באַבעל איסאַק, און עס זײַנען געבראַכט די אָפּשאַצונגען פאַרן האַלביאָר און אויך די צייכנס פאַרן גאַנצן יאָר: פאַר דער אויפירונג, רוסישער שפּראַך, „זאַקאָן באָזשי", פאַר דײַטש און פראַנצויזיש — פינפן, פאַר געאָגראַפיע, קאַליגראַפיע, אַריפמעטיק און מאָלערײַ — דרײַען, די באַשטימונג פונעם פּעדאַגאָגישן ראַט: ער „ווערט איבערגעפירט אין צווייטן קלאַס".

ס'איז מערקווירדיק דער פאַקט, וואָס דער דירעקטאָר פון דער קאָמערציעלער שול טיילט מיט (1905.IX.5) דעם קרײַז־אינספּעקטאָר איבערן לערן־אָפּטייל:

„...דער לערן־אָפּטייל האָט אין הסכּם מיט דער הישטאַדלעס פונעם האַזשגאָכע־ראַט צו וויסן געגעבן אין אַ טעלעגראַם, אַז דער הער געהילף פונעם מיניסטער האָט דערלויבט אָנעמען אין לויפנדיקן יאָר איבער דער נאָרמע נאָך 35 ייִנגעלעך ייִדן. די הישטאַדלעס פון דעם האַזשגאָכע־ראַט איז באַגרינדעט אויף דער נויטווענדיקײַט צו



דאָס הויז נומ. 12 אויף דער טאַוריטשעסקאַיאַ־גאַס (איצט — אַרטילעריִיסקאַיאַ־גאַס, 17), ווּ עס האָט זיך געפונען די ניקאָלײַעווער מאַנצבלשע קאָמערץ־שול אויף דעם סטאַטס־סעקרעטאַר ס. יו. וויטעס נאָמען

פאָטאָ — ג. וואָלטשאַנאָוו

באַפרידיקן דעם פּאַרצוג קעגן אַנדערע, וואָס עס האָבן די מיטגלידער פון דער בירזשע־געזעלשאַפט (אין העסקעם מיטן סטאַטוט), זייערע קינדער זאָלן אָנגענומען ווערן. די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל שילער קעגן דער נאָרמע צו צוויי אין יעדערן פון די פיר קלאַסן ווידערשפּרעכט ניט די פאָדערונגען פון היגיענע".

דער קרייַז־אינספּעקטאָר באַשטעטיקט אין זייַן בריוו פון 12 סעפּטעמבער 1905, אַז קיין דערווידערונגען זייַנען ניט פאַראַן.

אין די אַרכיוו־פאָנדן האָט זיך פאַרהיט אַ בריוו פונעם פאָרזיצער פון דעם האַנדלסאַכער־ראַט און בירזשע־קאָמיטעט וולאַסטעליצאַ געאָרגי אַנטאָנאָוויטש צום פינאַנץ־מיניסטער וועגן אָננעמען אין דער אויבנדערמאָנטער שול 35 שילער ייִדן איבער דער 50% נאָרמע.

די נוצלעכע טעטיקייַט פון דעם דאָזיקן מענטשן איז געווען אָפּגעמערקט מיטן צוגעבן אים דעם טיטל קאָמערציעלער ראַטגעבער. אָן רעגונג קאָן מען ניט לייענען: „...אין לויפנדיקן יאָר האָבן פאַרלאָזט די שול 25 שילער קריסטן, וואָס עס האָט געבראַכט צו אַן ענדערונג אין דער פּראָצענט־נאָרמע. אַזוי אַרום, ווען די שילער קריסטן קומען אָן הייַנטצוטאָג, פאַרפּילן זיי בלויז די געמינערטע פּראָצענט־נאָרמע, אין דער צייַט, ווען פאַר ייִדישע קינדער בלייַבן ניט קיין וואַקאַנסיעס. די לאַגע איז אַ קריטישע און אויסגאַנגסלאָזע. די שול האָט פרייַע ערטער, אין אירע טירן קלאַפּן קינדער, וועלכע האָבן אויסגעצייכנט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענעס. די עקזיסטירנדיקע באַגרענעצונגען נעמען אָפּ די מעגלעכקייַט צי באַקומען בילדונג בײַ אַ קאָלאָסאַלן קאָנטינגענט, וואָס נייטיקט זיך אין איר זייער און זייער. כּוח דעם, לייגן זיך די געבליבענע וואַקאַנטנע ערטער אַלס שווערע לאַסט אויפן בודזשעט פון דער שול.

נעמענדיק דאָס אין אַכט, נעם איך אויף זיך די דרייסטקייַט צו ווענדן זיך צו אייַך אין נאָמען פון דעם בירזשע־קאָמיטעט, וועלכער האַלט אויס די שול, מיט אַ ביטע ניט אָפּזאָגן אונדז אין אַ דרינגענדער פאַראָרדענונג, מאַכמעס די לימודים הייבן זיך אָן דעם 26 אויגוסט, צו דערלויבן אָננעמען 35 שילער ייִדן אויסער דער 50% נאָרמע. איך דערלויב זיך אויסדריקן די האָפענונג פונעם האַנדלסאַכער־ראַט אויף דער הומאַנישער וווילגענייגטער באַציִונג... די באַפרידיקונג פון דער באַקאַשע וועט דינען דער זאַך פון בילדונג און וועט טרייסטן די עלטערן, וועלכע וואַרטן מיט האַרץ־ציטערניש אויף אַן ענטפער".

אַזוי אַז ס'איז פולקום ביִאָגראַפיש דאָקומענטירט די גרויסע פרייד אין עמאַנויִל באַבעלס מישפּאָכע, וואָס זי איז פאַרבונדן ניט בלויז מיטן דערפאָלגרייַכן אויסהאַלטן די אַרייַנטריט־עקזאַמענעס אין ערשטן קלאַס, נאָר אויך מיט דעם, וואָס עס זייַנען צעזייט געוואָרן דער מאַמעס ספּייקעס וועגן קויפן אַן אוניפאָרם־העמדל, כּוח „זיך פאָטאָגראַפירן באַם פאָטאָגראַף צוליב אַ גרויסן פּאָרטרעט".

„דעם צוואַנציקסטן סעפּטעמבער 1905 איז געווען אַרויסגעהאַנגען דאָס צעטל פון די אָנגענומענע אין 1־טן קלאַס. אין דער טאַבעלע איז דערמאָנט געווען מייַן נאָמען. אַלע קרויווים זייַנען געגאַנגען אָנקוקן דאָס דאָזיקע פּאַפּיר, אַפילו מייַנע שיינע שעבעשלישי זיידע שויעל" (וועלכער איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן בייַסן פּאָגראָם) — אָט האָט איר די פּוּלע ביִאָגראַפישקייַט פון די באַשריבענע געשעענישן, וועלכע זייַנען באַשטעטיקט דורך רעאַלע פּערזענלעכקייַטן: דער מאַזשגיעך פּיאַטניצקי, וועלכער איז דערמאָנט אין דער דערציילונג „די געשיכטע פון מייַן טויבנשלאַק", האָט געלעבט אין ניקאָלײַעוו. עמעס, ער איז געווען אינספּעקטאָר פון די פאָלקס־שולן אין 5־טן ראַיאָן פון דער כערסאָנער גובערניע.

די פאַרבינדונג פון באַבעלן מיט דער שטאָט ניקאָלײַעוו איז איבערגעריסן געוואָרן אין שייַכעס מיט דעם, וואָס דעם 18 אָקטיאַבער 1905 האָט מען אין טעלעגראַמעס פון פּעטערבורג און קיִעוו מיטגעטיילט:

„אַזוי ווי די שטימונג אין שטאָט איז אַן אומרויִקע, האָט דער האַנדלסאַכער־ראַט אין העסקעם מיט דער אָנווייַזונג פונעם גראַדאָנאַטשאַלניק איבערגעגעבן דעם פּעדאַגאָגישן קאָמיטעט אַ פאָדערונג צייַטווייַליק איבערייַסן די אַרבעט פון דער שול", און אין דער זעלבער צייַט איז באַבעל איבערגעגאַנגען אין צווייטן קלאַס.

אין דער „געשיכטע פון מייַן טויבנשלאַק" זייַנען באַשריבן בילדער פונעם פּאָגראָם, דער גורל פון אי. באַבעלן און זייַן טויבנשלאַק. אַ פאַרבלוטיקטער... „בין איך געלעגן אויף דער ערד און די אינגעווייַדן פון דעם צעקוועטשטן פויגל האָבן גערונען איבער מייַן שלייף..." געניי איז באַשריבן דער טויט און די קוורע פון שויעלן. באַבעל איז שווער פאַרשלאָפט געוואָרן, און אינגיכן איז די פאַמיליע אַרויסגעפאָרן קיין אָדעס (אין 1905 יאָר).

דעם 4 אָקטיאַבער 1989 איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשטימונג וועגן פאַרייביקן דעם אָנדענק פון אי. ע. באַבעלן אין דער שטאָט ניקאָלײַעוו — אייַנשטעלן אַ מעמאָריאַל־ברעט אויף דער געבייַדע פון דער געוועזענער קאָמערציעלער שול פאַר ייִנגלעך אויף דער אַרטילעריִיסקאַיאַ־גאַס, נומ. 17 מיטן פאָלגנדיקן טעקסט:

„דאָ, אין דער קאָמערציעלער שול פאַר ייִנגלעך אויפן נאָמען פון ס. יו. וויטע, האָט אין די יאָרן 1903 — 1905 זיך געלערנט איסאַק עמאַנויִלאָוויטש באַבעל (1894 — 1940), דער רוסישער סאָוועטישער שרייַבער".

ס'וואָלט זיך געוואָלט ווינטשן, אַז די קינפּטיקע אויטאָרן זאָלן ניט איבערשפּרינגען גלייַך צו דעם 13 — 14־יאָריקן עלטער פונעם שרייַבער, נאָר זיך רעכענען מיטן לעבנס־פּעריִאָד פון אי. ע. באַבעלן אין דער שטאָט ניקאָלײַעוו, כאָטש דער בוך הייסט „אָדעסער דערציילונגען".

איכוויט אווערבוך,

מיטגליד פון דער סעקציע
פון די היסטאָריש־רעוואָליוציאָנערע
דענקמעלער פון דער געשיכטע און
קולטור פון דער שטאָט ניקאָלײַעוו

א נײַע ווערסיע פון „טעוויע דעם מילכיקן" אף דער רוסישער בינע

מיר זײַנען ניט מער ווי מענטשן...

די בינע איז אָפּגעצוימט מיט ברעטער — דאָרפיש גרויע, גראָב געהובליעוועטע. צווישן די ברעטער — שפּארונעס. און אין די שפּארונעס — ליכט און לופט. אין דער סאמע ברייטער שפּארונע שײַנט מיט לילאָווע פּײַערלעך א נעבעכדיק באגולניקבלימל, לעבן וועלכן ס׳קוקט ארויס דער קאָפּ פון א לעבעדיק פערד, א גרויע שקאפּע מיט אן אקוראט אונטערגעשוירן גריווקעלע און מיט טרויעריקע אויגן.

טעוויע דער מילכיקער לעבט אין אָט דער וועלט. אהער טראָגט ער זײַנע פריידן אוןליידן. דאָ איז אים גרינגער צו קלערן, צו טײַטשן פסוקים, שטעלן קאשעס און ניט באקומען קיין ענטפער. די גרויסע, אָן אופּברויזן און קולמינאציעס ראָל, וואָס באשטייט פון מאָנאָלאָגן, איז אויך געבויט אף באשטענדיקע צארטע באצי:ונגען פונעם מענטשן מיט באלעבטע און אומבאלעבטע זאכן אין זײַן „קליינער וועלט" — מיט די שאָרסטקע ברעטער, מיט א בלימל, מיט דער גריווקע פונעם פערד, מיטן זויבערן טישטעך אפן טיש, ווען ס׳קומט דער הייליקער שאבעס, מיט די בענטש־ליכט, מיט די ווארעמע קעפּעלעך פון די טעכטער. זיי אלע זײַנען פאר טעוויען דער אָנשפּאר.

די פּאָעזיע פונעם פאָלקס־כאראקטער אנטפּלעקט זיך אינעם אייגנארטיק־פּליסנדיקן ריטם, אין דעם „אויסזינגען" די ווערטער, ווי עס זאָגט לעוו טאָלסטאָי, אין טעוויעס פארברייטערטער צאָל קאָנטאקטן. ער רעדט מיט זײַן ווײַב, דער שיינהײַט גאָלדע, פּונקט ווי מיטן אייגענעם הארצן, שרײַט, קריגט זיך, שפּארט זיך מיט די ליבנדיקע, ניט־געהאָרכזאמע טעכטער. אים זעט אויס קאָמיש פערטשיקס היציקע דרייסטקײַט, און עס רירט אים טיף דער פרעמדער אומגעוווּנטשענער מאָטל — די אומזיניקע האָפענונג פון א קאַפּצן ארויסצורײַסן זײַן גליק באם שיקזאל.

נאָר טעוויעס מיטשמועסער זײַנען ניט בלויז מענטשן — דאָס זײַנען אויך די לופט און דער הימל, צו וועלכן ער הייבט אָפּט אוף זײַן קײַלעכדיקן קאָפּ, וואָס בייגט זיך ניט אײַן פאר קיין שום אומגליקן. אפילע מיטן ריבוינעשעלוילעם רעדט ער, ווי מיט זײַנס א גלײַכן — מיט דערעכערעץ, נאָר אָן האכנאָע. און די הייליקע פסוקים פונעם טאנאך טײַטשט ער אויס אף זײַן אויפן. אלע אין דער וועלט, וואָס רינגלט ארום דעם העלד, איז וויכטיק, פארדינט אכטונג און קאָוועד. און ער אליין איז א רינג, א גלײַכע מיט אנדערע רינגען אין דער אומענדלעכער און אייביקער קייט, וואָס ווערט ניט איבערגעריסן דורך באזונדערע צעשיידונגען און טויטן.

דער אויסוואל פונעם רעזשיסער מארק זאכאראָוו האָט זיך ארויסגעוויזן פאר ריכטיק. די ראָל, ווי עס שפּילט זי יעווגעני לעאָנאָוו, איז געוואָרן א געשעעניש אין אונדזער קונסט, א פאקטאָר פון אומקערן די מענטשלעכקײַט, וועלכע ווערט אזוי האסטיק געמינערט אף דער הײַנטיקער בינע און וואָס ווערט צעריסן אף שטיקער פון פארביטערונג און קאמף.

אין דעם, ווי לעאָנאָוו שפּילט טעוויען מיט זײַן צוגעבונדנקײַט צו דער ערד און צו די מענטשן, מיט זײַן מײַלע צו פארשטיין אן אנדערן, מיט זײַן אייגנארטיקן געדאנק, האָט זיך אנטפּלעקט די אָריגינעלקײַט פון לעאָנאָווס מײַסטערשאפט — דער געשמעלץ פון טרויעריקן און קאָמישן. זעט אויס, אז צווישן זײַנען הײַנטיקע קאָלעגן איז לעאָנאָוו דער איינציקער, וואָס איז אלציינס שטארק אין דער טראגעדיע און אין דער קאָמעדיע.

אין דער סצענע פונעם פּאָגראָם, א געצוווּנגענעם לויטן באפעל פון נאטשאלסטווע, ווען פאר די דאָרפישע אײַנוווינער, רוסן און אוקראַ:נער, איז א ביזאָיען כארעוו צו מאכן די אָרעמע ווירטשאפט פונעם שאָכן דעם האָרעפּאשניק, און די גוט באוווסטע פראזע, אז „די זשידעס האָבן געקרייציקט יעזוס קריסטוסן", קלינגט אזוי פארכאזערט און טעמפּ, — איז טעוויע רו:יק און פול מיט ווירדע. זייער בושע איז פאר זיך, זײַנע — פאר זיי. פירנדיק אן איראָניש־גיפטיקן די:אלאָג, האָט ער אפילע אין דער דאָזיקער סצענע אף די פּאָגראָמשטשיקעס קיין שום צאָרן ניט, בלויז אן עקל־געפיל און באדויערונג. ביז גאָר שאָלעם־אלייכעמיש איז דאָ דער הומאָר, דאָס שטארקסטע מיטל פאר זעלבסטפארטיידיקונג באם העלד.

דער ספּעקטאקל איז דורכויס א לירישער. עס זעט אויס, ווי ניט ער עפנט פאר אונדז די אוולעס

סצענעס פונעם ספעקטאקל „האזקאָרע־טפילע״



און אווירעס, נאָר ער פרעגט אונדז, צי מיר האָבן ניט פאַרגעסן אייניקע פּראָסטע נויטווענדיקע פאַרן מענטשן עמעסן, אַזעלכע ווי מיטלײַד, יושער און ליבע.

דער ספּעקטאַקל איז אַ ביסל איבערגעטריבן אין זין פון צײַט. צופּאַסנדיק זיך צו אונדזערע הײַנטיקע ווייטיקן און צאָרעס, שטרײַכט ער צופיל אונטער די פרײַנטשאַפט צווישן די אײַנוווינער פון אנאַטעווקע. שאָלעם־אליכעם איז אַ מענטש מיט אַ נאַטירלעכן ניט־פאַרקריפּלטן באַוווּסטזײַן, און ער נייטיקט זיך ניט אין אַזעלכע אַקצענטירונגען. ניט רעכטמעסיק איז, לויט מײַן מיינונג, די גרויסע צאָל קריסטלעכע ריטועלע מאָטיוון. די איקאָנעס מעג מען בעסער לאָזן פאַרן קלויסטער.

די שענסטע סצענע אין ספּעקטאַקל איז אָפּגעגעבן דער אַקטריסע ל. מאַטיושינאַ. גאָלדע, די מוטער, די היטערן פונעם הויז, די פאַרזעצערן פּורנעם דאָר, האָט שוין קיין קויעך ניט צו העלפן איר טאָכטער צייטל, וואָס גייט צו קינד מיטן ערשטלינג. איבער די דאָרפישע גאַסן און געסלעך, דורך די ווענט פון די שטיבער, פּינקטלעך און מיט פאַרשטאַנד, גלייבנדיק הייליק, אַז דאָס וועט דערגיין, שיקט זי צייטלען אירע אייצעס. און פאַרענדיקנדיק דאָס פאַרויסבאַשטימטע — שטאַרבט זי.

אַ מענטש איז געשטאָרבן, אַ מענטש איז געבוירן געוואָרן. מיר שעמען זיך ניט מיט אונדזערע טרערן, מיט ווייטיק אין האַרצן ווערלן מיר באַגלייטן דאָס הײַפל אָרעמעלײַט, אַרויסגעטריבענע פון זייער ערד — אויסער דעם טכום־האַמוישעוו אָדער אין דעם טכום־האַמוישעוו, איצט איז שוין שווער צו פאַרשטיין. בעראָש פון זיי שטעלט זיך אַוועק טעוויע. און מיר ווערלן שעפּ׳שען דערבײַ מיט די ליפּן: ווי פּרעכטיק, ווי גראַנדיעז קאָן זײַן דער מענטש, אויב ער איז אַ מענטש!

ו. מאַקסימאָוואַ

פאַרצווייפלטע ליבע

מיר דוכט, אַז עס לעבט אויס יענער טעאַטער, אין וועלכן עס אַרבעטן צוזאַמען אַן עכטער רעזשיסער און אַן עכטער אַרטיסט. דאָס האָט איצט שוין צום צווייטן מאָל באַשטעטיקט דער מאָסקווער טעאַטער אויפן נאָמען פונעם לעניניסטן קאָמיזשג מיט זײַן ספּעקטאַקל „האָזקאָרע־טפילע״, וועלכן עס האָט געשטעלט דער רעזשיסער מאַרק זאַכאַראָוו צוזאַמען מיט יעווגעני לעאָנאָוו אין דער ראָל פון טעוויע דעם מילכיקן.

דער שרײַבער גריגאָרי גאָרין האָט זײַן פּיעסע לויט שאָלעם־אליכעמס אומשטערבלעך ווערק ניט צופעליק אָנגערופן „האָזקאָרע־טפילע״. אין דעם ליגט דער טאָך. טפילע פאָדערט אינטימקײַט און גוטהאַרציקײַט.

ניין, זאַכאַראָוו האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון שוי־קונסט, פון טעאַטראַלישקײַט. נאָר ער האָט אַלץ אונטערגעאָרדנט דעם שטרענגן געשמאַק און דעם שטרענגן געדאַנק. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ פּאָעטישן ספּעקטאַקל.

זאַכאַראָוו האָט פאַרייניקט דאָס עכטע מיטן באַדינגלעכן, ניט ברעכנדיק די אינטאָנאַציע, דעם סטיל. אויב עכטקײַט — איז ביז אַוועקשטעלן אַ לעבעדיק ווײַס פערד אויף דער בינע, אין טעוויעס הויז. דאָס איז אַ קונץ זייער אַ געפערלעכער. ווי באַוווּסט, איז באַנאַנד מיט קינדער און מיט באַלעבאַטים אוממעגלעך צו שפּילן — עס זעט זיך בולעט אָן די אַקטיאָרישע אומנאַטירלעכקײַט. סײַדן מע זאָל זײַן לעאָנאָוו, דער אַרטיסט, וואָס געפינט זיך אויסער די גרענעצן פון פאַלשער שפּיל און אין אַבסאָליוט אָרגאַניש.

אויב באַדינגלעכקײַט — איז ביז באַווײַזן אומיסטן אָנגעקלעפּטע בערד, וואָס שטרײַכט אונטער, אַז די אַקטיאָרן, וועלכע שפּילן שטענדיק רוסן, שפּילן איצט ייִדן. און אַז דאָס איז גראָד ניט דאָס וויכטיקסטע. וויכטיק פאַר אונדז איז די האַרציקע אויפמערקזאַמקײַט פון איין פאָלק צום צווייטן.

פאַרצווייפלונג פון קימפּעט־ווייען און שווערקײַט פון געווינטער מי... זאַכאַראָוו האָט אַוועקגעשטעלט אַ ספּעקטאַקל וועגן דעם שאַרפסטן, ווייטיקדיקסטן, בלוטיקנדיקסטן. אַוועקגעשטעלט האָט ער דעם ספּעקטאַקל מיט ווייטיק, מיט אַזאַ אויפריכטיקײַט, וואָס נייטיקט זיך אין אַ טפילע. און עס קלינגען אין ספּעקטאַקל טפילעס רוסישע, טפילעס ייִדישע... מיט דער הויכער ריינקײַט זייערער, רופנדיק צום איקערדיקן — צו גוטסקײַט, באַרעמהאַרציקײַט, מיטלײַד. אַנדערש קאָן געשען עפּעס שרעקלעכס, אומפאַריכטלעכס, אומענטשלעכס. ערגעץ־ווו קומט עס שוין פאָר. קורץ און אָפּדערגיך גייט דורך אין ספּעקטאַקל די סצענע פון אַ פּאָגראָם. די כאָכמע און דער אינערלעכער טאַקט פון די שעפער פון דער „האָזקאָרע־טפילע״ אַפּעלירן צום טאַקט און צו דער כאָכמע פונעם זאַל, צו אונדזער ביטערער היסטאָרישער און ערשט־נעכטיקער דערפאַרונג. פּאַטאָלאָגיע און נאַטוראַליזם זײַנען ניט קיין אָביעקטן פון דער קונסט. אירע אַדרעסאַטן זײַנען אונדזערע נעשאָמעס. צו זיי ווענדט זיך דער ספּעקטאַקל.

ריכטיקער — דער מאָנאָספּעקטאַקל פון יעווגעני לעאָנאָוון. קלוגשאַפטלעך און גראַציעז שפּילט דאָ אַ. אַבדולאָוו, לײַדנשאַפטלעך און שטאַרק — ל. מאַטיושינאַ.

איך געדענק, ווי אין איינעם אַן אַרטיקל האָט מען לעאָנאָוון אָנגערופן „אַן אַקטיאָר אַ ווערטלזאָגער״. אין דער ראָל פון טעוויען זאָגט ער ניט קיין ווערטלעך, ער זאָגט טרייסטווערטער. און ניט קיין קאָמיקער איז ער — אַ טראַגיקער, ער דעקלאַמירט ניט — ער טרויערט. ער שטאַלטיקט זיך איבער, נאָר בלײַבט באַם אייגענעם געמיט.

„עס ווילט זיך זייער אַנטפּלעקן אין דער גאַנצער טיף דעם כיין פון דער נעשאָמע פון אַ פּראָסטן גוטן מענטשן״, — האָט געזאָגט לעאָנאָוו וועגן אַן אַנדער ראָל, נאָר דאָס קאָן מען זאָגן אויך וועגן טעוויען.

„און ער האָט עס פאַרשטאַנען. זיך צעשמייכלט בא זיך אין האַרצן און איז מויכל געווען. מאַכמעס גוטסקײַט — דאָס איז דער טאָך פון זײַן גאַנץ לעבן״, — דאָס איז אויך וועגן טעוויען.

„ער פאַרמאָגט אַ זעלטענעם טאַלאַנט — אַ טאַלאַנט פון גוטהאַרציקײַט: זײַן גוטסקײַט קאָן קלעקן

„פאר דער גאנצער וועלט". דאָס איז אויך וועגן טעוויען.

א באליביקער אוטאָרישער טעקסט קלינגט בא לעאָנאָוו, ווי ער וואלט אימפּראָוויזירט. זײַן טעוויע איז א פארקערפּערונג פון איידלקײַט און אינערלעכער ווירדע, הומאָר און כאָכמע. און פול מיט גרויסן הארצרײַסנדיקן אומעט איז זײַן געמיט. און אונדזערס.

וועגן איינער זײַנער א ראָל האָט מען געשריבן: „פאר די זינד פון פארברעכער ענטפערן הייליקע". אין דעם האָט לעאָנאָוו ווידער אונדז דערמאָנט.

אין אָנהייב פונעם ספּעקטאקל וועט דער ארטיסט ארויסגיין צו אונדז אין דזשינסאָוון אָנצוג און זאָגן, אז די ייִדן האָבן געטרוגן שאבעס און די רוסן — זונטיק, די רוסן האָבן אראָפּגענומען די היטלען, און די ייִדן האָבן די היטלען ניט אראָפּגענומען קיינמאָל. ער וועט אָנטאָן דאָס קאשקעטל און וועט ווערן א טעוויע... אין פינאל וועט ער דאָס דאָזיקע קאשקעטל אראָפּנעמען און ס'וועט קלינגען א רררסישע טפילע. און איצט וועט שוין ניט טעוויע, נאָר לעאָנאָוו אײַך רופן ניט באגיין קיין זינד, קיין אווירע.

ס'איז נאָך שטארק דער קויעך פון דעם, וואָס צעטיילט די מענטשן בא הײַנטיקן טאָג. און נייטיק איז צו זוכן דאָס, וואָס פארייניקט!..

ס. אָווטשיניקאָווא

ווער דארף עס?

„האזקאָרע־טפילע" איז א ווערק, וואָס איז אוואדע אינגאנצן א הײַנטצײַטיקס. שאָלעם־אלייכעמס העלדן ווערן באוווּסטזיניק דערנעענטערט צו אונדז, צום הײַנטיקן לעבן. זעענדיק די אומגליקן, וועלכע גייען פּוסטריט נאָך טעוויען, וועלכער וויל בלויז איינס — לעבן מענטשלעך, נאָר עס באקומט זיך ניט, — קוקן מיר זיך אײַן און טראכטן זיך אײַן אין זיך אליין. די גרויסקײַט פון דער נעשאָמע און דאָס שווערע לעבן באם פּראָסטן מענטשן גיט פּרעכטיק איבער דער ארטיסט יעווגעני לעאָנאָוו. וועגן אים ווילט זיך אפילע ניט זאָגן, אז ער שפּילט — אזוי אָרגאניש איז אין זײַן ראָל (איך האָב ניט מוירע צו זאָגן!) דער גרויסער ארטיסט. די ביטערע פראגע פון לייזער־וואָלפן, וועלכן עס שפּילט גלענצנד וו. לאריאָנאָוו, ווער דארף עס, אז לייזער־וואָלף זאָל זאָגן: „גוד בײַ"? — איז געווענדט צו אונדז. און וואָס קאָנען מיר ענטפערן דעם, וואָס האָט קיין אנדער אויסוועג ניט, כוץ פאָרן אין דער פאנטאסטיש ווײַטער אמעריקע, וועגן וועלכער אין אנאטעווקע האָט מען קוים עפּעס געהערט. און ווירקלעך, ווער דארף עס?

דאָס גליק פון א מענטשן באשטייט דאָך אין דעם, ער זאָל לעבן בעשאָלעם מיט די שכיינים, טאָן זײַן זאך, אויסגעבן זײַנע טעכטער... דאָס דאָזיקע גליק ווערט האָפענונגסלאָז צעשטערט. דערבײַ זעט עס אויס אזוי, אז דאָס גליק צעשטערן יענע מענטשן, מיט וועלכע דו האָסט נעכטן געלעבט פרידלעך זײַט בא זײַט.

דער גוטמוטיקער בײַכיקער אוריאדניק (ארטיסט ס. סטעפּאנטשענקאָ) איז א ביסל א טעמפּלעכער, א ביסל א שרײַער, נאָר אין אלגעמיין אפילע א מענטש א סימפּאטישער. אים וועט אויסקומען אָנטאָן דעם מונדיר, אָפּגעבן טשעסט לויט דער פאָרם, קעדיי דורכפירן אין לעבן די אבסאָליוט אומענטשלעכע פאראָרדענונג. אגעוו, פאר דעם, אז די געהעריקע פאָרם זאָל זײַן אָפּגעהיט, האָט געקעמפט דער רעוואָלוציאָנער־געשטימטער סטודענט פּערטשיק (ארטיסט אי. אגאפאָוו). דאָס דארף זײַן באטראכט אלס א שארפזיניקער קאָמענטאר פונעם טעאטער בענעגייע אונדזערע הײַנטיקע באמיִונגען צו שאפן א רעכטלעכע מעלוכע. מיר ווייסן דאָך גוט, אז די טשינאָווניקעס האָבן שוין לאנג־לאנג זיך אויסגעלערנט צו האלטן זיך אײַזן־שטארק בא דער פאָרם, נאָר דעם מענטשן איז פון דעם דערווײַל גרינגער ניט געוואָרן.

די פּאָגראָמשטשיקעס טאָפּטשען זיך אף איין אָרט, זיי פארשטייען אליין ניט, פארוואָס זיי זײַנען אהער געקומען שלאָגן זייער שאָכן. אזוי האָט „די האראמאדע באשטימט" — קײַעט די ווערטער דער סטאראָסטע און גלייבט ניט זיך אליין. מיר גלייבן אויך ניט: מענטשן, פעלקער דארפן ניט אָט די פײַנטשאפט. דער דראמאטורג גאָרין און דער רעזשיסער זאכאראָוו האָבן באוויזן, ווער עס העצט אונטער, שטויסט צונויף די דארפישע אײַנוווינער. א צעיושעטע „דאמאטשקע" אין ברילן און אין א שווארץ קליידל. זי איז איינצײַטיק גאנץ קאָמיש און פּרעך. זי וועט זיך דערשלאָגן פונדעסטוועגן אירס. עס שפּילט זיך פאנאנדער א לעפּישער באלאגאן. און פּלוצעם — בלוט. בא טעוויען אף די הענט א דערהארגעט מיידעלע.

וועמען איז עס נייטיק? וועמען?

ווען פעלקער קריגן זיך, ווען עס גיסט זיך בלוט — הייסט עס, אז עמעצער האָט זיך פארמאָסטן אראָפּנעמען זײַן געזעטעניש. די צארישע רעגירונג האָט, שטיצנדיק פּאָגראָמען, פארפירנדיק אָן עקלדיקן פאָרס — דעם פּראָצעס פון בייליסן — געלייזט אירע פּראָבלעמען. סטאלין האָט איבערגעיאָגט יענע פּאָגראָמשטשיקעס, ארגאניזירנדיק דעם קאמף מיטן אזויגערופענעם „קאָסמאָפּאָליטיזם".

הײַנט, ווען מיר רײַסן זיך ארויס פון דער גײַסטיקער קנעכטשאפט, באמיִען זיך באהערשן אונדזער דאלעסדיקע עקאָנאָמיק, לייזן די פּראָבלעמען פון די נאציאָנאלע צווישנבאציִונגען, וויל א בייזער קויעך צעשטערן די פרײַנטשאפט, צערײַסן די פארבינדונגען צווישן מענטשן.

פונעם דארף אנאטעווקע בלײַבט אין סאָף פונעם ספּעקטאקל א קופּע אומנייטיק־שטעקנדיקע ברעטער און בערוועגעס. נאָר פאָרן אוועקגיין „אין דער וועלט ארײַן" וואשט פלײַסיק אויס טעוויעס עלטערע טאָכטער צײַטל (אקטריסע יע. שאנינא) די דילן אין שטוב — אזוי איז מען זיך נויעג. דער שאָכן סטעפּאן (ארטיסט ב. טשונײַעוו) וועט מיט פארשטאנד זאָגן, אז ביזוואנען עס זײַנען פאראן מענטשן, וועלכע טוען אין א שווערער צײַט דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך צו טאָן, — איז נאָך דאָ א האָפענונג.

א. סאלינסקי

ציטאַטעס פון דער סאָוועטישער פּרעסע

* * *

שוין פון לאַנג קאָן מען באַמערקן, אַז אויב דו ווּעסט אָפּשאַבן אַן אַנטיסעמיט, וועסטו אַנטפּלעקן אַ סוינע פון דעמאָקראַטיע, אַן אָנהענגער פון אַן אוטאָריטאַרער אָרדענונג, וואָס לעכצט אונטער אַ געטומל פון אַנטיסעמיטישע גוואַלדגעשרייען דערגידעריקן און צעטאָפּטשען דאָס אייגענע פאָלק. נאָך פאַר היטלערן איז די פאַרפאָלגונג פון ייִדן געווען אַ פּאָליגאָן, אויף וועלכן מע האָט אויסגעניצט מיטלען פון אָנוואַרפן אַ פּאַכעד און האַלטן אין צוים אַנדערע פעלקער, דערונטער דאָס אייגענע. נאָך דער כאַוער סטאַלין, וועלכער האָט אויך געוווּסט אין דעם אַ טאַלק, האָט אָנערקענט, אַז אַנטיסעמיטיזם — דאָס איז אַ צווישנפעלקערלעכע שפּראַך פונעם פאַשיזם. די דאָזיקע אָנערקענונג העלפט פאַרשטיין ניט בלויז די אייגענע טעטיקייט פון יאָסיף ווּיסאַריאָנאָוויטשן, נאָר אויך פיל זאַכן, וועלכע קומען איצט פאָר.

אגעוו, נאָך אינעם סאָף פון פאָריקן יאָרהונדערט, נאָך די עקסצעסן אין וואַרשע, האָט אַלעקסאַנדער III דערקלערט דעם דעמלטיקן גענעראַל־גובערנאַטאָר גורקאָ: „דאָס האַרץ מײַנס פרייט זיך, ווען מע שלאָגט ייִדן, אָבער דערלויבן דאָס טאָר מען בעשום־אויפן ניט". לאַכלוטן ניט דער סאַמע פאַרנונפטיקער פון די רוסישע קייסאָרים, אַן איבערצײַגטער קאָנסערוואַטאָר, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרטאָרמאָזירט די אַנטוויקלונג פונעם לאַנד און טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר די אופרײַסן, צו וועלכע דאָס האָט דערפירט, האָט פונדעסטוועגן זיך אָנגעשטויסן, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס ניט בלויז זיי פאַרקלעמען, נאָר דערמיט גופא פאַרגרעסערן זיי די טאָרמאָזירונג ביז אַזאַ מאַדרייגע, אַז אַ דירעקטער העזעק פון איר איז אַ סאַך העכער, איידער די פרייד פון דער שאָוויניסטישער פאַרשיקערונג.

(פּאָעל קאַרפּ. „קניזשנאָיע אָבאָזרעניִע",
נומ. 8, 1990)

* * *

פאַרשטייט זיך, אַז שאָוויניסטן זײַנען פאַראַן באַ אַ באַליביק פאָלק. איז לאָמיר טאַקע אַלע צוזאַמען, אינאיינעם אויסוואָרצלען די דאָזיקע פאַרקריפּלטע דערשײַנונג. עס ווילט זיך שטאַרק דערלעבן ביז יענעם טאָג, ווען אַ רוס, אַ ייִד, אַ טאָטער, אַ באַשקיר, אַ נענעץ זאָלן שטאָלצירן, וואָס זיי לעבן אין רוסלאַנד. מיסטאָם וועט דאָס זײַן דעמלט, ווען מיר אַלע צוזאַמען וועלן אײַנאָרדענען אונדזער עקאָנאָמיק, דאָס ביז גאָר צעוואַקלטע לעבן (...).

זײַנען דען לעוויטאַן און פּאַסטערנאַק ניט קיין רוסלענדלער? איז דען פאַר מאַנדעלשטאַמען רוסלאַנד ניט געוואָרן דאָס היימלאַנד בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייִד? רוסלאַנד איז געוואָרן פאַר זיי דאָס לעבן, דער גורל, די אומשטערבלעכקײַט. אין די טראַגישע יאָרן האָבן זיי ניט פאַרלאָזט די היימישע פאַר זיי ערד. זיי האָבן אפילע קיין שלעכט וואָרט וועגן איר ניט געוואָגט אַרויסצוזאָגן, זיי האָבן זי דערהויבן. ווײַל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ניט רוסלאַנד איז שולדיק אין יענער שרעקלעכער דראַמע, וועלכע זיי לעבן איבער צוזאַמען מיטן פאָלק (...).

לײַכט איז ליב באַקומען, ווען אַלץ אַרום איז גוט, אַלץ איז בעשעפע, ווען דאָס לאַנד איז געזונט און בליט. אָבער קאָנען ליבן עס אויף יעסענינס אופן, ווען „דער קאַנט מײַנער איז קראַנק", קאָן בלויז דער, וואָס האָט ליב מיטן האַרצן. אויסהיילן דאָס היימלאַנד — דאָס איז אַלציינס ווי אויסהיילן די מאַמע.

(ניקאָלײַ ראַטשקאָוו. „פּראַווּדאַ",
4 מאַרט 1990)

* * *

מעלוכישער גענאָציד בענעגייע גאַנצע פעלקער — צו קאַלמיקן, טשעטשענער, אינגושן, קרימער טאָטערן... דער מאָרד פונעם גרויסן ייִדישן אַקטיאָר מיכאָעלס, די צעגראָמירונג פון די אַזויגערופענע קאָסמאָפּאָליטן אין 1949, דער איניען פון די „דאָקטוירים־פאַרסאַמער" אין 1953, שווידערלעכע אַנטיסעמיטישע פעליעטאָנען אין די צײַטונגען... נאָך סטאַלינס טויט האָט צוערשט זיך געדוכט, אַז דאָס אַלץ וועט קיינמאָל זיך ניט איבערכאַזערן (...).

אָבער דער ראַסיזם, פונקט ווי דער סינדראָם „ספּיד", ווייסט ניט פון קיין גרענעצן. די מיקראָבן פון ראַסיזם האָבן גלענצנד זיך אַנטוויקלט אין דער גינסטיקער סוויווע פון סטאַגנאַציע — אין דער קאַדרען־פּאָליטיק, ווו דער פינפטער פונקט אין דער אַנקעטע האָט דערוואָרבן אַזאַ טראַגישע באַדײַטונג. אין דער לעצטער צײַט זעען מיר, אופציטערנדיק פון גרימצאָרן און בושע, אויפבליצן פון דער צעיושעטער עפּידעמיע פון ראַסיזם אָט אויף דער אייגענער גאַס, אָט אין דער נאָענטסטער שטאָט, אָט אין אַ ווײַטער רעפּובליק.

(פון דער „דעקלאַראַציע קעגן ראַסיזם",
וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן
אויף אַ פאַרזאַמלונג
פון דער שרײַבער־באַוועגונג
„אַפּרעל". „אָגאָניאָק",
נומ. 6, פעווראַל 1990)

אָפּשטעלן אין סאַמע אָנהייב!

א שמועס פון א קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „וויצעבסקי ראַבאָטשי“
מיטן שעף פון דער וויטעבסקער געגנטלעכער פּאַרוואַלטונג
פון אינערן־איניאַנים וו. אי. גריב

— וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוויטש, איך וועל אָנהייבן פון א בריוו, מיט וועלכן ס׳האָבן זיך געווענדט צום ערשטן סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי די מילכאָמע־וועטעראַנען ש. ז. שורסטערמאַן און ר. ב. ליובין.

זיי שרײַבן: „מיר זײַנען שטאַרק באַומרויִקט מיט דער שטאַרקער אַקטיוויזאַציע פון נאַציאָנאַליזם, בײַפּראַט פונעם אַנטיסעמיטיזם, אין לאַנד ביכלאַל און קאָנקרעט אין וויטעבסק, ווו מיר זײַנען געבוירן געוואָרן און האָבן אָפּגעאַרבעט אַריבער א האַלבן יאָרהונדערט. מיר האָבן מוירע ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר אונדזערע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך. איר דאַרפט מאַסקים זײַן, אַז מע קאָן ניט אָן אומרו קוקן, ווי עס רוקן זיך אָן פּאָגראָמען. מיקויעך דעם רעדט מען אָפן אין שטאָט־טראַנספּאָרט, אין פאַרשיידענע פלוגבלעטלעך, אין אַנאָנימע בריוו. עס ווערן קאָנקרעט אָנגערופן די דאַטעס פון ווילדער נעקאָמע איבער די „יידן־זשידעס“. אַזוי, איז אין פאַריקן יאָר אַלס אַזאַ דאַטע אָנגעוויזן געוואָרן דער 22 אַפּרעל — היטלערס געבורטסטאָג, און האַיאָר — דער 5 מײַ. עס ווערן אַרויסגערוקט פאָדערונגען (לויטן מוסטער פון קאַווקאַז): „יידן, פאַרנעמט זיך פונדאַנען, איר זײַט די סיבע פון אַלע צאָרעס אין לאַנד...“

מיר וואָלטן ניט אופגענומען דאָס אַלץ אַזוי ערנסט, ווען מיר זאָלן זען, אַז עס גילט דאָס אַרטיקל פונעם געזעץ, וואָס גאַראַנטירט א שטראָף ביז דרײַ יאָר טפּיסע פאַר אופהעצן די נאַציאָנאַלע סינע. אונדז איז ניט באַוווּסט קיין בײַשפּיל, ווען כאָטש איין מענטש וואָלט באַשטראָפט געוואָרן פאַר אַזאַ טעטיקײַט, זאָל זײַן אַפילע ניט מיט טפּיסע, נאָר כאָטש מיט א סימבאָלישער שטראָף. דאָס קאָן פאַרטײַטשט ווערן, אַז די רעכט־אָפּהיטנדיקע, די סאָוועטישע און, צום גרויסן באַדויערן, די פּאַרטייאָרגאַנען זײַנען אומטעטיק. מיר בעטן אײַך זאָגן אונדז אָפן: צי מע קאָן דאָ, ווו אונדזערע אָוועס האָבן זיך באַזעצט מיט פינף הונדערט יאָר צוריק, פאַרטיידיקן פון באַרבאַרײַ אונדזערע קינדער און אייניקלעך?.. עס זײַנען נייטיק ערנסטע מיטלען, קעדיי אויסמײַדן אַן אומגליק, פאַרזיכערן דאָס לעבן און די זיכערהײַט פון די קומענדיקע דורעס אין אונדזער פּילנאַציאָנאַל לאַנד“.

אַזאַ בריוו.

— אָקאָרשט, אין אײַער אָנוועזנהײַט, האָט מיר אָנגעקלונגען דער ערשטער סעקרעטאַר. ער האַלט אונטער זײַן קאָנטראָל, וויאַזוי עס ווערן אויסגעפילט די אויפטראָגן, וועלכע דער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי האָט איבערגעגעבן די רעכט־אָפּהיטנדיקע אָרגאַנען, קעדיי אַראָפּנעמען דעם אומרו פון די אווטאָרן פונעם בריוו. שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז מיר אַליין אַרבעטן אין דער פולער מאָס.

— צי עקזיסטירן אָבער סיבעס פאַר אַזאַ אומרו?

— דעם 28 דעקאַבער זײַנען אָנגעגעבן געוואָרן מעלדונגען וועגן דעם, אַז עמעצער האָט רויִנירט צוויי יידישע מאַצייוועס. לויט דעם דאָזיקן און אַנדערע ענלעכע פאַקטן פון באַרבאַרײַ איז אופגעהויבן געוואָרן א קרימינעלער איניען.

— לאָמיר פאַרפינקטלעכן די צאָל פון אַזעלכע פאַקטן. הײַנט האָב איך אָפן יידישן בעסאַלמען אָנגעציילט נײַן רויִנירטע מאַצייוועס.

— ס׳איז טאַקע אַזוי. די גרונט־אופגאַבע איז וואָס גיכער געפינען די פאַרברעכער, מיט וואָס מיר פאַרנעמען זיך איצט.

— וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דעם אינצידענט אין אָרשע?

— צוויי מענוואָלים, וואָס פירן א לעבן פון שלעפּער — מ. וואָראָביאָוו און אי. טשאַרקאַס — האָבן באַשלאָסן „אָפּמערקן“ א יידישן יאָמטעוו, און צוליב דעם האָבן זיי כאָרעוו געמאַכט מער פון 70 מאַצייוועס. דער געריכט האָט זיי פאַרמישפּעט — איינעם אויף 5 און דעם צווייטן אויף 2,5 יאָר טפּיסע.

— צי זײַנען פאַראַן סיבעס, מע זאָל מוירע האָבן פאַר א פּאָגראָם?

— באַליביקע שמועסן וועגן דעם זײַנען ניט ערנסט. איך זאָג עס אײַך מיט דער פולער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

— און די בריוו מיט דראָונגען, וועלכע מע וואַרפט אונטער די יידן אין זייערע פּאָטשט־קעסטלעך...

— ס׳איז א פּראָוואָקאַציע. און צו איר דאַרף מען זיך באַציִען אויף א געהעריקן אופן. באַנאַנד מיט דער הײַנטיקער דעמאָקראַטיזאַציע פון אונדזער געזעלשאַפט האָט זיך אָפן אויבערפלאַך באַוויזן אויך מיסט. די פּראָוואָקאַטאָרן פירן באַהאַלטן אויס זייער טעטיקײַט, זיי האָבן מוירע פאַר „גלאַסנאָסט“, ווײַל ס׳איז באַוווּסט: פאַר אַזעלכע מײַסים וועט קיינער זיי ניט גלעטן איבערן קעפּל. איך האַלט, אַז מיט דער הילף פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט וועלן מיר זיך סטאַרען אַרויסברענגען זיי אויף דער ליכטיקער שײַן. מיר האָבן צוליב דעם געניג קויכעס און מיטלען.

(געקירצט פון דער צײַטונג
„וויצעבסקי ראַבאָטשי“
פאַרן 3 פעווראַל 1990)

צוויי בריוו אין זשורנאַל „אָגאָניאָק״

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּובליקאַציע אין א פֿאָנאָ־פֿאַרנאָטירונג פֿון סצענעס פֿונעם VI פּלענום פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון רספֿסר (נום. 48, 1989) האַלט איך, אַז פֿאַר די לייענער וועט זײַן נוצלעך די פֿאָלגנדע אינפֿאָרמאַציע.

ווען אין דער דײַטשישער פֿעדעראַטיווער רעפּובליק וואָלט עמעץ־ווער אַרויסגעטראָטן מיט באַהויפּטונגען, ענלעכע צו די, וועלכע ס׳האָט זיך דערלויבט צו מאַכן אַנאַטאָלי בוילאָוו („די ייִדן זײַנען די איינציקע נאַציאָנאַליטעט, וועלכע איז, זעט אויס, פֿאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דער דאָזיקער מאַכלויקעס זאָל זײַן בא אונדז״, „עס זײַנען נאָך פֿאַראַן ערגער פֿון ייִדן״), וואָלט מען אים טייקעף געשטעלט פֿאַרן געריכט פֿאַר אַנטיקאָנסטיטוציאָנעלע אַרויסזאָגונגען. פּונקט אַזוי ווערט פֿאַרפֿאָלגט מיצאַד דעם געריכט א פּערזאָן, וועלכער זאָגט עפֿנטלעך אַרויס ראַסיסטישע אָנשויונגען (ראַסיזם — דאָס איז פֿעסטשטעלן די נאַציאָנאַליטעט לויטן בלוט און רופֿן צו אומצוטרוי בענעגייע מענטשן מיט א געוויסן באַשטאַנד פֿונעם בלוט). אַרויסגייענדיק פֿון דעם, וואָלט דער מײַרעוו־דײַטשישער געריכט אָנערקענט פֿאַר רעכטברעכער דעם שריפֿטשטעלער סערגיי וואָראָנין, וועלכער האָט אָפּגעפֿרעגט דאָס רעכט צו האַלטן פֿאַר רוסישע שרײַבער יענע, וואָס שרײַבן אויף דער רוסישער שפּראַך און אַרבעטן אין געביט פֿון דער רוסישער קולטור, — אויף דעם סמך, וואָס אין ראַסעווע הינזיכט געהערן זיי ניט צו די רוסן; דעם קריטיקער טאַטיאַנאַ גלושקאָווא, וועלכע האַלט פֿאַר ריכטיק אינטערעסירן זיך בייסן אופֿנעמען אין שרײַבער־פֿאַרבאַנד מיטן נאַציאָנאַלן (לויטן זין פֿון אירע אַרויסזאָגונגען — ראַסעווון) אָפּשטאַם פֿון דעם פֿאָטער און פֿון דער מוטער פֿונעם קאַנדידאַט; דעם שריפֿטשטעלער וואַסילי בעלאָוו, וועלכער האָט גערעדט וועגן א פֿאַרפּלייצונג פֿון מאָסקווער שריפֿטשטעלער פֿון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט אין פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, האָבנדיק אין זינען ניט די שריפֿטשטעלער, וועלכע שרײַבן אויף ייִדיש אָדער איוריט, נאָר די רוסישע שריפֿטשטעלער, וועלכע פֿאַרמאָגן ייִדישע אָוועס.

די אָרגאַניזאַציעס, וואָס שליסן ניט אויס פֿון זייערע רייען די מיטגלידער, וועלכע זאָגן אַרויס ראַסיסטישע, דערונטער אַנטיסעמיטישע אָנשויונגען, האַלט מען אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד פֿאַר אַנטיקאָנסטיטוציאָנעלע, אַזוי אַז דער שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון רספֿסר, ווען ער וואָלט זיך געפֿונען אין דער דײַטשישער פֿעדעראַטיווער רעפּובליק, וואָלט טייקעף פֿאַרשריבן געוואָרן אין דער רעשימע פֿון פֿאַרבאָטענע פֿאַראייניקונגען, און די מיטגלידער זײַנע וואָלטן געשטעלט געוואָרן אונטער א ניט־עפֿנטלעכן אויפֿזיכט פֿאַר די אָרגאַנען פֿון אָפּהיטן די קאָנסטיטוציע.

אויף וויפֿל די אויבנדערמאָנטע פּערזאָנען און דער שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון רספֿסר זײַנען נאָך ביז איצט, ווי מיר איז באַוווּסט, ניט צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, קאָן מען אומפֿאַרמײַדלעך מאַכן אַן אויספֿיר, אַז ראַסיזם און איינע פֿון זײַנע אַנטפּלעקונגען — אַנטיסעמיטיזם — זײַנען ניט קיין אַנטיקאָנסטיטוציאָנעלע, וואָס עס פֿירט אַרויס דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿון דער צאָל הײַנטצײַטיקע ציוויליזירטע רעכטלעכע מעלוכעס.

די אָנטיילנעמער פֿונעם פּלענום פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון רספֿסר האָבן פֿאַרשאַפֿט שאָדן דער פּאָליטיק פֿון איבערבויונג: ס׳א ספֿק, צי דער ציוויליזירטער הומאַניסטישער מײַרעוו וועט לאַנג אָנטרויען דער אויפֿריכטיקייט פֿון די קאַוואָנעס פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג, וואָס דערלאָזט אויף דער טעריטאָריע פֿון דער צו איר אונטערטעניקער מעלוכע, אַז עס זאָלן עקזיסטירן ראַסיסטישע אָרגאַניזאַציעס און די פּראָקוראַטור ווענדט ניט איר אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער נויטווענדיקייט צו אָפּשטעלן זייערע האַנדלונגען.

מע דאַרף אויך באַטאָנען, אַז א באַליביקע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד וואָלט טייקעף אויסגעשלאָסן פֿון די רייען יענע מיטגלידער אירע, וועלכע זאָגן אַרויס ניט בלויז אָפֿן אַנטיסעמיטישע אָנשויונגען, נאָר זײַנען מיטגלידער פֿון פֿאַרבאַנדן אָדער אַנדערע מינים פֿאַראייניקונגען, וועלכע באַציִען זיך טאָלעראַנט צום ראַסיזם. ס׳א גרויסער ספֿק, צי עס וועט זײַן פֿעלערהאַפֿט די השערה, אַז איינציקע אויבנאָנגעוויזענע פּערזאָנען, פּונקט ווי יענע, וועלכע האָבן מיט אַנציקונג זיי אַפּלאָדירט, — זײַנען מיטגלידער פֿון קפּסס. נעמענדיק אין אַכט, אַז מע האָט זיי נאָך ביז איצט ניט אויסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי און אַז די קפּסס איז א פּאַרטיי א רעגירנדיקע, איז ניט שווער זיך פֿאָרצושטעלן, צו וועלכע אויספֿירן עס קומט די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע עפֿנטלעכע מיינונג וועגן דער אידעאָלאָגיע פֿון דער פּאַרטיי, וואָס איז לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע א קערן פֿון אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס און א פֿירנדיקער קויעך אין דער געזעלשאַפֿט.

דער ראַסיסטישער אַנטיסעמיטיזם אַסאָציִירט זיך אין די לענדער פֿונעם מײַרעוו בלויז מיטן דײַטשישן נאַציזם. די רוסישע שריפֿטשטעלער, וועלכע דריקן אָפֿן אויס זייערע ראַסיסטישע אָנשויונגען, ברענגען א קאַטאַסטראָפֿאַלן שאָדן דער רעפּוטאַציע פֿונעם רוסישן פֿאָלק. נעמענדיק דאָס אין אַכט, קאָן מען בשום־אופֿן ניט אָנערקענען די אָנטיילנעמער פֿונעם פּלענום פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון רספֿסר אַלס עכטע רוסישע פּאַטריאָטן, פֿאַר וועלכע זיי שטעלן זיך מיט טומל אַרויס.

וועגן דער ניט־גענוגנדיקער אנטוויקלונג פונעם רעכט־באוווסטזײַן אין סאָוועטנפאַרבאַנד זאָגט אייִדעס אויך דער פאַקט, וואָס די רוסישע אינטעליגענטן, וועלכע פאַרטיידיקן דעם קאָוועד פון רוסלאַנד, — די אויטאָרן פונעם בריוו צום פּלענום, די מיטגלידער פון דער ליטעראַרישער פאַרייניקונג „אַפּרעל״, די שריפטשטעלער רעקעמטשוק, אַרראַ, דודין, דער ליטעראַטור־פֿאָרשער טורקאָוו — זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין א דירעקטער פּאָלעמיק מיט די אַמעראַצישע און אַגרעסיווע ראַסיסטן. אין דער דעמאָקראַטישער אייראָפּע באַזוכט ניט קיין איין מערוויניקער קולטורעלער מענטש, וואָס אַכטעט זיך, אַזעלכע פאַרזאַמלונגען און צעטרעגצלט ניט זײַן אינטעלעקטועלע ענערגיע אָף צו באַשטרײַטן פּאַרברעכערישע אָנשוייונגען, נאָר ווענדט זיך פּאָשעט צו די אָרגאַנען, וועלכע היטן אָפּ די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, געבנדיק דאָס רעכט די געריכטאינסטאַנצן צו באַשטימען די מאָס פון דער שטראָף פאַר אויווער זײַן אָף דער קאָנסטיטוציע.

ג ע ר מ א ן א נ ד ר י י ע ו,
דאָצענט פונעם אוניווערסיטעט
(מײַנץ, מײַרעוו־דײַטשלאַנד)

איך קלײַב זיך לאַכלוטן ניט אַרײַנצײַען אײַך אין א דיסקוסיע אָף ייִדישע טעמעס, אָבער איך וויל געבן אן אָפּשאַצונג איינעם א געוויסן מאָטיוו, וועלכער האָט אַקשאָנעסדיק אָנגעהויבן זיך באַווײַזן אָף די שפּאַלטן פון אײַער זשורנאַל אין דער לעצטער צײַט, אלס קלאַל, פאַרבײַגייענדיק, אין די אַרטיקלען, געווידמעט אַנדערע פּראָבלעמען, אָבער זיי זײַנען געוועזן מער צילגעווענדט. ס׳האָט ניט קיין זין פאַנאַנדערצוקלײַבן אָט די אַלע פּובליקאַציעס לויט דער ריי — די סיטואַציע זעט מען גענוג איבערצײַגעוודיק אָפּן בײַשפּיל פון איינער פון זיי, פון דעם בריוו פונעם „קראָקאָדיל״־זשורנאַליסט מאַרק ווילענסקי, „א ייִדן לויטן פּאַספּאָרט און א רוסישן שטאָטישן אינטעליגענט״, ווי ער אַליין האָט געזאָגט וועגן זיך.

אין זײַן בריוו טיילט מיט דער אַוטאָר אַלעמען, וועמען עס דאַרף וויסן, וועגן די סיבעס, וועלכע האָבן געשטויסן איבערמאַכן זיך פון א ייִד אין א רוס. פאַרשטייט זיך, זאָל אים גאָט געבן געזונט און דערפּאָלגן אין „א שמועס, אין א בריוו, אינעם לייענען, אין די מאַכשאָוועס און אין כאַלוימעס אין רוסיש״ (ווידער דעם אויטאָרס ווערטער), אָבער די פּאָזיציע פונעם „אָגאָניאָק״, וועלכער פּובליקירט אַזעלכע הישטאַפּכעס־האַנעפּעשן, זעט מיר אויס שאַרף טענדענציעז און ניט געוויסנהאַפטיק סײַ פונעם שטאַנדפּונקט פון זשורנאַליסטיק, סײַ פונעם שטאַנדפּונקט פון פּאָשעטער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל.

פאַרשטייט מיך ריכטיק: ער פּרעטענדיר לאַכלוטן ניט אָף דעם רעכט פון ווילענסקין און אַזוינע, ווי ער, אַרויסצוזאָגן מיט געדרוקטע אויסײַעס זייערע געדאַנקען. איך האַלט בלויז פאַר אומגערעכטיק, אַז דאָס וואָרט גיט מען נאָר זיי. מיר אַלע געדענקען גוט די ספּעקטאַקלען אין די 70־ער יאָרן, ווען מע האָט אָף די טעלעוויזיע־ אויסצײַטונג־בינעס אַרויסגעפירט עטלעכע איבערגעשראָקענע „סאָוועטישע בירגער פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט״, וועלכע האָבן געדאַרפט שטעמפּלען מיט שאַנד ייִסראָעל און דעם „צווישנפעלקערלעכן ציוניזם״ און מעלדן, אַז זיי אַליין געהערן צו דער רוסישער קולטור ניט ערגער פון אַנדערע. נו, גוט, דעמלט איז געווען „סטאַגנאַציע״, און וואָס איז איצט? איר וועט, מיסטאמע, זאָגן, אַז צום אונטערשייד פון יענע שרײַבט ווילענסקי אויפריכטיק. איך שפּאַר זיך ניט, נו איז וואָס? שטעלט זיך פאָר אַזאַ סיטואַציע: א סאָלידע אויסלענדישע צײַטונג פּובליקירט פון צײַט צו צײַט אַרויסזאָגונגען פון געוועזענע רוסן, וועלכע טיילן מיט, אונטערשטרײַכנדיק זייער רוסישן אָפּשטאַם, אַז קיין שום רוסישס פאַרמאָגן זיי ניט, אַז זיי זײַנען לויטן גײַסט, לאָמיר זאָגן, פראַנצויזן, „מיט וואָס זיי זײַנען צופרידן״. אויב איר וועט זײַן אָרנטלעך, וועט איר נישט קאָנען ניט אָנערקענען, אַז די פּאָזיציע פון אַזאַ צײַטונג וואָלט איר אָפּגעשאַצט ווי א צילגעווענדט אַנטירוסישע. און ווען דער אויטאָר פון אַזאַ מין בריוו וואָלט נאָך דערצו געשווירן, אַז ער טרעט אַרויס אין נאָמען פון דער מערהײַט רוסן? וואָס וואָלט איר דעמלט געזאָגט? און אײַער ווילענסקי האָט די כוצפּע (און א נאַרישקײַט) צו באַהויפּטן, אַז „אַזעלכע, ווי ער״, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון זייער פּאָלק, זײַנען צווישן די ייִדן פאַראַן העכער 80 פּראָצענט — אַלע ייִדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע רעדן אָף רוסיש! אַנו, אָפן גערעדט: וואָלט איר געוואַגט אָפּצודרוקן א בריוו, אין וועלכן אַזאַ באַליידיקנדיקע באַהויפּטונג וואָלט געמאַכט געוואָרן בענעגייע א באַליביק אַנדער פּאָלק, זאָל זײַן אַפילע, אַז אין זײַן מאַסע רעדט עס אָף רוסיש?

ווען, אַשטייגער, דער זשורנאַל „נאַש סאָוורעמעניק״ (נומ. 3 פאַרן 1989), כקירענדיק וועגן דער ערשטיקער פאַרדאָרבנקײַט פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור און צונויפשלעפּנדיק, קעדיי זיך סטראַכירן, אָפּגעריסענע ציטאַטן פון די „קלאַסיקער פונעם מאַרקסיזם״, פירט דורך דעם געדאַנק, אַז די איינציקע לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע איז, זעט איר, דאָס אַנטרינען ווערן פונעם ייִדישן פּאָלק, האָב איך צום זשורנאַל קיין שום פּרעטענזיעס: פאַרוואָס טאַקע זאָל ער ניט אַרויסזאָגן זײַן מיינונג ביפראַט נאָך אין א רעדאַקציע־אַרטיקל? אָבער ווען איר דרוקט, בעטאָך, דאָס זעלבע, אונטערטראָגנדיק דאָס ווי א מיינונג פונעם פּאָלק, אונטערוקנדיק נאָך דערבײַ אַלס רופאָר, א מענטשן מיט א ייִדישער פאַמיליע, — דאָס, אַנטשולדיקט, קאָן מען ניט אָנרופן אָרנטלעכע זשורנאַליסטיק.

א. י ו ר א ָ ו ו ס ק י
(יערושאָלאַיִם)

דער איבערוף פון צייטן

דערמאָנענדיק די יאָרן, ווען מע פלעג זיך טרעפן אין א געמיינזאמען קולטור־שליכעס

(צום טויט אין 97־יאָריקן עלטער פונעם שעף־רעדאקטאָר פון דער ניו־יאָרקער צייַטונג „מאָרגן־פרייַהייַט״)

פארשטייט זיך, די מיינונגס־פארשיידנהייַטן צווישן „סאָוועטיש היימלאנד״ און דער „מאָרגן־פרייַהייַט״ האָבן אין די לעצטע יאָרן ארויסגערופן א שארפע פאָלעמיק מיטן עלטסטן ייִדישן פובליציסט און רעדאקטאָר. אָבער איצט איז ער אוועק אין דער אייביקייַט און, ווי ס׳איז אָנגענומען אין דער ציוויליזירטער וועלט, ווילן מיר דאָ אונטערשטרייַכן זייַן פּאָזיטיוון בייַטראָג אין דער אָפּשפיגלונג פון די קאָמפּליצירטע געזעלשאפטלעכע פּראָצעסן, וועלכע זייַנען געווען אייגנטימלעך פאר דער ייִדישער נאַציאָנאַלער סוויווע.

פּייסעך נאָוויקס לעבן איז געווען פארבונדן מיט דער מערקווירדיקער צייַטונג „מאָרגן־פרייַהייַט״, וואָס איר אופבלי פאלט צונויף מיט די ראָמאנטישע רעוואָליוציאָנערע יאָרן אף דער ייִדישער גאַס אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע. צוזאמען מיט די היסטאָריש־באַדייַטנדיקע נעמען פון די גרינדער־פּובליציסטן פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט״ מאָריס ווינטשעווסקי, מוישע אָלגין, מוישע קאַץ שטייט פארן לייענער דער נאָמען פּייסעך נאָוויק, און דאָס איז באַרעכטיקט ניט בלויז, ווייַל ער איז געווען דער שעף־רעדאקטאָר אין משך פון צענדליקער יאָרן, זאָל זייַן אפילע — יאָרן פון א פעלערהאפטער אידייִשער פּלאַטפאָרם בא דער רעדאַקציע־קאָלעגיע, נאָר אויך, — ווייַל גרויס זייַנען געווען די אָנשטרענגונגען, וועלכע דער שעף־רעדאַקטאָר האָט געדארפט ארויסווייַזן אף אונטערצוהאלטן און פאָרזעצן דאָס ארויסגיין פון דער צייַטונג אין אַן אומגעבונג פונעם סאמע שארפסטן פינאנסיעלן קריזיס, און דאָס האָט סאָפּקאָלסאָף געבראכט צום אונטערגיין פון דער אין די 20־ער — 40־ער יאָרן בליִענדיקער „מאָרגן־פרייַהייַט״.

ווי עס זאָל ניט זייַן, איז דאָך נייטיק אונטערצושטרייַכן די שפּעפערישע און אידייִשע פרייַנטשאפט, וועלכע האָט אין משך פון לענגערע יאָרן פארבונדן די „מאָרגן־פרייַהייַט״ מיט „סאָוועטיש היימלאנד״. מיר זאָגן עס און געדענקען עס ניט געקוקט אף דעם, וואָס די לאָגיק פון דער צייַט האָט אף ווייַטער געבראכט צו א פילבארער און עמאָציאָנעלער פּאָלעמיק...

אין ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, מאָסקווע, 1946.
פֿון לינקס אויף רעכטס: הירש זשיץ, שמועל האַלקין. פֿאָרנט פֿון זיי: אַרן קושניראָוו, שמוע פּערסאָוו, אַרן ווערגעליס, איציק פֿעפֿער, פּייסעך נאָוויק, דער ניסטער, לייב גאָלדנבערג, כאַציע דאָברושין, דאָוויד בערגעלסאָן, לייב קוויטקאָ. אויבן: נויעך לוריע, לייזער קאַצאָוויטש.

אין רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד".
עס זיצן פֿון רעכטס אויף לינקס: מוישע אַלטמאַן, (טשערנאָוויץ), הילעל אַלעקסאַנדראָוו (לענינגראַד), פּייסעך נאָוויק, אַרן ווערגעליס, יאַנקעוו שטערנבערג, ריווקע רובין, הערש רעמעניק; צווייטע ריי: נ. קאָפּל, כאַצקל נאָדעל (כאַרקאָוו), יאַנקעוו לוואָווסקי, לייזער פּאָדריאַטשיק (ריגע), ייִסראָעל סערעבראַני, מוישע נאָטאָוויטש (קאַזאַן), אַרן ראַסקין (קורסק), אווראָם גאָנטאַר, יעשוע ליובאָמירסקי, אווראָם דאָברינסקי, סאָניע פּריי. אויזער האָלדעס (כאַרקאָוו).

אַלעקסאַנדער טווערסקאָי

מיר האָבן פאַרלאָרן אַ זעלטענעם מענטשן. ער איז צוגעשטאַנען צו אונדזער שווערער האָרעוואַניע אויפן פעלד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור, האָבנדיק דורכגעטראַכט די זאַך מיט אַ קלאָרן ציל, און אַזוי שוין אָפּגעלעבט זײַנע לעצטע יאָרן, אויסברענגענדיק מאַקסימאַל אַלע שעפערישע און פיזישע קויכעס. דאָס זײַנען געווען די לעצטע זיבן יאָר פון די 66, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אויף דער וועלט. זיבן גוטע יאָר, גליקלעכע, אָבער ניט קיין גרינגע און פעטע, — אַזוי פלעג ער אַליין טײַנען מיט אַ ווונק אויף דעם אוראַלטן קוואַל. און איבערגעלאָזט האָט ער אונדז 6 בענדער (דער נומ. 6 איז איצט אין דרוק) פונעם אויסטערלישן ליטעראַרישן יאָרבוך „גאָד זאַ גאָדאָם“, וועלכער פירט אַרײַן סיסטעמאַטיש אינעם אָקעאַן פון דער רוסישער ליטעראַטור די ליטעראַרישע שאַפונג אויף ייִדיש.

אַלעקסאַנדער טווערסקאָי, דער מיטגליד פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר און פון זײַן מאָסקווער פאַרוואַלטונג, מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, רעדאַקטאָר פונעם יאָרבוך „גאָד זאַ גאָדאָם“ איז געבוירן געוואָרן אין 1924. איינע פון זײַנע וויכטיקסטע שאַפונגען איז די גרעסערע דערציילונג „דער טערקישער מאַרש“, אין וועלכער ס'ווערט געשילדערט אַ ייִדישע געטאָ אין די צײַטן פון דער היטלערישער מעמשאָלע (די איבערזעצונג אויף ייִדיש איז פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 3 פאַרן 1981). געשטאָרבן איז אַלעקסאַנדער דאַווידאָוויטש טווערסקאָי דעם 10 פעברואַל 1990 פון אַ לאַנגדויערנדיקער האַרץ־קראַנקהײַט. קאָוועד זײַן ליכטיקן אָנדענק.

ארן ווערגעליס

שימען דובנאָוו

די רוימישע מעמשאָלע און דער אונטערגאַנג פֿון דער ייִדישער מעלוכע

4.2. קיניג אַגריפּאַס I

אַגריפּאַס האָט זיך געפֿונען נאָך אין רוים, אין יענער צײַט, בעשאַס קאַליגולאַ איז געשטאָרבן, און די פּרעטאָריִאַנער האָבן פּראָקלאַמירט פֿאַר אַ קייסער זײַן פֿעטער קלאַווּדיוס. אַגריפּאַס האָט ניט ווינציק דערנאָך מיטגעהאָלפֿן, אַז דער נײַער קייסער זאָל אויסגעקליבן ווערן אין סענאַט — דורך דעם, וואָס ער האָט אַדאַנק קלוגע דיפּלאָמאַטישע געענג געוווּנען אויף זײַן צאַד די אָפּאָזיציִאָנעלע סענאַטאָרן — די רעפּובליקאַנער. נאָכדעם ווי קלאַווּדיוס האָט באַקומען די מעמשאָלע, האָט ער באַלד באַלוינט זײַן ייִדישן פֿרײַנט פֿאַר די טויוועס, וואָס יענער האָט אים געטאָן. צו אַגריפּאַסעס פֿריִערדיקע לענדער — גאַליל און איַיווער־האַיאַרדן — האָט ער נאָך צוגעגעבן דאָס צענטראַלע לאַנד יעהודע (מיט שאָמרוין), וואָס האָט זיך פֿריִער געפֿונען אונטער דער אויבערשאַפֿט פֿון די רוימישע פּראָקוראַטאָרן. אויף אַזאַ אופֿן איז די ייִדישע מעלוכע, נאָך 45 יאָר צעשפּאָלטנקײַט און פּאָליטישער אָנמעכטיקײַט, ווידער פֿאַרייניקט געוואָרן אונטער דער מעמשאָלע פֿון הורדוסעס אייניקל, אַגריפּאַס I, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל קיניג.

אויף אַ קורצער צײַט האָט מאַלכעס־יעהודע אָראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון דער דירעקטער פּרעמדהערשאַפֿט און האָט זיך ווידער אומגעקערט צו דעם לעפֿיִערעך אומאָפּהענגיקן מאַצעוו פֿון דער פּראָטעקטאָראַטס־צײַט. נאָכן דרוק, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געמוזט איבערטראָגן מיצאַד די רוימישע פּראָקוראַטאָרן און נאָך די לעצטע מעהומעס אין קאַליגולאַס צײַטן, האָט זיך געפֿילט אַ גרויסע פֿאַרלײַכטערונג. דאָס פֿאָלק איז געווען פֿול מיטן שטאָלצן באַוווּסטזײַן, אַז עס איז געווען בעקויעך צו באַשיצן זײַן רעליגיִעזע פֿרײַהײַט קעגן דעם אָנפֿאַל פֿונעם מעכטיקסטן מאָנאַרך. מיט צוויי יאָרהונדערט פֿריִער האָט זיך די העלדישע האַשמוינאָיִם אײַנגעגעבן אויסצורייניקן דעם בייס־האַמיקדעש, וואָס דער פֿאַנאַטיקער פֿונעם געצנדינערײַ אַנטיאָכוס עפּיפֿאַנעס האָט אים שוין געהאַט מעטאַמע געווען, — און איצטער האָט דאָס פֿאָלק ניט דערלאָזן אַפֿילע דעם סוינע צו באַגיין אַזאַ אַוולע.

אַגריפּאַס, וואָס האָט ניט ווינציק מיטגעהאָלפֿן דעם דאָזיקן ניצאָכן פֿון דער גערעכטיקײַט, איז שטאַרק אויסגעוואַקסן אין די אויגן פֿון פֿאָלק. דאָס פֿאָלק איז געווען גרייט צו קוקן אויף דעם נײַעם קיניג ניט ווי אויף הורדוסעס אַן אייניקל, נאָר ווי אויף אַ ריינעם כאַשמוינאַי, דעם אייניקל פֿון דער באַרימטער קיניגין מיריעם. אָפּן פֿאַרשטייער פֿון דער אָפּגעלעבטער קיניגלעכער מעמ-

---

פֿאַרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נום. 1—3, 1990.

שאַלע האָט מען אַרופֿגעלייגט גרויסע האָפֿענונגען, און אַגריפּאַס האָט געפּלײַסט זיך צו באַווײַזן, אַז ער איז ראָיע צו געניסן דעם פֿאָלקס צוטרוי. צי אונטער דער ווירקונג פֿון די פּערזענלעכע צאָרעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן אין די יונגע יאָרן, אָדער אַדאַנק דער נאַציאָנאַלער היסלײַוועס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ מאַלכעס־יעהודע, — יעדנפֿאַלס האָט זיך אַגריפּאַס אינגאַנצן איבערגעביטן. בעשאַס ער איז אַלט געוואָרן 50 יאָר, איז דער פֿריִערדיקער פּאָליטישער אַוואַנטיוריסט געוואָרן אַ גוטער רעגירער־פּאַטריאָט; פֿון דעם אייבערשטן שיכט פֿון דער רוימישער וועלטלעכער קולטור האָט אַ שײַן געטאָן אַרויס אַ לויטערע ייִדישע נעשאָמע; „דער בען־הוירדוס איז אין אים באַזיגט געוואָרן דורך דעם האַשמוינאַי".

אַגריפּאַס האָט אָנגעהויבן זײַן קיניגן מיט אַ גאָטספאַרכטיקער מײַסע. ער האָט געהייסן אופֿהענגען איבערן אַרײַנגאַנג אין אויצער־שטוב פֿונעם בייס־האַמיקדעש די מאַסיווע גאָלדענע קייט, וואָס קאַליגולאַ האָט אים געשאָנקען באַלד נאָכדעם, ווי ער איז באַפֿרײַט געוואָרן פֿון דער רוימישער טפֿיסע. די קייט, וואָס אַגריפּאַס האָט מענאַדעוו געווען פֿאַרן בייס־האַמיקדעש, האָט געדאַרפֿט דינען פֿאַר אַן אָנדענק אָן יענע צײַטן, ווען ער איז געווען אָרעם און פֿאַרשטויסן. דעם פֿאָלק האָט געמוזט געפֿעלן ווערן די דאָזיקע אַניוועס פֿונעם קיניג, וואָס האָט באַקומען זײַן דערציִונג אין דער פֿרעמד. די פֿרומע לײַט זײַנען אויך געווען געריִרט דערפֿון, וואָס אַגריפּאַס האָט, באַלד ווי ער איז געקומען אין יערושאָלאַיִם, געבראַכט קאָרבאָנעס אין בייס־האַמיקדעש און האָט ביכלאַל אָפּגעהיט מיט אַלע פּראָטים אַלע דינים.

איבעריקנט, איז דער קיניג געווען פֿרום, דעריקער איבער פּאָליטישע טײַמים. אַגריפּאַס האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט קאָנען רויִק קיניגן נאָר בא דעם טנײַ, אויב ער וועט אין זײַן רעגירונג זיך שטיצן אױף דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי פּרושים, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטן אײַנפֿלוס אין לאַנד. די פּרושים, וואָס זײַנען אין הוירדויסעס צײַטן אָפּגעשטופּט געוואָרן פֿון דער מעמשאָלע, האָבן איצט באַקומען אַ גרויסן אײַנפֿלוס אױף דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער מעלוכע. די העכסטע געזעצגעבעריש־געריכטלעכער אַנשטאַלט פֿון מאַלכעס־יעהודע, דער סאַנהעדרין, האָט צוריק באַקומען זײַן פֿריִערדיקע פּאָליטישע פּריווילעגיע פֿון הוירדויס I צײַטן האָט דער נײַער קיניג באַהאַלטן פֿאַר זיך — דאָס איז דאָס רעכט צו באַשטימען קויהאַנים־גדוילים. פֿאַר די פֿיר יאָר צײַט, וואָס אַגריפּאַס האָט געקיניגט, האָבן זיך געביטן אין יערושאָלאַיִם דרײַ קויהאַנים־גדוילים: שימען קאַנטאָרע פֿון דער מישפּאָכע ביטוסים, מאַטיסיאָהו פֿון „בייס־כאַנאַן" און עליועני (דער זון פֿון קאַנטאָרע אָדער קיפֿע).

האַלטנדיק זיך אָן דער פּראָגראַם פֿון די פּרושים, האָט אַגריפּאַס מיט אַלע קויכעס אָפּגעהיט די גײַסטיקע אינטערעסן פֿון פֿאָלק. אין דער פֿעניציִשער שטאָט דאָרט האָבן אייניקע גריכישע יונגע לײַט געוואָלט באַליידיקן די ייִדן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, און האָבן אַוועקגעשטעלט דעם קייסערס סטאַטוע אין איינער פֿון די שולן. אַגריפּאַס איז געוואָרן אויפֿגעבראַכט דעריבער און האָט זיך געווענדט צו זײַן גוטן פֿרײַנט — דעם סירישן פֿאַרוואַלטער פּעטראָניוסן מיט דער באַקאָשע מעוואַטל צו זײַן די דאָזיקע אומגעזעצלעכקײַט. און פּעטראָניוס האָט טאַקע אומגעזאַמט באַפֿוילן צו דערווײַטערן די סטאַטוע, און דערבײַ האָט ער באַשטעטיקט אױף לעהאַבע, אַז די קייסערלעכע עדיקטן וועגן דער אַווטאָנאָמיע פֿון ייִדן מוזן שטרענג אָפּגעהיט ווערן. אַגריפּאַס האָט געוואָלט טאָן אַ שידעך פֿאַר זײַן טאָכטער דרוזילאַ מיט עפּיפֿאַנעס, אַ זון פֿונעם קליין־אַזישן פֿירשט אַנטיוכוס קאָמאַגענוס. דערבײַ אָבער האָט ער געשטעלט אַ טנײַ, אַז דער כאָסן זאָל אָנעמען די ייִדישע עמונע.

פֿאַרשיידענע טראַדיציעס באַווײַזן, אַז דער קיניג אַגריפּאַס איז געווען זייער באַשיידן און גוטמוטיק, אום שוועס אָדער כאַג האַביקורים, בעשאַס דאָס פֿאָלק פֿלעגט ברענגען צו טראָגן אין בייס־האַמיקדעש קערבלעך מיט די פֿריצײַטיקע פּייִרעס, פֿלעגט דער קיניג אַליין טראָגן זײַן קערבל אין די הענט, גלײַך ווי די פּאָשעטע מענטשן. אייִנמאָל אום סוקעס, וואָס נאָכן שמיטע־יאָר, האָט אַגריפּאַס געלייענט פֿאַרן גאַנצן אוילעם ייִדן, וואָס האָט זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן אין בייס־האַמיקדעש, דעם סייפֿער „דוואָרים", לויט ווי עס איז געווען אײַנגעפֿירט פֿון אַלטע צײַטן[1], און ווי ער איז געקומען צום אָרט: „פֿון צווישן דײַנע ברידער זאָלסטו זעצן איבער זיך אַ מעלעך; זאָלסט ניט זעצן איבער זיך קיין פֿרעמדן[2]" — האָט ער זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט, מאַכמעס ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער אַליין קומט אַרויס פֿון עדומים, מיצאַד זײַן זיידן הוירדויסן. נאָר דאָס פֿאָלק האָט אויסגערופֿן: „זײַ זיך ניט מעצאַער, אַגריפּאַס! דו ביסט אונדזער ברודער, דו ביסט אונדזער ברודער!" די דאָזיקע דערקלערונג פֿון פֿאָלק איז געווען געמאַכט פֿון גאַנצן האַרצן. דער קיניג, וואָס האָט רעגירט לאַכלוטן אין נאַציאָנאַלן גײַסט, האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין סימאָנים פֿון אַ פֿרעמ־

[1] דוואָרים, קאַפּ. כא, 10—13.
[2] דאָרט גופֿע, ז. 15.

דער אָפּשטאַמונג. אגריפּאַסעס גוטע מײַלעס האָט דאָס פֿאָלק דערקלערט דערמיט, וואָס זיי זײַנען אים איבערגעגאַנגען בעירושה פֿון זײַן באָבען, דער כאַשמונאַים־טאָכטער מיריעם.

אגריפּאַסעס פּערזענלעכקײַט כאַראַקטעריזירן נאָך פֿאָלגנדע מײַסעס. דער קיניג האָט געהאַט אַן אַלטן כאַווער, מיטן נאָמען סילאַס, וואָס אמאָליקע צײַטן האָט ער אַרומגעוואָגלט אײנײנעם מיט אגריפּאַסן. פֿאַר דער הילף, וואָס סילאַס האָט אים געגעבן אין יענע צײַטן פֿון נויט, האָט אגריפּאַס, נאָכדעם ווי ער האָט דערגרייכט צו מאַכט, אים אָפּגעדאַנקט דערמיט, וואָס ער האָט אים באַשטימט פֿאַר אַ קאָמאַנדיר פֿון זײַן כאַיל. נאָר דער נאַרישער סילאַס פֿלעגט, ניט אַכט געבנדיק אויפֿן הויפֿישן שטאַט, זיך האַלטן, פּונקט ווי פֿריִער, צופֿיל מײַסע כאַווער מיטן קיניג. צו אָפֿט פֿלעגט ער אים דערמאָנען וועגן די צאָרעס, וואָס ער, אגריפּאַס, האָט אַריבערגעטראָגן, און וועגן זײַנע, סילאַסעס, פֿאַרדינסטן בענוגײַע צו אים. דאָס אַלץ האָט סאָפֿקאָלסאָף אַרויסגעבראַכט אגריפּאַסן פֿון געדולד און ער האָט געהייסן אַרײַנזעצן דעם אַלטן פֿלוידערזאַק אין טפֿיסע. באַלד אָבער איז דעם קיניגס קאַס פֿאַרגאַנגען, און ער האָט כאַראָטע געהאַט דערויף, וואָס ער האָט מעצאַער געווען זײַן אַלטן פֿרײַנט, און צו זײַן געבורטסטאָג האָט ער אײַנגעלאַדן דעם אַלטן סילאַסן צום קיניגלעכן טיש אײנײנעם מיט אַלע איבעריקע געסט. נאָר סילאַס, וואָס איז געווען צופֿיל באַל־גײַווע, האָט בעסער געוואָלט פֿאַרבלײַבן אין טפֿיסע.

דורך זײַן איידעלן באַגיין זיך מיט מענטשן פֿלעגט אגריפּאַס אײַנעמען פֿאַר זיך אַפֿילע זײַנע קעגנער. אַ געוויסער טאַנע שימען, וואָס איז געווען אַ גרויסער מאַכמיר (ס׳קאָן זײַן אַ טאַלמיד פֿון בייס־שאַמאַי), האָט אײַנגעפֿונען, אַז דער קיניג איז ניט גענוג פֿרום מאַכמעס בעשאַס ער געפֿינט זיך ווו־עס־איז אויסער האַלב ירושאָלאַים, באַזוכט ער געצנדינערישע טעאַטערס. אגריפּאַס האָט זיך טאַקע דעמאָלט געפֿונען אין דער שטאָט קייסאַריאַ, וואָס האָט געשעמט מיט איר טעאַטער, און שימען האָט דאָס אים פֿירגעוואָרפֿן עפֿנטלעך פֿאַרן גאַנצן אוילעם, וואָס האָט זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן אויף אַ פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג אין ירושאָלאַים. אַז אגריפּאַס איז דאָס דערגאַנגען, האָט ער געשיקט רופֿן זײַן באַשולדיקער קיין קייסאַריאַ, האָט אים אוועקגעזעצט לעבן זיך אין טעאַטער און פֿרײַנטלעך געפֿרעגט בײַ אים: „נו, זאָג, וואָס געפֿינסטו דאָ פֿאַר אַן איסער?" שימען איז געבליבן אָפּהענטיק און האָט ניט געוווּסט, וואָס דערויף צו ענטפֿערן און האָט געבעטן בײַם קיניג, ער זאָל אים מויכל זײַן פֿאַר די באַשולדיקונגען, וואָס ער האָט עפֿנטלעך אַרויסגעזאָגט. דער קיניג האָט געגעבן דעם טאַנע מאַטאָנעס און אָפּגעלאָזט אים בעשאָלעם.

אגריפּאַס האָט זיך, עמעס, איבער פּאָליטישע סוואָרעס געשטיצט אויף דער פּאַרטיי פּרושים, אין האַרצן אָבער איז ער געווען ווײַט פֿון אָפּצוהיטן אַלע כומרויס, ווי די פּרושים האָבן דאָס געוואָלט. אינמיטן זײַנע אונטערטאַנען פֿלעגט ער אָפּיציִעל אָפּהיטן אַלע רעליגיִעזע דינים און נאַציאָנאַלע מינהאָגים, נאָר צווישן גריכן און רוימער פֿלעגט ער זיך האַלטן פֿרײַ, ווי אַ וועלטלעכער מוישל. אין דער סירישער שטאָט בעריטוס האָט ער געגעבן מיטלען אויף אויסצובויען אַ טעאַטער און אַמפֿיטעאַטער און אויף אײַנצואָרדענען גלאַדיִאַטאָרן־געשלעגן פֿאַר דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג. אין קייסאַריאַ, וואָס בײַם ברעג יאַם, פֿלעגט ער באַזוכן דעם טעאַטער און נעמען אַן אָנטייל אין די עפֿנטלעכע שפּילן לעקאָוועד דעם קייסער; אין דער זעלביקער שטאָט זײַנען אויך געשטאַנען די סטאַטועס פֿון אגריפּאַסעס טעכטער. אויף די ייִדישע מאַטבייעס און מעדאַלן, וואָס אין יענער צײַט פֿלעגן זיי געמאַכט ווערן אויסער האַלב ירושאָלאַים, האָבן זיך געפֿינען קלאַוודיִוסעס אָדער אגריפּאַסעס בילדער מיט פֿאָלגנדע אויפֿשריפֿטן אויף גריכיש: „דער גרויסער קיניג, דער געטרײַער פֿרײַנט פֿון קייסער און דער פֿרײַנט פֿון די רוימער". דערפֿון קאָן מען אַרויסזען, אַז דער ייִדישער קיניג האָט זיך געמיט אונטערצוהאַלטן גוטע באַציִונגען מיט דער אַרומיקער גריכיש־רוימישער באַפֿעלקערונג און אַרויסווײַזן די נייטיקע אַכטונג דער רוימישער אויבערהערשאַפֿט.

.5.2 אגריפּאַסעס פּאַטריִאָטישע אויפֿטועכצן

אגריפּאַס האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט אַליין, וואָס ער האָט אונטערגעהאַלטן גוטע באַציִונגען מיט דער הערשנדער מאַכט, נאָר ער האָט אויך מיט אַלע מעגלעכקײַטן אָפּגעהיט די פּאָליטישע אינטערעסן פֿון זײַן אייגענער מעלוכע. נאָר אינגיכן איז אים אויסגעקומען צו איבערצײַגן זיך, אַז אַקטיווע פּאַטריִאָטישע שטרעבונגען מיט געטרײַער אונטערטעניקײַט צו רוים קאָנען אײנײנעם ניט שטימען.

אגריפּאַס האָט געוווּסט, אַז דער קייסער קלאַוודיִוס איז צו אים גוטגינציק, נאָר פֿון דערפֿאַרונג האָט ער געוווּסט, ווי אומזיכער עס איז די רוימישע פֿרײַנטשאַפֿט, וואָס איז אָפּהענגיק מער ניט פֿונעם גוטן ווילן פֿון די קייסאָרים, וואָס בײַטן זיך אַלע ווײַלע, און האָט פֿאָרויסגעזען, אַז

די רוימישע פאָליטיק אין מאַלכעס־יעהודע קאָן אומגעביטן ווערן. און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרזיכערן דאָס לאַנד אַפן פאַל, טאָמער וועט אומגעריכטערהייט אַרײַנדרינגען אַ סוינע, און באַזונדערס איז ער אויסן געווען צו פאַרשטאַרקן די פאַרטיידיקונגס־מיטלען פון דער הויפּט־שטאָט. צוליב דעם צוועק האָט ער אָנגעהויבן בויען גראָבע און הויכע פעסטונגס־מויערן אין צאָפן־זײַט פון ירושאָלאַיִם, ווו די פריִערדיקע באַפעסטיקונגען זײַנען ניט געווען גענוג.

אויב ס׳וואָלט זיך אײַנגעגעבן צו דערפירן ביזן סאָף דעם דאָזיקן אומגעהייער גרויסן בינין, וואָלט קיין סוינע צו ירושאָלאַיִם ניט געקאָנט צוקומען. האָט זיך אָבער דערוווּסט וועגן אַגריפּאַסעס אונטערנעמונגען דער סירישער פאַרוואַלטער מאַרסוס, וואָס איז געווען נאָך פעטראָניוסן, און ער האָט טייקעף אָנגעשריבן וועגן דעם אין רוים און האָט דערקלערט, אַז די באַפעסטיקונג פון דער יידישער הויפּט־שטאָט קאָן ברענגען אַ סאַקאָנע דעם קייסערס אויבערהערשאַפט. קלאַוודיוס האָט אויך געהאַלטן די זעלביקע מיינונג און האָט דעריבער געשיקט אַגריפּאַסן אַ באַפעל, ער זאָל טייקעף אָפּשטעלן צו בויען די פעסטונג, — און דער יידישער קיניג איז געווען געצוווּנגען צו פאָלגן.

זוכנדיק אַלץ נײַע מיטלען, וויאַזוי צו פאַרזיכערן מאַלכעס־יעהודע פון אַלע מעגלעכע פּאָליטישע צופעליקײַטן, האָט אַגריפּאַס געפּרוּווט צו דערנעענטערן זיך צו די שכייניש קליינע מוישלים, וואָס זײַנען, פונקט אַזוי ווי ער, געווען אָפּהענגיק פון דער רוימישער אימפעריע. איינמאָל זײַנען געקומען צו פאָרן קיין טווערִיאַ „צו גאַסט״ צו אַגריפּאַסן פאָלגנדע מעלאָכים און פירשטן: אַנטיאָכוס פון קאָמאַגענע, סאַמסיגראַמוס פון עמעסוס, פּאָלעמאָן פון פּאָנטוס, קאָטיס פון קליין־אַרמעניע און הוירדוס פון כאַלקיס (אַגריפּאַסעס ברודער). די דאָזיקע רוימישע וואַסאַלן, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען דאָ, האָבן זיך, אַפּאָנעם, ניט באַנוגנט מיט אַ פּאָשעטן פרײַנטשאַפטלעכן שמועס, נאָר זיי האָבן געפירט פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען, עפשער — וועגן אַ פאַרטיידיקונגס־בונד קעגן געמיינזאַמען אויבערהאַר. פּלוצלינג איז אינמיטן דעם צוזאַמענפאַר געקומען צו פאָרן אין טווערִיאַ דער פאַרוואַלטער מאַרסוס. ער האָט געוואָרפן אַ כשאַד אַף די אונטערטעניקע מוישלים, וואָס האָבן געהאַט זיך דאָ צונויפגעקליבן, און האָט געהייסן די פרעמדע געסט זיך פאַנאַנדערפאָרן. אַגריפּאַס האָט זיך שטאַרק מעצאַער געווען איבער דער דאָזיקער גראָבער אַרײַנמישונג מיצאַד דעם פאַרוואַלטער, נאָר ער האָט געמוזט שווײַגן.

ניט לאַנג איז די יידן אויסגעקומען צו כאַלעמען וועגן אומאָפּהענגיקײַט. דעם קיניג אַגריפּאַסעס טעג זײַנען געווען געציילט. איינמאָל, בעשאַס דער קעניג איז געווען צוגאַסט אין קייסאַריִא, וואָס באַם ברעג יאַם, איז אין ירושאָלאַיִם אָנגעקומען די טרויעריקע בסורע, אַז ער איז פּלוצלינג געשטאָרבן. וועגן דעם, וויאַזוי ער איז געשטאָרבן, ווערט דערציילט פאָלגנדע מײַסע. ס׳איז געווען דעמלט אַ יאָמטעוו לעקאָוועד דעם קייסער, און אַגריפּאַס האָט זיך געפונען אַף די עפנטלעכע שפּילן אין קייסאַריִא. און ווי ער איז דאָ אַרײַן אין טעאַטער, אָנגעטאָן אין גלענצנדע, אין זילבער געוועבטע קליידער, האָבן זײַנע מעקוראָווים אָנגעהויבן צו לויבן אים אין הימל אַרײַן און האָבן אים אָנגערופן „גאָט״, נאָכמאַכנדיק דעם רוימישן „קייסער־קולט״. פּלוצלינג האָט אַגריפּאַס דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די געדערעם און זאָל האָבן געזאָגט די, וואָס זײַנען אַרום אים געשטאַנען, אַז אָט וועט באַלד מוזן שטאַרבן דער, וועמען מע האָט אָקאָרשט אָנגערופן אומשטערבלעכער גאָט. נאָך אַ פינפטאָגיקער קראַנקהײַט איז אַגריפּאַס געשטאָרבן. די יידן האָבן ביטערלעך באַוויינט זייער באַליבטן קיניג, וואָס זיי האָבן אַזוי פּלוצלינג אָנגעווירן. אָבער דער האַמוין פון קייסאַריִא האָט געמאַכט אַ פרײַנטלעכע דעמאָנסטראַציע איבערן טויט פונעם יידישן קיניג. די רוימישע סאָלדאַטן האָבן אַרײַנגעשלעפּט די סטאַטועס פון אַגריפּאַסעס טעכטער אין בייס־האַזוינעס און האָבן זיך דאָרט גראָב איזדיעקעוועט איבער זיי, און דערנאָך האָבן זיי געמאַכט אַ מאָלצײַט אַף אַן אָפענעם פּלאַץ אין קייסאַריִא.

אַזוי האָט זיך געענדיקט אַגריפּאַס I רעגירונג, וואָס האָט געדויערט פיר יאָר — דאָס איז געווען דער קורצער קלאָרער זונען־אונטערגאַנג פונעם יידישן מעלוכע־לעבן. אַף איין קורצער רעגע האָט זיך דער פינצטערער, מיט כמאַרעס פאַרלייגטער האָריזאָנט, אויסגעלײַטערט, אַ פאַרקישעפטע אָוונט־רויטקײַט האָט זײַנע קאַנטן פאַרגאָלדט און דערוועקט אין האַרצן די זיכרוינעס וועגן די ליכטיקע טעג פון דער אופלעבונג; נאָר אָט איז דער לעצטער שטראַל פאַרלאָשן געוואָרן, און איבערן לאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט — אַ פינצטערע, שטורעמדיקע, שרעקנספולע...

3. די לעצטע פּראָקוראַטאָרן און דער פֿאָלקס־אױפֿשטאַנד
(66–44)

1.3. אַגריפּאַסעס דעם ערשטנס יאָרשים און די פּראָקוראַטאָרן

אַגריפּאַס האָט געלאָזן נאָך זיך איין זון, וואָס איז שפּעטער געווען באַוווּסט אונטערן נאָמען אַגריפּאַס II אָדער דער ייִנגערער, און דרײַ טעכטער: בערעניקע, מיריעם און דרוזילא. כּוץ דעם, איז געבליבן נאָך אים אַ ברודער, דער אויבנדערמאָנטער הורדוס פֿון כאַלקיס, וואָס דער קייסער קלאַודיוס האָט אים אָפּגעגעבן אַ קליינעם פֿירשטנטום — כאַלקיס, וואָס איז געווען אינמיטן די בערג לעוואַנאָן. דאָס איז געווען דער זעלביקער פֿירשט, וואָס האָט ניט לאַנג גענומען אַן אָנטייל אין צוזאַמענפֿאָר פֿון די רוימישע וואַסאַלן, וואָס אַגריפּאַס האָט געהאַט צונויפֿגערופֿן אין טווערי. הורדוס האָט דאָס צווייטע מאָל כאַסענע געהאַט מיט זײַן ברודערס טאָכטער בערעניקע, וואָס איז געווען באַרימט דורך איר שיינקײַט און וואָס האָט געשפּילט אַ גאַנץ וויכטיקע ראָל אין די ווײַטערדיקע געשעענישן פֿון דער ייִדישער געשיכטע.

בעשאַס אַגריפּאַס I איז געשטאָרבן, האָט זיך זײַן ייִנגסטער זון, וואָס איז אַלט געווען 7 יאָר, געפֿונען אין רוים. דער קייסער קלאַודיוס האָט געהאַט בעדייע איבערצוגעבן דעם יונגן אַגריפּאַס די מעמשאָלע און די טיטלען פֿון זײַן פֿאָטער; נאָר אײַנפֿלוסרײַכע הויפֿסלײַט האָבן אָפּגערעדט דעם קייסער פֿון דעם דאָזיקן פּלאַן און האָבן אים איבערצײַגט, אַז עס איז ריזיקאַליש איבערצוגעבן אַן אומגעניטן יונגן באַכער די פֿאַרוואַלטונג פֿון אַזאַ אומרויִקער פּראָווינץ, ווי מאַלכעס־יעהודע. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן: אונטערצושטעלן אונטער דער פֿאַרוואַלטונג פֿון רוימישע פּראָקוראַטאָרן אַגריפּאַסעס I גאַנצע קיניגרײַך, דאָס הייסט ניט בלויז דאָס צענטראַלע לאַנד יעהודע מיט שאָמרוין, נאָר אויך די געוועזענע טעטראַרכיעס — גאַליל און איבער־הײַרדן (אין יאָר 44). מער ניט דעם פֿאַרשטאָרבענעם קיניגס ברודער, הורדוסן פֿון כאַלקיס, האָט מען איבערגעלאָזט דאָס רעכט צו באַשטימען קויהאַנים־גדוילים און די האַשגאָכע איבערן בייס־האַמיקדעש, — נאָך באַם רעזשים פֿון די רוימישע פֿאַרוואַלטער האָט דאָס דאָזיקע רעכט ניט געקאָנט האָבן קיין שום פּאָליטישע באַדײַטונג.

שווער איז געווען פֿאַרן פֿאָלק דער איבערגאַנג פֿון פּאָליטישער אווטאָנאָמיע — האַגאַם זי האָט געדויערט אַ קורצע צײַט און איז ניט געווען קיין פֿולע, — צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿון די רוימישע באַאַמטע. די פֿרעמדהערשאַפֿט האָט איצט אַרומגענומען אַ גרעסערן ראַיאָן, איידער פֿריִער, — די גאַנצע טעריטאָריע פֿון דער ייִדישער מעלוכע אויף ביידע זײַטן פֿון יאַרדן, — נאָר אויך אַ סאַך ערגער, ווי פֿריִער, איז זי איצט געוואָרן לויט איר עצעם נאָך. די נײַע רוימישע פּראָקוראַטאָרן, וואָס האָבן פֿאַרוואַלטעט איבערן לאַנד נאָך אַגריפּאַסן, זײַנען געווען, כּוץ איינציקע אויסנאַמען, זייער גראָבע מענטשן, געלטגיריקע און סוינע־ייִסראָעל. די דאָזיקע באַאַמטע זײַנען נאָך ווינציקער, איידער זייערע פֿאָרגייער, געווען גרייטע צו שוינען דאָס נאַציאָנאַלע געפֿיל און די באַזונדערקײַטן פֿון דעם אייגנאַרטיקן לעבנספֿיר פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. זיי זײַנען געווען אין קאַס איבער דעם פֿאָלקס „טײַנעס", וואָס האָט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז פֿרעמדע זאָלן זיך אַרײַנמישן אין זײַן אינווייניקסטן לעבן, און זיי האָבן זיך ווי געשטעלט אַ ציל אַרויסצופֿירן דאָס פֿאָלק פֿון געדולד.

שוין דער ערשטער פּראָקוראַטאָר פֿון דער נײַער סעריע, קוספּיוס פֿאַדוס (אַן ערעך אין די יאָרן 44—46), וואָס קלאַודיוס האָט אים געשיקט אין לאַנד יעהודע מיט אַ באַפֿעל צו לעבן בעשאָלעם מיט דער באַפֿעלקערונג[1], האָט באַוויזן אויפֿצורייצן קעגן זיך דאָס פֿאָלק דורך איין באַפֿעל, וואָס איז געווען באַליידיקנדיק פֿאַרן ייִדישן נאַציאָנאַלן געפֿיל. פֿאַדוס האָט געפּרוּווט צוצונעמען פֿאַר זיך דאָס רעכט צו היטן די יאָמטעוודיקע ביגדיי־קעהונע פֿונעם קויהען־גאָדל אינעם שלאָס אַנטאָניוס אונטער דער אויפֿזיכט פֿונעם רוימישן גאַרניזאָן. אויך די פֿריִערדיקע פּראָקוראַטאָרן האָבן געוואָלט פֿאַרכאַפּן דאָס דאָזיקע רעכט, נאָר דער געוועזענער סירישער פֿאַרוואַלטער האָט עס מעוואַטל געווען. פֿאַדוסעס פֿאָדערונג וועגן דעם, אַז מע זאָל אים אַרויסגעבן די ביגדיי־קעהונע, האָט מען איבערגעגעבן די פֿאָרשטייער פֿון די קויהאַנים און פֿון די עלטסטע פֿון פֿאָלק אין דער צײַט, בעשאַס אין יערושאָלאַיִם האָט זיך געפֿונען דער סירישער הויפּט־פֿאַרוואַלטער לאָנגינוס. די פֿאָרשטייער האָבן געבעטן פֿאַדוסן און לאָנגינוסן, זיי זאָלן אָפּוואַרטן אויף אַן ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פֿאָדערונג, מאַכמעס זיי שיקן אַ דעפּוטאַציע צום קייסער קלאַודיוס זיך מישטאַדל צו זײַן פֿאַר אים,

[1] אים האָט מען, אַגעוו, אויך באַפֿוילן צו באַשטראָפֿן די אײַנוווינער פֿון קיסרי און דעם אָרטיקן גאַרניזאָן פֿאַרן באַליידיקן די געדעכעניש פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם קיניג אַגריפּאַס אין די טעג פֿונעם פֿאָלקס־טרויער. נאָר דער דאָזיקער באַפֿעל איז ניט אויסגעפֿירט געוואָרן, מאַכמעס די שולדיקע האָט זיך אײַנגעגעבן דורך זייערע שעליכים איבערצובעטן קלאַודיוסן און באַקומען פֿון אים אַמניסטיע.

ער זאָל לאָזן די ביגדי־קעהונע אינעם רעשוס פֿון די קויהאַנים פֿון בייס־האַמיקדעש. די רוימישע פּאַרוואַלטער האָבן דערויף מאַסקים געווען, און די שעליכים זײַנען אָפּגעפֿאָרן קיין רוים. אַגריפּאַס II, וואָס איז דעמלט געווען אין רוים, האָט אונטערגעהאַלטן די ייִדישע שעליכים, און קלאַודיוס האָט באַפֿרידיקט זייער הישטאַדלעס און האָט באַפֿוילן דעם פּראָקוראַטאָר ניט אַרײַנצומישן זיך אין די רעליגיעזע איניאָנים פֿון די ייִדן.

נאָר די רוימישע באַאַמטע אין לאַנד יעהודע האָבן געהאַט נאָך אַ גרויסע מאַכט בענעגייע צו די פּאָליטישע איניאָנים. דער פּראָקוראַטאָר פֿאַדוס האָט שטרענג אַכטונג געגעבן אויף די פֿאָלקס־באַוועגונגען, מאַכמעס ער האָט מוירע געהאַט פֿאַר רעוואָליוציאָנערע אויסברוכן.

אין יענער צײַט האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן זיך צווישן ייִדן אַ מיסטישער גלויבן אין מאָשיעכן, און דער דאָזיקער גלויבן האָט אונטערגעהאַלטן אין די נידעריקע שיכטן פֿון פֿאָלק אַ האָפֿענונג אויסגעלייזט צו ווערן פֿון רוימישן יאָך אויף אַן איבערנאַטירלעכן אויפֿן. איינער אַ באַגײַסטערטער באַל־כאַלוימעס, מיטן נאָמען טאָודע, האָט צוגעצויגן נאָך זיך אַ גאַנצע מאַסע לײַכט־גלויביקע מענטשן. ער האָט זיי אײַנגערעדט, זיי זאָלן מיט אים גיין צום יאַרדן און דאָרט האָט ער זיי צוגעזאָגט צו באַווײַזן אַ מויפֿעס: די וואַסערן פֿון יאַרדן וועלן זיך שפּאַלטן און דורכלאָזן אַלע־מען איבער דעם טײַך. איינעם מיט דעם דאָזיקן נעס האָט באַדאַרפֿט פֿאַרקומען דער נעס פֿון דער פּאָליטישער אויסלייזונג פֿון דער נאַציע. אַדאַנק דער דאָזיקער אַגיטאַציע פֿונעם נאָווי האָט זיך געקאָנט אָנהייבן אַ רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג צווישן די נידעריקע שיכטן פֿון פֿאָלק, און פֿאַדוס האָט טאַקע באַלד אָנגענומען אויסערגעוויינלעכע מיטלען. ער האָט אַרויסגעשיקט קעגן די אָנהענגער פֿונעם פֿאַלשן נאָווי אַן אָפּטיילונג רײַטער, וואָס איז אָנגעפֿאַלן אויף זיי פּלוצלינג, האָט אַ סאַך פֿון זיי אויסגעהאַרגעט און די איבעריקע גענומען געפֿאַנגען. מע האָט אויך געכאַפּט טאָודן, מע האָט בא אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אָפּגעפֿירט זי קיין יערושאָלאַיִם.

נאָך פֿאַדוסן, וואָס האָט פֿאַרוואַלטעט איבערן לאַנד יעהודע אַ קורצע צײַט, איז געווען פּראָקוראַטאָר, אויך ניט אַ לאַנגע צײַט, טיבעריוס־אַלעקסאַנדער פֿון אַלעקסאַנדריִאַ (אַן ערך פֿון 46—48). דאָס איז געווען אַ פּלימעניק פֿונעם ייִדישן פֿילאָסאָף פֿילאָן (זײַן ברודערס, דעם אַלאַבאַרך אַלעקסאַנדערס אַ זון), וואָס איז געוואָרן אויס ייִד און איז אַרײַנגעטראָטן אין רוימישן דינסט. אַלס אַ מעשומעד, וואָס האָט זיך איבערגעפּעקלט אינעם לאַגער פֿון די שטאַרקע, האָט ער זיך געמיט צו באַווײַזן די רוימער, אַז ער איז רוידעף די ייִדישע פּאַטריאָטן מיט דער גרעסטער אַכזאָריִעס. ער האָט געכאַפּט און געקרייציקט צוויי זין פֿונעם קאַנאַי יעהודע האַגאַלילי, וואָס איז געשטאַנען בעראָש פֿון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין דער צײַט פֿונעם רוימישן „צענזוס"; יעהודעס זין האָבן, מאַשמאָעס, ווײַטער געפֿירט דעם פֿאָטערס אַגיטאַציע — און האָבן באַצאָלט דערפֿאַר מיטן לעבן. די רוימישע רעגירונג האָט פֿולקום אָפּגעשאַצט די צוגעטאָנקייט פֿונעם מעשומעד: זי האָט אים באַשטימט פֿאַר אַ פּאַרוואַלטער אָדער „פּרעפֿעקט" אין אַלעקסאַנדריִאַ, און בעשאַס דער באַלאַגערונג פֿון יערושאָלאַיִם איז ער געווען אָנגעשטעלט באַם רוימישן הויפּט־שטאַב.

אין יענער צײַט (48) איז געשטאָרבן הוירדויס פֿון כאַלקיס. דער קייסער האָט אָפּגעגעבן זײַן קליינעם פֿירשטנטום אַגריפּאַס II. דער לעצטער האָט אויך באַקומען, נאָך דעם פֿעטערס טויט, דאָס רעכט צו באַשטימען קויהאַנים־גדוילים און די אייבערשטע האַשגאָכע איבערן בייס־האַמיקדעש.

2.3. די אומרוען אין קומאַנוס צײַטן

דער נײַער פּראָקוראַטאָר, קומאַנוס (48—52), איז געווען דער ערשטער פֿון אַ גאַנצער שורע פּאַרוואַלטער, וואָס האָבן דורך זייער כוצפּעדיקער אויפֿירונג, זייערע אומגעזעצלעכע מײַסים און דײַטלעך אַרויסגעוויזענער סינע צו ייִדן, צערייצט דאָס פֿאָלק און צוגעגרייט די מערידע. די ייִדן זײַנען פֿון שטענדיק אָן געווען אופּגעבראַכט איבערן מינהעג פֿון די פּראָקוראַטאָרן — אויסצושטעלן באַוואָפֿנטע רוימישע סאָלדאַטן אין די גאַלערייען פֿון בייס־האַמיקדעש אין די גרויסע יאָמטויווים, בעשאַס יערושאָלאַיִם און דער בייס־האַמיקדעש זײַנען געווען איבערפֿולט מיט אוילע־רעגל, וואָס זײַנען געקומען פֿון אַלע עקן לאַנד. געטאָן האָט מען דאָס, פֿאַרשטייט זיך, ביכדיי צו פֿאַרהיטן אומאָרדענונגען און פּײַנטלעכע דעמאָנסטראַציעס קעגן רוים. נאָר ווי איז געווען אָפּן האַרצן די ייִדישע פּאַטריאָטן צו קוקן אויף דעם דאָזיקן לעבעדיקן סימבאָל פֿון דער פֿרעמדער קנעכטשאַפֿט אין די טעג פֿון די נאַציאָנאַלע יאָמטויווים, און ביפֿראַט אין גרויסן יאָמטעוו פֿון „זמאַן־כיירוסיינו" — אום פּייסעך? נאָר גרעסער איז געווען די באַליידיקונג דורך דעם, וואָס די סאָלדאַטן, די היידן, האָס זיי האָט דער ייִדישער קולט אויסגעדוכט מאָדנע אָדער לעכערלעך, האָבן ניט שטענדיק זיך געהאַלטן ערנסט, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, נאָר אָפּטמאָל פּלעגן זיי אַפּילע גראָב באַליידיקן דאָס רעליגיעזע געפֿיל פֿון די ייִדן.

אין קומאַנוסעס צײַטן האָט געטראָפֿן אַזאַ מעשׂה. איין טאָג פֿון פּסח האָט ערגעץ אַ סאָלדאַט פֿון דער מיליטערישער וואַך, וואָס איז געשטאַנען נעבן בית־המיקדש, זיך אומגעקערט מיטן רוקן צום פֿאָלק, וואָס האָט זיך געהאַט צונויפֿגעקליבן אין בית־המיקדש, און האָט געמאַכט עפּעס זייער אַ מיאוסע טנועה. דאָס פֿאָלק איז געוואָרן שטאַרק דערצאָרנט. דאָס צערייצטע רעליגיעזע געפֿיל האָט זיך אויסגעדריקט אין געשרייען און סטראַשונקעס אַנטקעגן די רוימער און דעם פּראָקוראַטאָר. די מער אײַנגעהאַלטענע האָבן געפֿאָדערט פֿון קומאַנוסן, ער זאָל באַשטראָפֿן דעם סאָלדאַט, דעם כאַצעף; נאָר קומאַניס האָט אַנשטאָט דעם געפֿאָדערט פֿון די ייִדן, זיי זאָלן זיך באַרויִקן. דעמאָלט האָט דער אויפֿגערייצטער המון אָנגעהויבן צו וואַרפֿן שטיינער אויף די רוימישע סאָלדאַטן. קומאַנוס האָט, פֿון זײַן זײַט, אַרויסגערופֿן אַ מיליטערישע הילפֿס־אָפּטיילונג. די סאָלדאַטן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם אומבאַוואָפֿנטן המון, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפֿן איבער די שמאָלע און קרומע געסלעך, וואָס אַרום דעם בית־המיקדש. די מענטשן האָבן געשטופּט און געשטיקט איינער דעם אַנדערן, און טויזנטער ייִדן האָט מען געפֿונען דערנאָך דערשטיקטע אויף די גאַסן. אַ סך משפּחות האָבן באַוויינט זייערע אומגעקומענע מיטגלידער, און דער יום־טובֿ איז פֿאַרביטן געוואָרן אין אַ טרויער־טאָג.

דער פֿאָלקס־צאָרן קעגן די רוימער, וואָס אין ירושלים איז ער דערשטיקט געוואָרן דורך דער קראַפֿט פֿון געווער, האָט געפֿונען אַן אויסגאַנג אין גוואַלדטאַטן אין אַנדערע ערטער. ניט ווײַט פֿון ירושלים זײַנען עטלעכע ייִדן אָנגעפֿאַלן אויף דעם קייסערלעכן באַאַמטן סטעפֿאַנוס, וואָס איז געפֿאָרן אויפֿן וועג, און האָבן אים באַרויבט. דערפֿאַר האָט קומאַנוס געשיקט אַהין אַ מיליטערישע אָפּטיילונג מיטן באַפֿעל — צו באַראַבעווען די דערפֿער, וואָס ליגן צום נאָענטסטן נעבן דעם אָרט, וווּ דער פֿאַרברעכן איז געשען, דערפֿאַר, וואָס די אײַנוווינער האָבן ניט פֿאַרהאַלטן די שולדיקע. בעת דער דאָזיקער עקזעקוציע האָט אַ רוימישער סאָלדאַט געפֿונען אין איין דאָרף אַ ספֿר־תּורה, האָט זי צעריסן און עפֿנטלעך זי באַשמוצט. די ייִדן זײַנען שטאַרק אויפֿגערעגט געוואָרן דורך דעם דאָזיקן חילול־הקודש, און אַ גאַנצע מאַסע פֿון זיי האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין קיסרי און געפֿאָדערט פֿון קומאַנוסן, ער זאָל דעם סאָלדאַט באַשטראָפֿן. דאָס מאָל האָט דער פּראָקוראַטאָר מורא געהאַט פֿאַר אַ שלעכטן סוף, און דעריבער האָט ער געפֿונען פֿאַר נייטיק צו דערפֿילן די פֿאָדערונג פֿון פֿאָלק, און דער שולדיקער סאָלדאַט איז פֿאַרמישפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף.

ערנסטערע רעזולטאַטן האָט געהאַט דער דריטער צוזאַמענשטויס אין קומאַנוסעס צײַטן. אַ גרופּע גלילער ייִדן זײַנען, גייענדיק אויף אַ יום־טובֿ קיין ירושלים, דורכגעגאַנגען דורך שומרון. אונטערוועגס זײַנען די שומרונים פֿון ערגעץ אַ דאָרף אָנגעפֿאַלן אויף די עולי־רגל און האָבן איינעם פֿון זיי געטייט. די ייִדן האָבן זיך געווענדט מיט אַן אָנקלאַגע צו קומאַנוסן; נאָר דער לעצטער, וואָס די שומרונים האָבן געהאַט אים אונטערגעקויפֿט, האָט גאָרנישט ניט געטאָן צוליב באַשטראָפֿן די שולדיקע. דעמאָלט איז דאָס פֿאָלק אַליין צוגעטראָטן זיך אָפּצורעכענען מיט די שומרונים. ס'איז אויפֿגעשטאַנען אַ גרופּע קנאָים אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם מוטיקן אליעזר בן־דינײַ, וואָס איז געווען באַרימט דורך זײַנע גוואַלדס אינעם קאַמף מיט דער פֿרעמדהערשאַפֿט. אַ באַוואָפֿנטע אָפּטיילונג קנאָים אונטער זײַן קאָמאַנדע איז דורכגעגאַנגען דורכן געביט פֿון שומרון און האָט דאָרט פֿאַרוויסט עטלעכע דערפֿער. קומאַנוס האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר די שומרונים: ער האָט אַרויסגעפֿירט זײַן חיל קעגן די קנאָים און האָט זיי צעטריבן. אַ סך מורדים זײַנען געוואָרן דערהרגעט און גענומען געפֿאַנגען.

דאָס זײַנען שוין געווען סימנים, אַז עס גענענט אַ רעוואָלוציע. העיוס, ווי די פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער אַריסטאָקראַטיע האָבן געוואָלט פֿאַרהיטן אַ קאַטאַסטראָפֿע, דעריבער האָבן זיי צוגערעדט די קנאָים, אַנידערצולייגן דאָס געווער און צו פֿאַרטיידיקן זייערע רעכט אויף אַ געזעצלעכן אופֿן. צום סירישן הויפּט־פֿאַרוואַלטער קוואַדראַטוסן זײַנען אַוועק צוויי דעפּוטאַציעס. איינע פֿון די ייִדן, וואָס האָבן זיך באַקלאָגט אויף די גוואַלדטאַטן מצד די שומרונים און אויף קומאַנוסעס אומגעזעצלעכע מעשׂים, און די אַנדערע — פֿון די שומרונים, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס אליעזרס אָפּטיילונג האָט זיי אייגנוויליק באַשטראָפֿט. קוואַדראַטוס איז אָנגעקומען קיין שומרון און האָט אָנגעהויבן דאָרט מישפּטן און שטראָפֿן אויף זײַן שטייגער. די קנאָים, וואָס קומאַנוס האָט פֿאַרכאַפּט, האָט ער געהייסן קרייציקן, און נאָך עטלעכע ייִדן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי האָט ער באַפֿוילן צו קעפּן. נאָכדעם ווי קוואַדראַטוס האָט אויף אַזאַ אופֿן זיך נוקם געווען פֿאַרן „קאָוועד פֿון די רוימער", האָט ער אָפּגעשיקט צום קייסער אַליין, ער זאָל פּאַסקענען דעם שטרײַט צווישן די ייִדן און שומרונים. אויף זײַן פֿאָדערונג זײַנען די פֿאָרשטייער פֿון די ירושלמער כאַשעווע לײַט בראָש מיטן כּהן־גדול יונתן אַוועק קיין רוים; אַהין האָבן אויך געמוזט פֿאָרן, בכדי זיך צו פֿאַרענטפֿערן, דעפּוטאַטן פֿון די שומרונים מיט קומאַנוסן.

דער קייסער קלאַודיוס האָט אויסגעהערט ביידע צדדים. די הויפּסליַיט, וואָס זיַינען געווען פיַינטלעך געשטימט צו די ייִדן, האָבן זיך שטאַרק מישתּדל געווען לטובֿתו פֿון קומאַנוסן און די שאָמרונים, נאָר אַגריפּאַס דער ייִנגערער, וואָס איז גראָד אין יענער ציַיט געווען אין רוים, האָט זיך איַינגעשטעלט פֿאַר זיַינע גלויבנס־ברידער. דורך דער קייסערינטע אַגריפּינע האָט זיך אים איַינגעגעבן צו באַוועגן קלאַודיוסן — צו באַטראַכטן דעם איניען אָן פּניעס און באַשטראָפֿן די עמעסע שולדיקע אין דער מעהומע. דער פּסאַק, וואָס דער קייסער האָט אַרויסגעגעבן, איז געווען פֿאָלגנדער: דריַי כאַשעווע שאָמרונים זאָל מען טייטן, און קומאַנוסן דערוויַיטערן פֿון שטעל און פֿאַרשיקן. דער דאָזיקער פּסאַק האָט באַשטעטיקט דעם פֿאַקט, אַז דער פּראָקוראַטאָר האָט געטאָן אין מאַלכעס־יעהודע אומגעזעצלעכע מיַיסים און גוואַלדטאַטן, און אַז די ייִדן האָבן גענומען זיך פֿאַר געווער בלויז צוליב זעלבשוץ, נאָר פֿונדעסטוועגן האָט דער אייגענער רעזשים נאָך וויַיטער געדויערט פֿאַר די וויַיטערדיקע רוימישע פּראָקוראַטאָרן.

3.3. די פּראָקוראַטאָרן פֿעליקס און פֿעסטוס

נאָך קומאַנוסן איז געוואָרן באַשטימט פֿאַר אַ פּראָקוראַטאָר פֿעליקס (52—60), אַ פֿריַיגעלאָזענער שקלאַף פֿון קיניגלעכן הויז, אַ ברודער פֿון פּאַלאַסן, וואָס איז געווען אַלמעכטיקער מיניסטער אין קלאַודיוסעס ציַיט. מע האָט דערציילט, אַז דער קויהען־גאָדל יוינאָסן, דער אָנפֿירער פֿון דער אויבנדערמאָנטער דעפּוטאַציע, זאָל אַליין האָבן געבעטן דעם קייסער, ער זאָל באַשטימען פֿעליקסן. איבער דער קויהען־גאָדל האָט געהאַט בעדייע דערמיט צו טאָן אַ טויווע זיַין פֿאָטערלאַנד, האָט ער געהאַט אַ גרויסן טאָעס אין כעזשבן. פֿעליקס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר נאָך ערגער, איידער זיַין פֿאָרגייער. אין קומאַנוסעס ציַיטן פֿלעגן פֿאָרקומען צוזאַמענשטויסן צווישן די ייִדישע פּאַטריאָטן מיט דער רוימישער מעמשאָלע מער ניט ציַיטנוויַיז, פֿאַר דעם נייַעם פּראָקוראַטאָר אָבער האָבן זיי קימאַט ניט אויפֿגעהערט. „אַליין אַן אַכזער אין אַן איהעוור־קעסעף, — זאָגט דער היסטאָריקער טאַציטוס וועגן פֿעליקסן, — האָט ער פֿאַרווירקלעכט די קיניגלעכע מאַכט אויף אַ קנעכטישן אויפֿן". זיך פֿאַרלאָזנדיק אויף דער מעכטיקער אונטערשטיצונג מיצאַד זיַין ברודער, האָט דער פּראָקוראַטאָר, וואָס איז אַליין ניט לאַנג געווען אַ שקלאַף, געמיינט, אַז ער קאָן אומבאַשטראָפֿטערהיַיט דערלויבן זיך צו טאָן אין דער פּראָווינץ, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אונטער זיַין רעשוס, וואָס אים וועט זיך נאָר גלוסטן, און ער האָט גאָרניט וואָס צו קוקן אויף די געזעצן. אויף פֿעליקסעס אויפֿירונג האָט נאָך געקאָנט האָבן אַן איַינפֿלוס דאָס, וואָס אין דריטן יאָר, זינט ער האָט פֿאַרוואַלטעט, איז געשטאָרבן דער קייסער קלאַודיוס, וואָס האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ באַשיצער פֿון די ייִדן, און קייסער איז געוואָרן נעראָן, וואָס האָט זיך פֿאַרהאַלטן פֿיַינטלעך צו די אויטאָנאָמע שטרעבונגען פֿון ייִדישן פֿאָלק.

די באַציִונגען פֿונעם נייַעם פּראָקוראַטאָר צום פֿאָלק זיַינען ניט בעסער געוואָרן אויך נאָכדעם, ווי ער האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ ייִדישער טאָכטער. באַלד ווי ער איז געקומען אין לאַנד יעהודע, האָט פֿעליקס זיך פֿאַרליבט אין דער יונגער דרוזילאַ, אַגריפּאַסעס I טאָכטער. די שיינע פּרינצעסן האָט קורץ פֿריִער כאַסענע געהאַט מיט דעם קיניג פֿון עמעס, אַזיז, וואָס האָט פֿון אירטוועגן אָנגענומען די ייִדישע עמונע. (דער שידעך צווישן דרוזילאַ מיטן ערשטן כאָסן, דעם פּרינץ פֿון קאָמאַגענאַ, איז צו נישט געוואָרן, מאַכמעס דער כאָסן האָט ניט געהאַלטן זיַין וואָרט אָנצונעמען די ייִדישע עמונע). נאָר דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטן דעם פֿאַרליבטן פֿעליקסן, און באַלד האָט זיך אים איַינגעגעבן, דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון ערגעץ אַ „מעכאַשעף" שימען פֿון קיפּרוס, איַינצורעדן די ייִדישע פּרינצעסן, וואָס האָט ניט געהאַט די צניעס פֿון אַ ייִדישער טאָכטער, אַריבערצוגיין צו אים. דרוזילאַ האָט פֿאַרלאָזן איר מאַן און די עמונע פֿון אירע עלטערן און האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ רוימער.

פֿעליקס האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו פֿאַרניכטן די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין מאַלכעס־יעהודע און האָט מיט אַכזאָריעס גערוידעפֿט יענע אַקטיווע פּאַטריאָטן, וואָס דאָס פֿאָלק האָט זיי אָנגערופֿן „קאַנאָים", די רוימער אָבער — „רויבער". דאָרט, וווּ פֿעליקס פֿלעגט ניט קאָנען אָנווענדן קראַפֿט, פֿלעגט ער געברויכן רעמאָעס. ער האָט אַריַינגענאַרט צו זיך דעם פֿירער פֿון די קאַנאָים, עליעזער בען־דאַנאַי, דורך דעם, וואָס ער האָט אים צוגעזאָגט גאָרנישט ניט צו טאָן; דערנאָך אָבער האָט ער אים געשמידט אין קייטן און אָפּגעשיקט קיין רוים. דעם זעלביקן סאָף האָבן געהאַט אַ סאַך אָנהענגער עליעזערס.

דעמלט איז געשען דאָס, וואָס קומט שטענדיק פֿאָר, בעשאַס עס ווערט דערשטיקט אַ נאַטירלעכע אָפּאָזיציע פֿון פֿאָלק: די מעסיגע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך אומגעביטן אין אַ טעראָריסטישער. די עקסטרעמע עלעמענטן פֿון די קאַנאָים האָבן געבילדעט אין ירושלאַים אַ געהיימע פֿראַקציע פֿון סיקאַריער (סיקריקון) אָדער „קינזשאַלן־טרעגער", וואָס האָבן דורך באַזונ־

דערע געהיימע מאָרדן זיך נויקעם געווען אַן די רוימער און זייערע ייִדישע פּאָליטישע קעגנער. די סיקאַריער פּלעגן געוויינלעך טראָגן באַהאַלטן אונטער זייערע מאַנטלען קורצע קינזשאַלן (אויף לאַטייניש הייסט דאָס סיקאַ), פּלעגן זיך אַרייַנמישן צווישן דעם האַמוין אין די ערטער, וווּ ס'פּלעגן זיך צונויפקלייַבן אַ סאַך מענטשן, און פּלעגן טייטן די, וועמען זיי האָבן גערעכנט פאַר אַ סוינע פון פאַטערלאַנד. דאָס פּלעגט געשען געוויינלעך אין די טעג פון די גרויסע יאָמטויווים, אויפן פּלאַץ פאַרן בייס-האַמיקדעש, — און די מערדער פּלעגן סראָוו ניט געפונען ווערן, מאַכמעס זיי פּלעגן פאַרשווינדן צווישן דער מאַסע צושויער און מאַכן דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן צוגלייַך מיט אַלע-מען זייַן אופגעבראַכט איבערן פאַרברעכן, וואָס איז דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן.

די מייַסים פון די סיקאַריער האָבן פאַרשפּרייט אַ פּאַניק צווישן דער ייִדישער געזעלשאַפט: ניט בלויז די אָנהענגער פון דער רוימישער מעמשאָלע, נאָר אַפילע די מעסיקע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן ניט-ווילנדיק זיך אונטערגעגעבן אונטער דער דאָזיקער מעמשאָלע, האָבן מוירע געהאַט פאַר זייער לעבן. אַ קאָרבן פון די סיקאַריער איז געוואָרן, צווישן אַנדערע, דער קויהען-גאָדל יוינאָסן, ווייַל די קאַנאָיִם האָבן אים פייַנט געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט אַנומלט געבעטן אין רוים, מע זאָל באַשטימען פעליקסן פאַר אַ פּראָקוראַטאָר. העיויס ווי יוינאָסן האָט געפּילט אויף זיך די אַכרייַעס קעגן פאָלק, דעריבער פּלעגט ער אָפט מאַכן פעליקסן פאָרווורפן פאַר זייַנע אומגעזעצלעכע מייַסים, נאָר דורך דעם האָט ער די סיקאַריער פאַר זיך ניט אייַנגענומען, ער האָט מער ניט אופגעבראַכט קעגן זיך דעם פּראָקוראַטאָר. העיויס ווי פעליקס האָט געוואָלט פּאָטער ווערן פון דער האַזשגאָכע מיצאַד דעם קויהען-גאָדל, דעריבער האָט ער דאָס מאָל געמאַכט יאַדאַכאָס מיט די סיקאַריער, — און יוינאָסן איז דערשטאָכן געוואָרן פון אַ געהיימען מערדער. די פּאַרטיי פון טעראָר איז דאָ געוואָרן אַ געצייַג בא יענעם דעספּאָטיזם, וואָס אים אויסצוואָרצלען איז געווען איר ענדציל.

אינייִנעם מיטן פּאָליטישן פאַנאַטיזם האָבן זיך אַנטוויקלט רעליגיִעזע פאַנטאַזיעס. ס'האָבן זיך באַוויזן אַ גאַנצע ריי מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעגעבן פאַר „נעוויִים" אָדער „מאָשיכים", און זיי האָבן אייַנגערעדט דעם פינצטערן האַמוין, אַז זיי זייַנען געשיקט פון גאָט, ביכדיי אויסצולייזן דאָס ייִדישע פאָלק פון אַלע זייַנע צאָרעס. די דאָזיקע באַגייַסטערטע מענטשן אָדער מעשוגאָיִם האָבן גערופן דאָס פאָלק אין מידבער, צוגעזאָגט צו באַווייַזן מויפסים און דורך מיסטישע סגולעס צו פאַרגיכערן די אויסלייזונג פון פאָלק ייִסראָעל.

איין פאַלשער נאָווי אַזעלכער, וואָס איז אָנגעקומען פון מיצראַיִם, האָט צונויפגעקליבן אַרום זיך אין דעם מידבער עטלעכע טויזנט אָבערגלויבערישע ייִדן, איז אַוועק פון דאָרט מיט זיי קיין יערושאָלאַיִם און האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער דער שטאָט, אויפן האַר-האַזייסים. דאָרט האָט ער אייַנגערעדט זייַנע אָנהענגער זיך אַרייַנצורייַסן אין יערושאָלאַיִם און פאַרכאַפּן דעם רוימישן גאַרני-זאָן, און דערבייַ האָט ער זיי פאַרזיכערט, אַז די מויערן פון יערושאָלאַיִם וועלן בעדערעך נעס אייַנ-פאַלן, ווי נאָר זיי וועלן צוקומען צו זיי. נאָר איידער נאָך דער האַמוין האָט באַוויזן אויסצופּרוּוון, צי די דאָזיקע נעוויִע איז עמעס, האָט פעליקס זיך אַ לאָז געטאָן אויף אים פון שטאָט אַרויס און האָט אים אינגאַנצן צעטריבן. אַ סאַך פון די אָנהענגער פונעם עגיפּטישן פאַלשן נאָווי האָבן באַ-צאָלט מיט זייער לעבן פאַר זייער לייַכטגלויביקייַט, אָדער זייַנען גענומען געוואָרן געפאַנגען; דעם פאַלשן נאָווי גופע האָט זיך אייַנגעגעבן נעלעם צו ווערן.

און אַז די היידן, וואָס האָבן געוווינט אין פּאַלעסטינע, — די סירישע גריכן און רוימער — האָבן דערזען, ווי גראָב דער רוימישער פאַרוואַלטער באַהאַנדלט די ייִדישע בירגער, זייַנען זיי אויך געוואָרן אַלץ כוצפּעדיקער אין זייער באַגיין זיך קעגן ייִדן. אין קיסרי, וואָס באַם ברעג יאַם, וווּ עס האָט געוווינט אַ געמישטע באַפעלקערונג, איז עס געקומען צו אַ בירגערקריג. דאָ איז אַרויסגעקומען אַ מאַכלויקעס צווישן די ייִדן און די סירער וועגן דער בירגערלעכער גלייַכבאַרעכ-טיקונג. די ייִדן האָבן געטייַנעט, אַז זיי קומט מער רעכט, מאַכמעס די שטאָט האָט דאָך אויסגע-בויט זייער קיניג הורדוס. די סירער אָבער האָבן געפאָדערט מער רעכט פאַר זיך, ווייַל זיי האָבן זיך סוימעך געווען דערויף, וואָס אין אַמאָליקער צייַט, בעשאַס די שטאָט האָט נאָך געהייסן סטראַ-טאָנס-טורעם, זייַנען דאָרט גאָר קיין ייִדישע אייַנוווינער ניט געווען.

לאַנג האָבן געשטרייַט צווישן זיך די פאָרשטייער פון ביידע צדאָדים, וואָס צווישן זיי האָבן די ייִדן זיך אויסגעצייכנט דורך זייער אַשירעס, די סירער אָבער האָבן געהאַט אַ גרויסן אייַנפלוס אויף די מיליטערישע קרייַזן, מאַכמעס דער רוימישער גאַרניזאָן, וואָס איז געשטאַנען אין קיסרי, איז באַשטאַנען סראָוו פון אָרטיקע סירער. סאָפקאָלסאָף איז דער מאַכלויקעס אַרויסגעטראָגן גע-וואָרן אויף דער גאַס. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן קעגנזייַטיקע עפנטלעכע באַליידיקונגען און מאַסן-צוזאַמענשטויסן אויף די גאַסן, און דערבייַ האָבן די קעגנער באַוואָרפן איינע די אַנדערע מיט שטיינער.

אין איינער פון אַזעלכע צוזאַמענשטויסן, בעשאַס פון ביידע צדאָרים זייַנען געבליבן אַ סאַך פאַרווּנדעטע און דערהאַרגעטע, זייַנען די ייִדן געבליבן די זיגער. דעמלט האָט פעליקס זיך

אַרײַנגעמישט און געפּאַדערט, אַז די ייִדן זאָלן אָפּשטעלן דעם מאַכלויקעס און אָפּזאָגן זיך פון זייערע טײַנעס. נאָר אַזוי ווי די ייִדן האָבן די דאָזיקע פאָדערונג ניט אויסגעפילט, דעריבער האָט דער פּראָקוראַטאָר דערלויבט זײַנע סאָלדאַטן צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג פון קיסרי. די סאָלדאַטן די סיריער האָבן צעראַבעוועט די רײַכסטע ייִדישע הײַזער אין שטאָט און דערהאַרגעט אַ סאַך ייִדן אָדער אַרײַנגעזעצט זיי אין טפיסע.

ערשט נאָך דער דאָזיקער האַריגע האָט פעליקס באַשלאָסן פאַרצולייגן דעם קייסער, ער זאָל באַשליסן דעם שטרײַט צווישן די בירגער פון קיסרי. צוליב דעם צוועק האָט ער געשיקט קיין קיסרי דעפּוטאַטן פון ביידע טיילן פון דער באַפעלקערונג. נאָר איידער דער איניען איז דערגאַנגען צום קייסער, איז פעליקס אָפּגערופן געוואָרן פון לאַנד יעהודע. אויף זײַן אָרט האָט נעראָן באַשטימט פּאָרציוס פעסטוסן (אַן ערך 60—62).

דערווײַל איז אָנגעקומען קיין רוים די דעפּוטאַציע, וואָס די ייִדן האָבן געשיקט, און איז אַרויסגעטראָטן מיט באַשולדיקונגען קעגן פעליקסן און קעגן דער סירישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געפונען אונטער זײַן שוץ. דער געוועזענער פּראָקוראַטאָר וואָלט באַקומען זײַן שטראָף פאַר זײַנע אומגעזעצלעכע מעשׂים, אויב פאַר אים וואָלט זיך ניט אָנגענומען זײַן ברודער פּאַלאַס, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע דייע באַם הויף. העיוס ווי די ייִדן האָבן געהאַט קעגן זיך די הויפישע קנופּיע, דעריבער האָבן זיי זיך אויך ניט דערשלאָגן צו אַ געזעצלעכער באַפרידיקונג פון זייער בירגערלעכן שטרײַט מיט די סיריער. די סירישע שליחים האָט זיך אײַנגעגעבן דורך אַ גרויסער סומע געלט אונטערצוקויפן נעראָנס גריכישן סעקרעטאַר און אויסצושטאַדלען פאַר זיך אַ קייסערלעכן דעקרעט פון זייער טויווע וועגן. נעראָן האָט אַרויסגעגעבן אַ באַשטימונג, אַז פאַר באַלעבאַטים פון קיסרי און פאַר פולבאַרעכטיקטע בירגער דאַרפן זיך רעכענען נאָר די „העלענען", די ייִדישע אײַנוווינער אָבער פאַרלירן זייער בירגערלעכע גלײַכבאַרעכטיקונג.

דער דאָזיקער אומגערעכטער געזעץ, וואָס לויט אים איז די אָרטיקע באַפעלקערונג, וואָס אירע עלטער־עלטערזיידעס זײַנען געזעסן אין דעם לאַנד, אוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַן ערגערן מיימעד, איידער די פרעמדע, שפּעטער צוגעקומענע, — האָט אַרויסגערופן אַן אויסערסטע אומצופרידנקייט צווישן די ייִדן. אין עטלעכע יאָר אַרום איז דער מאַכלויקעס פון קיסרי געווען איינע פון די ערשטע סיבעס, וואָס האָבן געפירט צו אַן אָפענעם אופשטאַנד קעגן דעם רוימישן דעספּאָטיזם.

באַ אַזאַ מיימעד האָט די רעוואָליוציאָנערע אופרעגונג אין לאַנד יעהודע ניט געקאָנט אויפהערן אַפילע אין דער פאַרוואַלטונגס־צײַט פון פעסטוסן, האַגאַם ער איז ניט געווען אַזאַ טיראַן, ווי דער פריִערדיקער פאַרוואַלטער. די סיקאַריער (סיקריקון) האָבן ווײַטער געפירט דעם טעראָר, מאַכמעס זיי האָבן געהאַלטן דעם קלאַל גאָדל, אַז אַזעלכע ייִדן, וואָס שטייען ניט אויף קעגן רוימישן יאָך און ווײַזן ניט אַרויס זייער קאַס אין מעשׂים, מוז מען צווינגען, זיי זאָלן קעמפן פאַר דער פאָלקס־פרײַהײַט. זיי האָבן אַן ראַכמאָנעס גערוידעפט די „מעסיקע" און די „רוידעפי־שאָלעמניקעס" צווישן די פאָרשטייער פון דער העכערער יערושאָלאַיִמער געזעלשאַפט. אָפטמאָל פלעגן זיי אָנפאַלן אויף די דערפער, וואָס זייערע אײַנוווינער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַרײַנצוטרעטן אין די רעוואָליוציאָנערע רייען, פלעגן פאַרברענען דאָרט הײַזער און ראַבעווען האָב־און־גוטס. פאַלשע נעוויִים אין קלוימערשטיקע „מאָשיכים" האָבן אויך ווײַטער געפירט זייער אַגיטאַציע צווישן האַמוין. דער פּראָקוראַטאָר פעסטוס האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען קעגן די אַגיטאַטאָרן, נאָר ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן.

ס'איז אוממעגלעך געווען צו באַרויִקן די נאַציע, וואָס איז געווען אופגערעגט און אופגערודערט פון אויבן ביז אַראָפּ. ס'האָט זיך געפילט, אַז עס גענעענט אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע. אין יענע צײַטן פלעגט איבער די גאַסן פון יערושאָלאַיִם אַרומגיין עפּעס אַ משוגעדיקער מענטש, מיטן נאָמען יעהוישוע בען כאַנאַן, און פלעגט שרײַען: „אַ קאָל פון מיזרעך, אַ קאָל פון מײַרעוו, אַ קאָל פון אַלע פיר ווינטן, אַ קאָל וועגן יערושאָלאַיִם און וועגן בייס־האַמיקדעש, אַ קאָל וועגן כאָסן און קאַלע, אַ קאָל וועגן גאַנצן פאָלק!" דעם דאָזיקן שלעכטן מעוואַשער האָט מען דערקלערט פאַר משוגע, מ'האָט אים באַליידיקט, געשלאָגן, נאָר ער האָט ניט אופגעהערט אויסצורופן זײַנע אַצוועספולע ווערטער. טאָג און נאַכט פלעגט ער אַרומבלאָנקען איבער דער הויפּט־שטאָט, פלעגט מיט קיינעם ניט רעדן, ניט ענטפערן, אַז מע פלעגט אים באַגריסן, נאָר אָן אופהער האָט ער איבערגעכאַזערט זײַנע שרעקנספולע אויסרופן, און אָפט פלעגט ער נאָך פאַרענדיקן מיטן מיימער האַמוסגער: „ווײ, ווײ געשריִען צו דיר, יערושאָלאַיִם!" דער אומגליקלעכער האָט דערלעבט ביז צו דער צײַט, ווען זײַנע נעוויִעס זײַנען מעקוייעם געוואָרן. ער אַליין איז געפאַלן פון אַ שטיין, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן דורך אַ רוימישער שלײַדער־מאַשין אין דער צײַט פון דער שפּעטערדיקער באַלאַגערונג.

(פאָרזעצונג קומט)

אלעקסאנדער פעטשערסקי

מיט גרויסן טרויער טיילן מיר מיט, אז דעם 18 יאנוואר 1990 איז אין דער שטאָט ראָסטאָוו־אפן־דאָן אפן איין־און־אכציקסטן יאָר געשטאָרבן אלעקסאנדער פעטשערסקי.

געבוירן אין קרעמענטשוג, אוקראַינע, איז ער אין 1915 איניינעם מיט די עלטער איבערגעפאָרן קיין ראָסטאָוו־אפן־דאָן. דאָ איז ער אין 1926 אָנגעקומען זיך לערנען אין דער מוזיקאלער שול. נאָכדעם האָט ער געארבעט אין די איַיזנבאן־ווארשטאטן פון דער אָרטיקער דעפאָ.

אין דער ארמיי איז אלעקסאנדער פעטשערסקי מאָביליזירט געוואָרן דעם 22 יון 1941. בייס די שווערע שלאכטן לעם דער שטאָט וויאזמע פאלט ער אריַין אין געפענקעניש.

אין טויט־לאגער סאָביבאָר האָט א. פעטשערסקי זיך געפונען בלויז 22 טעג, אָבער פאר אָט דער ציַיט האָט ער באוויזן צו אָרגאניזירן אן אופשטאנד: דעם 14 אָקטיאבער 1943 האָבן זיך העכער 400 קאצעטלער בעראָש מיט אלעקסאנדער פעטשערסקין ארויסגעריסן פונעם טויט־לאגער.

נאָך וויסטע וואָגלענישן קומט אָן א. פעטשערסקי צו די פארטיזאנער. נאָכדעם איז ער אן אָפיצער אין דער סאָוועטישער ארמיי, באטייליקט זיך אין דער באפריַיונג פון אונדזער היימלאנד, ווערט שווער פארוווּנדעט.

אלעקסאנדער פעטשערסקי האָט מיט זיַין העלדנמוט דעראָבערט רום און מיט זיַין נאָכמילכאָמעדייקער מי פארדינט אכטונג בא זיַינע בניי־איר.

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן מיטגעפיל זיַין פרוי, די קינדער, די אייניקלעך און אלע זיַינע קרויווים.

נ. גיטעלמאכער, ה. באראז,
וו. יעפע, ל. דאשאן

די גזירע פון וואַסער

„און ס'איז אויפגעשטאַנען אין מיצראַים אַ נײַער מלך" מיט נײַע גזירעס — האָט ער געזאָגט צו זײַן פֿאָלק:

— „לאָמיר זיך קליגן צו אים" — צום ייִדן־העלפֿער! ער באַצאָלט מדה כנגד מדה, זאָל איך די קינדער ייִסראַעל אומברענגען אין פֿײַער — וועט ער מיך באַשטראָפֿן מיט פֿײַער, דורך דער שווערד — וועט ער מיך באַשטראָפֿן דורך דער שווערד; בעסער וועל איך זיי לאָזן אומקומען אין וואַסער, וועט מיר גאָט גאָרניט קענען טאָן, ווײַל ער האָט שוין איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל געשוווירן, אַז מער קיין מבול ברענגט ער ניט אויף דער וועלט.

דער ראָשע האָט אָבער ניט פֿאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע וועלט קען ניט כאַרעוו ווערן דורכן מאַבול, אָבער איין לאַנד — יאָ. ווידער האָט ער ניט געוווּסט, וואָס דער סאָף וועט זײַן מיט די מיצרים, אַז ניט דאָס וואַסער וועט אויף זיי אָנקומען, נאָר זיי אַליין וועלן אַרײַן אין יאַם און דערטרונקען ווערן.

האָט ער באַפֿוילן, מע זאָל אַלע נײַ־געבוירענע ייִדישע ייִנגלעך אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך נילוס. און די מוטערס האָבן באַהאַלטן זייערע קינדער אין די קעלערס, — פֿלעגן די מיצרים אַרײַן אין שטוב מיט די אייגענע קליינע קינדער און זיי קנײַפּן, קעדײַ זיי זאָלן וויינען; ווי דאָס ייִדישע קינד דערהערט פֿון קעלער אַ קאָל פֿון נאָך אַ וויינענדיק קינד, הייבט עס אויך אָן צו וויינען, — גייען די מיצרים נאָכן קאָל און געפֿינען דאָס באַהאַלטענע קינד און וואַרפֿן עס אין טײַך אַרײַן.

אין יענער צײַט איז אין הימל אַ גרויסער ראַש געוואָרן.

— גיבער! — האָט גאָט צו די מאַלאָכים אויסגערופֿן. — גייט שטעלט זיך איין פֿאַר מײַנע ליבע קינדערלעך, אוּוראָהאַם, ייִצכאָק און יאַקאָווס אייניקלעך, זעט ווי מע וואַרפֿט זיי אין וואַסער אַרײַן!

געשווינד האָבן זיך די מאַלאָכים פֿון הימל צום טײַך אַראָפּ אַ לאָז געטאָן, ביז די קני אין וואַסער געשטאַנען, אויף זייערע פֿליגל ייִדישע קינדער אויפֿגעכאַפּט, מיט זיי אויף די הויכע פֿעלדזן אַרויף. דאָרט פֿון די טרוקענע פֿעלדזן האָט זיי גאָט ברוסטן אַרויסבאַשאַפֿן, פֿון וועלכע די קינדער האָבן געזויגן און זיך דערנערט.

---

[1] מאָס קעגן מאָס, ווי די זינד — אַזוי די שטראָף.

די גזירע פון ליים און ציגל

פאַרע האָט די ייִדן אָפּגענאַרט און מיט פֿאַלשקייט זיי אײַנגעשפּאַנט אין יאָך. צוערשט האָט ער געלאָזט אויסרופֿן, אַז מיצראַיִם איז אין סאַקאָנע, ווײַל די ביאַלעס פון כוש קענען קומען און אײַנעמען דאָס לאַנד, — דעריבער דאַרף מען אויסמויערן פעסטונגען, און ווער סע וויל, זאָל זיך שטעלן צו דער אַרבעט „הײַנט אומזיסט, מאָרגן — פאַר געצאָלטס". ער אַליין איז דער ערשטער אַרויס צו דער אַרבעט מיט אַ מולטער ליים און קנעט־געצײַג. ווי די ייִדן האָבן אים דערזען, זײַנען אַלע געקומען צו דער אַרבעט און זיך געפלײַסט אויסצואַרבעטן וואָס מער ציגל. נאָר איין שיוועט לייווי איז ניט אַרויס צו דער אַרבעט — איז ער געבליבן פרײַ. די איבעריקע שוואָטים האָט מען שוין ניט אַרויסגעלאָזט און געפאָדערט פון זיי אַלע טאָג אַזויפיל ציגל, וויפל זיי האָבן אויסגעאַרבעט דעם ערשטן טאָג.

אַ גאַנצן טאָג זײַנען זיי געשטאַנען באָרוועסע און געקנאָטן ליים מיט שטרוי, פלעג זיך די שטרוי זיי אײַנשטעכן אין די פיס און זיי צעבלוטיקט.

ראָכל, שוסלעכס אייניקל, איז געקומען העלפן איר מאַן טרעטן ליים און, טראָגנדיק, געבוירן אַ קינד, איז דאָס קינד אײַנגעזונקען אין ליים, און די מיצרים האָבן עס אין וואַנט אײַנגעמויערט. קומט צו שוועבן מיכאָעל האַמעלעך און נעמט אַרויס דאָס קינד פון מויער און ברענגט עס פאַרן קיסיי־האַקאָוועד. אין דער נאַכט איז אָנגעכאַסמעט געוואָרן דער גזאַר־דין אויף מיצראַיִם.

מוישעס עלטערן

אַמייראָם, מוישעס פאָטער, איז געווען דער גרעסטער מענטש פון יענעם דאָר. ווי פאַרע האָט באַפוילן אַרײַנצוּוואַרפן די נײַ־געבוירענע אין טײַך, האָט אַמייראָם זיך געגעט מיט זײַן פרוי, ווײַל ער האָט געזאָגט: גלײַכער גאָר קיין קינדער ניט האָבן, איידער דער ראָשע זאָל זיי אומברענגען. אויף אים קוקנדיק, האָבן אַלע ייִדן זיך געגעט מיט די פרויען.

זאָגט צו אים זײַן טאָכטער מיריאָם:

— דײַן גזיירע איז נאָך ערגער ווי פאַרעס: ער האָט גויווער געווען נאָר אויפן זכאָרים, דו — אויף נעקייוועס אויך; ער איז אַ ראָשע — קען זײַן באַפעל אָפּגערופן ווערן, דו ביסט אַ צאַדיק — און דײַן גזיירע וועט פעסט בלײַבן.

האָט אַמייראָם צוריקגענומען יויכעוועדן, געשטעלט אַ כופע מיט קלעזמער, אָרן מיט מיריאָמען האָבן געטאַנצט און מאַלאָכים אין הימל האָבן זיך געפרייט. אויף אַמייראָמען קוקנדיק, האָבן אַלע ווידער כאַסענע געהאַט מיט זייערע פרויען.

מוישעס געבורט

זיבן כאָדאָשים נאָך אַמייראָמס צווייטער כאַסענע, איז מוישע געבוירן געוואָרן. דאָס גאַנצע הויז איז דעמלט פול געוואָרן מיט ליכטיקער שײַן, — און מיריאָם האָט גוויִעס געזאָגט: דאָס קינד וועט זײַן דער העלפער פון ייִדישן פאָלק.

אין דרײַ כאָדאָשים אַרום, אַז די מוטער האָט אים שוין מער ניט געקענט אויסבאַהאַלטן און אַרײַנגעלייגט אין קעסטל אויף אַרײַנצוּוואַרפן אין טײַך, פרעגט זי מיריאָמען: טאָכטער מײַנע, ווו איז דײַן נעוויִעס? — האָט זיך מיריאָם געשטעלט באַם טײַך פונווײַטן, קעדיי צו זען, וואָס וועט ווערן מיט איר נעוויִעס.

דעם טאָג האָט גאָט אַרויסגעצויגן די זון פון איר שיידן[1], — איז פאַרעס טאָכטער געגאַנגען זיך באָדן און געפונען דאָס קינד. און מוישע האָט ניט געוואָלט נעמען זויגן בײַ קיין מיצרישער פרוי, ביז מיריאָם האָט געבראַכט די מוטער יויכעוועד פאַר אים.

---

[1] דה. ס'איז געווען אַ גרויסע היץ.

דער פּרווו

נאָכן אנטווײַנען האָט יוכעוועד געבראַכט מוישען אין פּאַרעס פּאַלאַץ און אַלע הויפלײַט האָבן אים זייער ליב געהאַט. פּאַרע אַליין פּלעגט אים אויך אָפּט אויף די הענט האַלטן און זיך מיט אים שפּילן.

איינמאָל, שפּילנדיק, נעמט מוישע אַראָפּ די קרוין פון פּאַרעס קאָפּ און מעסט אָן אויף זיך. די כאַרטומים האָבן דאָס דערזען, זאָגן זיי צו פּאַרען: היט זיך פאַר דעם קינד! אַז ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער בײַ דיר די מעלוכע צונעמען, בעסער טייט אים קלײנערהייט.

יִסרו[1] איז אויך צווישן זיי געווען, האָט ער געגעבן אַן אײַצע, מע זאָל דאָס קינד אַזוי אויספּרוּוון: ברענגען צוויי שיסלען, איינע מיט גאָלדענע רענדלעך און איינע מיט גליִענדע קוילן, וועט ער נעמען די רענדלעך, איז אַ סימען, אַז ער איז קלוג — דאַרף מען אים טייטן; וועט ער כאַפּן דאָס פײַער, איז אַ סימען, אַז ס׳איז אַ נאַריש קינד און קען קיין שלעכטס ניט טאָן — דאַרף מען אים לאָזן לעבן. האָט מען געבראַכט די צוויי שיסלען, טוט זיך מוישע אַ ציִ צום גאָלד, — קומט דער מאַלעך גאַווריִעל און שטויסט אָפּ דאָס הענטל זײַנס צום פײַער, כאַפּט מוישע אַרײַן אַ ברענענדיקע קויל אין מויל, דערפון איז ער געוואָרן שווער אויף דער צונג.

מוישע גייט אַרויס צו זײַנע ברידער

אַז מוישע איז אויסגעוואַקסן און געזען, ווי מע פּײַניקט זײַנע ברידער, האָט ער נישט געקענט זייער צאַר צוזען. טיף האָט אים אויף זיי דאָס האַרץ געקרענקט און, נישט קוקנדיק אויף זײַן הויכן ראַנג, האָט ער אַליין מיט אייגענע הענט מיטגעהאָלפן זיי אַרבעטן, ווי ווײַט ער האָט געקענט זיך ברידערלעך באַמיט צו פאַרלײַכטערן זייער שווערע פּײַן, דעם אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע, יענעם אונטערגעהויבן אַ צו שווערע מאַסע, דאָ געקומען צו הילף אַ שוואַכער פרוי, דאָרט — אַן אַלטן מאַן אָדער אַ יונג קינד. און געטאָן האָט ער עס אַלץ אַזוי, גלײַך ווי ער איז אויסן נאָר דעם קיניגס טויווע.

דערזען אַזאַ גרויסמוטיק באַנעמען זיך פון מוישען, האָט גאָט אים געזאָגט:

— מוישע, דו ביסט פון קיניגלעכן פּאַלאַץ צו די געפאַלענע ייִדן אַרויס און ווי אַ געטרײַער ברודער זיך מיט זיי באַגאַנגען — דערפאַר פאַרלאָז איך די הויכע הימלען און לאָז זיך פון דאָרט אַראָפּ מיט דיר צו רעדן.

אַ טרײַער הירט

אַז מוישע האָט געפּיטערט יִסרוס שאָף אין מידבער, איז איינמאָל בײַ אים אַ שעפּעלע אַנטלאָפן פון דער טשערעדע און ער האָט עס נאָכגעיאָגט און געטראָפן הינטערן באַרג, ווי עס שטייט בײַם טײַך און טרינקט. זאָגט מוישע: אָרעם שעפּעלע, ניט געוווּסט האָב איך, אַז דו ביסט אַזוי דאָרשטיק, און אומזיסט דיך געיאָגט און געטריבן! איצט ביסטו נעבעך מיד, קום, אויפן אַקסל וועל איך דיך נעמען און צוריק אָפּטראָגן.

איז אַרויס אַ באַסקאָל און געזאָגט:

— דערפאַר, וואָס דו האָסט אַזויפיל ראַכמאָנעס אויף אַ שטומער צונג, וועסטו זוכע זײַן צו פּיטערן מײַנע הייליקע שאָף — דאָס פאָלק יִסראָעל.

פּאַרעס האַרץ

„און פּאַרעס האַרץ איז נאָך האַרטער געוואָרן״. „פּאַרעס האַרץ״ — עס קומט אויס ווי מע דערציילט אַ מאָשל:

---

[1] דער גאַלעך פון מעדין, שפּעטער — מוישעס שווער.

דער לייב מיט נאָך כּיַעס זיַינען אַמאָל געפאָרן אויף א שיף. ווי זיי זיַינען צוגעפאָרן צום ברעג, קומט זיי דער אייזל אַנטקעגן און מאַנט אָפּצאָל. רופט זיך אָן פון די כּיַעס דער פוקס:

— אַזעלכע אומפאַרשעמטע אייזלען! ווי דערוועגסטו זיך צו מאָנען אָפּצאָל באַם מעלעך פון אַלע כּיַעס?

ענטפערט דער איַינגעשפּאַרטער אייזל:

— מעג זיַין אפילע דער מעלעך אַליין — איך טו דאָס מיַיניקע און מאָן.

ווערט דער לייב אין קאַס און צערײַסט דעם אייזל און זאָגט צום פוקס: „נעם צעלייג אים גלידערווײַז".

האָט דער פוקס צעשניטן דעם אייזל גלידערווײַז און פאַנאַנדערגעלייגט יעדן אייווער אויף זיַין אָרט. אַז ער איז געקומען צום הארצן, האָט ער זיך ניט געקענט איַינהאַלטן און עס אויפגעפרעסן.

קומט דער לייב און פרעגט: „דאָס האַרץ ווו איז?"

ענטפערט אים דער קלוגיטשקער פוקס:

— דאָס האַרץ, זאָגסטו, — קיין האַרץ איז גאָר לעכאַטכילע ניט געווען: וואָלט דער אייזל א האַרץ געהאַט, וואָלט ער דאָך באַ דיר קיין אָפּצאָל ניט געמאָנט!

וואָלט פּאַרע א האַרץ געהאַט, וואָלט ער באַם קיניג פון אַלע קיניגן קיין קרויז נישט געפאָדערט.

די מאַקע „בלוט"

„און גאָט האָט געזאָגט צו מוישען: הייס אַרענען, ער זאָל נעמען דעם שטעקן, א פאָך געבן איבער די וואַסערן פון מיצראַים און עס וועט ווערן פון זיי בלוט" — וואָס עפּעס דורך אַרענען, פאַרוואָס ניט דורך מוישען אַליין?

דאָס איז דערפאַר, וויַיל דאָס וואַסער פונעם טײַך נילוס איז מוישען קינדווייַז אין זיַין נויט געשטאַנען, צווישן טשערעט זיַין וויג־קעסטעלע אויסבאַהאַלטן. האָט גאָט געזאָגט: „מוישע, ס'איז קיין יוישער נישט, אַז דאָס וואַסער זאָל פון דיַין האַנט א קלאַפּ באַקומען. זאָל דאָס געטאָן ווערן דורך אַרנס הענט".

און פאַרוואָס איז אויסגעפאַלן דעם וואַסער באַקומען דעם ערשטן קלאַפּ?

דאָס איז דערפאַר, וויַיל פּאַרע מיט די מיצרים האָבן זיך איבערגענומען מיט זייער טײַך נילוס, אים שטאַרק פאַרגעטערט. דאָס גאַנצע מאַזלבראַכע פונעם לאַנד האָט זיך אין אים געווענדט. האָט גאָט געזאָגט: „פריִער פאַר אַלעמען לאָז כאַפּן דעם קלאַפּ זייער גאָט".

וויַיל דער אַלמעכטיקער א פאַלק באַשטראָפן, רעכנט ער זיך פריִער אָפּ מיט דעם גאָט זיַינעם.

* *

*

און ווו עפּעס א וואַסער אין מיצראַים איז פון דעם בלוט געוואָרן — אפילע דאָס ביסל וואַסער אין קריגל איז אויך בלוט געוואָרן. אַפילע א שפּיַי פונעם מיצרי איז אויך געווען בלוט.

פרעש

נאָך דער מאַקע פון בלוט זיַינען אויף מיצראַים אָנגעשיקט געוואָרן פרעש. אַלע ווינקעלעך פון מיצראַים זיַינען מיט זיי פול געוואָרן, און פון זייער קוואַקען איז גאָר נישט געווען אויסצושטיין. די מולטערס, די טעפּ, די אויוונס האָבן געשווילבט און געגריבלט מיט קוואַקענדע פרעש. זיי זיַינען די מיצרים אינווייניק אין די געדערעם ארײַנגעקראָכן, און פון דאָרט האָט זיך אָן אויפהער, ביז צום דול ווערן, אַלץ געלאָזט הערן זייער איַינגעגעסענער „קוואַ־קוואַ".

דער האָגל

און פּאַרע האָט זיך אַלץ געאַקשנט און די ייִדן נישט פריַיגעלאָזן — האָט גאָט אָנגעשיקט אויף מיצראַים א שווערן האָגל און א פלאַמענדיק פיַיער אינמיטן האָגל. „פיַיער און האָגל צוזאַמען" —

עס קומט אויס ווי יענע צוויי לעגיאָנען בא איין קיניג, וואָס האָבן אין שאָלעם נישט געלעבט, שטענדיק צווישן זיך געריסן, ביז דער אלגעמיינער סוינע איז אפן לאַנד אָנגעפאלן און דער קיניג האָט באדארפט מיט זײַן גאַנץ כאַיִל אקעגן אים זיך שטעלן. האָבן די צוויי לעגיאָנען אױף א צײַט פארבויגן די קינייע־סינע צווישן זיך און צוזאמען זיך געלאָזט אויספאָלגן דעם קיניגס שעליכעס. דאָס אייגענע איז דאָ געשען באם האָגל. פײַער מיט וואסער, די צוויי שטענדיקע סאָנים פון דער נאטור, זײַנען אױף א ווײַלע שאָלעם געוואָרן און צוזאמען אױף גאָטס סוינע אָנגעפאלן. די שטיקער האָגל האָבן אויסגעזען ווי שווערע דורכזיכטיקע אייער מיט פײַערדיקע געלכלעך אינווייניק. באם פאלן האָט זייער דיקע אײַז־שאָלעכץ אױף די מיצרישע פארווונדעטע קעפּ געפלאצט, און דאָס באפרײַטע פײַער האָט זיך באלד איבער זיי צעגאָסן און אױף קויל זיי פארברענט.

יוסעפס אָרן

אין דער צײַט, ווען ייִדן זײַנען געווען פארטראָגן מיט זייערע געפעק און זיך געגרייט צום זועג, האָט זיך מוישע באשעפטיקט מיטן אָרן פון יוסעף.

פארן טויט האָט יוסעף באשווירן דיברידער:

— גאָט וועט אײַך אויפריכטן, — זאָלט איר מײַנע ביינער מיטנעמען.

און אז יוסעף איז געשטאָרבן, האָבן די כארטומים געזאָגט צו פארען:

— ווילסטו, דאָס פאָלק זאָל דאָ איבערבלײַבן, — באהאַלט יוסעפס ביינער: אָן זיי וועלן זיי ניט אװעקגיין.

האָט מען יוסעפס קערפּער ארײַנגעלייגט אין אן אײַזערנעם קאסטן און ארײַנגעוואָרפן אין טײַך נילוס.

איצט, אז ס׳איז געקומען די צײַט, איז מוישע געגאנגען זוכן יוסעפס אָרן, מעקאַיעם צו זײַן די צוואָע, — האָט קיינער ניט געוווּסט, ווו דער אָרן געפינט זיך.

נאָר די אלטע סאָרע בעס אָשער, וואָס איז געבליבן לעבן פון יענעם דאָר, האָט מוישען אָנגעוויזן אפן קעסל־גרוב[ג] אינמיטן טײַך, ווו מע האָט דעם אָרן ארײַנגעוואָרפן.

האָט זיך מוישע געשטעלט באם ברעג טײַך און אויסגערופן:

— יוסעף, יוסעף! עס איז געקומען די צײַט, וואָס דאָס פאָלק ווערט אויסגעלייזט. איצט ווילן מיר מעקאַיעם זײַן די שוווּע, וואָס דו האָסט באשווירן די קינדער יִיסראָעל, און מיר קענען ניט! דאָס גאַנצע פאָלק ווארט אױף דיר, דער וואָלקן־זײַל ווארט, די שכינע ווארט, — און דו פארהאַלטסט אלעמען! ווײַזסטו זיך — איז רעכט, ווען ניט — זײַנען מיר ריין פון דער שוווּע.

באלד האָבן זיך געוויזן בלעזלעך אפן וואסער און דער אָרן איז ארופגעשווּומען.

* *

*

די כאכאָמים האָבן געזאָגט א מאָשל אױף יוסעפס אָרן:

גאנאָווים זײַנען ארײַן אין א ווינקעלער און אויסגעטרונקען דעם בעסטן קרוג ווײַן. קומט דער ווירט פון קעלער און זאָגט זיי:

— גוטן אפּעטיט! זאָל אײַך וויל באקומען! דעם ווײַן האָט איר שוין אויסגעטרונקען, — קערט מיר אום דעם קרוג און גייט אײַך געזונטערהייט.

אזוי האָט גאָט געזאָגט צו די קינדער יִיסראָעל:

— יוסעפן האָט איר פארקויפט פון לאַנד קנאַאַן, קערט כאָטש אום די ביינער זײַנע אפן אָרט!

(פאָרזעצונג קומט)

[ג] שפּרודל, ווו דאָס וואסער קאָכט און דרייט ווי א ראָד.

אלפאַרבאַנדישע געזעלשאַפט פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור

די אלפארבאנדישע געזעלשאפט פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור מעל־ דעט די טאַלמידים און פעדאגאָגן פון ייִדישע שולן און ייִדיש־קורסן, אז ס׳איז ארויס פון דרוק דער ערשטער לערנבוך, וועלכער באזירט זיך אף דער לערן־ פּראָגראַם פון די אָנפאנג־קלאסן און זעצט פאָר די סעריע, וואָס איז געעפנט גע־ וואָרן מיטן ייִדישן „אלעפבייס״.

דעם „לייענבוך״ קאָן מען באשטעלן לויטן אדרעס:

682200, Биробиджан, ул. Димитрова, д. 5,

магазин «Книга — почтой».

די פּרײַז פון יעדן עקזעמפּליאר איז 75 קאָפּיקעס.

עס געפינען זיך אין דרוק און וועלן דערשײַנען הײַנטיקס יאָר אינעם מאָסק־ ווער פארלאג „מאליש״ הילפס־מאטעריאלן אף צו דערלערנען ייִדיש אין די קינ־ דער־גערטנער און אין די ערשטע קלאסן פון דער שול: „ייִדישער אלעפבייס אין בילדער״, „ייִדישער באוועגלעכער אלעפבייס״, „ייִדישע פאָלקסווערטלעך״, „רעטע־ נישן״, לייב קוויטקאָ „די הוידלקע״ (לידער).

Когда же Моисея пришлось спустить в корзине в Нил, мать накинулась с угрозами на дочь, крича:

— Где же, дочка, пророчество твое?

И Мириам пошла к реке, притаилась и стала наблюдать издали, чем кончится ее пророчество.

Когда Моисей был взят дочерью фараона, Мириам, обратившись к ней сказала:

— Не сходить ли мне и не позвать ли к тебе кормилицу из евреянок?

Почему именно — из евреянок? Потому что ни у одной из кормилиц египтянок младенец не брал груди. Ибо, сказал Господь:

— Устам, которым предстоит говорить Именем Моим, не подобает прикасаться к груди идолопоклонницы.

Полюбила Моисея дочь фараона, как мать — родного сына. Ни на шаг не отпускала она его из дворца, ласкала, лелеяла, красотою его налюбоваться не могла. И кто, бывало, ни взглянет на него, не в силах оторвать глаз от лица его.

Привязался к ребенку и фараон, ласкал его, забавлял, а Моисей нередко снимал с головы фараона венец и надевел себе на голову.

Не по душе была эта забава волхвам, приближенным фараона. В ночь рождения Моисея египетские звездочеты наблюдали появление на небе новой звезды и предсказывали, что родившийся в ту ночь младенец явится избавителем израильского народа. Теперь, видя Моисея, забавляющегося таким образом фараоновым венцом, волхвы обратились к повелителю Египта, говоря:

— Государь! Предостерегаем тебя от опасности, угрожающей тебе в лице этого ребенка: теперь он забавы ради надевает на себя венец твой. Однако, как бы он не оказался тем именно, о котором мы пророчествовали, что он в будущем отнимет вместе с короною и царскую власть у тебя.

И начали уговаривать фараона убить Моисея.

Бывший среди них мадиамский жрец Иофор сказал:

— По моему мнению, ребенок этот еще не сознает того, что делает. Мы можем это испытать: пусть поставят перед ним блюдо с золотом и раскаленными угольями. Если ребенок потянется к золоту, то это докажет, что он способен действовать сознательно, и в таком случае казните его, если же он протянет руку к угольям, тогда за что же убивать его?

Когда блюдо было принесено, Моисей протянул руку к золоту, но архангел Гавриил оттолкнул руку Моисея — и он, схватив уголек, сунул его себе в рот и обжег язык. С тех пор Моисей и сделался косноязычным.

(Продолжение следует)

Заговорил тогда Валаам:

— Государь! — сказал он, — праотец израильтян Авраам вышел невредимым из печи калильной. Другой родоначальник их, Исаак, был возложен на жертвенник для всесожжения, но жертвенный нож не коснулся его. Патриарх их Иаков долгие годы служил Лавану, и тяжесть трудов не умалила крепости сил его. Ни огнем, ни мечом, ни работами изнурительными не одолеть тебе народа этого. Есть одно средство, доныне еще не испытанное, средство это: стихия водная. И вот мой совет: всех детей, которые родятся отныне у израильтян, прикажи бросать в реку.

«Если будет сын, то умерщвляйте его».

Предание от раби Ханаана:

— Что тогда делали кроткие, непорочные матери еврейские? В пещерах прятали они младенцев своих. Но египтяне отыскивали их и бросали в реку.

В это время Господь говорил ангелам:

— Сойдите на землю и взгляните — потомков возлюбленных моих Авраама, Исаака и Иакова в воду бросают!

Встревоженные, отлетали ангелы от Господа и, входя по колено в воду, принимали младенцев на руки и укладывали их на утесах, а из утесов образовывались сосцы, питавшие младенцев материнским молоком.

Пояснение рав Авиры:

— Освобождением из рабства народ обязан заслугам праведниц израильских того времени. Когда женщины эти приходили за водой, Господь посылал к тому месту множество мелкой рыбы, и вода в кувшинах оказывалась пополам с рыбою. Отправляясь к мужьям, находящимся на работе, каждая приносила по два кувшина, один с вареной рыбой, другой с согретой водой, помогала мужу умыться, счищать с себя пыль, утолить голод и жажду и нежными ласками утешала его. Приближалось время родов, надо было уходить куда-нибудь подальше от зорких врагов. И они уходили в поля, в рощи, рожали — и спешили возвратиться к покинутым жилищам. И посылал Господь ангела-хранителя, который поил детей молоком, питал их елеем и медом, — как родная мать лелеял их.

Узнавали об этом египтяне, ходили искать детей, но никого не находили: земля расступалась и любовно принимала малюток в свои недра. Приходили египтяне с плугами, глубоко бороздили землю на тех местах, но детей и следа не было. А когда египтяне удалялись, малютки, точно стебли травы, выростали из почвы. Впоследствии, уже взрослыми, они толпа за толпою приходили в свои жилища.

А в тот час, когда Господь открылся народу у Чермного моря, они же и были первыми, кто узрел величие Его — и зазвучали хором голоса их:

— «Вот Бог мой!»

РОЖДЕНИЕ И ВОСПИТАНИЕ МОИСЕЯ

Мириам, еще до появления на свет Моисея, предвидела пророческим даром и говорила отцу:

— Моя мать родит сына, который явится спасителем нашего народа.

Родился Моисей — и весь дом наполнился сиянием.

— Пророчество твое, — сказал Амрам, целуя дочь, — исполнилось.

АГАДА

сказания, притчи, изречения,
Талмуда и Мидрашей

РАБСТВО И ИСХОД

Прошло сто тридцать лет от водворения израильтян в Гошене Египетском. И был сон фараону. Снилось ему, что сидит он на троне своем, и стоит перед ним некий старец, и у старца весы в руках. Вот опустил старец чаши весов, на одной поместил всех старейшин, вельмож и правителей египетских, на другую чашу поставил одного ягненка-сосуна. Поднял старец весы — и вот, видит фараон: чаша с ягненком перевесила чашу со всеми старейшинами, вельможами и правителями египетскими.

Призвал фараон волхвов своих и сказал:

— Истолкуйте мне сон мой.

В то время при дворе фараона находился и Валаам, сын Веоров, бежавший в Египет с островов Хиттимских.

— Государь, — сказал Валаам, — сон твой предвещает, что произойдет великое зло для Египта от народа израильского. В народе этом родится человек, который разорит Египет и освободит израильтян от власти твоей.

— Что же я должен сделать, — спросил фараон, — чтобы предупредить это?

— Спроси сначала других волхвов, а меня соблаговоли выслушать потом.

Отвечал один из волхвов, Регуил (Иофор) Мадиамский:

— Да живет государь! Да живет во веки государь наш! Мой совет: Отступись от израильтян и не пытайся вступить в борьбу с ними. Бог издревле избрал народ сей из всех народов земли. Когда предок твой фараон пожелал приблизиться к жене патриарха их Авраама, Бог Израилев поразил его и весь дом его жестокими карами. То же постигло и Авимелеха, царя Герарского. Праотца их Иакова Бог спас от Исава и от Лавана, покушавшихся убить его, и от всех царей Ханаанских, которые выходили против Иакова и сыновей его. Предок же твой фараон возвеличил израильтянина Иосифа, мудростью своей спасшего Египет во время семилетнего голода, и отца Иосифа с братьями его радушно принял и поселил их в стране своей. Поэтому совет мой: перестать угнетать израильтян, и если не желаешь оставить их жить мирно в Египте, дай им спокойно уйти в землю Ханаанскую.

Разгневался фараон на Регуила за слова его и обратился к другому волхву, Иову Егуильскому.

— Великий Государь! — ответил Иов, — ты один властен над всеми жителями страны своей, сделай так, как угодно в очах твоих.

his life associated with pre-war Roumania. Eliezer Shteinbarg's fables have become classical in Jewish literature. The third writer whose birthday centenary "Sovietish Heimland" April issue commemorates, is Shmuel Persov (1890-1952), author of "Sister Mirl", "Partisan Mother" and "Your Name is People". The writer born in the Ukraine, went to the USA in 1907, and lived there until the February Revolution, in 1917. On his return to Russia he contributed to the Russian and Ukrainian press. In the 1920s Sh. Persov joined the group of Jewish Proletarian writers, participating in the "Shtrom" Literary Miscellany. During the extermination of the Jewish Anti-Fascist Committee, he was arrested and executed on Agust 12, 1952.

Foreign Jewish literature is represented in the issue by the article of literary critic Avrom Bik (USA), devoted to the national traditions of Soviet Jewish poetry and prose, which continues the subject the author dealt with in his article published in the February 1989 issue. The current issue also features the new poetical miniatures by Ester Rimer (Argentina).

Devoted to the 120th birthday anniversary of V. I. Lenin is the article "Letters to Lenin", by Yevgeni Shekhter (Zhitomir), based on materials of the Zhitomir State Archives. The article "250 Hours with Lenin" treats of the exhibition of Natan Altman's works held in the Central V. I. Lenin Museum in Moscow. Little known works by N. Altman whose birthday centenary was commemorated at the end of last year, are featured in the issue's artistic inset.

The issue also contains the memories of Manya Landman (Moscow) about her work together with writers Tevye Gen, Samuil Gordon and Moisei Shulman. The article by Ber Galperin (1902-1984) portrays the publicist Yevsei Yatsovskis living in Vilnius.

The section under the heading of "A New Version of 'Tevye the Milkman'" speaks of the first performance of "Funeral Prayer" produced at the Lenin Komsomol Moscow Theatre, after Sholom Aleichem's novel "Tevye the Milkman".

The magazine continues the publication of the "History of the Jewish People" by Semyon Dubnov, and the Aggada (narrations, parables, sayings of the Talmud and Midrash) interpreted by Ch. N. Byalik and I. Ch. Ravnitsky.

The young people's "Yungvald" ("Young Growth"), "magazine within a magazine," supplement to "Sovietish Heimland", deals with the traditional holiday of Passover as depicted by classical and modern Jewish literature. The other materials contained in "Yungvald" are addressed to the young reader.

RÉSUMÉ

'Sovietish Heimland" ("Soviet Homeland")
No 4, April 1990

"Sovietish Heimland" April issue opens with a new section "Frankly Speaking" to feature materials of a sharp, debatable character, on the most urgent problems of the day. Included herein is an article by Radik Sandik, Second Secretary of the Jewish Autonomous Region, entitled "I Trust in the Triumph of Reason", which evinces anxiety about the openly anti-Semitic position of certain periodicals, like the magazines "Nash Sovremennik" ("Our Contemporary"), "Molodaya Gvardiya" ("The Young Guard"), "Kuban", the newspaper "Literaturnaya Rossiya" ("Literary Russia"). Dealing with the problem of the Jewish Autonomous Region in the light of perestroika (restructuring), the author dwells on the real prospects of its further social and economic development, particularly the plans designed for the period until the year 2000, which envisage the creation of such economic and intellectual potential, living standards, enhancement of the national culture and social infrastructure, that will become a real alternative for those at the threshhold of a dramatic choice whether to leave or not to leave their native country for national reasons.

The issue carries materials of the commission of the CPSU Central Committee Politbureau, which reviewed the "case" of the Jewish Antifascist Committee.

The issue concludes part 1, of the novel "Izkor" by Samuil Gordon (Moscow), (see Nos 9-11, 1989, and Nos 1-2, 1990), which tells of the repressions visited upon Jewish culture in the late 1940s and early 1950s.

Modern Jewish poetry is represented by the new poem "The Five Billionth" by Chaim Beider (Moscow), and "Ballad of Land" by Max Riant (Samarkand)

"Memories of a Secret Agent" is the title of Yosif Gredinger's (Kustanai) memoirs. Born in Poland, he participated in the Communist movement in pre-war Palestine, and was deported by the British authorities. In the early 1930s he became resident of the Soviet secret service in Poland, to gather, through a network of secret agents, various political and military information. Circumstances, however, soon compelled him to move to the Soviet Union where repressive action was taken against him. His further destiny, the long years he spent in the stalinist camps, are demonstrated in his memoirs.

The current year commemorates the birthday centenary of the poet Yakov Shternberg (1890-1973). The "Memorial Literary Dates" section contains an article about the poet's life and work by Grigori Remenik. Born in the town of Lipkany, Bessarabia, Yakov Shternberg settled, in 1914, in Roumania, to actively engage in literature and the stage, at first in Chernovtsy and then in Bucharest. In 1939, he moved to the USSR, and in 1948, he was exiled to Siberia for 7 years. On his release he lived in Moscow. Shernberg's first work published in 1908, was praised by I.L. Perets and Ch.N. Byalik. Yakov Shternberg was a versatile creative personality, writing poems, critical articles, plays, producing performances and contributting works to "Sovietish Heimland".

The issue also includes the fables of the Jewish poet Eliezer Shteinbarg (1880-1932), whose hundred and tenth birthday anniversary will be commemorated this year. E. Shteinbarg who like Yakov Shternberg was born in Bessarabia, was all

году переехал в СССР, в 1948 был сослан на 7 лет в Сибирь. Затем жил в Москве. Первое произведение Штернберга вышло в 1908 году, о его таланте положительно отзывались И.-Л. Перец и Х.-Н. Бялик. Яков Штернберг был многосторонней творческой личностью. Он писал стихи, критические статьи, пьесы, ставил спектакли. Его произведения печатались в журнале «Советиш геймланд».

Публикуются также басни еврейского поэта Элиезера Штейнбарга (1880—1932), сто десять лет со дня рождения которого исполняется в этом году. Э. Штейнбарг был земляком Якова Штернберга, и вся его жизнь связана с довоенной Румынией. Басни Э. Штейнбарга стали классикой этого жанра в еврейской литературе. Третий писатель, юбилей которого отмечается в апрельском номере «Советиш геймланд», — Шмуэл Персов (1890—1952). К столетию Ш. Персова журнал публикует три его рассказа — «Сестра Мирл», «Партизанская мама» и «Твое имя народ». Писатель родился на Украине, в 1907 году уехал в США, где прожил десять лет. После февральской революции вернулся в Россию, работал в русской и украинской печати. В двадцатые годы Ш. Персов примкнул к группе еврейских пролетарских писателей, участвовал в альманахе «Штром». Во время ликвидации Еврейского антифашистского комитета был арестован и расстрелян 12 августа 1952 года.

Зарубежная еврейская литература представлена в номере статьей литературоведа Аврома Бика (США), посвященной национальным традициям советской еврейской поэзии и прозы. Эта статья продолжает тему, начатую автором в февральском номере журнала за 1989 год. Читатель сможет также ознакомиться с новыми поэтическими миниатюрами Эстер Ример (Аргентина).

120-летней годовщине со дня рождения В. И. Ленина посвящены заметки Евгения Шехтера (Житомир) «Письма к Ленину», в основу которых положены материалы Житомирского государственного архива. Статья «250 часов с Лениным» рассказывает о выставке работ Натана Альтмана, прошедшей в Центральном музее В. И. Ленина в Москве. Малоизвестным работам Н. Альтмана, столетие со дня рождения которого исполнилось в конце прошлого года, отдана художественная вклейка номера.

В номере публикуются также воспоминания Мани Ландман (Москва) о совместной работе с писателями Тевье Геном, Самуилом Гордоном и Моисеем Шульманым. В заметках Бера Гальперина (1902—1984) рассказывается о живущем в Вильнюсе публицисте Евсее Яцовскисе.

Подборка, озаглавленная «Новая версия «Тевье-молочника» рассказывает о премьере спектакля Московского театра им. Ленинского комсомола «Поминальная молитва» по рассказу Шолом-Алейхема «Тевье-молочник».

Журнал продолжает публикацию очередных глав «Истории еврейского народа» Семена Дубнова и Агад (сказаний, притчей, изречений Талмуда и Мидрашей), обработанных Х.-Н. Бяликом и И.-Х. Равницким.

В очередном номере молодежного «журнала в журнале» «Юнгвалд», являющимся приложением к «Советиш геймланд», рассказывается о традиционном празднике Пейсах в изображении классической и новейшей еврейской литературы. Ряд других материалов обращен в «Юнгвалде» к молодому читателю.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина») № 4, апрель, 1990

Апрельский выпуск журнала «Советиш геймланд» открывается новой рубрикой — «Откровенно говоря», специально предназначенной для материалов острого, дискуссионного характера на самые злободневные темы. Под этой рубрикой печатается статья второго секретаря обкома КПСС Еврейской автономной области Радика Сандика «Я верю в победу разума». Автор с беспокойством говорит об открыто антисемитской позиции некоторых периодических изданий (таких, как журналы «Наш современник», «Молодая гвардия», «Кубань», газета «Литературная Россия»). Касаясь проблем Еврейской автономной области в свете перестройки, автор останавливается на реальных перспективах ее дальнейшего социального и экономического развития. В частности, он говорит о том, что сейчас разрабатываются планы, рассчитанные на период до 2000 года. Речь идет о создании такого экономического и интеллектуального потенциала, жизненного уровня, роста национальной культуры, такой социальной инфраструктуры, чтобы она стала реальной альтернативой для тех, кто стоит на пороге драматического выбора — уезжать или не уезжать из родной страны по мотивам национального характера.

Журнал знакомит читателей с материалами комиссии Политбюро ЦК КПСС, рассмотревшей вопрос о «деле» Еврейского антифашистского комитета.

В номере завершается публикация первой части романа Самуила Гордона (Москва) «Изкер» (начало см. в №№ 9—11 за 1989 г. и в № 1—2 за 1990 г.), в которой рассказывается о репрессиях, обрушившихся на еврейскую культуру в конце 40-х — начале 50-х годов.

Современная еврейская поэзия представлена новой поэмой Хаима Бейдера (Москва) «Пятимиллиардный» и «Балладой о земле» Макса Рианта (Самарканд).

«Воспоминания разведчика» — так называются мемуары Иосифа Гредингера (Кустанай). Автор родился в Польше, участвовал в коммунистическом движении в довоенной Палестине, был выслан оттуда английскими властями. В начале тридцатых годов он становится резидентом советской разведки в Польше, через сеть агентов собирает различные материалы политического и военного характера. Вскоре обстоятельства заставили его переехать в Советский Союз, где его репрессировали. Читатели узнают о дальнейшей судьбе, о долгих годах, проведенных в сталинских лагерях.

В текущем году отмечается столетие со дня рождения поэта Якова Штернберга (1890—1973). Под рубрикой «Памятные литературные даты» помещена статья Григория Ременика о творчестве поэта. Яков Штернберг родился в местечке Липканы в Бессарабии. В 1914 году поселился в Румынии, где активно занимался литературной и театральной деятельностью — сначала в Черновцах, затем в Бухаресте. В 1939

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
**Т. Ген, С. Гордон, Х. Меламуд,
В. Могильнер, Г. Полянкер, Б. Сандлер,
А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер, Г. Эстрайх**
(ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 928-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественно-технический редактор
С. Титова

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 31.01.90. Подписано к печати 22.03.90. Формат 70Х108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 33

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
В/О «Совэкспорткнига» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
121019, Москва, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1990

Цена 70 коп.

70821

issn 0134—4315

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

В Комиссии Политбюро ЦК КПСС.

Откровенно говоря. Р. Сандик. Я верю в победу разума.

Ш. Гордон. Изкер (роман, окончание).

Х. Бейдер. Пятимиллиардный (поэма).

Х. Меламуд. Забытые страницы (роман, продолжение).

М. Риант. Баллада о земле.

Памятные литературные даты. Я. Штернберг (1890—1973). Стихи. Ш. Персов (1890—1952). Рассказы. Э. Штейнбарг: (1870—1932). Басни.

Произведения зарубежных писателей. Стихи Э. Ример, статья А. Бика.

Воспоминания. М. Ландман. О близких друзьях. И. Гредингер. Воспоминания разведчика.

ман. О близких друзьях. И. Гредингер. Воспоминания разведчика.

Наши сообщения. И. Авербух. Неизвестные страницы жизни Исаака Бабеля.

Два письма в журнале «Огонек».

Хроника.

Еврейская история. С. Дубнов. Римское владычество и закат еврейского государства.

Х.-Н. Бялик, Е.-Х. Равницкий. Агада.

Резюме на русском и английском языках.

1990

№ 4